LIBRARY
AUG 4 1995
UNIVERSITY OF TORONTO

LIBRARY
AUG 4 1995
UNIVERSITY OF TORONTO

סאפפהא

לעבענסבילד אין 4 אקטען פון

יעקב גאָרדין

ארויסגעגעבען פון

יעקב גאָרדין ליטערארי סוירקעל

נ י ו י אָ ר ק

Copyright by Jacob Gordin, 1907

פערזאָנען.

מאַטיאַס פינגערהוט.
טשערנע, זיין פרוי.
סאָפיע, זייער עלטערע טאָכטער.
ליזע, זייער צווייטע טאָכטער.
באָרים סטאַווראָפּאָלסקי, א פאָטאָגראַפיסט.
מלך שטעמפּעל, אַ רייכער פישהענדלער, טשערנע'ס אַ ברודער.
פראַדי, זיין ווייב.
מאַניטשקע, זייער מיזינקעלע.
אַפּאָללאָן זאַננענשיין, פּיאַניסט.
סאַמועל ציינער.
זשעניטשקע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 7.
געסט, שכנים, יונגע לייט.

אָרט דער האַנדלונג: אדעס.

צייט: דיא אכציגער יאָהרען.

LIBRARY
AUG 4 1995
OF TORO

פאָררעדע

א פאָררעדע — און איבערהויפּט א פאָררעדע געשריעבען ניט פון דעם מחבר אליין — קען זיין אלעס וואָס מע וויל אז זי זאָל זיין. זי קען זיין א קריטיקע וואָס זוכט, געפינט און לויבט די מעלות, אָדער פערדאַמט די חסרונות פון דעם ווערק צו וועלכען זי ווערט געשריעבען; זי קען אָבער אויך זיין פּשוט אן ערקלערונג, א בעלייכטונג דורך וועלכער מע זאָל בעסער פערשטעהן דאָס ווערק. דאָס לעצטע מיין איך צו טהון אין דער איצטיגער פאָררעדע.

יעקב גאָרדינ׳ס ליטעראַרישע ארבייט מיט איהרע מעלות און איהרע חסרונות — און ספּעציעל יעקב גאָרדינ׳ס גרויסע פערדיענסטען אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער דראַמאַטישער קונסט — קענען נאָך איצט ניט אָבגעשעצט ווערען. ערשטענס דערפאַר ווייל יעקב גאָרדין האָט נאָך זיין אונערמידליכע ליטעראַרישע טהעטיגקייט ניט געענדיגט און מיר האָפען נאָך לאַנג צו זעהען איהם ווירקען און שאַפען צווישען אונז; און צווייטענס אויך דערפאַר ווייל די אידישע ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קריטיק איז נאָך אין איהר וויקלעשנור און די אבשעצונג פון אזא קראַפט ווי יעקב גאָרדינ׳ס איז נאָך איבער איהרע כחות. דאָס אלעס וועט בלייבען פאר דער שפּעטערער קריטיקע און פאר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור צו טהון. דערווייל מעג דער אידישער לעזער, פריהער פאר אלץ, זוכען גאָרדינען צו פערשטעהען. אויב די פאָררעדע וועט דעם לעזער העלפען דערצו, האָב איך מיין ציעל ערר‏ייכט.

* * *

דאָס פֿאָרליגנדע ווערק „סאַפֿאָה“ האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט דער אַלטער גריכישער סאַפֿאָה און גאָר קיין שייכות ניט מיט דער „סאַפֿאָה“ פֿון דעם פֿראַנצויזישן שרייבער דאָדע. עס איז אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבייט און מאָהלט אין בולטע שטריכן די מערקווירדיגע פּערזענליכקייט פֿון סאַפּיע פֿינגערהוט און איהר שווערען קאַמפּף אין לעבען.

ניט ליעבע אַליין, מיט די מעגליכע סבות וואָס קענען זיך טרעפֿען דער פֿערליעבטער פּערזאָן אויף איהר וועג, איז דער הויפּט געדאַנק פֿון דעם דראַמאַטישען בילד; אָבער ליעבע אין דער ברוסט פֿון אַ פֿרייעם מענשען, פֿון אַן ערוואַכטער נשמה — פֿון אַ פֿרוי וועלכע קען ניט און וויל ניט דערלאָזען אַז איהר פּערזענליכקייט — דער זעלבסטשטענדיגער מענש אין איהר, זאָל צעמאָלט ווערען צווישען די עקזיסטירענדע אומשטענדען פֿון אונזער פֿאַלשען און היפּאָקריטישען לעבען — אָט דאָס איז דאָס טהעמא פֿון דער דראַמא. און די פֿרייע פֿרוי קעמפּפט מוטהיג נעגען דעם איינגעוואָרצעלטען אַלטען לעבען, און איהר ענערגישער קאַמפּף וועבט און מאָלט דיא דראַמא פֿון איהר לעבען. אין דעם זינען איז „סאַפֿאָה“ ניט בלויז אַ רעעלעס און לעבעדיגעס בילד פֿון קאַמפּף צווישען דעם אַלטען און נייעם לעבען, נור עס טראָגט אויך אין זיך אַ גרויסע ערציהונגס־קראַפֿט.

סאַפּיע פֿינגערהוט איז אַן אַדעסער מיידעל. אַ שיינע, אַ ביסעל אַ געבילדעטע מיט אַ קינסטלערישער נשמה... זי האָט ליעב מוזיקע ווי איהר לעבען. זי איז אַ שטאַרקער, זעלבסטשטענדיגער מענש. ווי קומט דאָס אַלץ צו איהר — צו אַן אָרים מיידעל, ערצויגען ביי אַ טאַטען אַן אמת'ן אַדעסער פּוסט און פּאַסניק און אַ מאַמע אַ פֿערהאַוועטען קנעכט, ווי נור אַ אידישע טאָכטער קען זיין ביי אַזאַ פֿראַנט וואָס טהוט אַליין ניט אַ האַנט אין קאַלטע וואַסער און לעבט אויף דעם רעכענונג פֿון זיינע קינדער — דאָס דערציילט אונז דאָס ווערק ניט. אַזאַ איז זי און שוין. אין אָרעם ביי די פֿאָטאָגראַפֿען לעבען רעטושיער־טיש, צווישען די נייטערינס און מאָדיסטקעס, צווישען די פֿאַבריקמאַכערינס און גלאַט אַזוי צווישען די

דורשטיגע נאָך קענטניסען און קונסט, קען מען זיך מיט אזא מיי־
רעל טרעפען.

און סאָפיע פינגערהוט איז איינע פון די פרייע מענשען וואָס
האָט ערוואכט צו א זעלבסטשטענדיגען לעבען. ווען זי פערליעבט זיך
אין איהר פרינציפאל — אין דעם פאָטאָגראף בארים סטאווראָ־
פאָלסקי — ביי וועמען זי ארבייט אלס רעטושיערין — וואַרט זי
ניט ביז דער ראַבינער וועט אויף איהר ליעבע ארויפלעגען דעם
„קאזיאָנע פעטשיאַט", אָדער ביז דער מסדר קדושין וועט זי פער־
אייניגען מיט איהר געליעבטען מיט דער רינג פון א שקלאפען־
קעט....ניין, אהר נשמה איז א פרייע און זי ליעבט מיט דער גאנ־
צער נשמה. אויף ליעבן דארף זי ביי קיינעם קיין ערלויבנים ניט
פרעגען, און זי גלויבט יענעם וואָס זי ליעבט און זי גיט איהם אָב
אלעס.... אלעס וואָס ביי איהר איז טייער אין לעבען. אָבער דער
פרייז פאר דעם אלעמען מוז זיין ליעבע, אמת'ע, ניט קיין מאסקיר־
טע ליעבע, ווארים ווי זי דערוויסט זיך אז בארים סטאווראפאָלסקי
האָט גאָר ליעב זיך א שפיעל צו טהון מיט איהר שוועסטער אויך, דאן
שטעלט זי זיך ניט אָב פאר דעם וואָס די הייגטיגע היפאָקריטישע
וועלט מיט איהר שמאכפאָלען, ליגנערישען פאמיליען־לעבען וועט
זי בראנדמארקען ווי א פערברעכערין און טייטלען אויף איהר מיט
די פינגער ווי אויף א געפאלענער... ניין, זי זאָגט זיך אָב פון
איהר חתן, ווייל פאר איהם ניט חתונה האָבען, ווייל ער ליעבט א'ן
אנדרערע, אפילו דאן ווען ער דערמאָנט איהר אז זי „מוז"...

„מוז" איז ניט פאר איהר געזאָגט געוואָרען. זי מוז קיין
זאך ניט טהון וואָס איז ניט דער באגעהר פון איהר וועזען, וואָס
איז ניט דער אויסדרוק פון איהר נשמה. זי מוז ניט חתונה האָבען
און לעבען מיט א מאַן וואָס ליעבט זי ניט. זי מוז זיך ניט
שעמען צו טראָגען די לאסט פון זאָרג פאר דער פרוכט פון איהר
אמת'ער ליעבע — עס איז די פרוכט פון איהר פרייהייט!... נו,
זאָל די געזעלשאפט זי פערדאמען, זאָלען די פריינד און בעקאנטע
זי ניט שוינען... שטיל וועט זי טראָגען איהר לאסט, שטיל וועט
זי ארבייטער פאר זיך און פאר איהר ליעבע... זי וועט אָבער תמיד
בלייבען טריי איהר נשמה....

און זי בעקעמפפט די פּאַראורטהיילען פון מענשען... און לעבט זיך איהר פריי, איהר זעלבסטשטענדיג לעבען.

און יאהרען געהן פּאַראיבער.

* * *

אין אונזער היינטיגער וועלט שטעהט אָפטמאָל די וויסענשאַפט, די ליטעראַטור און די קונסט אין דער דיענסט פון די רייכע און מעכטיגע פון אונזער לעבען. און אפילו די וואָס האָבען גאָט'ס פייערל אין זייער נשמה — די ליטעראַטען, קינסטלער און וויסענשאַפטס־מענער זיינען אַ מאָל געצוואונגען צו פערקויפען זייערע פעהיגקייטען און טאַלאַנטען פאר — באַארעס געלד. פערשטייט זיך אז דער האנדעל מיט דער נשמה נעהמט אָן פערשידענע פאָרמען. אַ מאָל ווערען די רייכע די בעשיצער פון דער קונסט און קינסטלער—די מעצענאַנטען פון דער קונסט, ווי מען רופט זיי—. אַ'ן אנדערס מאָל ווערען זיי די שטיצער און העלפער פון דער וויסענשאַפט — די פערשפרייטער פון בילדונג און ליכט, הייסט עס — און זיי בויען אוניווערזיטעטען און ביבליאָטהעקען, ריכטען איין אינסטיטוטען און מוזעען. אָבער אימער איז דאָ אַ געשעפטעל דערביי, אימער זוכען זיי צו האלטען דעם פרייען געדאנק, די פרייע שעפפונגס־קראפט פון מענשען אין די אייזערנע צוואנגען פון זייער הערשאפט. ביי אונז אידען קען מען אָנווייזען אויף אזא קלאַס בעוואוסטע בעלי צדקות נור אין יענע דעמאָקראַטישע לענדער, וואו אידען האָבען דורך פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג און דער ענטוויקלונג פון דעם קאפּיטאליזם שוין ענטוויקעלט אַן אייגענעם קלאַס פון רייכע וואָס האָט איבערגענומען אלע מדות פון דעם זעלבען קלאַס און דעם לאַנד אין וועלכען זיי וואָהנען. וואו זיי האָבען זיך שוין אַסימילירט און צונויפגעגאָסען מיט יענעם קלאַס אין איין לייב און איין זעלע, און פערשטעהן שוין, ווי יענע, צו שעצען די הערשאַפט איבער די גרויסע מאַסען פון דעם פאָלק און איבער די קרעפטען וואָס קענען זיי פיהרען צו פאָרטשריט. אין רוסלאנד אבער, ווען אַ'ן אויפגעקומענער גביר —אַ כאַם, אַ גראָבער יונג—אַ פישער, ביי וועמען אפילו די זעלע איז דורכגעזאַפּט מיט דעם ריח פון טשיכאָן, ווערט פלוצלונג אַ בעשיצער פון קונסט—

א מעצענאט, איז עס ווייל ער זוכט זיך איינצוקויפען אין יחוס. ער פענטעט אבער דערביי אויך די נשמה און דאָס געוויסען פון דעם קינסטלער, ווייל דער יחוס אליין איז איהם דאָך קארג, ער וויל נאָך אויך איינהאנדלען א מציאה... גלאט צוליעב יחוס אליין וואָלט ער זיך ניט געלאָזט אזוי פיעל קאָסטען, אָבער ווען צו דעם יחוס איז נאָך צוגעלעגט א גוט געשעפטעל, ווי צום ביישפיעל, חתונה מאכען מיט דעם קינסטלער זיינס א טעכטעריל — אָך, פאר וואָס ניט?...

אין „סאפאָה" איז מלך שטעמפעל — דער פישהענדלער — אזא מין מעצענאט פון דער קונסט... ער קויפט דעם טאלענטפאָלען פיאניסט אפפאָלאָן זאָנענשיין פאר א'ן איידעם פאר זיין מעזינקע מיט דעם וואָס ער האלט איהם אויס פינף לאנגע יאהר אין פעטערס־בורג ביי זיין שטודיום. זאָנענשיין קומט קיין אָדעס זיך בעזעצען און חתונה האָבען מיט מלך שטעמפעל'ס טעכטעריל. ער קומט — דער אויסגעצאָכנעטער קינסטלער בעצאָהלען דעם חוב פאר שטעמ־פעלס מעצענאטסטוע. בעגעגענט ער זיך אבער מיט סאָפיע פינגער־הוט... און ער פערליעבט זיך אין איהר, אין דער שעהנער, שטאָל־צער, קלוגער סאָפיע. זי — האָט איהר ערשטע ערפאהרונג אין לעבען ניט אָנגעלערנט... און זי ליעבט איהם אויך... און ווי זי ליעבט איהם... שטארק, הייס, טאקי נור ווי א פרייע שטארקע נשמה קען ליעבען. און פאר וואָס טאקי ניט? וואָס זאָל איהר שטערען צו ליעבען איהם? וואָלט זאָנענשיין געווען א שטארקער מענש, וואָלט ער געוואוסט אז מאניטשקען — מלך שטעמפעלס טאָכטער — האָט ער ניט ליעב, אז צו איהר פיהלט ער נור א פער־פליכטונג, א שולדיגקייט — א מין געוויסענסביסע און ניט מעהר, און דארף פאר איהר ניט חתונה האָבען ווייל זי וועט, אויף איהר שטיינער, זיין אונגליקליך מיט איהם. איז ער אבער א שוועכלינג, קען זיך ניט בעשליסען אויף א געוואגטען שריט אין לעבען, און... ער האָט דאָך מיט איהר חתונה.

ליעבען ליעבט ער אבער סאָפיען און זי איהם אויך. און סאָפיע שטעלט זיך ניט אָב פאר קיין זאך... איהר ליעבע איז א'ן אמת'ע, א ריינע. וואָס פאר א ווערטה האָט פאר איהר דאָס וואָס

מענשען וועלען ווידער ריידען, ווידער טיטלען אויף איהר מיט די פינגער, אדער פערדאמען און בעלעדיגען זי. זי ליעבט אפאלאן זאנענשיין און ער זי אויך... און זי איז פארטיג צו ליידען און קעמפפען געגען די פאראורטהיילען פון מענשען, פון דעם כלל. און זי גיט אפפאלאנען אוועק אלעס וואס איהר שעהנע, גרויסע נשמה קען אוועקגעבען...

אבער דער קאמפף פאר איהר ליעבע איז ניט נור געגען דער שטילער, היפאקריטישער פערדאמונג פון דעם כלל אליין. עס הייבט זיך נאך אויף א קאמפף פון דער פרוי געגען דער פרוי — א ליארעמדיגער, סאקנדאליעזער — א טיעף בעליידיגענדער קאמפף. די געזעצליכע פרוי בעקעמפפט די געליעבטע פרוי. אויף דער זייט פון דער ערשטער איז די געזעלשאפטליכע מיינונג, די רעלי־גיאן, דאס געזעץ... אלעס, א חוץ ליעבע. און ווען זי „וויל"— קען זי די געליעבטע פרוי „אויספאטשען", אפילו „שיסען, און איהר קומט גאר נישט דערפאר"... אויף דער זייט פון דער אנדערער איז אבער נור איהר אייגענע ריינע נשמה, איהר ברענענדיגע ליעבע, איהר גרויסע בענקעניש נאך דעם וועמען איהר ליעבע געהערט. אויף איהר זייט איז אויך דער קאמפף, דער שווערער קאמפף געגען דער געזעלשאפטליכער מיינונג און ארדנונג, געגען אלעס וואס איז פאלש און ליגנעריש, מעג עס זיין א געבאט אדער א געזעץ...

צווישען דער אלטער און דער נייער וועלט מענשען איז דער קאמפף א גרויסער, א'ן אייביגער... א'ן אונפערמיידליכער קאמפף. אין אונצעהליגע פארמען שוועבט ער ארוים אין לעבען. עס איז דער קאמפף פון דעם ערוואכטען, שטארקען איינצעלנעם מענשען געגען די קריסטאליזירטע פארמען פון דער געזעלשאפט, געגען די פארגליווערטע מיינונגען פון דעם גאנצען כלל מענשען. עס איז דער קאמפף וואס פיהרט צו פארטשריט... יעקב גארדין וואלט געקנט דעם קאמפף אויסדריקען אויך אין אנדערע רעלע פארמען פון דעם לעבען, אויך אין אנדערע ארטען וואלט ער איהם געקענט פארשטעלען, אבער אין קיינע פון די אלע לעבענס־ערשיינונגען וואלט דאס בילד ניט ארויסגעקומען אזוי שארף, די דראמא וואלט

ניט געוועזן אזוי פול מיט אמת'ע ליידען און וועהטאָגען פון אונזער לעבען ווי אין דעם קאַמפּף פון די נאַטירליכע געפיהלען פון דעם מענשען, — אין דעם קאַמפּף פון דער ליעבע געגען די צוואַנגען פון געזעלשאַפטליכע פּאַראורטהיילען, דינים און געזעצען.

סאַפּיע פינגערהוט האָט דעם קאַמפּף ניט געוואונען... אין דעם איז די גרויסע דראַמאַ פון איהר לעבען...

אַפּפּאָלאָן זאָנענשיין איז ניט נור אַ שוועכלינג, נור אויך אַ מענש מיט אַ קליינער, ענגער נשמה. אפילו ווי דער אָקעאַן ברייטע און טיעפע מוזיקע פון מאָצאַרטען האָבען זיין נשמה ניט אויסגעברייטעט; אפילו ניט די הימעלש־ליכטיגע מוזיקע פון טשייקאָווסקי'ן האָבען זי אויסגעלייטערט; און ניט אפילו די טרוימערישע נאָקטורנען פון שאָפּען'ען האָבען געקענט פערוויגען און איינשלעפערען זיינע אַלטע פּאַראורטהיילען געגען דער פרייער פרוי און איהרע פרייע האנדלונגען. די קונסט האָט אויף זיין נשמה ניט געווירקט אין דער ריכטונג... אויך ער, פאַר וועמען זי האָט אַלעס אין לעבען געאָפּפערט — ווייזט אָן אויף איהר זשעניצקען—אויף איהר קינד — די פרוכט פון איהר ליעבע און איהר קאַמפּף — ווי אויף דער לאַסט פון איהר שאַנדע. אויך ער —אין די שווערסטע מינוטען פון איהר קאַמפּף— שטעלט זיך אויף דער זייט פון די מעכטיגע — אויף דער זייט פון דעם כלל... און סאַפּיע פינגערהוט'ס דראַמאַ האָט זיך טרויעריג געענדיגט... איז זי געפאַלען אין דעם קאַמפּף?

יאָ, יעקב גאָרדין וויל עס אזוי. אַ פערוואונדעטע פון די לעבענס־פּיילען, אַ געשטרויכעלטע וויל זי זיך אָבגעבען צו אַ שטיל לעבען פאַר זיך, פאַר איהרע עלטערן, פאַר איהר קינד.

אבער איהר קינד?... זי האָט געקענט קעמפּפען געגען די פּאַראורטהיילען פון מענשען, געגען די דינים און געזעצען פון דער געזעלשאַפט, געגען דעם בעזען ווילען פון אַ פרוי... אַ „געזעצ־ליכע פרוי"... און אפילו געגען דעם צוזאַמענגעבראָכענעם געמיטה פון איהר שוועכלינג, וועמען זי ליעבט אזוי שטאַרק; יאָ, געגען זיי אַלע האָט זי געקענט קעמפּפען, אבער זי קען זיך הפנים ניט ענטשליסען צו קעמפּפען געגען איהר קינד. זי קען זיך ניט ענט־

שליסען צו לאָזען איהר זשענינקען, א מאָל אין לעבען, דערוויסען זיך דעם ריכטיגען אמת וועגען איהר אייגענער געבורט, לאָזען דזשעניצקען פערשטעהען איהר מאַמעס נשמה, איהר מאַמעס לעבען, איהר מאַמעס קאַמפּף... זי קען זיך ניט ענטשליסען צו לאָזען איהר קינד אויפוואקסען אָהן א טאַטען — אָהן א געזעצליכען טאַטען— אורטהיילען זי און אפשר אויך פערדאַמען זי!... ניין, זי קען זיך עס ניט ענטשליסען. און זי קעהרט אום צו איהר קינד דעם טאַטען, דעם פאָטאָגראַף, באָרים סטאַוורָאָפּאָלסקי.

שפּאָטיש אפילו, אבער פאַלענדיג אין דעם שווערען קאַמפּף פון לעבען, לאָזט זי דעם ראבינער לעגען א „קאַזיאָנע פּעטשיאַט" אויף איהר שרעקליכען פאַל!...

אָט דאָס איז דאָס דראַמאַטישע בילד פון יעקב גאָרדין'ס סאַפאָ. דער לעזער מעג עס אויפמערקזאַם לעזען און פּריוּוען עס פערשטעהען.

ה. זאָלאָטאַראָוו.

ערשטער אקט.

(נים קיין רייבעס, אבער זעהר רייגעס צימער ביי פינגערהוט'ן אין הויז. אויף דיא פענסטער בלומען אין טעפּ. אויף דיא טישען ברענען לאמפען. אויף איין טיש אַ גראפין מיט וואסער און א גלאָז. ליזע זיצט אויף איין סאפע און ברענגט אין אָרדנונג א נייעס קלייד. טשערנע זוכט עטוואס אין אלע ווינקעלעך און שפייט בייז: „טפו זאל עס ווערען." מאַמיום האַלט איין פוס אויף אַ בענקיל, שפייט אויף אַ בערשטיל און פוצט זיך אַ שטיוועל, דאן נעהמט ער איין אַנדער בערשטיל און פוצט זיך זיין ראָק. נאכהער נעהמט ער פון בוזעם קעשענע אַ גרויס קעמעל, און קעמט זיינע באקענבערט. נאכהער שפייעט ער אויף זיין האַנד און גלעט זיין פליעך לאנגזאם.)

ט ש ע ר נ ע. איך האָב מיר דעם קאָפּ גאָר אין גאנצען פער־דרעהט. האָט אימיצער געזעהען דיא שליסלען פון קאמאָד? טפו זאָל עס ווערען. (זוכט.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. מאדאם פינגערהוט, אז מען האָט אַ קור־צען זכרון, מאכט מען זיך אַ לאנגען קניפּעל. עי, נעהם צו דיא בערשטעלעך פון דאנען! גלעט מיט'ן ארבעל זיין צילינדער און מעסט איהם אָן געגען שפּיגעל.)

ט ש ע ר נ ע. נאָך יעדען דארף איך נאכגעהן. נאָך יעדען דארף איך אויפרוימען — א קניפעל! וואָס וועט מיר העלפען א קניפעל, אז איך וועל ניט געדענקען אויף וואָס צו דערמאָנען זיך? עס וועלען קומען מענשען, איך האָב געוואָלט צוגרייטען — פראנט מיינער! וואָס האסטו געזאָגט זאָל איך צונעהמען? אה, דיא בערשטעלעך? (מחוט עס) זענען דיא שליסלען ניט אין קיך? נא, א קאָפּ! טפוי זאָל ער ווערען! (אב.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. (מאיעסטעטיש.) פריילײן ליזא, האסטו פיל־ לייכט עטוואס קליין געלד? ניט פיעל זא... איין 30, 40 קאפעקען. מאטיום פינגערהוט איז דאך היינט א מחותן.

ל י ז ע. (גראב) ניין. ערשטענס, האב איך ניט. און צוויי־ טענס, איך זאל אפילו האבען, וואלט איך דיר ניט געגעבען — א נעטהינע זאך! (מאטיום פעררויכערט דערווייל א פאפיראס פון זיי לאנגען פאפיראסניק.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. מאמזעל ליזע, דו רעדסט אזוי חאמסקי־גראב. ווייל דו ביזט א טויגעניכטס, א לא יוצלח, דער רוח ווייס וואס — צו וואס טויגסטו? (טשערנע קומט צוריק, זוכענדיג.)

ט ש ע ר נ ע. דערפאר טויגסטו צו אלעם אין דער וועלט. וואו זענען פארט דיא שליסעל, הא?

פ י נ ג ע ר ה ו ט. עי, וואס פערשטעהסטו, אונגעבילדעטע מיעשטשאנקע פון סלאבאדקע ראמאנאווקע? (צו ליזען) מע האט דיך אבגעגעבען צו שטודירען אין א זאקען־פאבריק, האסטו דיך אויסגעלערענט נור ביז דער פיאטע און טפרו! האט מען דיך אב־ געגעבען צו א מאדיסטין, האסטו ניט געקענט אויסלערנען דעם אונטערשיעד פון איין רבנישע יארמעלקע ביז א רביצינס יאמפערקע. און איצט זוכסטו ארבייט, האלטסט אין איין זוכען ווי די מאמע דיינע. טפו זאל עס ווערען!

ל י ז ע. דיר איז גוט, אז דו דארפסט ניט זוכען. אנדערע זוכען פאר דיר...

ט ש ע ר נ ע. אז דו וואלסט געזוכט, וויא אנדערע, וואלט עס דיר אויך א ביסעל פערדרעהט דעם קאפ.

פ י נ ג ע ר ה ו ט. וויא קומסטו צו גלייכען דיין קאפ צו מיין קאפ?

ט ש ע ר נ ע. דיין קאפ איז ניט אזא גרויסע ציערונג. (זוכט.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. איך מיין צו מיין זכרון... איך קען דיר אויסרעכענען אויף דיא פינגער, וויפיעל טראקטירען עס איז דא פון דער סטארע פארטא פראנקאווסקע ביז'ן פאלסקי ספוסק און פון לאנזשעראן ביז חאדזשיבעי — מאדאם, דערלאנג מיר א ריינעם נאזטיכעל!

ט ש ע ר נ ע. יאָ, פון חאַדזשיבע, ווייסטו, און וואָס טהוט זיך אין שטוב? נאַ דיר אַ נאָזטיכעל, פראַנט מיינער! (גיבט איהם.) וואו קענען דאָס פאָרט זיין דיא שליסלען? נאַ! (אב אין קיך.)

פ י נ נ ע ר ה ו ט. ניין, מאַמזעל, דו ביזט דער מאַמע'ס טאָכטער. זעהסט דו, סאָפיע איז שוין געראָטען אין טאַטען. (ציינט אויף זיך.) זיא האָט געענדיגט פיער קלאַסען גימנאַזיע מיט אַ זנאַק אָטליטשיע. זיא איז שעהן, פיקאַנט. נשקשה, אז זיא געהט מיט דער דעריבאַסאָווסקע, מוז יעדער אָפיציער אָבקעהרען צו איהר דיא מאָרדע. און ווער קוקט אויף דיר? אַ סאָלדאַט. זיא איז קלוג, זינגט, טאַנצט, האָט אַ ממזורישען קאָפּ, פונקט וויא ביים טאַטען.

ל י ז א. יאָ, פונקט אַזאַ קאָפּ וויא ביי דיר, נור אַ פליעך פעהלט איהר.

פ י נ נ ע ר ה ו ט. מאַמזעל, קוק דיך אַרום וויא דו רעדסט! ביזט טאַקע היינט אַ מחותנתטע, און איך קען דיר דאָך אַריינוואַר־פען אַ בינטעל פינגער אין באַק אַריין. קנאַק זשאָלטעם אוב סרעדינו! סאָפיען האָט מען אָבגעגעבען צו אַ פאָטאָגראַף, איז זיא באַלד געוואָרען דיא ערשטע רוטעשאַרקע. אַזוי וויא הינד רייסען זיך דיא אַדעסער פאָטאָגראַפען איבער איהר, און זיא ברענגט טאַקע אַלע חודש 50 רובעל — דאָס איז אויך עפּיס ווערטה, האַ? האָט זיך איהר פערגלוסט, האָט זיא גאָר צוגענומען דעם פאָטאָגראַף מיט דער פאָטאָגראַפיע און זיא ווערט מאָרגען איה"ש נאָך דער חופּה אַליין אַ פאָטאָגראַפיכע. פאַר ווערען ווערטו תתונה האָבען? פאַר אַ בינדיוזשניק אָדער פאַר אַ לאַפּאַטע פּיעדלער.

ל י ז ע. וואָס פאַר אַ שווער, אַזאַ איידעם. (אַ גערויש.)

ט ש ע ר נ ע. שאַ, דער שניידער טראָגט דאָס חופּה קלייד. קומט אַריין, קומט אַריין. (שנייער קומט מיט'ן קלייד.) סאָפיע, קום נור אַהער. וואָס טהוסטו דאָרט? (ביידע פרויען בעטראַכטען דאָס קלייד. ליזע מיט קנאה, טשערנע מיט בעגייסטערונג.)

פ י נ נ ע ר ה ו ט. סאָפיע לעזט דאָרט מסתמא אַ ראָמאַן. זיא שלינגט דיא ראָמאַנען וויא בלינטשיקעס. ווען ניט מיינע אוי־

גען, וואָלט איך אויך געלייענט... א גוטער ראָמאַן איז טאַקי גוט... חי, חי, חי!

ט ש ע ר נ ע. דו קענסט רעדן לעזען? מאַך ניט שולדיג דיא אויגען.

פ י נ ג ע ר ה ו ט. איך קען ניט, זאָגסטו? הם! וויא קומט עס? זיצט, מוסיו שניידער, איהר האָט אפשר א גוטען פּאַפּיראָס? חי, חי! זענען מיר מחותנים! א מאָל ביי די אלט־מאָדישע יודען פלעגט מען נאָך מאַכען א חתן־מאָל; ביי אונז היינט, ווער עס וועט וועלען, וועט קומען, אָבער אזוי... טרוקען... דיא חופּה און דער באלל מאָרגען. אין דער שאַלאַשנער שול וועט זיין דיא חופּה און דער באלל אין „יעוורָאָפּא“ פון אויבען, איבער'ן טראַקטיר „יעוורָאָפּא“ איין טרעפּ, זעהר א גרויסער זאַאל. מיר וועלען פאָהרען אין עקיפּאַזשען. לאַקאַיען מיט ווייסע הענטשיקעס, מוזיק! עס קאָסט געלד, ברודער. (סאָפּע זינגט אונטער קוליססען.)

ל י ז ע. יא, אונזער טאַטע זשאַלעוועט ניט קיין געלד.

פ י נ ג ע ר ה ו ט. איך צאָהל דען? א מכה! איך גיב דיר א טאָכטער, אַן אַנטיק, און דו צאָהל. דער חתן איז דער פאָטאָגראַף באַרים סטאַווראַפּאָלסקי, איהר קענט איהם? זיין פאָטאָגראַפיע איז אנקעגען פּאָלע ראָיאַל. און דער אונטערפיהרער פון כלה'ס צד איז מלך שטעמפּעל, מאַדאַם פינגערהוט'ס ברודער, א רייכער פיש־הענדלער, א גראָבער חזיר, א רוח אין זיין טאַטענס ערד אריין. איהר מעגט קומען זעהן... שש! נור זיא חזנט זיך. (סאָפּיע זינגט „מאַטושקא האלובאַשקע“, קומט מיט געזאַנג, נייגט זיך צום שניידער, בע־טראַכט דאָס קלייד פון אַלע זייטען, זינגענדיג. זיא איז ניט רייך, אָבער זעהר אָריגינעל געקליידעט.)

ס אָ פּ י ע. א חופּה קיילד! א קלייד וואָס מען מעסט אָן מיט פרייד, מען טהוט אָן מיט טרערען און מען טהוט אויס מיט שרעק....

פ י נ ג ע ר ה ו ט. פון וואַנען ווייסטו דיא אַלע זאַכען?

ס אָ פּ י ע. (לאַכט.) פון ראָמאַנען. איצט וועלען מיר זעהן. הערר פינגערהוט, קעהרט זיך אויס מיט'ן רוקען צום פּובּליקום. (לויפט צו איהם און קערט איהם אום צום וואַנד מיט'ן בענקיל.) גע־

מאַסטען זאָל ווערען. (וואַרפט אַראָב פון זיך אַ קאַפּטעל און טהוט אָן דאָס קלייד.)

ט ש ע ר נ ע. (העלפט איהר.) סאָפיע.... דער שניידער — אוי, דיא היינטיגע מיידלעך. טפוי זאָלען זיי ווערען!

ס אָ פ י ע. אַן איינגענער מאַן, אַ דאָקטאָר און אַ זשענסקי שניידער דאַרפען ניט גערעכענט ווערען פאַר מאַנזבילען. ניט אַזוי, הערר שניידער?

פ י נ ג ע ר ה ו ט. וואָס פרעגסטו דעם שניידער? דו פרעג דיא שניידערקע.

ס אָ פ י ע. (געגען שפּיגעל) איך האָב ליעב אַ קלייד, וואָס זאָל זיין גענעהט מיט געשמאַק, מיט אַ שעהנעם גוסט, — עס זאָל ניט שרייען, עס זאָל אָבער רעדען צום אויג. אַלעמען זיין געפעהלען איז זעהר אַנגענעהם, און אַ שעהן קלייד איז אַ מעכטיגעס מיטעל צו געפעלען. דיא פרוי וואָס בענוצט זיך ניט מיט דעם מיטעל איז גענגליכען צו אַ יעגער וואָסגעהט אין וואַלד שיסען ווילדע חיות און לאָזט זיין ביקס אין דער היים. חע, חע, חע! יאַ, אַ פרוי איז שטענדיג אין וואַלד צווישען ווילדע חיות און זיא דאַרף שטענדיג האָבען דיא ביקס מיט זיך. ביקס אויף, נאַ פריצעל! (מאַכט וויא זיא וויל שיסען) פּוי! פיף! פּאַף! (זינגט פון דיא הוגענאָטען) פיף, פּאַף! (צום שניידער) יאַ, דאָס קלייד איז יעצט בעסער. (טהוט זיך אויס.)

ל י ז ע. דאַנקען גאָט, ענדליך צוגעטראָפען. נאָר 15 מאָל געמאָסטען. (זעצט זיך צו איהר אַרבייט.)

ס אָ פ י ע. ביזט אַ נאַר. אַ חופּה קלייד דאַרף מען פאַר דער חופּה גוט צומעסטען און צופּאַסען. נאָכהער איז צו שפּעט. (טהוט זיך איבער.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. פריילין סאָפיע, איך וועל מיך שוין גיך מעגען אומקעהרען מיט'ן פּנים צום פּובליקום? איך דאַרף מיט דיר רעדען פון געשעפט. פערשטעהסטו מיך, איך...

ט ש ע ר נ ע. האָסט דאָך איהם ערשט אַ פּאָאָר טעג צוריק געגעבען קעשענע־געלד... אַ פּאָאָר טעג צוריק... ווען איז דאָס גע־

ווען? זונטאג צו מאָנטאג? פערגעסען! א קאָפּ! טפוי זאָל ער ווערען.

פ י נ ג ע ר ה ו ט. אז איך זאָג, איך האָב ניט גענומען, מעגסטו זיין זיכער, עס איז היילינ. סאָפּיע, איך דארף מיך א ביסעל אָבראַזירען. א מחותן דארף האָבען א נלאַטע מאָרדע. איך דארף א פּעקיל טאבאק. און היינט וועל איך מיר ערלויבען צו טרינקען טהעע אין דער דוואריאנסקע פון טראקטיר „פּאַריז“. זאָלען זיי וויסען, ווער מאַטיוס פינגערהוט איז. א רוח'ן אין זייער טאַטענס ערד אריין.

ס אָ פּ י ע. (נעהמט פון איהר טאַשע א בערזע.) דאָס קומט איך. (גיט דעם שניידער.) דאָס קומט אייך ניט. (גיט איהם נאָך. דער שניידער דאַנקט.) און דיר, פּאַפּא, האָב איך שוין היינטיגע וואָך גענעבען צוויי צוואנציגער.

פ י נ ג ע ר ה ו ט. יא, גענעבען זאָגסטו? הם, וויא קומט עס, וואָס איך געדענק ניט?

ס אָ פּ י ע. אדרבא. זאָג דו, וויא קומט עס? חא, חא, חא! נור גאָר ניט. ביזט דאָך א מחותן, נא! אָבער בלייב ניט לאַנג אין טראַקטיר. א מחותן דארף זיצען אין דער היים, ניט אין פּאַריז.

פ י נ ג ע ר ה ו ט. (טהוט אָן זיין צילענדער.) פריילין סאָפּיע, מערסי. מוסיו שניידער, מיר וועלען מאַכען דיא רייזע צוזאַמען. ליזע, פערבינד מיר דעם באַנד א לאַ גאַריבאַלדי דע פּאָמפּאַדור...

ל י ז ע. (גראָב) מען וועט דיך אזוי אויך דערקענען.

ס אָ פּ י ע. קום אהער, איך וועל דיר מאַכען א באַנד, וויא אזוי זאָגסטו? אלא גאַריבאַלדי דע פּאָמפּאַדור. חא, חא, חא! ער איז גערעכט. זאָלאַנג א מענש לעבט, דארף ער זיך האַלטען וויא א מאַלאָדיעץ. (בינדעט.) מאַמע, ער האָט אפּנים א מאָל נעדארפט זיין איין שרעקליכער הערצענפרעססער.

ט ש ע ר נ ע. קיין אַנדערע ארבייט האָט ער אין זיין לעבען ניט געטהאָן. וויא אזוי האָט מען גערופען דיא מעשטשאַנקע פון דער מאַלדעוואַנקע? ע, פערגעסען....

פ י נ ג ע ר ה ו ט. עס האָט נאָך א מכה ווער אזוי געשפּיעלט

אין בילליאַרד אזוי וויא איך אַ מאָל. שאַראַם אַט באָרטאַ, זשאַלטעי אוב סערעדינו! אויפּ׳ס וויעדערשפּעניגען. (פערנייגט זיך מאַיעסטעטיש מיט׳ן צילינדער אין האַנד און געהט אַב מיט׳ן שניידער.)

ס אַ פ י ע. (געהט צו די בלומען.) אוי וועה, מע האָט היינט די בלומען ניט בעגאָסען. (נעהמט וואַסער פון גראפין.) איך זאָל זיין רייך, וואָלט איך דיא גאַנצע שטוב אָנגעפילט מיט בלומען. דיא טהייערסטע מעבעל מאַכען אַ צימער ניט אזוי שעהן, וויא בלומען. (בעגיסט, זינגט „מאַטושקא האַלאַבושקא".) אנדערע כלות וויינען, ווען זיי געהן חתונה האָבען, און איך זינג. הם! זיי ווילען דאָך חתונה האָבען, היינט וואָס וויינען זיי? איך זינג און... מאַמע, איך וואָלט איצט אָבגעגעבען 5 יאָהר פון מיין לעבען, איך זאָל ניט דאַרפען חתונה האָבען.

ט ש ע ר נ ע. וואָס איז עפּעס, נאַר?

ס אַ פ י ע. (זיפצט.) אזוי — איך ווייס ניט... אָבער איצט איז שוין צו שפּעט. פערפאַלען! ע, (זינגט „מאַטושקא.) דו ווייסט, מאַמאַ, דאָס ליעד זינגט אַ רוסישע כלה. (טהוט אָן איהר הוט געגען שפּיגעל און רעדט:) מאַטושקא האַלאַבושקא, מוטער טייערע, מיין ליבטיגע זון, האָב רחמנות אויף מיר, אויף דיין ארעמעס קינד. וויא אַ בייזע שלאַנג זויגט מיר מיין הארץ אַ ביטערע שמערץ און גאַנצע נעכט פערברענג איך אָהן שלאָף און אָהן רוהע".... איך געה קויפען פאַר מיר און ליזען ווייסע האַנדשוהה. תע! חע! ווי זאָגט דער פּאַפּאַ, עס וועט באַלד ביי אונז זיין אַ באַלל אלא גאַריבאַלדי דע פּאָמפּאַדור. (אב, באַלד צוריק.) מחותנתטע לעבען, אפשר וועט דאָ קומען אונזער הויכווירדיגער הערר חתן, זאָל ער זיין אזוי גרויסאַרטיג און וואַרטען. איך קום שוין צוריק... דאַרפסט אפשר קליין געלד? דאָווידזעניע פּאַנאַ קאַבאַנע מאָיע. (אב.)

ט ש ע ר נ ע. און אָט העננגען די שליסלען! אליין אויפגעהאַנגען, אַ קאָפּ, טפו זאָלסטו ווערען! וואָס האָב איך דיך געוואָלט פרעגען, ליזע? פון זינען ארוים. יא, וויא מיינסטו, דער פעטער מלך וועט שענקען אַ שעהנעם דרשה־געשאַנק? ער איז אַ לייבליכער ברודער מיינער און רייך איז ער וויא קרח, אָבער ער איז צו אַ גרויסער חזיר. יא, אפנים מען קען ניט ווערען רייך, מען זאָל קיין חזיר ניט

זיין. (גערויש.) שאַ, ווער איז דאָרט? (באָרים עפענט דיא טהיר.) אַ, אונזער חתן! מז"ט איך, באָרים. סאָפיע איז ערשט אַרויס. וויא קומט עס וואָס איהר האָט זיא ניט בעגעגענט?

ב אָ ר י ס. (שעהנער מאַן, טראָגט אַ בולאַנזשערקע, אַ שוואַרצען ראָק אין איין האַנד אַ בוקעט, אין דער אַנדערער אַ גיטאַרע אין אַ פוטליאר.) זי איז ערשט ארויסגעגאַנגען? איך האָב זיא ניט געזעהען.

ל י ז ע. אוי, וואָס האָט איהר געבראַכט, באָרים?

ב אָ ר י ס. דאָס איז אַ בוקעט פאַר סאָפיען. דיר אויך צוויי רויזען. (גיבט איהר.) און דאָס איז מיין גיטאַרע. אויב סאָפיע וועט זיין אויפגעלעגט צום זינגען, וועל איך איהר אקאָמפאַנירען. אוי, וויפיעל מיר האָבען דאָס איבערגעזונגען און איבערגעשפיעלט זינד מיר זענען בעקאַנט. מחותנתטע, פון דעם אקאָמפאַנירען האָט זיך אונזער גאַנצער ראָמאַן אָנגעפאַנגען. (שטעלט דיא גיטאַרע אין א ווינקעל.)

ט ש ע ר נ ע. אוי, מיר דאַכט זיך, איך האָב אריינגעוואָרפען קוילען און שטשעפקעס אין סאַמאָוואַר און קיין וואַסער ניט אָנגעגאָסען. א קאַפּ! טפו זאָל עס ווערען. (לויפט אב.)

ב אָ ר י ס. (זעצט זיך.) פוי, איך בין מיעד וויא א פושע ישראל. אָבער אַ באַלל וועט ביי אונז זיין! (נעהמט זיא אויף דיא קניע.) ליזע, קום אהער צו מיר. זעץ זיך דאַ. גיב מיר א קוש, גיכער. (געשעהט.) נאָך אַ מאָל! אַ יאָ, עס איז א פערגניגען צו האָבען אזא שוואָגער? (סאָפיע עפענט דיא טיהר שטיל און וויל זיי איבערשרעקען, בלייבט שטעהן.) איך האָב געזעהען, וויא סאָפיע איז פערביינגעגאַנגען און האָב מיך אומיסטען ניט געמאַכט זעהענדיג. איך האָב געוואוסט, איך וועל קענען אריינכאַפּען מיט דיר דערווייל א שטיקל. קיצקע, איך האָב דיך ליעב. גיב אהער דיא לאַפּקעס. אָט אזוי. (אומאַרמען זיך.)

ל י ז ע. איהר האָט אזוי שטאַרק ליעב סאָפיען, וויא אזוי קענט איהר מיך אויך ליעב האָבען?

ב א ר י ס. סאָפיען! איך האָב זיא א מאָל זעהר שטאַרק ליעב געהאַט, און איצט... איצט איז שוין א צוגעוואוינטע זאַך. זיא

מוז איך איצט ליעב האָבען, און דו ביזט אָבער א פרישע פאמפוש־קעלע. נארעלע, ווען איך זאָל ניט מוזען חתונה האָבען מיט איהר, וואָלט איך דיך גענומען אָט אזוי... און... און... איך וואָלט דיך, ראכט זיך, אויפגעגעסען. (דריקט זיא צו זיך.) ליזע, איך בין פערליעבט אין דיר וויא א משוגענער. (סאָפיע מאַכט שטיל צו די טיהר.)

ל י ז ע. (גלעט איהם דעם קאָפּ.) איהר זייט אזא שעהנער מאַן, אז מע קען פון אייך שטארבען.

ב א ר י ם. טאקי? (סאָפיע זינגט הינטער דער טיהר „מאַטושקא גאלובושקא“.) שש! זיא געהט. (סאָפיע אריין.)

ס אָ פ י ע. אה, האבע דיא עהרע! א בוקעט פאר מיר? זעהר שעהן! דיין גיטארע אויך געבראכט? גרויסארטיג. וואָס זעהסטו עפּיס אויס, וויא איין אָבגעבריטער? (טאַפּט זיין קאָפּ.) האָסט היץ? (זינגט:) פאזשאלוי ראָדימאיא דיטיאטקא סאָוויע.

ב א ר י ם. ניין. קיין היץ האָב איך ניט, אָבער דער קאָפּ טהוט מיר ווירקליך וועה.

ס אָ פ י ע. דער קאָפּ? ווירקליך? אז מען געהט חתונה האָבען, מוז מען האָבען קאָפּשמערצען. (זינגט, אָהן ווערטער, לעגט איהם אריין א קאָנפעקט אין מויל און זינגט.) גוטער ראחאטליקום, עס וועט דיך מאכען זיסער. ליזע, פערביים מיט ראחאט לוקום. (גיט איהר איינס) און דאָס וועלען מיר בעהאלטען אויף שפּעטער. (בעהאַלט אין קאָמאָד דיא שאַכטעל מיט קאָנפעקטען.) אוי, עס איז א גרויס נארישקייט, אז מע וויל מיט א מאָל אין גאנצען אויסנאשען און מע לאָזט ניט אויף שפּעטער, מע דארף שטענדיג דענקען וואָס שפּעטער וועט זיין. (געראויש.) אהא, מע געהט, מע קומט, מע איז דאָ. (פינגערהוט, פריידע, מלך, מאַניטשקע קומען, פיהרענדיג אָ פרעהליכען געשפּרעך.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. איך פיהר אייך געסט. דער יחוס פון אונזער משפחה. מוסיו מלך שטעמפּעל, האָכגעעהרטער הערר סטאווראָפּאלסקי, האבע די עהרע, מאדאם פראדי, פלאצען זיי! (אַלע גריסען זיך, פרויען קושען זיך.)

ש ט ע מ פּ ע ל. נו, וויא געהט עס, מאטיע? ווילסט דאך

מסתמא א פּאַפּיראָס, דו רויכערסט נאָך אַלץ פון „באקומס" פּאַב־ריקע? (רויכען.)

ט ש ע ר נ ע. אוי, ליזע, איך האָב דיר עטליכע מאָל געוואָלט זאָגען און האָב פערגעסען... ביי אונז איז אויסגעגאַנגען צוקער. לויף אריבער... א קאָפּ, טפּוי זאָל ער ווערען!

לי ז ע. שוין. (ווינקט צו באריסען.) געהאַקטען צוקער? (אָב.)

(פרויען בעוואונדערען סאָפיע'ס קלייד, רעדען שטיל.)

ב א ר י ס. מען דארף קויפען צו טהעע ביסקוויטען און פּי־ראָזשנע. איין מינוט. (אָב, סאָפיע זאָל ניט בעמערקען.)

ש ט ע מ פּ ע ל. מאַטיע, ביזט נאָך אַזאַ געזונטער לאַפּאַק, פאר וואָס טהוסטו גאָר ניט? אָדעס, ברודער, איז א גרויסע טייך, מע קען זיך אויספישען עפּיס א קאָמערציע, אַז מע וויל.

פּ י נ ג ע ר ה ו ט. וואָס הייסט, איך טהו גאָר ניט? עס מאַכט זיך א מאָל אימיצען געפינען א דירה אָדער אַן אַנדערע קאָ־מיססיאָן. איך לעב פון קאָמיססיאָן...

ש ט ע מ פּ ע ל. ע, וואָס פאר א קאָמיססיע קען מען האָבען פון פּוסטעפּאַסעווען? יעדער מענש, יעדער חיה אפילו דארף האָבען א געשעפט, עפּיס א ריבאָלאָווסטווע. פּרימערנא, איין וואַסער לעבט א פיש, א העכט, א שלייען, א קאַרפּ, א קאַמבאַלע, א סודאַק, אַן אַקען, א סקומבריא, ווייס איך, אפילו א ביטשאָק, אפילו א קליין פּיצעלע טולקע האָט וואָס צו טהאָן — דו ביזט ערגער וויא א טולקע.

פּ י נ ג ע ר ה ו ט. דערפאַר ביזטו א גוטער ביטשאָק. אָבער וואָס דאַרפסטו ברעכען דיין קאָפּ פאר מיר? דאַנקען גאָט, סאָפּיען מאַך איך שוין חתונה, און ליזע וועט זיך אויך געפינען א בעשער־טען, אָדער א בענגאַלטען, נו, בלייבען מיר „דיר דא באבא".

ש ט ע מ פּ ע ל. ניט דו, ברודער, מאַכסט חתונה, חוואַסטע ניט... סאָפיע האָט זיך אַליין חתונה געמאַכט.

ס אָ פּ י ע. יאַ, אָנקעל, דאָס איז וואהר. איך האָב מיך אַליין חתונה געמאַכט. (זיפצט.)

ש ט ע מ פּ ע ל. אָט דארף איך פּרימערנא חתונה מאַכען

מיין מיזינקע, קאָסט עס מיך אַ קאַפּיטאַל. דו ווייסט וואָס מיך קאָסט זיין קאָנסערמאַטאָריע? ער עסט דאָך מיר אויף די גאַנצע פּיש!

מ א נ י ט ש ק ע. קאָנסערוואַטאָריע, פּאַפּאַ...

ש ט ע מ פּ ע ל. יאַ, קאָנסערמאַטאָריע.

פּ ר א ד י. מיר שיקען מאַניטשקעס חתן שוין צוויי יאָהר אַלע חודש צו 25 רובעל, און ער דאַרף נאָך צוויי יאָהר שטודירען... יאַ, זאָגט בעסער, איהר האָט געהערט? בערזשאַנקעס פּלימעניצע — זיא האָט... (דערצעהלט מיט התלהבות די ווייבער.)

מ א נ י ט ש ק ע. ווייסט סאָפּיע? מיין חתן אַפּאַללאָן זאָגענשיין וועט טאַקי זיין אַזאַ פּיאַניסט, וואָס וועט שפּיעלען קאָנצערט.

ס אָ פּ י ע. שפּיעלען קאָנצערט? זעהר שעהן. אָנקעל, וויא איז דאָס אייך איינגעפאַלען צו נעהמען אַן איידעם מיט אַ מוזיקע? אַפּאַלאָן, העכט, זאָגענשיין, שלייען, פּיאַנאַ, סקומבריאַ, קאָנצערט, באַליק, סיאָמגע, אַ גוטער ווינעגרעט. מאַניטשקע, דו האָסט זעהר ליעב מוזיק?

מ א נ י ט ש ק ע. יאַ, אָבער איך האָב בעסער ליעב אַ סאָלדאַטסקע אָרקעסטער מיט טרובעס. פּאַרטאַפּיאַנאַ פּערשטעה איך ניט זעהר גוט, עס קלאַפּט צו שטאַרק אין קאָפּ.

פּ ר א ד י. אַז ער קומט אַ מאָל אויף „די קאַמיקולעס" און הויבט אָן באַראַבאַנען, בייסט מיר נאָכהער צוויי טעג אין די אויערען. אָך, יאַ, איהר ווייסט? וואַרשאַווסקעס טאָכטער לערנט פּיאַנאַ. יאַ,הערט זשע, קומט אַ מאָל די מוטער אריין אין זאַאַל, זעהט זיא ביי דער פּיאַנאַ... דער לעהרער און די טאָכטער... שוועסטערליך מיינע... (דערצעהלט אין דער שטיל.)

פּ י נ ג ע ר ה ו ט. מוסיע מלך שטעמפּעל, ערלויבט מיר איהנען צו פרעגען: וואָס איז בעסער פּיש מיט חריין, אָדער אַן איידעם מיט מוזיק? האַ! האַ! (גלעט דעם פּליער.)

ש ט ע מ פּ ע ל. אוי! וואָס פאַר אַ חכמה איהנען האָבען געזאָגט! יאַ, מעגסט לאַכען, אָבער מיך, ברודער, קאָסט עס געלט און איך ווייס, אַז איך האָב אין זאַפּאַס אַ פערטיגען חתן פאַר מיין

מיזינקע. עס איז אַקוראַט וויא מען מאַרינירט איין פיש אויף שפּעטער. ער איז מיין ווייב'ס אַ ווייט פריינדיל, און אָהן מיר וואָלט ער געמעגט איינזאַלצען זיין גאַנצע מוזיקע. עס איז אַן אמת, איך אַליין בין ניט קיין גרויסער זינגער און שפּיעלער, נו, איז וואָס? אַ פיש איין וואַסער, פּרימערנאַ, זינגט ניט, פון דעסטוועגען לעבט ער, און עסט, און פישעלט זיך. און וואָס טהוסטו, מאָטיע? דו גליעטסט דעם פליעך און זאָגסט מבינות אויף ניסן'ס און פיצי'ס חזנות?

פ י נ ג ע ר ה ו ט. ביזט אַ מחותן, וויל איך דיר ניט זאָגען, אַז עס איז בעסער צו גליעטען דעם פליעך, וויא צו זיין אַליין אַ פליעך... וואָס איז דער בזיון? עס איז מיר געקומען פון צופיעל דענקען. איך זאָג טאַקי מבינות אויף אונזערע חזנים, ווארום איך רעד דייטש און בין אַ געבילדעטער מענש... מאָטיום פינגערהוטען קען מען אייןביירע גרויסע שוהלען. דער גאָטזעליגער פרעדיגער, דאָקטאָר שוואַ-באַכער, פלעגט מיך שטענדיג פרעגען: וויא געהט עס, העררר פינ-גערהוט? און דו ביזט אַ רייכער דבר אחר, ווער קען דיך? דער פּאָמטשניק פּריסטאַוו פּאַסלאַווסקי זאָגט מיר שטענדיג: זדראַסטוי מאַטקע. ביי דזשערעמע אין טראַקטיר נעהמט יעדער פּאַלאָוואָי אראָב דאָס היטעל ווען איך קום. איך געה אויפ'ן פּערעסיפּ אָדער אויף דער מאַלדאַוואַנקע און סלאַבאַדקע ראָמאַנאָווקע אויף דער בור-האיעווקע, זאָגט מען: דאָס געהט מאָטיום פינגערהוט.

ש ט ע מ פּ ע ל. יא, יא, מע קען דיך, שלייעסט דיך אום, האָסטו אַלעמען אָנגעריבען מאַזאָליעם אויף די אויגען, אָבער ווי-פיעל פערדינסטו דערפון?

פ י נ ג ע ר ה ו ט. אַ גרויסע זאַך! פערדיענען געלד קען יע-דער בעל־מלאכה, יעדער בינדיוזשיק, יעדער פּראָסטער מענש. ניט פערדיענען פערשטעהט נור אַן עדעלמאַן. ע! געגוג פילאָזאָפיע, לאָ-מיר בעסער שפּיעלען אַ 66. (נעהמט פון דער טאַש קאָרטען.) צעהן קאָפּיקעס אַ שפּיעל. געהט עס?

ש ט ע מ פּ ע ל. אויב דו וועסט ניט מאַכען קיין מאַשענסט-וואָ, דען איך וויים, דו ביזט אַ בקי אויף די זאַכען — ביזט אַן עדעלמאַן, האָסט שטודירט אין אַללע טראַקטירען. (זיי שפּיעלען.)

ס אָ פ י ע. (האָט איינציגע מאָל געקוקט אויף דער טיחר מיט אונ־גערולד.) מאַניטשקע, ווילסט זעהן מיין צימער, קום.

ט ש ע ר נ ע. מעגסט געהן זעהן, מאַניטשקע, וויא זיא האָט עס אויסגעפּוצט און אויסגעצירט איהר אַלקעריל. עס לעבט, עס פינקעלט, עס זינגט יעדער ווינקעלע. עס איז גאָר ניט קיין ספּאַל־ניע, עס איז א קוקאַלקע. ווייסע, ווייסע פאַרהענגלעך, בלומען, ע, דיא זאכען. וויא אזוי רופט מען דאָס? איך האָב פערגעסען, א קאָפּ!

ס אָ פ י ע. יא, איך בין געווען געננג נאַריש צו פערשווענדען דרויף אזוי פיעל צייט. (זיפצט.)

ט ש ע ר נ ע. א גאַנצען טאָג וועלען זיי זיין אין דער פאָ־טאָגראַפיע, זיי וועלען נור קומען אהער שלאָפען. מעגסט זעהן, מאַניטשקע!

מ א נ י ט ש ק ע. אה, זיי וועלען דאָרט שלאָפעןביידע? איך שעהם מיך צו געהן אהין. (פערשעהמט זיך.)

פ ר א ד י. זיא איז דאָך ביי אונז א שעמעדיגע, זיא ווייסט פון קיין זאך ניט, אזוי וויא א קינד. אָט, ביי אונזער שכן, איהר קענט שמעריל ליאמפּיך? זיין מיידעל נאָך גאָר א שנעק, יא, הערט־זשע, אוי, (דערצעהלט שטיל. ביידע מענער שפּיעלען. אין פאָרדער־צי־מער געררויש. ליזע גיט אַ קוויטש, און לויפט אריין מיט צוקער, דאַן בארים מיט פּאַקעטען.)

ט ש ע ר נ ע. זעה נאָר וויא זיא האָט זיך צופלאַמט, דיא טרפנה הויט ברענט אויף איהר.

מ א נ י ט ש ק ע. אה, איך וויים, פאר וואָס ליזע האָט גע־קוויטשעט... דאָס האָט זי געווים הערר סטאַווראָפּאָלסקי געשצי־פּעט אין הויז, דאָרט אין דער פינסטער. (שעהמט זיך.)

ל י ז ע. סאָפיע, אַלע דיינע געסט געהן אהער.

ב א ר י ס. יא, סאָפּיטשקע, עס געהט א גאַנצער עסקאַדראָן געסט. מיין ערב שוויעגער, דאָ האָט איהר פּעטשעניע צום טהעע. מיין ערב שוועגער, אייך א גוטען פּאַפּיראָס. (גיבט זיי ביידע.) מאַניטשקע, אייך מאַרמעלאַד (גיט איהר א קאָנפעקט פון שאַכטעל) דו ווילסט, סאָפּיע?

ס אָ פ י ע. (מיט אַ שמייכעל) ניין, דאנקע, איך שעהם מיך. (ער עפּט אליין.)

ט ש ע ר נ ע. אַט אזוי, וועלען מיר געהן און מאכען טהעע. (קוקט זיך אום) דאכט זיך, גאָר ניט פערגעסען? איך געדענק ניט. אַ קאַפּ, טפוי זאָל עס ווערען. (אב.)

באר י ס. סאָפּעלע, וואָס ביזטו עפּיס היינט אזא שטילינקע?

ס אָ פ י ע. איך בין היינט אַ שטילע, ווייל איך האָב פריהער צופיעל געשטיפּט. (געררויש.) געה, באָרים, זעה, ווער איז דאָרט? (באריס עפענט די טיהר. פיעל יונגע לייט און מעדכען, אללע גריסען זיך. סאָפיע ווערט מונטער.) אָה, זדראַוויע זשעלאַיעם, וואָס מאכסטו נאדיע? דיך, סאָניע, האָב איך שוין נישט געזעהן אַ וועלט מיט יאָהרען פון אייער נעכטען אָן. (אללע לאַכען) ליאָלע, דו בליהסט וויא איין אקאציע. קינדער, זיצט, נאַט איך אלע צו בלומען. (צער־רייסט איהר בוקעט.)

ב א ר י ס. (טרויעריג) אָ, מיין ארמער בוקעט.

ס אָ פ י ע. הערר „פּארמקלאפּ“, נעהמט פלאַץ, מסיו שטי־וועלבלאַט, וואָס שטעהט איהר? זאחריאפקין, איהר זיינט געוואָרען געזונד, ווי אַ סאַלדאַט. ליזע, ברענג נאָך שטולען. (ליזע ברענגט שטוהלען, אלע זעצען זיך.) באריס, דו פערנעהם דיא מענליכע געסט און איך וועל מיך בעשעפטיגען מיט דיא ווייבליכע. חאַ, חאַ, חאַ, איך וויים, דו וואָלסט בעסער געוואָלט פערקעהרט, אָבער דאָ איז צופיעל ליכט, און מאניטשקע זאָגט, אז קנייפען איז נור גוט אין דער פינסטער. (אלע לאַכען, סאָפיע זעצט זיך.)

מ א נ י ט ש ק ע. (פערשעהמט.) וואָס האָסטו אויף מיר אויסגעטראַכט, סאָפיע? איך האָב ניט געזאָגט, אז עס איז גוט — פון וואנען וויים איך? איך האָב נור געזאָגט, אז אויב אימיצער קוויטשעט אין דער פינסטער, מסתמא שטשיפּעט מען איהם. (אַלע לאַכען.)

פ ר א ד י. הלואי וואָלטען שוין אַלע אדעסער מאמזעלען גע־וואוסט אזוי פון די דאָזיגע זאכען, וויא זיא ווייסט. סאָניע, קום נאָר אהער. (אַ מיידעל געהט צו.) זאָג מיר נאָר, עס איז אמת? איך

האָב געהערט, אז דיין פריינדעל דאָבע לעמפערט... (זאָגט איהר אין אויער.) שוועסטערלעך, 5 חדשים נאָך דער חתונה און שוין....

ס אָ פ י ע. האָספּאדא, טרינקט טהעע וויא אין דער היים, און בלאָזט, איהר זאָלט זיך ניט אָבבריהען. בלאָזען שפּעטער, ווען מען בריהט זיך שוין אָב, איז זעהר ניט פּראקטיש.

ב א ר י ס. זיי זאָלען טרינקען טהעע וויא אין דער היים? וואָס מיינסטו, סאָפיע, זיי זאָלען טרינקען אָהן פּיראזשנע און מיט ווענינ צוקער? (אַלע לאַכען און טרינקען.)

ש ט ע מ פּ ע ל. ע, ע, ע, ברודער מאָטיע, וואָס האָסטו דיך שוין אָבגעדעקט 6 אוינען, דו האָסט דאָך נור פּיער. (שלעפּט צוריק דיא קאָרט.) צוויי אוינען זיינען ביי דיר איבריג, זיי מעגען דיר ארויסקריכען צוריק. (שלעפּט דיא קאָרט, פּינגערהוט לאָזט ניט.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. וואָס הייסט איבריג? ברודער, ווילסט מיך צימבלען? איך האָב געשפּיעלט אין קאָרטען נאָך דאן, ווען אויף דער וועלט איז נאָך קיין פיש ניט בעשאַפען געוואָרען. חניאָק דו, איך האָב דאָך ערשט געהאַט דיא 66.

ש ט ע מ פּ ע ל. נו, האָסטו געראַרפּט אָבדעקען נור איינע, און דו האָסט אָבגעדעקט דריי מיט א מאָל. נור איין אויג האָט א קאמבאלע, ניט דריי. (שלעפּט דיא קאָרט.) דו קאָמיסיאָנער מיט'ן פליעך...

פ י נ ג ע ר ה ו ט. נור איינע זאָגסטו? וויא קומט עס? זאָל זיין איך האָב א טעות געהאָט. זעהסט? איך גיב דיר נאָך, איך פער־דעק צוריק צוויי. (ציטערט.) קאזיר! (א פּאַטש מיט דער קאָרט איבער'ן טיש.) ארויס מיט קאָזיר! האָסט קאָזיר?

ש ט ע מ פּ ע ל. וואָס איז דאָס פאר א שווארץ יאָהר? געהסט ווייעדער מיט'ן וואלעט? דו האָסט דאָך ערשט גענומען א ווזיאַטקע מיט'ן וואלעט? דו שלעפּסט נאָר די קאזירען צוריק? מאראַווויכער דו! פושערר!

פ י נ ג ע ר ה ו ט. ווער שלעפּט דיא קאזירען צוריק? איך? ווער בין איך ביי דיר? א שולער? אמאָליגע צייטען וואָלט איך דיר צופלאָכטען דיא פּאָלקע פאר אזעלכע זאכען! פע, מען דארף שפּיע־לען א פּארטיע נור מיט אן אנשטענדיגען פּארטנער. איך שפּיעל

ניט מעהר מיט דיר! (דרעהט זי אום מיט'ן רוקען, שרייט בייז.) ע, טשערנע, דערלאנג מיר א גלאז טהעע!

שטעמפעל. ניט מיר, ברודער, קען מען מאראוויכען! איך בין מלך שטעמפעל!

טשערנע. (דערלאנגט זיי טהעע.) שא, שא, משוגעים! כדאי צו רייסען זיך איבער א שפיעל. וויא אזוי רופט איהר דאס? איך האב פערגעסען.

באריס. האספאדא, איך מאך א פארשלאג, אז מיר זאלען עטוואס בעסער זינגען תאראם. וואו איז מיין גיטארע?

סאפיע. יא, יא, זינגען, וועט מען ניט הערען וויא דיא העהנער קרעהען.

ליזע. אוי, דיא גיטארע! (זיא גיבט איהם דיא גיטארע, ער קוועטשט זיא ביי דיא פינגער, סאפיע בעמערקט עס.)

באריס. (טאנט אן דיא גיטארע.) אנו, חברה, דרוזשנא. (זינגט) ווניז פא מאטושקע פא וואלגע. (מאניטשקע כאפט אונטער פאלש.) גוואלד, גוואלד, מאניטשקע! (אלע לאכען.) ווניז פא מאטישקע. (אלע זינגען, מלך און מאטיוס טרינקען ביידע טהעע אנגע־בלאזען. סאפיע זינגט אויך מיט.)

אלע. בראווא, בראווא!

טשערנע. (זינגט.) פאשירקאמו ראזדאליו... הע, ע, איך האב אויך א מאל געזונגען. פערגעסען, טפוי זאל עס ווערען!

באריס. סאפיע זאל איצט וועלען זיין א גוטע, וואלט זיא אונז געזונגען איינעם פון איהרע ראמאנסען און איך וואלט אקאמ־פאנירט. סאפיע פאזשאלאיסטע, מאמאטשקא. (אלע בעטען.)

סאפיע. א כלה, דאכט זיך מיר, פאסט ניט צו זינגען און דערפאר ווייל עס פאסט ניט, וועל איך טאקע דוקא זינגען. עס איז א ראמאנס אויף די ווערטער פון אונזער רוסישען דיכטער, עס רופט זיך „דיא פערוועלקטע בלום“. מיר געפעלען זעהר דיא ווערטער. (דעקלאמירט.)

אין דעם שאטען פון א הויכען בוים אן אלטען,
האט געבליהט א בלום א שעהנע און א צארטע.

פלוצלונג האָט אַ בליץ דען שטאַרקען בוים צושפּאָלטען.
געניינט דאָס קעפּעל שטעהט דיא בלום, א טרוקענע, פערדאַרטע.
דיא זון געהט אויף וויא פריהער שעהן אין דעם פריהמאָרגען,
דיא פעגעל זינגען לוסטיג, דאָס לעבען קלינגט און שאַלט,
דאָס בלימעל שווייגט און וועלקט, צודריקט פון איהרע זאָרגען.
זי ווײנט פון טוי מיט טרערען... איהר איז אונמוטהיג און קאַלט...

א ל ל ע. בראַוואָ, בראַוואָסימאָ! (אפּלאָדירען.)

ב א ר י ס. יעצט נעהמט אייך צונויף מיט אַללע קרעפטען, איך וועל אייך געבען א קאָנצערט... אויפמערקזאַם! ע! זשגי, זשגי! גאוואַרי, גאוואַרי! (פערוואַרפט די האָר פון קאָפּ קאָקעטיש און שפּיעלט. ליזע הערט אויפמערקזאַם, זי צוואָווײנט זיך פלעצליך און לויפט ראַש אַב. באַריס שטעלט אַוועק דיא גיטאַר און לויפט נאָך.)

ב א ר י ס. ליזע, ליזע! וואָס איז מיט דיר, נאַר! (אַב. אַלע זייבען ערשטוינט. דאַן הערט מען זיין שטימע, דאַן אַ שטאַרקען קוש. ער פיהרט זי אַריין ביי דער האַנד.) עס איז גאָר ניט. דיא נערוועַן אַ ביסעל, מיין מוזיק א ביסעל... (שטיל צו ליזע.) קיצקע, זיי אַ קלוגעטשקע. (זעצט זיך.)

ט ש ע ר נ ע. מויד, וואָס האָסטו זיך עפּיס צוכליפּעט אין מיטען דרינגען? טפו זאָלסטו ווערען!

פ ר א ד י. נישקשה, וועסט אויך חתונה האָבען. פאַר יודישע מיידלעך איז ניטאָ קיין מאָנאַסטיר. וויא זאָגט דער גוי: אַבי קאַריטאַ, סוויני בודוט. (ליזע ווײנט העפטיגער.)

ט ש ע ר נ ע. וואָס וויינסטו, פרעג איך דיך? מויד מיינע, האָסט געזעהען א ביסעל! (ליזע פערדעקט דען קאָפּ, ווײנט לוים. פּויזע.)

ס אָ פ י ע. (פערריכטעט אַ פּאַפּיראָס. גאַנץ רוהיג.) אַ יאָ איהר ווייסט ניט, וואָס זיא ווײנט? איך ווייס. ליזע ווײנט, ווייל זיא ווייס, אז מאָרגען וועט ביי מיר קיין חתונה ניט זיין. אויף מיין חתונה וועט זי ניט טאַנצען. (אויניגע לאַכען.) עס איז ניט קיין שפּאַס. איך וועל מיט באַריס'ן ניט חתונה האָבען. איך האָב חרטה היינט, מאָרגען, ווייס איך, וועט שוין זיין שפּעט חרטה צו האָבען. (אַלע ערשטוינט.)

ט ש ע ר נ ע. וואָס איז היינט מיט אייך? טפוי זאָלט איהר ווערען! וואָס הייסט חרטה??

פ י נ ג ע ר ה ו ט. וואָס איז דאָס פאר א שפּיעל חרטה? ביי אזא שפּיעל רעמיזעט מען זיך.

ס אָ פ י ע. עס איז א ביטערער שפּיעל, איך זאָג אָבער וויא דו זאָגסט, שפּיעלען א פּארטיע דאַרף מען נור מיט אן אנשטענדיגען פּארטנער.

ש ט ע מ פּ ע ל. אויב דו מיינסט עס מיך, האָב איך דיך דאָרטען וואו איך האָב דען טאַטען דיינעם!

פ י נ ג ע ר ה ו ט. אוי שא, חאם! סאָפיע, וואָס איז דאָס פאר א פּלאַן? אזא שידוך? מאָטיע פינגערהוט'ס טאָכטער. גאַנץ אדעסס וויים, איך מאך חתונה...

ס אָ פ י ע. דיין פּלאַן בלייבט פּלאַן, דיין טאָכטער האָט חתונה, אָט דיא טאָכטער מיין איך, דער איידעם בלייבט, דיא פאָטאָגראפיע בלייבט, און איך בלייב פריי און וועל קענען ארביי־טען און געבען געלד. דו, מיר אַללע מאכען זעהר א גוט געשעפט. באריס סטאווראפּאָלסקי! איהר האָט ליעב מיין שוועסטער און איך וויל ביי מיין שוועסטער איהר גליק ניט רויבען. איהר וועט זיין א גלקליכע פּאָאר.

ב א ר י ס. (צומישט.) סאָפיע, גאָט איז מיט דיר, וואָס מיינסט דו? איך קען עס ניט פערשטעהן. וואָס רעדסטו דאָס? גאָר ניט, זיא געפעלט מיר א שטיעף טהון, יעדער מאן וואָלט זיך דאָס ערלויבט, אָבער איך שווער....

ס אָ פ י ע. דו האָסט ערשט געזאָגט דאָ, אז דו ליעבסט זיא זעהר. ווען דאָס איז וואהר, ווארום זאָל איך ביי מיין שוועסטער איהר געליעבטען רויבען? ווארום זאָל איך מיך פעראייניגען מיט א מענשען, וועלכער וועט מיר ניט געהערען מיט זיין גאנצער זעעלע, מיט זיין גאנצען לעבען?

ב א ר י ס. ניין, עס איז ניט געוועזען ערנסט. גלויב מיר, סאָפיע. דו דארפסט ניט גלויבען...

ס אָ פ י ע. דו ווילסט, אז איך זאָל דיר גלויבען, אז מען דאַרף דיר ניט גלויבען? איך ווייס עס און איך זאָג דיר, אויב דו

האָסט איהר געזאָגט א ליגען, וויל איך ניט זיין דיא פרוי פון א ליגנער! אזוי איז דאָס. מאָרגען וועלען מיר טאַנצען אויף מיין שוועסטער'ס חתונה. ליזע, איך וואָלט דיר געשענקט מיין חופּה־קלייד, אָבער ליידער עס וועט דיר ניט פּאַסען. נישקשה, אין ארעסס קען מען יעדער זאַך קריגען אויף פּראָקאַט, און א חופּה־קלייד, וועל־כעס מען גיט אויף פּראָקאַט יעדען, איז פּראַקטישער און ביללי־גער. זעהסטו, מיין צימער קענסטו האָבען אזוי וויא עס איז. (מיט טרערען.) איך האָב עס אויפגערוימט מיט געשמאַק, יעדע זאַך האָט געהאַט ביי מיר איין אנדער בעדייטונג. איך האָב גע־טרוימט עס וועט זיין א נעסט... נישקשה, אייער וואַהרע ליעבע וועט קענען בליהען אויף אין א פרעמדען נעסט. אָבער גענוג טענה'ן, איך בין קיין כלה מעהר און דער שידוך איז קיין שידוך מעהר.

ב א ר י ס. סאָפיע, בעדענק דיך וואָס דו טהוסט! דו האָסט אָפּען דאָ פאַר מענשען...

ס אָ פ י ע. טהוט א מענש עטוואָס, דאַרף ער פיהלען, אז ער האָט א רעכט דאָס צו טהאָן, און אויב ער האָט רעכט, דאַרף ער עס טהאָן אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט.

ב א ר י ס. אָבער גאָט איז מיט דיר, סאָפיע, וויא קענסטו דו האָסט פערגעסען?

ס אָ פ י ע. איך האָב גאָר ניט פערגעסען, אויך דאָס דאַרף וויסען דיא גאַנצע וועלט.

ב א ר י ס. וואָס ווילסטו טהון? (ער לאָזט זיא ניט רעדען, זיא בעפרייט זיך.)

ס אָ פ י ע. יא, אויך דאָס דאַרף די גאַנצע וועלט וויסען. איך פיהל, דאָס איך וועל דאַרפען מוטער ווערען. איך שעהם מיך ניט, איך האָב דעם מענשען געליעבט און ווער עס ליעבט טריי, מוז טרויען, גלויבען, אללעס אין דער וועלט אָפּפערען. יא, איך האָב געטרויט און געאָפּפערט, דאָס אָבער וועט מיך ניט צווינגען חתונה צו האָבען פאַר איהם, ווען איך פיהל און פערשטעה, אז איך דאַרף זיין פרוי ניט זיין.

ט ש ע ר נ ע. אוי, וועה איז מיר, וואס פאר אן אונגליק! וועה איז מיר! (וויינט.)

מ א נ י ט ש ק ע. וואס בעדייטעט דאס? וואס זאגט זיא, מאמע?

פ ר א ד י. שטיל! דו דארפסט עס ניט וויסען. קום אהיים, מלך, קום אהיים!

מ ל ך. א היים. מע שלעפט דא דיא קאזירעם פון פעסיל. (אלע שטעהען אויף, קוקען מיט פעראכטונג אויף סאפיע'ן.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. וואס האסטו געטהאן? בערעכען! א א קלוגע מאמזעל דערצעהלט אזעלכע זאכען?

ס א פ י ע. איך געה ארוים אפפען פאר דער גאנצער וועלט און זאג, איך בין געוועזען בלינד, איך האב געטהאן א פעהלער, עס איז מיין טעות און מיין אונגליק. עס איז קיינעמם זאכע ניט, איך נעהם אויף זיך אליין דיא פעראנטווארטליכקייט! פרעמדע מענשען מט זייער פאלשע פרומקייט און שיינהייליגקייט, מיט זייער אבלאכען און פערשפאטען, וועלען מיך ניט צווינגען, צו פערשטי־קען, פערבארגען דיא ווארהייט און טהון עטוואס געגען מיינע גע־פיהלען. אויב איך וועל מוטער זיין, וועל איך אליין קענען זארגען פאר מיין קינד! מיך שרעקט קיין זאך ניט, איך וויל זיין פריי און עהרליך אין מיינע טהאטען, עהרליך וויא איך פערשטעה, ניט ווי די מומע פראדי און דער פעטער מלך, און זיי אלע!...

פ ר א ד י. (בעליידיגט.) קומט, קומט אוועק פון דאנען, שוועסטערליך, און איך האב געלאכט פון דאבע לעמפערט'ס. איך האב ניט געוואוסט אז מע טאר ניט רעדען פון א געהאנגענעם, ווען איין געהאנגענער איז דא אין דער משפחה. אהיים! (אלע מעד־כען טהוען זיך אן.)

ס א פ י ע. איהר אנטלויפט? איהר שעהמט אייך שוין מיט מיר? חא! חא! חא! אין דער פינסטער קנייפען זיך ערלויבט איהר, אבער אפען ליעבען, אפען, וויא אונזערע וואהרע געפיהלע דיקטירען אונז, דאס איז א שאנדע. יא, עס וועט מיר זיין זעהר ביטער צו וויסען, אז מענשען שעהמען זיך מיט מיר, עס וואלט מיר אבער געוועזען פיעל ביטערער צו פיהלען, דאס אך דארף מיך שעהמען

מיט מיר אליין. (לאכט און וויינט.) מוסיא פינגערהוט, עס איז א ביסעל א לא גאריבאלדי דע פאמפאדור, הא? עס מאכט ניט אויס. און דאס וואס זיי, דיא אונשולדיגע, אנטלויפען, שרעקט מיך אויך ניט. מיר איז נור שווער צו פיהלען, אז אלע מיינע האפנונגען, אלע מיינע ערווארטונגען, אלע מיינע זיסע טרוימע... אוי, אוי! (פאלט צום טיש מיט'ן קאפ און וויינט ביטער.)

(פארהאנג.)

צווייטער אַקט.

(אַ זאַל ביי שטעמפּעל אין הויז. רייכע מעבעל אָהן געשמאַק, אַ פּיאַנאָ, מאַניטשקע, שעהן אויסגעפּוצט, שטעהט ביי איינער פון דיא איננערסטע טהירען און קוקט אריין בגנבה. פראדי קומט אריין, מאַניטשקע דערשרעקט זיך און שפּרינגט אָב פון דער טהיר.)

פ ר א ד י. וואָס האָסטו געטהאָן, דו גנב? האָסט אריינגעקוקט צו איהם, הא?

מ א נ י ט ש ק ע. (פערשעהמט.) איך האָב געוואָלט וויסען, וואָס ער טהוט. פריהער, באַלד נאָכמיטאַג האָט ער... אוי, איך שעהם מיך צו זאָגען.

פ ר א ד י. מיר מעגסטו זאָגען, נאַר, אַ מאַמע ווייסט אַלעס.

מ א נ י ט ש ק ע. ער האָט אויסגעטהאָן דעם ראָק און האָט זיך געלייגט אויף דער קושעטקע.

פ ר א ד י. דאָס איז ביי דיר א חידוש? ער איז מיעד פון וועג. אַ קלייניגקייט, דריי טעג העצקען זיך אויף דיא אייזענבאַהנען.

מ א נ י ט ש ק ע. און ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער זיך אָבגעוואַשען. פריסקע האָט איהם דערלאַנגט וואַסער. אַליין איז ער אַ שוואַרצער, און זיין לייב איז וויים וויא זילבער, אוי, איך מיין דיא הענד... אָט דאָ... ביז דאַנען... (שעהמט זיך) און איצטער האָט ער זיך ארויסגערוקט דורכ'ן פענסטער און קוקט אויף דער גאַס.

פ ר א ד י. אַ חידוש נו, ער האָט אַזאַ צייט ניט געזעהן אדעסס — דיא גאַנצע שטאָדט וויים דאָך שוין אז ער איז דאָ. מען שאַלנט אָב דיא טיהרען. טראַכטענבערגשע איז געקומען יאַקבי לייען אַ שעריל, פריילין סמיק איז געקומען פרעגען וויפיעל איז דער זייגער, זייער זייגער האָט זיך יאַקבי געשטעלט, פון דיא חלאַמזיקעס

איז מען דאַ געווען צוויי מאָל, אלע ווילען איהם נור זעהען. מאַ־ניטשקע, אלע מיידלעך ווערען דיך מקנא זיין און עס איז דאַ וואָס.

מ א נ י ט ש ק ע. (פערשעהמט.) אוי, מאמע, איך פערשטעה ניט וואָס דו מיינסט. זאָג בעסער, מיר פאַסט אָט דיא רויטע לענטע? אוי, ווער געהט? (שטעמפעל קומט אין אַ פערשמאָלצענעם ראָק.)

פ ר א ד י. דו האָסט שוין פערשלאָסען דיא קלייט? קלאַפּ ניט מיט דיינע טשאַבאַטעס.

ש ט ע מ פ ע ל. היינט האָב איך מיך אומיסטען פריהער אופגעוועט צוליעב דעם גאַסט. וואו איז דער בחור? דאָרטען? דריכנעט נאָך, הא?

פ ר א ד י. שאַ! ווארף אראָפּ פון זיך דיין פערשמאָלצענעם פאַלמעריסטאַן, עס שמעקט פון דיר פיש, גלייך דו האָסט מיט זיך געבראַכט דעם גאַנצען ריבנע ריאַד.

ש ט ע מ פ ע ל. וויא? עס שמעקט? איך האָב היינט אראָב־געשטופּט איין גאַנצע פּאַרטיע ניט קיין פרישען טשוכאָן. מאַ־ניטשקע, גיב מיר מיין חאַלאַט. (זיא געהמט זיין ראָק מיט דיא שפּיץ פינגער און גיבט איהם דעם חאַלאַט.) ע, האָספּאָדין סקאָוראָדין! (עפענט דיא טהיר.) מאַניטשקע, ער וועט זיך ארויסחליופען פון פענסטער. געה האַלט איהם צו פאַר די הינטערשטע פּיס־נאָהעס.

מ א נ י ט ש ק ע. אוי, פאַפּאַ, אזוי צו רעדען! אוי, ער געהט, דאַכט זיך, אהער!

פ ר א ד י. (שטיל.) זאָג דעם אמת, ער האָט דיך שוין גע־קושט?

מ א נ י ט ש ק ע. נור צוויי מאָל. (פערשעהמט.) אוי, שאַ! (אַפּפּאַלאָן קומט אריין פון זיין צימער.)

ש ט ע מ פ ע ל. נו, האָסט דיך שוין אַ ביסעל אויסגעטשר־בעט? לאָז מען אונז געבען טהעע. פון וועג קומט מען שטענדיג מיט געבראָכענע ביינער.

פ ר א ד י. איהר וועט טרינקען טהעע? בין איך דאָך אַ חכמה, וואָס איך האָב געהייסען פריסקען שטעלען דעם סאַמאָוואר. איך גיב אייך שוין טהעע. אָה, הערר זאַנגענשיין, צי וויא אזוי זאָל

איך אייך רופען? האָב איך סובערלעך! עס צונגעהט אין מויל. איהר וועט אומיסטען פערזוכען. (אב.)

א פ א ל ל א ן. מערקווירדיג, וויא אדעסס האָט זיך איבער־געביטען פאר דער צייט. זיא איז געוואָרען פיעל שעהנער. ניט אומזיסט רופט מען אדעם „יוזשנאיא קראַסאַוויצא". פושקינסקי גאס קען מען נאָר ניט דערקענען, דאָס האָט ראלי אויסגעבויעט אזא מויער? אָה, וויפיעל ערינערונגען אויף יעדען טריט און שריט וועט־נען דיא פערגאַנגענע גליקליכע קינדער יאָהרען! אויך איהר, מאַ־ניטשקע, זייט פערענדערט געוואָרען... צום בעסערען...

מ א נ י ט ש ק ע. (פערשעהמט.) איך וויים ניט, איך יעה זיך אַלטע טאָג, בעמערק איך ניט.

ש ט ע מ פ ע ל. וואָס דען מיינסטו, ברודער? פערגעס ניט, ביזט שוין אין אדעסס ניט געוועזען א האַלב צעהנדליג יאָהרען. אין דער צייט איז אוועקגעשוואומען א סך פיש.

א פ א ל ל א ן. (געהט צור פיאנא.) דאָס איז ביי אייך א נייע פיאנא? (נעהמט איין אקקאָרד.) פוי!

ש ט ע מ פ ע ל. פוי נאָר! פונקט אזא פאָרטאָפּיאַן האָט דער וואָיענער דאָקטאָר ראָזען. ער איז א דעסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק, א גענעראַל מיט רויטע פאדקלאדקע. ברודער, האָסט זיך אריינגעכאַפּט אין פעסעל...

א פ א ל ל א ן. מיט רויטע פאדקלאדקע א גענעראַל? אָה! דאַרף עס זיין גוט. נו און איהר, מאַניטשקע, וויא ווייט זייט איהר מיט אייער מוזיק?

ש ט ע מ פ ע ל. ע, זי האָט שוין לאַנג אפּטאַוועט. ווי זאָגט מען: ניט יעדע פיש איז א טאַראַן.

מ א נ י ט ש ק א. דיא לעהרער האָבען געזאָגט איך האָב גוטע פינגער, אָבער זעהר א שלעכט אויער. (שעהמט זיך.)

א פ א ל ל א ן. הייסט עס, איהר וועט שוין געווים מיר קיין קאָנקורענט זיין?

מ א נ י ט ש ק ע. (שמייכעלט.) איך פערשטעה ניט, וואָס איהר מיינט.

ש ט ע מ פ ע ל. וואָס פערשטעהסטו ניט? ער זאָגט דו וועסט איהם ניט זיין קיין שונא.

א פ א ל א ן. נו, און וואָס גיבט עס זאָנסט נייעס אין אדעסס? איז דאָ דעם ווינטער ביי אייך געווען א גוטע איטאַליענישע אָפּערא. (פראַדי מיט טהעע.)

מ א נ י ט ש ק ע. איך קען אייך ניט זאָגען, איך האָב דעם ווינטער איין מאָל געזעהען „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקא". אָט סאָפיע, זיא ווייס אלע אָפּעראַס און אלע ליעדער, זיא וועט דאָ זיין היינט, איך האָב זיא געבעטען זיא זאָל קומען.

פ ר א ד י. זי! א שלאַג האָט מיך געטראָפען!

א פ א ל ל א ן. (שטעהט אויף ערשראָקען.) וואָס איז געשעהן?

פ ר א ד י. פערזוכט מיינע סוכערלעך — אַן אַנטיקעל! (שטיל צו מאַניטשקען) ביזט אראָפּ פון זיננען? זי איינלאַדען, ווען אַזאַ גאַסט? אוי!...

מ א נ י ט ש ק ע. זי קען רעדען אַלע זאַכען בעסער פון אונז און עס וועט זי קרענקען אויך...

א פ א ל ל א ן. סאָפיע? דאָס איז אייער פריינטיל? הארט אוים, וויא אַזוי רופט מען איהר פאָטער? אזא טשודאַק... לעבט ער נאָך מיט דיא באַקענבערד און מיט דער גאַנצער לבנה אויף זיין קאָפּ? (טרינקט טהעע.)

מ א נ י ט ש ק ע. זיין נאָמען איז מאַטיוס פינגערהוט — סאָפיע איז זיין טאָכטער, ער איז מיין אָנקעל.

א פ א ל ל א ן. אך, יא, מאַטיוס פינגערהוט! א פראַנט מיט א צילינדער. פון פאָרענט די שטיוועל אויסגעפּוצט, פון הינטען אויסגעקרימט. סאָפיע איז זיין טאָכטער? דאַכט זיך, א מאָל געווען ניט קיין מיאוסע. וואָס־זשע, זי האָט נאָך ניט חתונה געהאַט? אהא, איך מיין, זי דאַרף שוין זיין א מאַמזעל אין יאָהרען.

פ ר א ד י. יא, אין יאָהרען... א מאַמזעל אומשטיינס געזאָגט. מיט א יאָהר 5 צוריק האָט זי שיער ניט חתונה געהאַט, אָבער עס האָט זיך געטראָפען א סיבה. ניט דאָ גערעכט... אַזוי... ווייס איך וואָס. א דריי יאָהר זיינען מיר געווען מיט זיי אלע פון דער ווייטען, אפילו ניט גערעדט... חלילה! איצט, אז עס איז שטיל

געוואָרען, קומען זיי אַ מאָל, איהר מאַמע איז דאָך מלך׳ם שוועסטער. (שטיל.) דו האָסט זי נעטהיג דאָ געדארפט? אַ שעהנער יחוס אין דער משפחה.

ש ט ע מ פּ ע ל. פּרימערנא, וויא זאָגט מען, אויף איין קרויטשאָק כאַפּט זיך ארויף אַ שלייען, אַן אָקון, אַ ליאַשץ: ראזנע פיש, ראזנע מענשען.

מ א נ י ט ש ק ע. איהר צווייטע שוועסטער, ליזע, האָט חתונה געהאט פאר אַ פאָטאָגראף, בארים סטאווראפּאָלסקי. איהר קענט איהם? געוועזן אַ מאָל זעהר אַ שעהנער, איצט געפעהלט ער מיר גיט.

ש ט ע מ פּ ע ל. ער ליעגט איצט אין דער ערד מיט זיין טיפּאָגראפיע.

מ א נ י ט ש ק ע. פאָטאָגראפיע מיינסטו.

ש ט ע מ פּ ע ל. יא, טיפּאָגראפיע... און באקט בייגעל. ער שוארצט זיך נעבאך, ווי אַ ביטשאַק אויף אַ סקאוורעדע.

פּ ר א ד י. און זי נעבעך, זיין ווייב די ליזע, זי האָט די טשאַ־כאָטקע, ניט פאר מיר געדאַכט. (פערטרוויליך.) איהר הערט? ביי סאָפיען האָדעוועט זיך אַ מיידעלע, שוין דאָס פינפטע יאָהר, דאָס איז אזוי צו זאָגען איהר שוועסטער ליזעס ערשטע קינד.

ש ט ע מ פּ ע ל. זי איז זעהר אַ בידאָווע, אָט די סאָפיע. פון אָנפאנג ווען זי איז ארוים מיט דער ריבאָלאָווסטווע, איז איהר געוועזן זעהר שווער. זיא האָט זיך געשלאָגען וויא אַ פּיש אין אייז, נעלאכט האָבען פון איהר אי זשוק אי זשאבא, יעדע זלידניא האָט זיא געשטורכעט, — זיא האָט זיך אָבער פאָרט ארויסגעקראַבקעט. זי פערדיענט איצט ביז 75 רובעל אַ חודש, אַ בריה, אַ רוח אין איהר טאַטענס פּיסק אריין.

א פּ א ל ל א ן. (שטעהט אויף, איראָניש.) זעהר, זעהר אינ־טערעסאנטע נייעס, אָבער ליידער, איך מוז אייך אויף אַ קורצע צייט פערלאָזען, איך וועל מיך געהן אַ ביסעל איבערטהאָן. איך דארף היינט מאַכען אַ פּאָר וויזיטען. מאַדאַם שטעמפעל, אייערע סובערלעך — אַ מייסטערווערק, זיי זיינען זעהר שטאָפּיג און איך מיין, זעהר גוט צו מאָגען־קאטאַר.

פ ר א ד י. זייַ זענען גוט צו אַלע זאַכען. (אפּאללאָן געהט.)

מ א נ ט ש ק ע. (שטעהט אויף.) אך, איהר געהט אוועק? סאָפיע וועט קומען און אנדערע. איך האָב סאָפיען צוגעזאָגט....

א פּ א ל ל א ן. זאָגאר סאָפיע? ווי איך זעה, איז זי זעהר א גרויסע פּערזענליכקייט, הם! איך מוז אָבער נאָך היינט בעזוכען מיין אַלטען גוטען פריינד און טהייערען לעהרער פעלדרוי. איך האָב צו איהם וויכטיגע בריעף פון פּעטערסבורג. נישקשה, מאַ־ניטשקע, איך וועל ניט פערשפּעטיגען צו בעקענען זיך מיט פרייליין סאָפיע פינגערהוט, אויב איך וועל עס געפינען פיר נעטהיג. (אב אין זיין צימער.)

פ ר א ד י. (שטיל צו מאַניען.) זאָל דיך גאָט היטען, פּלאַפּ־לען! א קליינינקייט, א קינד אָהן א טאַטען איז דאָך ערגער ווי א משומד אין דער משפחה. האָסט בעסער געהערט, מלך? מען זאָגט פריעדמאַן דער וויַיצהענדלער האָט צוויי סאַדערזשאַנקעס, איינע א ברוינעטקע, און איינע א בלאָנדינקע. יא! הערסט!... איז זונ־טאג (שטיל) און מאָנטאג... (זאָגט איהם אויפ'ן אויער.)

ש ט ע מ פּ ע ל. מאַראַטשע מיך ניט! מאַניטשקע, דו האָסט סאָפיען ניט געדאַרפט איינלאַדען, זי איז ביי אונז ניט אַזאַ בע־לאַריבצע אין דער משפחה, און, „איבערן הויפּט" וואָס קען איהם אינטערעסירען אַזאַ אַסאָבע?. (זופּט טהעע. א געגרויש.) שאַ, ווער שווימט עס? טיו! סקומבריא! סקומבריא! (מעדכען קומען, מאַניטשקע לויפט זיי אנטקעגען, קושען זיך, האַן זעצען זיי זיך אַלע אַן א זייט.)

א ל ל ע. מיט ליעב אייך מיט אייער גאַסט, מאַניטשקע.

א י י נ ע. ווען איז ער געקומען?

צ ו ו י י ט ע. ער איז דאָ איצט?

ד ר י ט ע. וויא זעהט ער אוים? איז ער א גרויסער? אַזוי א שטאַרקער?

ע ר ש ט ע. ער... (זאָגט מאַניטשקען אויפ'ן אויער.)

מ א נ י ט ש ק ע. משוגענע, דיא מאַמע קען דערהערען.

א ל ל ע. איז ער שעהנער געוואָרען?

מ א נ י ט ש ק ע. איהר וועט איהם באַלד זעהן. וויא מיר

ווייזט אויס, איז ער געוואָרען מיאוס. ער ווייזט שוין ניט אויס וויא א קאוואַליער, ער ווייזט אויס וויא א מאַן.

פ ר א ד י. אָט דאָס איז א חסרון ביי דיר? אוי, דו נאַר. מאַמזעלען, וועט איהר טרינקען טהעע? (נייון, דאַנקע.) איהר האָט געהערט? טייטעלבוים׳ס שנור, אָט דיא קורנאָסע, זיא האָט דאָך.... אוי, (דערצעהלט שטיל.) שא, ווער געהט עם נאָך? (טשערנע און מאַטיוס קומען. פראדי ווינקט מיט איין אויג צו די מייד־לאך.) איהר זעהט, פּאָרט אייגענע. זיי ווארטען ניט, מען זאָל זיי בעטען. וואָס מאכסטו, טשערנע? (קושען זיך.)

ש ט ע מ פּ ע ל. דיא פּאהאַוואַרקע זאָגט, א ניט געבעטענער גאַסט איז ערגער פון א טאָטער. נו, זיצט. דו רויכערסט נאָך אַלץ פון באקומס פאבריקע? נא, רויכער, כאַפּט דיך דער וואַטעל־מאַכער...

מ א ט י ו ס. (שמעקט.) ביי אייך שמעקט מיט רויהע פיש. איי־דערמען לאָזט איהם צווישען מענשען, דארף מען איהם גוט אויספּלאַש־צען אין א מולטער מיט וואַסער. אזוי ווי א קינד, מיט וועלכען עס טרעפט זיך איין אונגליק. (פערררויכערט, שטעקט אריין דיא פּאַפּי־דאָס אין זיין לאַנגען פּאַפּיראָסניק.)

ט ש ע ר נ ע. וואָס זאָגסטו פּאָרט, איך האָב ווייעדער פער־געסען דעם קינד׳ס בילד — א קאָפּ, טפוי זאָל עס ווערען... אזוי פיעל מאָל צוגעזאָגט...

פ ר א ד י. דעם קינד׳ס בילד! אך, שאדע! הם, הם! (ווינקט צו דיא מאַמזעלען, זיי מאַכען אַלע גרימאַסען) נו, נישקשה, וועסט ברייננען איין אנדער מאָל. ניט קיין אונגליק...

ט ש ע ר נ ע. וואָס האָט זיא היינט עפּעס געזאָגט פאַר א חכמה? מיר האָבען אזוי געלאַכט... ע, פערגעסען. א קאָפּ, טפוי זאָל עס ווערען!

פ ר א ד י. (שטיל צו א מעדכען.) נו, יא, זיא האָט א ממזר׳שען קאָפּ אויף זיך...

מ א ט י ו ס. וואָס איז ביי דיר דאָס א נייער אינסטרומענט? (ציינט אויף דער פּיאַנאָ.)

ש ט ע מ פּ ע ל. איין אינסטרומענט גאָר? וואָס מיינסטו,

איך בין איין סטאָליער? דאָס איז איין פּאַרטאָפּיאַן... אַז ער האָט זיך שוין יאָ אויסגעקראַצט צו קומען, האָב איך שוין צוגעגרייט אַ נייעם און אַ טייערען, ווי דו זאָגסט, אַ ווערסטאַק. ברודער, מיר האָבען שוין געמיינט, אַז פון דער גאַנצער קאָממערציע וועט אַרויס־קומען פוילע פּיש, ערשט ויבאָ ער איז דאָ. זיין „קאָנסעמאַטאָרי“ האָט מיך גענוג געקאָסט... שאַ!.. (אַ געררויש) (אַפּאַללאָן פון זיין צימער אין אַ שוואַרצען ראָק מיט נייע תּאַנדשות, נייגט זיך העפליך.) אָט דאָס איז דער בחור, אַ קאַרפּ, האַ?

מ אַ ט י ו ס. איך האָב דיאַ עהרע... איך האָב איהנען גע־קענט, ווען איהר האָט נאָך געקענט שפּאַצירען אונטער אַ בילאַרד... מאַטיוס פינגערהוט, מאַדאַם פינגערהוט. (נייגט זיך קאָמיש.)

אַ פּ אַ ל לאָ ן. (האַלט זיך קוים איין פון לאַכען.) עס פרעהט מיך זעהר. יאָ, איך ערינגער מיך. דער זעלבער הערר מאַטיוס פינגערהוט. יאָ, יאָ,

מ אַ נ י ט ש ק ע. (געהט צו איהם.) ערלויבט מיר צו רעקאָ־מענדירען: מאַשע טראַכטענבערג, ביילע הוזיק... פריילין סמיק....

אַ פּ אַ ל ל אָ ן. (פערבייסט אַ ליפּ.) הוזיק? עס פרעהט מיך זעהר, פריילין סמיק — זעהר אנגענעהם. (דריקט זיי דיאַ הענד.)

פּ ר אַ ד י. (צו אַפּאַללאָן.) זיצט אַ ביסעל מיט אונז. וואָס זאָלען מיר טהאָן, אַז מענשען זיינען דאָך געקומען און ווילען זעהען אונזער חתן? זאָלען זיי זעהן, אַז סע איז, קיין עין הרע, דאָ וואָס צו זעהן.

ש מ ע מ פּ ע ל. זעה בעסער וויאַ אונזער מיזינקע שעהמט זיך. הע, הע, הע!

מ אַ ט י ו ס. אַ מאָל האָט דער „עפּיקעט“ געפאָדערט, מייד־לעך זאָלען זיך שעהמען, היינט איז שעהמען אַרויס פון דער מאָדע. ווער שעהמט זיך אין אונזערע צייטען? (גלעט דען פליער.) זיצט מיט אונז, מוסיו.

אַ פּ אַ ל ל אָ ן. (זעצט זיך.) איך קען ליידער לאַנג מיט די געסט ניט זיצען. איך מוז היינט אונבעדינגט אַ פּאָאַר וויזיטען מאַכען. (ציהט אָן דיאַ האַנדשוה.)

מ ל ך. אוי, ברודער, דו נעהם בעסער און גיב אונז א שפיעל א ביסעל — טראך, טאראראך!

א פ א ל ל א ן. א ביסעל א שפיעל. (ערנסט.) ניין, ניין, היינט נים. היינט געווים נים.

ש ט ע מ פ ע ל. אזוי, נור א פּאָר שטוקעס און נאָכדעם ווע־לען מיר עפּעס נעהמען אין מויל. איך האָב געבראכט קעפאלנע איקרא און האָב א פלעשעל ראָם יאמאיסקי...

א פ א ל ל א ן. ניין, דאנקע, איך מוז געהן.

מ א ט י ו ס. איך געדענק, מיט א יאָהר 20—15 צוריק האָט דאָ אין אדעסס געגעבען א קאָנצערט א בעריהמטער פּיאניסט וועניאוואסקי. איך בין געוועזן א בעלן איהם צו הערען. דאָס קען זיך נור מאטיוס פינגערהוט ערלויבען. 5 קערבלעך פאר א בילעט. אָבער עס איז געוועזן כדאי. איך זאָג איהנען, זאָ וואס האָב איך „ניכט“ געהערט.

א פ א ל א ן. יא, ריכטיג, זא וואס האָט איהר ניט געהערט. (לאכט.)

מ א ט י ו ס. וויא מיינען זיא? איך זאג, דאָס דער דיזער... דאָזיגער וועניאוואסקי האָט געשפּיעלט, פּם!

א פ א ל א ן. יא, ווענאיאוואסקי האָט זעהר גוט געשפּיעלט, אָבער ער איז ניט געוועזן קיין פּיאניסט, ער האָט געשפּיעלט פּיעדעל.

מ א ט י ו ס. פּיעדעל, זאָגט איהר? הם! וויא קומט דאָס? איך וועל אייך זאָגען, אזוי פיעל יאָהר צוריק, איך געדענק ניט, צו פיעדעל צו פּיאנאָ, אבער ער האָט געשפּיעלט גרויסארטיג.

א פ א ל א ן. אויסגעצייכענט! (שטעהט אויף, נעהמט זיין הוט.) אלזאָ!

ש ט ע מ פ ע ל. ברודער מאָטיע, ביזט אין פעסעל... חא! חא! חא!

מ א נ י ט ש ק ע. (געהט צו איהם, פערשעמט.) דיא מאמזע־לען ווילען אזוי, איהר זאָלט עטוואָס שפּיעלען.

א פ א ל א ן. (ענטשלאָסען.) ניין! היינט ניט! מיינט ניט, מאניטשקע, מען קען און מען דארף צו יעדער צייט פיר יעדען איינ־ציגען שפּיעלען. ענטשולדיגט, מיינע הערשאפטען. איך געה!

מ א נ י ט ש ק ע. (ערשראָקען) סאָפיע וועט געווים קומען, איך האָב זיא אַזוי געבעטען. זי וועט בעז ווערען. זיא איז זעהר אַ שטאָלצע.

א פ א ל א ן. זעהר אַ שטאָלצע אויך! דאָך, איך האָף, שרעק־ליכעס וועט ניט פּאַסירען. און אויב זי וועט בעז ווערען, וועט איהר זי געווים קענען איבערבעטען. אויפּס וויערערזעהן! (נייגט זיך צו אַלע מיט׳ן רוקען צור טהיר.)

(סאָפיע אריין אין טיער. שעהן, ניט רייך, אָבער זעהר עלעגאַנט גע־קליידעט.)

מ א נ י ט ש ק ע. און אָט איז סאָפיע! (אַלע צייגען זיך פריינדליך צו איהר.)

פ ר א ד י. שקאַציל קומט, אויף דיר האָבען מיר זיך געווים ניט געריכט. (אפּאלאן קעהרט זיך אום צוריק, בלייבט שטעהען.)

ס אָ פ י ע. איך בין געקומען, מומע פראדי, אויף איין מי־נוט. מאניטשקע האָט מיך זעהר שטארק געבעטען. (נעהמט געגען שפּיעגעל איהר הוט אַראָב.) אוי, איך בין מיעד! ערשט געענדיגט די אַרבייט... און דאָס איז דער בעריהמטער חתן פון דער „קאָנ־סעמאַטאָריע“? (אפּאלאן נייגט זיך.) וואָס־זשע, איהר האָט שוין אָפּגעגעסען פיש, און איהר געהט שוין? (מלך קוקט אויף איהר בעז. אב צו זיך אין צימער.)

א פ א ל א ן. פיש האָב איך נאָך ניט געגעסען, אָבער איך האָב געדענקט צו בעזוכען מיין אַלטען גוטען לעהרער פעלדוי. איהר האָט געהערט דען נאָמען?

ס אָ פ י ע. ווער האָט אין אדעסס ניט געהערט פון דיעזען אַלטען גוטען בראַווען קינסטלער, וועלכער האָט פיר דיא מוזיקאַ־לישע וועלט זאָ פיעל געלייסטעט און וועלכער האָט זאָ פיעל טאַ־לענטפאָללע שילער? איך וויים, איהר זייט אויך זיין שילער, איך האָב אָבער אייך ניט געמיינט מיט׳ן וואָרט „טאַלאַנטפאָלע“. (זעצט זיך.)

א פ א ל א ן. פיר אייער גוטעס וואָרט וועגען מיין לעהרער דאַנקע. פערלאַנגט איהר פיליכט אויך איך זאָל בלייבען?

ס אָ פ י ע. אויב איך פערלאַנג? דאָס פאַלט מיר גאָר ניט

איין. מומע פראדי, אז איך בין שוין יא דאָ, נעהמט מיך צו פּאר א גאַסט און גיט מיר א גלאָז טהעע. הערר זאַננענשיין, אויב איהר ווילט בלייבען מיט אונז, האָב איך געוויס ניט דאגעגען, נור אויב איהר דארפט געהן, וואג איך אייך ניט צוריק צו האלטען... (קעהרט זיך אָב פון איהם.) מאניטשקע, קום נור אהער. זעהט נור וויא זי שיינט היינט! דאָ איז יעטצט ווירקליך זאַננענשיין!. (גע־לעכטער.)

מ א ט י ו ס. חא! חא! חא! איהר הערט? זאַננענשיין! זיא איז אזא גנב וויא דער טאטע איהרער. (גלעט דען קאָפּ.) (אפּא־לאן האָט ניעדערגעלייגט זיין הוט אויף דיא פּיאנאָ, ארונטערגענומען די האַנדשוה און האָט זיך געזעצט נעבען פּיאנאָ מיט'ן רוקען צו דיא קלאַ־ווישען.)

ט ש ע ר נ ע. אך, דו זאָלסט זיין בעסער געראָטען אין איהר, וואָלט געוועזען א סך בעסער.

פ ר א ד י. (שטיל, צו אפּאלאן.) אויב איהר דארפט געהן, דארפט איהר זיך ניט מיט איהר „זשעמעניררען“.

א פּ א ל א ן. עס מאַכט ניט אוים. (צו סאָפּיע.) מע זאָגט, אז איהר זייט זעהר א פליסיגע אָפּערא בעזוכערין.

ס אָ פּ י ע. איך געה איין מאָל אין דער וואָך אין דער אָפּערא. דאמיט געווין איך צוויי זאכען: איך הער גוטע מוזיק און ווען איך הער מוזיק, קען איך ניט הערען קיין נארישקייטען. דאָס אונגליק איז נור וואָס עס איז דאָ אנטראקטען.

א פּ א ל א ן. עס מוז זיין איין אנטראקט... צווישען די אק־טען זאָל דאָס אויער אָברוהען. (מלך קומט צוריק מיט א פרישע גלאָז טיי. זעצט זיך ביי איין אַנדער טיש.)

ס אָ פּ י ע. אָנשטאָט אָבצורוהען, דארף מען הערען קריטי־קען פון אונזערע מבינים... ביי איינעם האָט דער טאטע געשפּיעלט אויף א טראָמבאן, רעכענט ער זיך פאר א פאך־מאן אין מוזיק און מאַכט א תל פון וואגנער מיט איין פערדישען הירזשע. (ער לאָכט.) דער אנדערער איז א גרויסער מבין אויף מוזיק דערפאר, וואָס זיין באָבע קויפט אַלע ערב שבת פיש ביי מיין אָנקעל ר' מלך שטעמ־

פּעל! (אַלע לאַכען. מלך זופּט טהעע בייז.) איהר ווייסט דאָך וויא מיין אָנקעל שטעהט איצט נאָהענט צו מוזיק.

א פּ א ל א ן. (שטיל) ער שטעהט פיליכט נאָהנט צו מוזיק, אָבער איך ווייס ניט, אויף וויפיעל דיא מוזיק שטעהט נאָהענט צו איהם.

ס אָ פּ י ע. ביי אונז האָבען היינטיגען ווינטער קאָנצערטירט עטליכע גוטע פּיאניסטען — איך האָב געהערט פּאכמאַנ'ן.

מ א ט י ו ס. זעה נור, סאָפּיע, שפּיעלט ניט דיין פּיאניסט פיעדעל, אזוי וויא מיינער?

ס אָ פּ י ע. פיעדעל גאָר? הם, וויא קומט עס? האָסט דיך שוין מסתמא אריינגעכאַפּט דאָ, הא?

ש ט ע מ פּ ע ל. ברודער מאָטיע, ביזט אין פּעסעל, הא? חע! חע! (לאַכען.)

ס אָ פּ י ע. אינטערעסאַנט צו הערען אייער מיינונג וועגען פּאכמאַנ'ן.

א פּ א ל א ן. פּאכמאַן? ער איז א מערקווירדיגער שאָפּע־ניסט. איך האָב איהם זעהר ליעב צו הערען, ער איז א וואהרער פּאָעט. א מאָל לייגט ער א ביסעל און איז א ביסעל משוגע, אָבער דאָס מאַכט ניט. דיעזע שוואַכהייטען האָבען אַלע פּאָעטען. (קעהרט זיך אום, פאַנגט אָן שפּיעלען. אַלע הערען געשפּאַנט, אויסער מלך, וועלכער טאָפּעט מיט דיא פיס, רייבט סירניקלעך און רויכט. ווען ער ענדיגט, אַפּלאָדירען אַלע אויסער סאָפּיע. ער בלייבט ביי דער פּיאנאָ און פאַנטאַזירט.)

ס אָ פּ י ע. (שטיל.) מאַניטשקע, ער איז זעהר א גוטער פּיאניסט. ביזט פערילעבט, הא?

מ א נ י ט ש ק ע. איך ווייס ניט. אפשר שפּעטער... איצט איז עפּיס אזוי... איך האָב מורא...

ס אָ פּ י ע. און וואָס הערט זיך מיט דיין ראָמאן? דער פּרי־קאַשציק מיט דיא שווארצע אויגען?

מ א נ י ט ש ק ע. א יאָ, ער איז א קראַסאַוועץ. אה, איהם זעהסטו... (פערכאַפּט זיך) אָבער וואָס קען מען העלפען, דער קאָסט שוין אזוי פיעל געלד און עס איז מעהר יחוס. א ראָמאַן, א ליעבע

איז אזא זאך וואָס אז מע וויל איז יא, און אז מע וויל, איז ניט. חתונה האָבען אָבער איז אזא זאך, וואָס מע דאַרף.

ס אָ פ י ע. דאָס איז זעהר א פּראקטישע פילאָזאָפיע. חתונה האָבען, זאָגסטו, איז א זאך וואָס מע דאַרף? הם, וויא קומט עס?

א פּ א ל א ן. פריילין סאָפיע, וויא געפעהלט אייך דאָס וואָס איך האָב געשפּיעלט? איז דאָס אייך בעקאַנט?

ס אָ פ י ע. איהר האָט געשפּיעלט דיא צווייטע נאָקטוירנא פון שאָפּען און עס איז געווים גוט. ווענען דעם וויא עס איז גע־שפּיעלט געוואָרען, וועל איך אייך זאָגען, ווילענדיג ניט ווילענדיג וועלען מיר זיין שטיקלעך קרובים... אייגענע... איך בעט אייך, לאָמיר אָבמאכען איין מאָל פאַר אלע מאָל, מאכט מיר ניט קיין קאָמפּלימענטען און איך וועל אייך ניט מאכען קיין קאָמפּלימענ־טען...

פ ר א ד י. (שטיל צו מלך) צוליעב איהר זיצט ער, צוליעב איהר שפּיעלט ער. אָרענטליכע קינדער שווייגען און „אזא“ רעדט.

ש ט ע מ פּ ע ל. דו מיינסט זיי שווייגען ווייל זיי זיינען אָרענטליך? זיי האָבען פּשוט ניט קיין שכל.

ס אָ פ י ע. מיין וויזיט האָט זיך צו לאַנג פערצויגען. מע דאַרף געהן, איך בין זעהר מיעד. (טהוט אָן איהר הוט.) העררע זאָננענשיין, איך דאַנק אייך הערצליך. (דריקט זיין האַנד.) איהר בלייבט נאָך דאָ, מאַסיע און מאַדאַם פינגערהוט? האָט מיר אלע א גוטע נאַכט. (קושט מאַניטשקען. אפּאלאָן געהמט זיין הוט.)

א פּ א ל א ן. פריילין סאָפיע, איך געה אויך, איך געה אויך.

ס אָ פ י ע. ניין, דאַנקע, איך נעם באַלד דיא קאָנקע, איך בין זעהר מיעד.

א פּ א ל א ן. אה, איך דאַרף אויך פאָהרען מיט'ן טראַמוויי, וועלען מיר פאָהרען צוזאַמען

ס אָ פ י ע. צוזאַמען? ניין. מיר פאָהרען גאָר ניט מיט איין וועג. וואוהין ווילט איהר דען פאָהרען?

א פּ א ל א ן. איך? ע, אייגענטליך, איך דאַרף מיט דער פרעאבראַזשענסקע אַראָב.

ט ש ע ר נ ע. זעה גור, טפוי זאָל עם ווערען, מיט איין וועג טאקע.

ס אָ פ י ע. (מאַכט זיך ניט הערענדיג.) זעהט איהר, און איך פאָהר מיט דער טיראספאָלסקי ארויף.

א פ א ל א ן. וועל איך אייך בעגלייטען נור ביז׳ן טראַמוויי... אויפס וויעדערזעהן, איך קום באלד צוריק.

ס אָ פ י ע. א גוטע נאכט — גוטע נאכט. (אפאלאן עפענט דיא טהיר העפליך, זי געהט, ער נאָך איהר. אלע קוקען זיך פערוואונ־דערט אָן.)

(אומוואַנדלונג.)

(א גאַס אין אדעסס, ביי א זייט, א טויער מיט הילצערנע באַנק, איבער דער באַנק דעם דוואָרניק׳ס גלעקעל. עס איז נאַכט. דיא לבנה שיינט. ציינער, באָרים קומען.)

צ י י נ ע ר. מוסיו סטאַווראָפּאָלסקי, מיר טהוט וועה דער קאָפּ.

ב א ר י ס. איהר האָט פאר׳ן וויין ניט געצאָהלט. אייך מעג וועה טהון דער קאָפּ. יעדער טראַקטירט דעם רייכען פּראָצענטניק ציינער, איהר האָט נאָך געוואונען געלד אויך און איך האָב פער־שפּיעלט. איך גיב א וואָרט ניט צו שפּיעלען און אז מע בעט מיך, קען איך ניט אָפּזאָגען. (זוכט אין דיא טאַשען.) צוויי מיט 80 פערשפּיעלט... א רציחה! ביי מיינע איצטיגע געשעפטען איז דאָס א פערמעגען. נו, גוטע נאכט, איך דארף ארייגגעהן אין דעם הויז. (זעצט זיך.) א שעהנע נאכט. (ברומט פאר זיך שטיל.) „וויחאָזשו אָדין יא נא דאָראָגו"

צ י י נ ע ר. ע, זשוליק! איך וויים, וואָס פאר א פויגעל איז דאָ אין שטייגעל. חע! חע! דיין אַלטע ליעבע, הא?

ב א ר י ס. מוסיע ציינער, איך בעט אייך, רעדט ניט קיין דומהייטען.

צ י י נ ע ר. זיי א מענש און פערשטעה א געשעפט. אונזערע אריסטאָקראַטען לאַכען פון מיר. יעדער האָט לכל הפחות איין סאַ־דערזשאַנקע, און איך, מיינען זיי, זשאַלעווע געלד. איך בין טאַקע א קאַרגער, אַבער ווען עס זאָל זיין כדאי.

באַ ר י ס. האָט אַ גוטע נאַכט און גערט צו אַללע שוואַרץ יאָהר. (וויל קלינגען, צייגער לאָזט ניט.)

צ י י נ ע ר. זיי ניט אַזוי היציג, דו ביזט איצט אויף צרות, דיר קריכען די אויגען ארויס פאַר אַ קאָפּיקע, ווי קען זיך אַזאַ קבצן ווי דו, ערלויבען אַזאַ לוקסוס? איך האָב געהערט ביי פּאַנקאָני, אַז דער רייכער סטאַוורואַקי שדכנט זיך... באַלוואַן, ווידער זי זאָל אָנקומען צו אַ גוי, איז דאָך בעסער צו אַ אידען. דו דאַרפסט געלד צו זיין?

ב א ר י ס. איך האָב ביי אייך געבעטען איהר זאָלט מיר לייען געלד און איהר מאַכט מיר אַזאַ געמיינעם פאָרשלאָג. מוסיו ציינער, איהר האָט אַ ווייב? אייער ווייב איז קיין מאָל ניט געוועזן אַזוי ציכטיג און עהרליך וויא סאָפיע פינגערהוט. איהר האָט אַ טאָכטער? זי איז רייך, געבילדעט, האָט אַ חתן אַ דאָקטאָר? זאָג איך אייך, אייער טאָכטער קען מען קויפען פאַר געלד, געוויס פאַר אַ סך געלד, פאַר טויזענד, פאַר צעהן טויזענד, פאַר הונדערט טוי־זענד, סאָפיע פינגערהוט קען מען ניט קויפען פאַר קיינע מיליאָנען, פאַר קיינע מיליאַרדען! עס איז אייך ווענינ? איך וועל אייך בעסער זאָגען. איהר האָט געהאַט אַ מוטער?

צ י י נ ע ר. מיין מוטער לעבט נאָך.

ב א ר י ס. וויא אלט איז זי?

צ י י נ ע ר. 72 יאָהר.

ב א ר י ס. אייער מוטער וועט גיכער ווערען ביי אימיצען אַ מעטרעסע, וויא סאָפיע פינגערהוט. און האָט מיר אַ גוטע נאַכט. (גיט אַ שטאַרקען קלונג, דער דוואָרניק עפענט, באָריס אב.)

צ י י נ ע ר. וואָס דער ליץ האָט דאָ אָנגעפּלאַפּעלט! ווייס איך, ער ווייס ניט פון זיין געזונד. (געהט. אַנטקעגען סאָפיע און אפּאַ־לאָן.) עפּיס אַ נייער אלפאָנס, הא? עס דאַרף גאָר אָנקומען דער רוח ווייס וועמען! הא? איז ער ניט אַ סקאַטינאַ דער פּאַטאַגראַף, העּ? (ווינקט אויפ'ן פּאָאַריל, אב.)

ס אָ פ י ע. דאָ איז מיין פּאַלאַסט. ביסלעכווייז זיינען מיר דערזווײלע דען גאַנצען וועג געגאַנגען צו פוס. איהר ווייסט? עס איז העכער 20 קוואַרטאַלען... דאַנקע. גוטע נאַכט.

אפאלאן. 20 קוואָרטאַלען? עס קען ניט זיין. איך האָב גאָר ניט בעמערקט.

סאָפיע. מיר האָבען זיך פעררעדט... הערר זאַנגענשיין, דאָרט וואָרט מען געוויס אויף אייך. געהט, אויפס וויעדערזעהען.

אפאלאן. אה, זיי ווייסען דאָרט, איך האָב מיך געדאַרפט זעהן מיט אַ פּאָאָר מענשען.

סאָפיע. וויא? איהר ווילט זיי אָבנאַרען?

אפאלאן. ניין. איך האָב ווירקליך געוואָלט מאַכען אַ פּאָאָר וויזיטען, נור דיא וואַרהייט געזאָגט, אייך בעגלייטען איז מיר געוועזען פיעל אנגענעהמער.

סאָפיע. איהר געדענקט אונזער קאָנדיציאָנען? קיינע קאָמפּלימענטען. מיר, זעהט איהר, איז ניט געוועזען אנגענעהם וואָס איהר זייט מיך געגאַנגען בעגליימען. דיא טאַנטע פראַדי וועט שוין דאָרט שאַרפען איהר צינגעלע.

אפאלאן. איהר האָט מורא פאַר דער מומע פראַדי?

סאָפיע. איך? איך האָב ניט מורא פאַר קיין מומע, פאַר קיין פעטער, פאַר קיינעם אין דער וועלט, איך האָב נור מורא וועמען עס איז אָנטהאָן אומזיסטע יסורים. געהט אהיים און האָט אַ גוטע נאַכט.

אפאלאן. אַ גוטע נאַכט. (דריקט איהר האַנד.) איהר וועט מיר גלויבען? מיר ווייזט זיך אויס, איך בין מיט אייך בע־קאַנט שוין לאַנג, לאַנג.

סאָפיע. אָט וויא איהר זעהט מיך, איהר וועט שוין אין מיר ניט געפונען קיין נייע מעלות. קיין נייע חסרונות, דאַכט זיך, אויך ניט. עס איז דאָ גענוג חסרונות, הא? אוי, געהט שוין, איך מוז פריה אויפשטעהן צו דער ארבייט. איהר ווילט דאָך ניט איך זאָל מאָרגען אופשטעהן אַ קראַנקע?

אפאלאן. אה, בעוואָהרע גאָט! האָט אַ גוטע נאַכט, איך ווינש אייך רוהיגע גליקליכע טריימע. (געהט.)

סאָפיע. יא, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, אָבער דיא וואַרהייט :עזאָגט, נאַנץ אָפען. איהר האָט ליעב מאַניטשקען?

אפאלאן. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ווען איך בין גע־

ווען יונגער, איז ניט געווען צווישען אונז דער אונטערשיעד אזוי גרויס, און איצט... אָבער פערגעסט ניט, אזא מענש וויא שטעמפּעל האָט זיך געלאָזט קאָסטען אזוי פיעל געלד. איך רעכען מיך שוין אזוי פיעל יאָהרען פאר א גאראנטירטען חתן. איך האָב געוואַנקט, געצעגערט, געהאָפּט אויף א וואונדער, געצויגען דיא צייט, ענדליך מוז איך דאָך וואָרט האלטען, און עס מוז געשעהען. מלך שטעמפּעל א מעצנאט! דער פישהענדלער א בעשיטצער פון קונסט! יא, שטעמפּעל און קונסט צוזאמען. דער שטעמפּעל פון פישהענדלער און באַרישניקעס ליעגט אויף דער קונסט... אויב זיי וועלען ניט האַנדלען מיט טשוכאָן, וועלען מיר ניט קענען שפּיעלען בעטהאָווען'ס סאנאטען... (טראכט) יא, יעטצט איז צו שפּעט חרטה צו האָבען, אָבער איך טרויסט מיך מיט דער האָפנונג, דאָס מאַניטשקע וועט זיך אונטער מיין איינפלוס ענטוויקלען.

ס אָ פ י ע. מיינט איהר נישט, אז א מענש מיט א שטארקען כאראקטער וואָלט אנדערש געהאנדעלט? איהר ווילט זיין א גוטער און אן אָרענטליכער מאָן? איך האָב מורא, עס וועט אייך ניט געלינגען. קיין גוטער וועט איהר ניט קענען זיין ווייל מאַניטשקע וועט זיין מיט אייך אונגליקליך. קיין עהרליכער זייט איהר ניט, ווייל איהר פארמאסקירט אייערע אמת'ע געפיהלע און בעטריגט זי. אזוי מיין איך — ענטשולדיגט, פיעלייכט איז דאָס ניט ריכטיג — און האָט א גוטע נאכט. (וויל געהן.)

א פּ א ל א ן. ניין, בלייבט! איהר האָט גענומען דאָס רעכט צו בעריהרען דיא וויכטיגסטע פראגע אין מיין לעבען. מיין לאַגע איז מיר אליין אונקלאָר, איך מוז מר אליין ערקלערען, איך האָב קיינע פריינדע דאָ, און איך האָב מיך ניט מיט וועמען צו בע־ראטהען. אָה, פריילין, גלויבט איהר מיר אם וועניגסטען, דאָס איך וויל האנדלען אלס אָרענטליכער מענש? (זיפצט) הערט, לאָ־מיר זיך זעצען דאָ. דיא נאכט איז אזוי שעהן, דער הימעל אזוי בלוי און פאנטאסטיש. איהר הערט? מיר ווייזט זיך אוים, איך הער וויא דאָס שווארצע מעער רוישט. (זעצען זיך.) איך וואָלט, דאכט זיך, דיא גאנצע נאכט געזעסען דאָ, גערעדט, געהערט וויא איהר בעליידיגט מיך. איין עהרליכער מענש קען ניט בעליידיגען

מיט זיין עהרליכע מיינונג... זיינע רעד זיינען וויא מוזיק, האר־
מאָני! זאָגט, איהר האָט ביי אייך אין הויז א פּיאנאָ? מיר ווילט
זיך יעצט שפּיעלען בעטהאָווען'ס מאָנדשיין טריימעריי. יא, שפּיע־
לען, שפּיעלען... אָדער איהר ווייסט וואָס? איהר זאָלט ניט זיין
מיעד, וואָלט איך אייך פאָרגעלעגט, מיר זאָלען זיך דורכגעהן אין
אלעקסאנדראָווסקע פּארק. מען זאָגט דער פּארק איז יעצט וואונ־
דערבאר שעהן...

ס אָ פ י ע. הא? אלעקסאנדראָווסקע פּארק? איצט? ווען די
בוימער שטעהן דאָרט פערטראכט, בעגאָסען מיט זילבערנע שטראה־
לען! איצט אראָבקוקען פון בארג איבער'ן קאראנטין אראָב אויפ'ן
מעער? אויף דיא שטערען און מאָנד, וועלכע זיינען אָבגעשפּיעגעלט
אין וואסער, אויף דיא שיפען, וועלכע ווארפען פון זיך גרויסע
שווארצע שאָטענס, וויעגען זיך שטיל און דרעמלען? קומט, די נאכט
איז ווירקליך שעהן, און איך האָב שוין לאנג, לאנג ניט געהאט מיט
וועמען צו שפּאצירען און מיט וועמען צו רעדען... (דעקלאמירט)
„איך וואנדער אליין אין אַן איינזאמע וויסטע, וואו דורך א נעבעל
ציהט זיך דער גרויער וועג. דיא נאכט איז שטיל, אויבען וויספּערן
דיא שטערן. דיא ערד שלאָפט, בעדעקט מיט דיא הימלען דיא
בלויע". עך. גוליאט טאק גוליאט! גיט מיר אייער ארם. מארשאָ!
(ביידע אב.)

(פערוואנדלונג.)

(א קליינע זאאל. זעהר אָריגינעל מעבלירט, בילדער אויף דיא וואנד,
בילדער אין יעדען ווינקעלע, זעהר פיעל בלומען. אויף א קליין טישעל
א לאמפּע מיט א ראָזאָווען אבאזשור, באריס געהט אריין אויף דיא שפּיץ
פינגער און קוקט אריין אין איינע פון דיא איבנערסטע טהירען.)

ב א ר י ס. מיט א זיסען, רוהיגען, שטארקען שלאָף שלאָפט
דאָס ליעבע קינד. זשעניטשקע! ניין, מען דארף זיא ניט וועקען.
(זעצט זיך אויף א סאָפע, פערזאָרגט.) וואו קען זיא דאָס זיין? איך
ווייס ניט, אויב איך וועל מיך קענען אויף איהר דערווארטען. אמ־
וועניגסטענס דיא אלטע זאָלען קומען. וואוהין האָט עס זיי אוועק־
געטראָגען?... (פערוויכערט א פּאפּיראָס.) אָה, ווען איך זאָל חאָטש
האָבען דאָס רעכט, אָט דאָ עוויג צו זיצען און הערען, וויא זיא און

דאָס קינד אטהעמען. (ווייט א גלעקיל.) אהא, דאָס געהט זיא, דאכט זיך. (הערט זיך צו.) ניין, פיעלע טריט, ווער קען דאָס געהן אזוי שפעט?

(מאטיוס, טשערנע, מאניטשקע, פראדי קומען אריין.)

ט ש ע ר נ ע. אה, בארים איז דאָ? — דאָס קינד שלאָפט? מאטיוס, וואָס זאָגסטו פאָרט? איך האָב דאָך פערגעסען דאָרט מיין זאָנטיק. טפוי זאָל עס ווערען. זיץ, פראדי.

מ א ט י ו ס. (בעז.) צום צווייטען מאָל זאָלסטו דאָרט פערגעסען דיין קאָפּ. און אז איך וועל געהן אָבנעהמען דיין קאָפּ, וועל איך שוין אָבנעהמען דיין זאָנטיק אויך. וואו איז דאָס סאָפיע?

מ א נ י ט ש ק ע. האָט מסתמא דערהערט, אז מע געהט, איז זיא שנעל אריינגעלאָפען אין שלאָפצימער און באריס'ן געלאָזט דאָ אליין.

פ ר א ד י. סאָפיע! וואו ביזט דו דאָרט? פאַר אונז דארפסטו דיך ניט בעהאַלטען. ביי אונז איז דאָס קיין נייעס ניט. מיר קענען דיך און קענען באריסען.

ב א ר י ס. שרייט ניט, איך בעט אייך, דאָ פערקויפט מען ניט קיין פיש. דאָס קינד שלאָפט און סאָפיע איז ניטאָ אין דער היים. מאשא זאָגט, זי איז נאָך היינט אין דער היים ניט געווען.

ט ש ע ר נ ע. זי איז נאָך ניט געוועזן?... מאטיוס, זעה נור.

מ א ט י ו ס. וואָס דארפען מיר זעהן? זאָלען אנדערע זעהן. זיא מאכט מסתמא פראָמענאַד, אזא שעהנע נאכט. פאַר יונגע לייט איז דאָך יעצט אלא גאריבאלדי די פּאַמפּאַדור...

פ ר א ד י. (שטיל צו מאַניטשקען) וואָס האָב איך דיר געזאָגט? זיא איז מיט איהם. דארף אויף איהר ניט קומען די פּאָקלעפּסיע? קום אהיים.

ט ש ע ר נ ע. שוין! רוהט זיך אָב א ביסעל.

מ א נ י ט ש ק ע. מיר האָבען אייך נור בעגלייט א ביסעל. א שעהנע נאכט האָבען מיר זיך מיט דער מאמען געוואָלט א ביסעל דורכגעהן. א גוטע נאכט.

פ ר א ד י. (אפּארט.) פון דיא פראָהולקעס דארף מען שוין

מאכען אן עק... איהם מאכען א שווארצען סוף און שוין חתונה. א גוטע נאכט.

מ א נ י ט ש ק ע. אויב סאָפיע וועט ניט פערגעסען היינט ביי נאכט צו קומען אהיים, וועט איהר זיא לאָזען גריסען. א גוטע נאכט.

פ ר א ד י. אוי, דער דיכטעריק זאָל איך אללע דאָ אויסדרי־שען. (לויט.) א גוטע נאכט איך אלע. (ביידע אב.)

ט ש ע ר נ ע. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? זיי מיינען אפנים, אז סאָפיע איז ערגעץ אוועקגעגאנגען מיט איהם. נו, יא, סאָפיע דארף דאָס האָבען...

ב א ר י ס. מיט וועמען איז דאָס סאָפיע אוועקגעגאנגען?

מ א ט י ו ס. אזעלכע חזרים. קעפּאלנע איקרא, זאָגט ער, און ראָס יאמאיסקי. און וואָס? טהעע מיט סוכערלעך. איך זאָג דיר, ער פּאסט אזוי צו מלך שטעמפּעל וויא א פינפטער ראָד פּאסט צו א סאָום מיט פלאמען. גיב מיר א פּאפּיראָס, דו.

ב א ר י ס. (גיבט איהם.) שווער, פון וועמען רעדט איהר דאָס?

ט ש ע ר נ ע. וואָס הייסט, טאָמער איז א ביסעל שטיל גע־וואָרען — דארף זיין נייע סקאנדאלען, נייע לייטישע געלעכטער... טפוי זאָל עס ווערען.

מ א ט י ו ס. אויף איהר שריי, ניט אויף מיר! איך בין מאטיוס פינגערהוט און אויף מיר שרייט מען ניט!

ב א ר י ס. שאַ! שווער, איהר האָט מאָרגען ניט וואָס צו טהאָן, וועט איהר איך מאָרגען קריגען. איהר וועט אויפוועקען זשעניטשקען. (א גלעקיל.) דאָס איז סאָפיע, איך דערקען וויא זיא קלינגט.

ט ש ע ר נ ע. איך וועל איהר אודאי אָבשפּיעלען א וויאוואט. וואָס הייסט? אייגענע צי ניין? און פאר וואָס? טפוי זאָל עס ווערען. (עפענט דיא טהיר, סאָפיע קומט זעהר מיד.)

ס אָ פ י ע. א, אזוי שפּעט זיצט מען נאָך ביי אונז. וואָס טהוט איהר דאָ, באריס? (לויפט צור טהיר.) זשעניטשקע שלאָפט?

אוי ,מיין טייערער ענגעל. (קומט צוריק.) אוי, איך בין מיד שרעקליך. (מהום אוים איהר תוט.)

ט ש ע ר נ ע. וואס הייסט אזוי שפעט? אוועק מיט איהם, הא? פראדי מיט מאניטשקען האבען איהם דאך שוין דא געזוכט: זעהר שעהן! טפוי זאלסטו ווערען!

ב א ר י ס. ווער איז דאס, סאפיע? ווער האבען זיי גע־זוכט?

ס א פ י ע. דאס איז זייער זאך. מאמע, דיר איז צייט צו געהן שלאפען.

ב א ר י ס. איך מיין, מיט וועמען, סאפיע, זיינט איהר דאס געגאנגען?

ס א פי ע. דאס איז מיין זאך! איך בין מיעד און וויל בליי־בען אליין. האט א גוטע נאכט אלע. הם... זיי האבען איהם שוין געזוכט? גיך.. יא, באריס, וואס מאכט ליזע?

ב א ר י ס. איך דארף מיט אייך רעדען פריוואט.

מ א ט י ו ס. סאפיע, דו וועסט מארגען אוועקגעהן פריה, און איך פיהל אז איך וועל שלאפען שפעט, און איך וועל דיך ניט זעהן, האב איך געוואלט רעדען מיט דיר פון א קליין געשעפט...

ס א פ י ע. (נעהמט איהר בערזע.) איך האב דריי, פיער גרי־ווינקעס. איז דאס גענוג? נו, האט א גוטע נאכט.

ט ש ע ר נ ע. פיער גריווינקעס, פיער טראקטירען.

מ א ט י ו ס. א גוטע נאכט, איך געה שלאפען. טשערנע, מיר ווילט זיך א טרונק. וועסט מיר דערלאנגען אין בעט אריין א גלאז קאלט וואסער מיט א ביסעל קיזעלנע ווארעניע. (ביידע אב.)

ס א פ י ע. עס איז שפעט, און איך בין מיעד. וואס ווילט איהר זאגען?

ב א ר י ס. מיין פטאגראפיע פאלט מיט יעדען טאג. א מאל איז מיר געווען אנגענעהם צו זיצען אין מיין סטודיא...

ס א פ י ע. יא, יעטצט איז אייך אנגענעהם צו זיצען אין ווינקעלערס און קאפעינעס. עס איז ניט מיין יאך צו פרעדיגען. עס איז אבער א רחמנות נעבעך אויף ליזען.

באריס. אויב ציינער וועט מיר ניט לייען קיין געלד, וועל איך מוזען פערקויפען דיא פאטאגראפיע.

סאפיע. ציינער וועט אייך אויפעסען דיא פאטאגראפיע מיט זיין פראצענט. איך האב אייך שוין לאנג געראטהען צו פער־קויפען דיא פאטאגראפיע און ארוים אין א קלענערע שטאדט. דאר־טען וועט איהר אייך קענען פיהרען אנשטענדיגער און ליזע וועט לעבען רוהיגער.

באריס. ליזע? דער דאקטאר זאגט, אויב זיא וועט ניט ארויספאהרען וואס גיכער קיין קרים, וועט זיין זעהר שלעכט.

סאפיע. (ערשראקען.) אזוי? בארים, איהר ווייסט וויא מיר קומט אן שווער יעדער רובעל. איך האב אויף מיין פעראנט־ווארטליכקייט א גאנצע פאמיליע, אבער איך פערשפרעך יעדען מאנאט ליזען ארויסשיקען 25 רובעל. יעדען מאנאט! דאס איז הייליג. איך וועל נעהמען ביי נאכט אהיים רעטושירען, איך וועל זעהן אבצושפארען... (געהט אום בעזארגט.)

באריס. איך וויים, איהר זייט א זעלטענער מענש. סאפיע, איך האב אייך געוואלט פרעגען, ווער איז דאס געוועזן מיט אייך? (בעמערקט איהר אונגעדולד.) איהר ווייסט וואס ציינער האט היינט געוואגט צו זאגען?

סאפיע. איהר ווייסט דאך, מיך אינטערסירט זעהר ווע־ניג, וואס זאגען אלע ציינער מיט דיא ביינער. אדיע.

באריס. א גוטע נאכט. יא, איך מיין, איך וועל ליזען אוועקשיקען און אליין וועל איך דא ארבייטען און פערדיענען. איך וועל זעהר ווייניג פערלעבען, איך מיין איך וועל קענען זיין דא דיא צייט...

סאפיע. ניין, דאס ניט! איהר פאהרט בעסער מיט ליזען. דא וועט איהר אין יעדן פאל ניט זיין. דא ניט!

באריס. וואס איז, סאפיע? איהר האט מורא וואס מען וועט רעדען?

סאפיע. ע, וואס הארט מיך וואס זיי וועלען דארט רע־דען? איך וויל ניט איהר זאלט האבען א מעגליכקייט נארישקייטען צו רעדען. מאכט אייך ניט צום נארען און געהט אהיים. עס איז

צייט. אייער קראנק ווייב איז דארט אליין. א גוטע נאכט. (ווייזט אים דיא טהיר.)

ב א ר י ס (וויל עפּעס זאָגען, גיט אַ מאַך מיט דער האַנד, געהט צור טהיר, זאָגט שטיל און טרויריג.) א גוטע נאכט, סאָפּיע. (אב.)

ס אָ פ י ע. (פערשליסט די טהיר.) ער קען זיך ניט ארויס־שלאָגען פון קאָפּ. פוי! אוי, בין איך מיד. (שטעלט זיך אונטער אַ שירמע, טהוט זיך איבער, ציעהט אָן אַ ווייסע בלוזע מיט ברייטע אַר־בעל, קלייגע טופלעס, און אין דער צייט רעדט זיא) וואָס האָט ער געקענט מיינען? ער זאָגט, קיין קאָמפּלימענטען וועל איך אייך ניט מאכען, אָבער אָנשטאָט סאָפּיע וועל איך אייך רופען שטענדיג סאפּפאָה. ער זאָגט, איך בין עהנליך צו דער קלאַסישער גריכישער סאפּפאָה. וויא זאָגט מאסיו מאטיום. הם! וויא קומט עס? איך האָב נאָך דיא וועלט־געשיכטע, פון וועלכע איך האָב א מאָל שטו־דירט היסטאָריע. מע דארף אומיסטען זעהן, ווער איז דאָס דיא סאפּפאָה? עס איז נאָך גוט אויב זי איז ניט מעהר וויא איין משוגענע. (קומט פון אונטער דער שירמע.) ער און מאַניטשקע? ווי גע־פעלט אייך אזא פּאָאר? מערקווירדיג, די בעשערטע שידוכים זיינען שטענדיג אזוי. אַן עזעל מיט אַ טויב, אַן אָדלער מיט א בהמה, א קלאָץ מיט אַ בוידעם. (נעמט אַ בוך.) לאָמיר אקערשט זעהן, וואָס זאָגט מען דאָ וועגען דיא גריכישע סאפּפאָה. (זעצט זיך. מישט.) אהא, דאָס איז עס: סאפּפאָה: זי איז געווען א זעלטענע שעהנ־הייט און א זעהר בעגאבטע דיכטערין. האָט געליעבט מוזיק, גע־זאנג, פערגניגען, זי האָט געלאכט פון אלע הערשענדע מיינונ־גען, איז געווען זעהר אונאבהענגיג און האָט געלערנט דיא פרויען צו זיין פריי, זעלבסטשטענדיג. ווען דאָס לעבען איז איהר גע־וואָרען איבערדריסיג, האָט זי זיך פון א הויכען פעלז ארונ־טערגעוואָרפען אין מעער און האָט געזאָגט: איך ברענג מיך פאר איין אָפּפער צום אלמעכטיגען אפּאלאן, דעם גאָט דער שעהנהייט און פּאָעזיע. (שליסט דאָס בוך. טראכט) הם! איין אָפּפער צו אפּא־לאן? אפּאלאן? איך האָף, ניט אפּאלאן זאָננענשיין. אוי, אזוי פיעל יאָהר געווען א קלוגע און פלוצלונג זאָל זיך אָברייסען דער רוח וויים פון וואנען א מחותן און זאָל זאָגען: סאָפּיע, זיי אַ נאר...

אוי, איך האָב מורא! איך האָב מורא! ווער וועט זיין שולדיג? מע בענגענט צווישען די מעננער אזוי זעלטען עטוואָס רעכטס, עטוואָס אָריגינעלעס. (אַ שוואַכער קלינג.) האַ? מע קלינגט? ווער איז דאָס אזוי שפּעט? (געהט צור טהיר.) ווער זאָל דאָס זיין? געהט מען איהם דאָס וויעדער זוכען דאָ? (עפענט.) אפּאלאָן, איהר?!
(בלייבט שטעהן ערשטוינט.)

א פּ א ל א ן. יא, דאָס בין איך. ענטשולדיגט, איך האָב מיר ערלויבט... איך בין איצט געקומען צו אייך, וויא איך וואָלט געקומען צו מיינעם אַ גוטען קאמעראד, ווען איך וואָלט געפיהלט אזוי וויא איך פיהל היינט. און איך זאָג צו אייך, אזוי וויא איך וואָלט געזאָגט צו מיין קעמעראד: פריינד, איך בין יעצט זעהר ווייט פון אללעם, וואָס רופט זיך היים, עסען, שלאָפען, זאָרג, קלייניגקייטען, געוועהנליכע אינטערעסען. אין דיזע נאכט וואָלט איך געוואָלט הערען מוזיק, רעדען פון דעם וואָס איז ערהאבען און ריין און ווייט פון דער שמוטציגער ווירקליכקייט, ווייט פון אונזער מיזעראבלען לעבען. איך וואָלט געוואָלט וויינען. קאמעראד, פריינד, טרייבט מיך ניט ארויס פון דאנען!...

ס אָ פ י ע. (פערדעקט איהרע נאַקעטע הענד, ציינט איהם ער זאָל זיך זעצען און זעצט זיך אליין ווייט פון איהם אין א ווינקעלע ערשראָקען און פערזאָרגט. זי זעצט זיך אריין אזוי טיעף אין דעם שטוהל, אז זי ווייזט אוים קליין וויא א קינד. פּויזע. עס ווערט אזוי שטיל, אז מע הערט דעם טיקטאַק פון אַ זייגער.)

אַ ק י נ ד'ס ש ט י מ ע. (פון אנדערען צימער.) טאַנטע סאָפיע, מיט וועמען ביזטו דאָרט? אוי! איך וויל ניט... קום אהער!

ס אָ פ י ע. (כאַפּט זיך אויף, שטיל.) דאָס קינד!

(פאָרהאַנג.)

דריטער אקט.

(אַ דאַטשע אויפ'ן גרויסען פּאַנטאַן. אין פאָרדערגרונד עטליכע בוימער און בלומען, אין הינטער גרונד א הויז מיט אַ גרויסען באלקאן. אויפ'ן באל־קאן שטוהלען און אַ טיש. פון שטוב פיהרט א טהיר אויפ'ן באַלקאַן און צוויי גרויסע פענסטער. פון גאָרטען פיהרען אויפ'ן באַלקאַן טרעפּ. טשערנע קומט פון שטוב מיט אַ ווייס טישטוך און פאַנגט אָן גרייטען צום טיש.)

ט ש ע ר נ ע. אונז האָט נור געפעהלט א דאטשע צום רומ־פעל. נו, האָבען מיר א דאטשע אויפ'ן גרויסען פּאנטאן... אז עס געהט א רעגען, גיסט, אז עס איז א ווינד, בלאָזט פון אלע זייטען, אז עס איז היים קען מען זיך קיין אָרט ניט געפינען. נאָר גאָר נישט! א דאטשע, טפּוי זאָל עס ווערען! (ברענגט געשיר.) באלד דריי אזייגער, זיי וועלען אלע קומען הונגעריגע ווי וועלף. איהרער וועט מסתמא אויך קומען היינט. אוי, עס איז א וועלטעל געוואָרען, טפּוי זאָל עס ווערען! א מאמע דארף קוקען און שווייגען, תּאָטש ווער צופּלאצט שווייגענדיג. א ברירה האָט מען? מע שווייגט. אָבער דיא וועלט שווייגט ניט. דאָרט אין שטאָדט האָט זיך דאָס אזוי ניט אָנגעזעהן. דאָ האָבען זיי ניט וואָס צו טהאָן, רעדט מען: דאָס איז איהר טאטע, דאָס איז איהר מאמע, איהר קינד, איהר געליעבטער. זיי נעהמען אלע געלד ביים פּיאניסט. (קוקט.) אך האָב גאָר ניט פערגעסען? זעה נור, וועמען טאסקעט ער דאָס? (פינגערהוט און ציינער קומען פון גאָרטען.) דער אלטער פּראנט סמאליעט דאָ א וועלט, א געבוירענער דאטשניק, טפּוי זאָלען זיי אלע ווערען. אב אין הויז.)

צ י י נ ע ר. נו יא, דאָס זאָג איך דאָך, איהר זייט טאקע א

קלוגער און אויפגעקלעהרטער מענש, מיט אייך קען מען רעדען אפען. וואס איז דער שכל, וואס איז דער תכלית?

פ י נ ג ע ר ה ו ט. יא, איך בין ניט קיין פאנאטיקער, וויא אנדערע פאטערס. מאטיוס פינגערהוט איז איין אדעססער פון נאגעל פון פוס ביז דיא האאר פון קאפ. (גלעט דען פליער.) הערר צייי־נער, זיי האבען רעכט: אז מע עסט שוין יא חזיר, זאל זיין פעט און זאל רינען איבער דיא מארדע. ביטע, זיצט. (ביידע זעצען זיך אויפ'ן באלקאן.)

צ י י נ ע ר. זי איז א זעלטענע שענהייט. דאס איז היינטיגע צייטען א קאפיטאל וואס קען געבען גוטע פראצענטען? און ער? א פיאניסט, אן ארטיסט, א מוזיקער, א קבצן, ניט שטונדרען און האט נאך א יונג ווייב אויך. גאר ניט פראקטיש, הערר פינגערהוט, איהר האט, דאכט זיך, גענומען מיין ציגארענשפיץ? וואס האט ער און וואס קען ער געבען?

מ א ט י ו ס. וואס ער האט שוין? ענטשולדיגט, א קינד אויך פון א 12 וואכען. עס איז טאקע גאר ניט פראקטיש. ביי מיר אייער ציגארענשפיץ, זאגט איהר? (זוכט אין זיין וועסטע און גע־פינט.) הם, וויא קומט עס?

צ י י נ ע ר. היינט זיין שווער מלך שטעמפעל! וויא קומט אזא מענש צו פערשטעהן, וואס איז א סאדערזשאנקע, א מעטרע־סע? ער מיינט דאך געוויס, אז דאס איז א שרעקליכע עולה.

מ א ט י ו ס. וויא קומט ער צו פערשטעהן דער חאם! אט איז טאקע אייער ציגארענשפיץ. איהר ווייסט, ער מיינט אז קאר־טען זענען נור בעשאפען געווארען צו שפיעלען אין פופיק און אין 66. פרעגט איהם בחרם וואס איז „וויסט“, „שטאס“, „באנק“, „באקארא“? ער האט דאך אין זיין לעבען אין בילארד ניט גע־שפיעלט. א גראבער יונג! וועלען זיי געניעסען א גלאז טהעע? (שרייט) ע, טשערנע, צוויי פאאר טהעע.

ט ש ע ר נ ע. (אין פענסטער.) וואס שרייסטו? מיינסט ביזט אין א טראקטיר מיט דיינע זשוליקעס? טפוי זאלסטו ווערען. (אב.)

מ א ט י ו ס. ענטשולדיגט, זי איז מלך שטעמפעל'ס שוועס־טער. איך שטאלציר צו זאגען, סאפיע איז צוויי טראפען וואסער

איך.... און אַט קומט טאַקע מיין סאָפיע... שעהן, הא? (סאָפיע און זשעניטשקע פון גארטען, אין שטראָה־היטען.)

ז ש ע נ י ט ש ק ע. טאַנטע סאָפיע, איך וויל ניט. קום צו־ריק, איך וועל ביים וואסער נאָך עטליכע שטיינדלעך געפינען. (שלעפּט זי צוריק.)

ס אָ פ י ע. ניין, זשעניטשקע. איך קען ניט. עס איז שוין שפּעט. אָנקעל אפּאלאָן וועט באלד קומען.

ז ש ע נ י. איך האָב ניט ליעב אָנקעל אפּאלאָן. אז ער קומט, ביזטו גאָר אַן אנדערע. עס וואָלט געוועזן אַ סך בעסער ער זאָל גאָר ניט קומען אהער.

ס אָ פ י ע. בעסער? יעדער מיינט נור וויא בעסער פאר זיך. און פון מיר דיינקסט קיינער ניט. אזא קליין סווינטוס איז שוין אויך אייפערזיכטיג און עגאָאיסטיש. קום, קום, זשעניטשקע. (געהן אויפ'ן באלקאָן.)

מ א ט י ו ס. סאָפיע, איך האָב דיא עהרע פאָרצושטעלען, הערר סאַמועל פּאוולאָוויטש ציינער, האָט דאָ אַן אייגענע דאַטשע, אַ ווילליע...

ס אָ פ י ע. וואָס מיינסטו, מיך פרעהט טאַקי זעהר וואָס הערר ציינער האָט אַן אייגענע ווילליע.

מ א ט י ו ס. דאָס איז מיין נייער בעקאַנטער. (גלעט דען פליעך.) אַן עושר, סאָפיע, אָנגעשטאָפּט. דיא גאַנצע וועלט איז איהם שולדיג געלד....

ס אָ פ י ע. זעהר שעהן. וועסט האָבען אַ נייען פּאַרטנער מיט וועמען צו שפּיעלען „66".

צ י י נ ע ר. איך האָב פון אייך זעהר פיעל געהערט, פריילין, און איך האָף, מיר וועלען אַ מאָל גוטע פריינד זיין.

ס אָ פ י ע. איהר האָפט, ווייל איהר האָט פיעל פון מיר גע־הערט? איהר זייט אַ געשעפטסמאַן — האָפט ניט אומזאָנסט. דיזע האָפנונגען וועלען אייך קיין פּראָצענט ניט ברענגען.

צ י י נ ע ר. חי! חי! אין דעם פאַל ערוואַרטע איך קיין פּראָ־פיט... איך ערוואַרטע ניט מען זאָל מיר בעצאָהלען, פערקערט, איך בין אַליין אימשטאַנד צו בעצאהלען ווען מען דאַרף.

מ א ט י ו ס. חע! הערר ציינער איז זעהר א בראווער מאן. סאָפיע, ער האָט צוויי הייזער אויף דער מאַלע ארנאוטאווסקע...

ס אָ פ י ע. (רוהיג.) אויף דער מאַלע ארנאוטסקי? און איך האָב ניט געוואוסט. הערר ציינער, איהר דאַפט אונז ענטשולדיגען. מיר געהן באַלד מיטטאג עסען. (ווייזט מיט דער האַנד ער זאָל געהן.)

צ י י נ ע ר. אָה, איך וועל געווים ניט שטערען. אדיע, מאַסיו פינגערהוט, אויפס־ווידערזעהען, פריילין סאָפיע. (געהט מיט דיא טרעפּ אראָב. מאַטיוס בעגלייטעט איהם ביז דיא טרעפּ. טשערנע קומט מיט טהעע.)

ז ש ע נ י. טיאָטע סאָפיע, וואָס האָט ער דיר געזאָגט? עפּים א שלעכטע זאַך? (סאָפיע אומארמט זי.)

מ א ט י ו ס. אָט דער יוד, וויא דו זעהסט, איז ווערט 250 מאָל טויזענד.

ט ש ע ר נ ע. און וואָס האָסטו דערפון? הא? נא דיר טהעע.

מ א ט י ו ס. וואָס איך האָב דערפון? הם! ווען סאָפיע זאָל וועלען בערעכענען מיט דיא געהירען... ביי לייטען איז דאָ גליק, אז מען לאָזט זיך שפייען אין פנים אריין, ווייס מען פאר וואָס... עס האָט זיך געטראָפען? נו, עס טרעפט זיך. אָבער וואָס הייסט לייּדען אומזיסט? איך פערשטעה, ווען א מענש האָט 250 טויזענד, נו.....

ס אָ פ י ע. ווען אן אייגענער פאָטער קען דאָס זאָגען, וואָס קען איך ערווארטען פון פרעמדע מענשען? וועה, וועה, וועה! (פערדעקט איהר געזיכט.)

ט ש ע ר נ ע. מען קען לייטען ניט פערשטאָפּען דיא מיילער, עס זאָל ניט זיין קיין פּריטשעפּקע, וואָלט מען ניט גערעדט. און אז מע קלינגט, איז א חנא.

ז ש ע נ י ע. זיידע, וואָס האָסטו געזאָגט? טיאטע סאָפיע, ער האָט דיך געשאָלטען?

מ א ט י ו ס. (בעז.) געה גיב צו פערשטעהן א פערד דען טעם פון חרוסת. (געהט.)

ט ש ע ר נ ע. האָסט דאָך געהייסען געבען טהעע, טפּוי זאָלסטו ווערען!

מ א ט י ו ס. טהעע וועל איך טרינקען? שטעמפעל'ס משפחה! איך טרינק ניט קיין טהעע! (ראש אב דורכ'ן גארטען. זשעניע שפיעלט מיט א באלל לעבען דיא בוימער.)

ט ש ע ר נ ע. איך ווייס ניט, סאָפיע, וואָס האָט דיך בלינד און טויב געמאכט? איך ווייס? מע טיוקעט דאָך ווען מע געהט ארויס אין גאס. איך בין נעכטען פערבייגעגאנגען, ווייבער זיינען געזעסען, איז געוואָרען א חוכה וטלילא. וואָס האָבען זיי מיר נאָכ־געשריען? א קאָפּ... פערגעסען!

ס אָ פ י ע. (געהט צו דער מוטער.) מאמע, דאָס קינד איז דאָ, און איך בעט דיך, רעדט ניט... שש!

ט ש ע ר נ ע. רעד ניט? א גרינגע זאך צו זאָגען „רעד ניט". (זשעני לויפט אום אין גאָרטען, שפיעלט זיך.) מילא איך ווייס ניט, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר דיא רייד, דיר האָט אָנגעשפּארט דער משוגעת... אָבער וואָס־זשע, עס איז דאָ וועניג? דוקא ער, דוקא א פערהייראטהער, דוקא אַן איינגענער שוועסטערקינדס א מאַן? איך פערשטעה ניט, עס איז נור דאָ איין זכר אין מאָסקווע? טפוי זאָל עס ווערען?

ס אָ פ י ע. נו, וואָס זאָל איך טהון, מאמע, אז איך בין אזא אונגליקליכע? מיר קומט אוים פערליעבען זיך דוקא אין דעם, אין וועמען מען דארף ניט, און וועמען מען טאָר זיך ניט פערליעבען. (פיר זיך.) ווער ווייס, אפשר איז ליעבע נור דאַן אינטערעסאַנט, ווען מען טאָר ניט, ווען עס איז דאָ הינדערניסע, יסורים, צרות? מאמע, איך האָב גענוג צרות, איך בעט דיך, לאָז דו מיך צורוה. (פערדעקט איהר געזיכט בלייבט זיצען ביים טיש.)

ט ש ע ר נ ע. איך ווייס? מע האָט חתונה, האָט מען צרות, אָבער האָבען צרות אָהן חתונה? נו, א וועלטעל געוואָרען. (אב מיט דיא גלעזער. זשעני קומט צוריק צו סאָפיע.)

ז ש ע נ י. טיאטע סאָפיע, פאר וואָס זיינען אלע שלעכט צו דיר?

ס אָ פ י ע. איך ווייס ניט, קינד.

ז ש ע נ י. דו ביזט גוט צו אלע, און צו דיר זיינען אלע שלעכט. קיינער האָ דיך ניט ליעב, קיינער ניט!

ס אַ פּ י ע. האָסטו דען מיך ניט ליעב, זשעניטשקע?

ז ש ע נ י. יא, איך האָב דיך ליעב. אַנקעל באַרים זאָל דאַ זיין, וואָלט ער דיר אויך ליעב געהאַט. ער איז אַ גוטער. (פּויזע.) פאַר וואָס, אַז דו נעהסט, קרימען זיך אַלע און מאַכען אַט אַזוי מיט די ליפּען? דו ביזט דאָך ניט ערגער פון זיי.

ס אַ פּ י ע. ניין, זשעניטשקע, אַלס מענש און אַלס פרוי שטעה איך ניט ניעדריגער פון יעדער איינציגער פון זיי. (פּויזע.)

ז ש ע נ י ט ש ק ע. טיאַטע סאָפיע, פאַר וואָס ביזטו ניט מיין מאַמע?

ס אַ פּ י ע. נאַרעלע, וואָס איז דען אַ מאַמע? די וואָס האָט ליעב אַ קינד, היט עס אָב, ערציעהט עס... בין איך דיר ניט אַזוי וויא אַ מאַמע?

ז ש ע נ י ט ש ק ע. יא! אָבער וואו איז מיין מאַמע? טיאַטע ליזע איז אויך ניט מיין מאַמע?

ס אַ פּ י ע. ניין.

ז ש ע נ י ט ש ק ע. וואָס־זשע, אַ חוץ ליזען איז געוועזען אַן אַנדערע טיאַטע, וועלכע איז געוועזען מיין מאַמע? אוי, זיי זאָגען, איך האָב ניט קיין טאַטע און ניט קיין מאַמע.

ס אַ פּ י ע. (געריהרט.) ווער זאָגט? עס איז ניט וואהר! קינד, איך בין דיין מאַמע, די מעכטיגע נאַטור האָט מיר ערלויבט דיין מוטער צו זיין... אָבער וואָס איז די גרויסע נאַטור אָהן אַ קאַזיאָנע ראַבין? אַ מאַמע אָהן אַ קאַזיאָנע פּעטשאַט איז קיין מאַמע ניט.

ז ש ע נ י ט ש ק ע. טיאַטע סאָפיע, איך פערשטעה ניט וואָס דו זאָגסט.

ס אַ פּ י ע. וועסט אויסוואַקסען, זשעניטשקע, וועל איך דיר אַלעס ערצעהלען און אַלעס ערקלערען. (טרערען שטיקען זי.) און דאַן, אויב דו וועסט וועלען, וועל איך זיין דיין מאַמע, און אויב דו וועסט זיך שעהמען וויא אַלע, וועסטו מיך אָבשטויסען פון זיך. (ווישט אָב אַ טרעהר.) אָבער, קינד, וואָרום רעדסטו היינט דערפון?

ז ש ע נ י ט ש ק ע. מען לאָזט ניט די קינדער שפּיעלען זיך מיט מיר. און דאָס שעהנע אינגעלע, וואָס וואָהנט דאַ אַקעגען,

האָט מיר היינט געזאָגט, איך בין געבאָרען געוואָרען אונטער א פּלויט... זיין מאַמע האָט איהם דערצעהלט. וואָס הייסט א פּלויט? טיאטע סאָפיע, איך בין דען ניט אזוי געבוירען געוואָרען, וויא אנ־דערע קינדער?

ס אָ פ י ע. יא! ביזט געבוירען געוואָרען וויא דאָס שעהנע יונגעלע אקעגען, וויא אלע קינדער... אה, קינד, ארמעס קינד. (דריקט זי צ זיך, וויינט. אפּאלאָן קומט פון גאָרטען, טראָגט א שטראָה הוט און זומער פּאלטא אין דער האַנד.)

ז ש ע נ י ט ש ק ע. אָנקעל אפּאלאָן געהט. (אפּארט.) איך ווייס, ער האָט מיך ניט ליעב און איך האָב איהם אויך ניט ליעב. (אב אין הויז, סאָפיע ווישט אָב דיא אויגען.)

ס אָ פ י ע. (לויפט וויא אָ משוגענע אראָב דיא טרעפּ.) ענדליך נעקומען, נעקומען, געקומען! (קושט איהם ליידענשאַפטליך.)

א פּ א ל א ן. ליעבע פּאַפּאָה, זיי ניט אזוי וואהנזינניג, האָב געדולד, מע קען זעהן פון דיא אנדערע דאַטשעס. עס איז ניט שעהן, אי! זיי פאַרזיכטיג...

ס אָ פ י ע. עס איז אפשר ניט שעהן צו האָבען א געליעב־טען, אָבער אז מע האָט שוין יא א געליעבטען, איז זעהר שעהן איהם צו קושען. — שלעכטער, איך האָב דיך נעכטען א גאַנצען טאָג ערוואַרטעט. זונטאַג פלעגסט דו א מאָל דען גאַנצען טאָג שענקען מיר.

א פּ א ל א ן. נאַרעלע, זונטאַג זיינען דאָ זעהר פיעל מענשען פון שטאָדט. און אויסער דעם, איך קען ניט אוועק אויף א גאַנצען טאָג. פערשטעהסטו מיך? דאָרט אין דער היים — סקאַנדאַלען. איך האָב געמוזט פערשפּרעכען ניט פאָהרען צו דיר.

ס אָ פ י ע. און דו האָסט עס פערשפּראָכען?

א פּ א ל א ן. נאַר, איך האָב מורא, מיין מאַדאַם קען קומען אהער מיט איהר מאַמאַשאַ און פּאַפּאַשאַ. מע דאַרף זיך אָבהיטען פון אַן עפּפענטליכען סקאַנדאַל.

ס אָ פ י ע. יא, מורא האָבען און היטען, אָבהיטען, פערהיי־טען, — גענוג! איך וויל ניט הערען און וויל ניט וויסען פון קיין זאַך. רעד ניט! (נעהמט זיין הוט און ראָק, קושט זיין האַנרשוה.)

ערשטענס, דער גרויסער אפאלאן וויל געווים עסען. הא? באלד. (געהט צום פענסטער.)

א פ א ל א ן. איך האב פיינד צו עסען מיט זיי אלע צוזא־מען. מיר וועלען עסען ביידע, אליין, שפעטער. סאפיע, דו ווערסט מאגער און בלאס. באדסט זיך צופיעל?

ס א פ י ע. יא, איך באד מיך צופיעל. (זיפצט.) וויפיעל האב איך נעכטען פערלוירען געזונד דיך ערווארטענדיג. און דו האסט מורא פאר מענשען, הא?

א פ א ל א ן. סאפפאה, דו האסט נשט מורא, ווייל אפשר דו האסט וועניג צו פערליערען. מיין נאמען אבער און מיין רעפו־טאציע איז אלעס. דו ווייסט, איך גיב שוין קיינע שטונדען ביים באנקיער האים, זיין מאדאם האט מיך בעגעגענט אין פארדערצי־מער ווען איך האב א קלונג געטהאן, האט מיר געגעבען 5 רובעל און געזאגט: הערר פראפעסאר, ניכט מעהר קאממען.

ס א פ י ע. ניכט מעהר קאמען? פע! דאס איז זעהר מיאוס. (לאכט.) ווען איך זאל זאגען: הערר פראפעסאר, ניכט מעהר קא־מען, וואלט עס דיך זעהר געפרייט, וואלסט פטור געווארען פון א צרה, געפיהלט זיך פריי.

א פ א ל א ן. סאפיע, ווען דו וועסט מיר זאגען „ניכט מעהר קאממען", וועל איך ניט האבען אין דער גאנצער וועלט צו וועמען צו קומען און מיט וועמען צו רעדען אייןווארט. אז איך וועל פטור ווערען פון דער צרה, וועל איך ניט האבען קיין פרייד מעהר. און אז דו וועסט מיך בעפרייען, בלייב איך אן עווינער שקלאף.

ס א פ י ע. ווארום זאל איך דאס טהון? איך האב דען וואס צו פערליערען? מיין רעפוטאציע איז דען א וויכטיגע זאך? הא! הא! ביי מיר איז דאך דיא גאנצע וועלט טרין טראווא. ע, קום אהער צו מיר. רער! דערצייל! זאג מיר עטוואס, איך האב דאך דיך ניט געזעהען א גאנצע וואך! זיעבען טעג געווען דא אליין. זיעבען מאל 24 שעה געווארט אויף דיר! דו ביזט געוועזן פערנו־מען, האסט דיך אונטערהאלטען מיט מאדאם זאננענשיין, האסט געשמוסט מיט דיין קדיש, האסט געשפיעלט פיאנא, בעגעגענט זיך מיט פריינדע, און איך האב שרעקליכע, אונענדליך לאנגע זיעבען

טעג געדענקט נור פון אפּאַלאָן זאַננענשיין, ערוואַרטעט אפּאַלאָן זאַננענשיין, געבענקט נאָך אַפּאַלאָן זאַננענשיין, געצעהלט דיא מי־נוטען, ווען וועט קומען אפּאַלאָן זאַננענשיין. ענדליך איז דער גרויסער אפּאַלאָן זאַננענשיין דאָ, און ער זיטצט מיט איינער „הע־ראבנעלאזענע נאַזע“.

א פּ א ל א ן. יאַ, מיט איינער הערּאַבגעלאַזענע נאַזע. עס איז וואהר, קלוגע, ליעבע, גוטע סאַפּפּאָה! פערשטעהסט, אין מיר זיצען צוויי פערשיעדענע פּערזאָנען, צוויי זאַננענשיינען, איינער ליעבט דיך ליידענשאַפטליך, שטרעבט צו דיר, שעצט דיין מוטה און ערגעבענהייט, דער צווייטער אָבער גריבעלט און רעכענט, שטעלט פראגען, שרעקט מיך מיט דער צוקונפט, דראָהט מיר מיט ראַבע, פערשפּרעכט מיר שאַנדע און שמאַך. מערקווירדיג, פּונקט דיעזער צווייטער זאַננענשיין ערוואַכט אין מיר, ווען איך קום צו דיר וויינינגסטענס איינינגע מינוטען גליקליך צו זיין.

ס אָ פ י ע. אפּאַלאָן, ווען דו פּאָהרסט אהער, נעהם ניט מיט דיא ביידע זאַננענשיינען. דו צאָהלסט דאָך נור פאר איין בילעט, ווארום זאָלסטו פיהרען צוויי פּאַסאַזשירען? דער ערשטער זאַננענשיין איז דאָ ווילקאָממען, דער צווייטער האָט דאָ קיין פּלאַטץ. הערר זאַננענשיין, נומר איינס, קום אהער צו מיר. (געּ־שעהט.) שטעל דיך נעבען מיר אויף דיא קניע. (ער קניעט.) קוק אויף מיר מיט דיינע שעהנע אויגען, ברען מיר מיין הארץ מיט דיין ליידענשאַפטליכען בליק! (נעהמט אַרום זיין קאָפּ.) אָה, מיין שעהנער נאָבלער קאָפּ. (קושט זיין שטערן.)

א פּ א ל א ן. וויא גליקליך דארף זיין דער, וואָס קען דיר זאָגען: סאַפּפּאָה, דו ביזט מיין.

ס אָ פ י ע. יאַ, דו קענסט עס זאָגען, דען איך געהער דיר, דיין סאַפּפּאָה בין איך און דו ביזט מיין זאַננענשיין, מיין אפּאַלאָן! וויא גרויס עס זאָל ניט זיין דער פעלז, וועלכען דיא אומשטענדען שטעלען צווישען אונז, סאַפּאָה וועט פון דיזען פעלז הערונטערצו־שטירצען צו איהר אפּאַלאָן אין דעם רוישענדען מעער דעם לעבענס. עס גיבט קיין אָפּפער, וועלכען סאַפּפּאָה זאָל איהר אפּאַלאָן ניט ברענגען.

אַ פּ אַ ל אַ ן. איך פֿערדיען ניט פֿון דיר אַזוי געליעבט צו זיין. דיין זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג שרעקט מיך. דו ליעבסט וויא איין מעכטיגע געטטין און איך בין איין שוואַכער, אויף צווייען צושפּאָלטענער מענש.

ס אָ פּ י ע. אַפּאַלאַן, קום מיט מיר צום מעער. דאָס מעער גיט דיר שטענדיג מוטה און קראַפֿט. קום, ליעבער.

אַ פּ אַ ל אַ ן. (אומאַרמט זיא.) יאַ, מיין סאָפֿאָה, מיין געטטין, מיין געליעבטע, קום! מיר וועלען זיך זעצען אויפ׳ן באַרג נעבען מעער, אויף דיין אויסערוועהלטען פּלאַטץ נעבען לייכטטהורם. מיר וועלען פֿון דאָרט קוקען ווייט אויף דעם גרויסען וואַסערפֿעלד. מיר וועלען זעהען וויא ווייט שווימט מאַיעסטעטיש אַ גרויסע דאַמפּפשיף, שניידט שטאָלץ דיא וועללען און שיקט אַ שוואַרצען וואָלקען פֿון רויך צו דיא הימלען. מיר וועלען זעהען, וויא אַ קליין שיפֿעלע שפּיעלט זיך מיט דעם מעכטיגען וואַסערטיטאַן און זיינע ווייסע זעגלען פֿלימערן ווייט, ווייט...

ס אָ פּ י ע. (שליעסט דיא אויגען.) אָה, וויא שעהן, וויא גוט...

אַ פּ אַ ל אַ ן. מיר וועלען הערען, וויא דיא וועללען לויפֿען צו דער מוטער ערד מיט אַ מוזיקאַלישע ריטמישע בעוועגונג, קושען זי, לויפֿען פֿאָרט און קומען וויעדער. און דיא מוטער ערד וויעגט זיך און טרוימט, און מיר וועלען אויך טרוימען פֿון גליק, פֿון האַר־מאָני, פֿון זעליגקייט, און אַלעס פֿערגעסען... אַלעס פֿערגעסען... אָה, סאָפֿאָה, וויא גליקליך איך בין, ווען איך האָב מיט וועמען צו טרוימען. — דו ווייגסט נאַר?

ס אָ פּ י ע. דאָס איז גוטע טרעהרען, אַזעלכע טרעהרען מאַ־כען ניט וועה.

אַ פּ אַ ל אַ ן. (שטעלט זיך הינטער איהר.) גיב, איך וועל מיט מיינע ליפּען אויסזויגען דיינע טרעהרען, איך וועל אויסטרינ־קען אַלעס וואָס פֿערגיפֿטעט דיין גוטעס הערץ און דיין מוטהיגע זעעלע, דו זאָלסט קענען נור לוסטיג, פֿרעהליך און מוטהיג זיין. (קושט זיא.)

ס אָ פּ י ע. ליעבער, דו פֿערגיפֿטעסט מיך נאָך מעהר. קום,

קום, סאפפאַה וויל זעהן דאָס ווייטע מעער און שרייען און רופען איהר גליק. (כאַפּט זיך אויף.) קום! (גערוויש.) אוי! (מאַניטשקעס שטיממע.)

מ א נ י ט ש ק ע. אַט דאָ, זאָגט איהר, איז זייער דאטשע? זיי האָבען א טאָכטער....

ש ט י מ מ ע ן. יא, יא, מיר ווייסען! דאָ איז עס! א טאָכ־טער... חא! חא! (געשריי.)

ס אָ פ י ע. מאַניטשקעס שטיממע! דיין פרוי!

א פ א ל א ן. איך וויל זי ניט זעהן יעצט. (געהט.) אַט דאָס איז דיא פּאָעזיע פון לעבען. אויף איין מינוט האָסטו דיך פער־געסען, קומט דיא שמוציגע ווירקליכקייט און פאָדערט איהרע רעכטע. סאָפיע, איך בעט דיך, אָהן סקאנדאלען. שיק זיא אהיים. שאַ! איך בין דאָ ניטאָ. (אב אין הויז.)

ס אָ פ י ע. מיין גליק איז א גע'גנב'עטעס, דערפאר מעג יע־דער קומען און צונעהמען עס. מיין גליק מעג יעדער צושטערען, דאָס וואָס איך רעכען היילינג מעג יעדער פערשפּאָטען. דאָס וואָס מיר איז טייער, דארף יעדער מאכען ביליג און געמיין. אָה, אונ־גליקליכער מענש וואָס איך בין. (מאַניטשקע קומט פון גאָרטען, גע־קליידעט רייך, אָהן געשמאַק.)

מ א נ י ט ש ק ע. (ערעגט.) יא, דאָ איז עס. (געהט אויפ'ן באלקאן.) דיא פּרייליבע מאמזעל איז דאָ אליין גאָר? וואו איז ער?

ס אָ פ י ע. ערשטענס, אז מען קומט, דארף מען זאָגען: גוט מאָרגען; נאכהער דארף מען זיך זעצען, נאכהער אז מע האָט וואָס צו זאָגען, זאָגט מען. מען דארף ניט זיין גראָב וויא א פּערעקופּקע. מיר זייגען ניט אונטער דער עשאָפּע, אויפ'ן אלטען מארק. זיץ.

מ א נ י ט ש ק ע. דער אָרט איז א סך ערגער פון א עשאָפּע און איך בין ניט געקומען אהער לערנען זיך דרך ארץ ביי דיר. אַזאַ פרוי וויא דו איז א סך ערגער פון א פּערעקופּקע, א סך ערגער...

ס אָ פ י ע. איך בין זעהר א שלעכטע פרוי?

מ א נ י ט ש ק ע. ניין, דו ביזט זעהר א פיינע פרוי! וואו איז מיין מאן? איך בין געקומען נעהמען מיין מאַן אהיים.

ס אָ פ י ע. וואָס הייסט נעהמען? וואָס איז ער א קליי־נינקער? אז ער וועט וועלען, וועט ער געהן.

מ א נ י ט ש ק ע. וועט ער וועט ניט וועלען, וועט ער אויך געהן. ער איז מיר ניט קיין ליובאָווניק, ער איז מיין מאַן.

ס אָ פ י ע. (רוהיג.) מאַניטשקע, וואָס שרייסטו אזוי? ווילסט מיך איבערשרעקען?

מ א נ י ט ש ק ע. איך האָב דאָס רעכט דאָ צו שרייען, אויב איך וויל, מעג איך דיך פּאַטשען אויך.

ס אָ פ י ע. אויב דו ווילסט? טאָמער וויל איך אָבער ניט?

מ א נ י ט ש ק ע. אַלע זאָגען, איך זאָל דיך אפילו שיסען, קומט מיר גאָר ניט דערפאר, גלייך איך זאָל דערשיסען א הונד, וואָרים איך בין זיין געזעצליכע פרוי.

ס אָ פ י ע. א געזעצליכע פרוי! אוי, וואָס פאר אַ שרעקליכע חיה דאָס איז. אָבער, מאַניטשקע, פאר וואָס זאָלסטו מיך שיעסען? דיין מאַן, וועלכער געהערט דיר פּאָ קאָנטראַקטו, געהט אהער האַלט איהם ביי דער פּאָלע. שטעל דיר פאָר, דו האָסט ליעב דיין פריקאַשציק מיט דיא שווארצע אויגען, און דיין מאַן קומט און שיעסט איהם וויא א הונד און דיך שלאָגט ער און בעפעהלט דיר, דו זאָלסט אונבעדינגט ליעבען נאָר איהם, ווארים ער האָט דרויף א פּאַטענט פון ראַבינער.

מ א נ י ט ש ק ע. וואָס דאַרף איך איצט טראַכטען דערפון? אז עס וואָלט זיך געטראָפען, וואָלט איך דאַמאָלס געזעהן וואָס איך האָב צו טהון. און וויעדער אפשר וואָלט מיין מאַן גאָר קיין מאָל ניט געוואוסט דערפון? וואָס בין איך, א נאַר?

ס אָ פ י ע. קיין מאָל ניט געוואוסט? יא! ביזט אַ געזעצלי־כעס ווייב... זיץ, מאַניטשקע, און מיר וועלען רעדען וויא מענשען: מיינסטו, עס קען אויף דער וועלט זיין אזא געזעץ וואָס זאָל פער־באָטען אָדער צווינגען צו ליעבען?

מ א נ י ט ש ק ע. איך דאַרף ניט קיין פילאָזאָפיע, און זיצען אין אזא הויז פּאַסט מיר ניט. אזוי זאָגען עלטערע און קליגערע מענשען פון אונז.

ס אָ פ י ע. אה! איך וויים, מע האָט דיך אָנגעלערנט, דו

זאָלסט קומען אהער, מאַכען אַ סקאַנדאַל, שלאָגען מיך, פּאַטשען מיך! אה! דומהייטען! אויף דער וועלט איז נאָך ניט געבוירען דער מענש וואָס קען וואַגען מיך צו בעריהרען, ניט נור דו, דער שטאַרק־סטער מענש וועט עס ניט דערלעבען. דו זעהסט דאָ אויפ'ן טיש, מעסער, גאָבעל, טעלער! אָה, מען קען שטענדיג געפינען מיט וואָס זיך צו בעשיצען! (רוהיגער.) אָבער זאָל זיין, איך האָב מיך דערשראָקען פאר אזא שרעקליכע בעשעפעניש וויא אַ געזעצליכע פרוי, איך שטעה וויא אַ נאַר מיט צונויפגעלעגטע הענד און זאָג: מאַדאַם זאָננענשיין, פּאַטשט! אייער כתובה גיט אייך רעכט צו פּאַטשען אַלע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע ליעבען ניט נאָך דיא דינים פון שולחן ערוך. נו, וואָס וועט דערפון ארויסקו־מען? מע זעהט ניט דו זאָלסט זיך זעהר אונגליקליך פיהלען, נור אויב דו ביזט אונגליקליך, וועט דיך אַ מיאוסער מארק־סקאַנדאַל גליקליך מאַכען? וועסטו ווערען געליעבט, אויב דו ביזט יעצט ניט געליעבט? וועט מען דיך אַכטען, אויב דו בזט איצט ניט געאַכטעט?

מ א נ י ט ש ק ע. ווער איז ניט געאַכטעט? ווער איז ניט געליעבט? איך? האָסט שכל? ווער האָט עס דיר געזאָגט? ווען עס קומט אויף איהם אַ משוגעת, נעהמט ער דאָך איין דיא כפרה. ער קושט מיך, ער האַלזט מיך, ער קנייפּט מיך, ער געהט אוים נאָך מיר.

ס אָ פ י ע. (עס רייסט זיך אַרוים פון איהר ברוסט אַ פערשטיק־טער געשריי.) אוי!

מ א נ י ט ש ק ע. נאַכהער אָבער קומט אויף איהם אַ מע־לאַנכאָליע און איהם ציעהט צו דער שעהנער מכשפה. דו זאָלסט אָבער ניט זיין, וואָלט ער קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט.

ס אָ פ י ע. (טרויריג.) יא, איך זאָל ניט זיין, וואָס זאָל איך אָבער טהון, אז איך בין יא דאָ?

מ א נ י ט ש ק ע. איך וויים, ער איז דיר געווען געפעלען נאָך פאַר מיין חתונה, דאַמאָלס האָסטו איהם געקענט צונעמען, איצט איז ער מיין מאַן און איך וויל איהם נעמען אהיים.

ס אָ פ י ע. אַ פרוי דאַרף ניט שלעפּען איהר מאַן אהיים — זיא דאַרף זעהען אז ער זאָל ניט וועלען פון דער היים אַוועקגעהן. מאַניטשקע, דו זאָגסט, מאַנכעס מאָל האָט ער דיך ליעב. (לאַכט און

ווייגט.) יא, יא, איך גלויב דיר, דאָס זיינען זיי דיא מעננער... נו, דו זעהסט? ער האָט דיך ליעב, ער איז שטענדיג מיט דיר, דו ביזט זיין געזעצליכע פרוי, דו האָסט אַלע רעכטע, דיא גאַנצע וועלט איז מיט דיר און געגען מיר. אויף איין קאָנצערט, ווען מען אַפּלאָדירט איהם, זאָגט מען: און דאָס איז מאַדאַם זאַננענשיין. מיר קומט גאָר ניט, איך בין אַ פרעמדע, איך בין נור אַבעטלערקע, איך בעטעל אוים דאָס, אויף וואָס איך האָב קיינע רעכטע. נור אַ מאָל, ווען ער, דער ענטאָסאַסט און גליקליכער מענש, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דער אונגליקליכער סאָפּיע... (ווייגט, קען ניט רעדען.) יא, איז עס וואָהר, איך האָב איהם ליעב געהאַט בעפאָר ער האָט חתונה געהאַט, פון איהם אָבער האָב איך דאָס אָבגעלייקענט, איך האָב דיך געראַכענט פיר צו שוואַך איך זאָל קאָנקורירען מיט דיר, איך האָב מורא געהאַט דיין גליק צו רויבען. איך האָב געדענקט: זיי וועלען הייראַטהען, זיין גלקליך, און ער וועט אין מיר פערגעסען. נאָכהער אָבער ווען ער פלעגט קומען איין אונגליקליכער, אַ פערצווייפעלטער, ווען ער פלעגט זיך מיר קלאָגען וויא שווער עס איז איהם צו לעבען מיט מענשען, וועלכע פערשטעהן איהם ניט, בעגרייפען ניט זיינע ארטיסטישע שטרעבונגען — איך האָב איהם ליעב געהאַט און האָב איהם געאָפּפערט מיין לעבען. אויף מיין ארמען קאָפּ האָב איך גענומען פלוך, שאַנדע און שפּאָט, און דיר האָב איך געלאָזט אַלע רעכטע. (פויזע. געררויש.) וועה איז מיר, זעה נור, וויא קומט אַהער באַרים? עטוואָס איז געשעהען. (באַרים קומט פון גאָרטען, ער איז בלאַס און אַלט, טראָגט אַ רייזע טאַש און איין קליינעם טשעמאָדאַן.) וואָס איז, באַרים? ווען זייט איהר געקומען? וואו איז ליזע?

באַרים. (שטעלט דיא זאַכען אויפ'ן באַלקאָן.) וואָס מאַכט איהר דאָ, סאָפּיע? מאַניטשקע, איהר זייט נאָך אַלץ גוטע פריינד מיט סאָפּיען? און איך האָב געהערט... איך האָב געוואוסט עס איז אַ ליגען — איך בין היינט געקומען מיט קרימסקי פּאַראַכאָד. איך האָב אייך קוים געפונען.

סאָפּיע. אַליין? וואו איז ליזע? געבליעבען דאָרט?

באַריס. (טרויעריג.) יאָ, סאָפיע... זי איז געבליבן דאָרט.

ביידע. וואָס מיינט איהר? וואָס הייסט עס?

באַריס. סאָפיע, איך האָב אייך געפאָלגט, איהר האָט געהייסען איך זאָל זיין מיט איהר, בין איך מיט איהר געפאָהרען קיין קרים. צוויי יאָהר בין איך געוועזען איהר דינסט, איהר פריינד, איהר קראַנקענוועכטער, איך האָב געטהאָן אַלעס וואָס ער וואָר נור מעגליך איהר לעבען צו פערלענגערן. אָבער, סאָפיע, אַלע מיה איז געוועזען אומזיסט. אונזער ליזע איז מאָנטאָג, דעם צוועלפטען מאַי געשטאָרבען מיט אַ רוהיגען שטילען טויט. (פערדעקט זיין געזיכט.)

סאָפיע. געשטאָרבען? אָה! ליזע, ליזע, אָרמע ליזע! וועה איז מיר! וועה! (ביידע פרויען וויינען.) פאַר וואָס האָט איהר מיר ניט געשריעבען? טעלעגראַפירט? איך וואָלט געקומען.

באַריס. וואָס וואָלט איהר געהאָלפען. (ווישט די אויגען.)

מאַניטשקע. אָרמע ליזע! אַזאַ אונגליק! אַזאַ אונגליק! נו, איך מוז געהן! אהער אויפ'ן גרויסען פּאַנטאַן בין איך געקומען מיט ז'טאַטען און מיט דער מאַמען... איך וויל ניט זיי זאָלען קומען אהער. עס קען זיין, דאָס וועט איהם זעהר בעז מאַכען. נאָך וואָס דאַרף איך דאָס? אַ גוטען טאָג, באַריס. (געהט אַראָב פון דיא טרעפּ.) נו, איהר גליק וואָס ליזע איז געשטאָרבען, איך וואָלט זיא היינט גוט דורכגעפּאַטשט. (אב.)

זשעני. (גיט אַ קוק אין פענסטער.) טיאַטע סאָפיע, דיא באָבע זאָגט... אוי! אָנקעל באַריס, אנקעל באַריס! (ער נעהמט זי ארוים דורכ'ן פענסטער. איך האָב נאָך אייך אַזוי געבענקט, איהר גוטער אָנקעל. (קושט זי.)איהר זייט קראַנק, אָנקעל באַריס?

באַריס. ניין, זשעניטשקע. איך בין נור אַן אונגליקליכער. טיאַטע ליזע איז געשטאָרבען און איך בין יעצט געבליעבען אַליין אויף דער וועלט. (וויינט.)

סאָפיע. שאַ! זיי דאַרף מען עס ניט אָנזאָגען באַלד. דיא אַלטע אָרמע מאַמע נעבעך. (ווישט דיא אויגען, געהט צו איהם.) וויינט ניט, באַריס, און זייט ניט אַזוי פערצווייפעלט. איהר זייט ניט אַליין, איהר האָט פריינדע, איהר האָט גוטע פריינדע, איהר

וויסט ניט, וואָס פאַר א גוטער פריינד זשענטישקע איז אייך. (זי לעגט איין האַנד אויף באַריס'ס שולטער, די אַנדערע אויף זשעניטשקען. אפּאַלאָן קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער און בעטראַכט זיי.) אַיאָ, זשע־ניטשקע?

ז ש ע נ י. איך האָב נאָך פריהער געזאָגט, נור אָנקעל באַרים האָט מיך ליעב און האָט ליעב טיאָטע סאָפיע.

ס אָ פ י ע. נעהם אזוי אָט, און וויש אויס אָנקעל באַרים זיינע טרעהרען. (גיבט זשעניטשקען איהר טיכעלע.) אָט אזוי, אָט אזוי... מע דאַרף נור א ביסעלע וויינען, ניט קיין סך. זי פיהרט זשעניטש־קעס האַנד מיט'ן טיכעל איבער זיין געזיכט. באַרים קושט סאָפיע'ס טי־כעל און זשעניטשקעס האַנד.)

א פּ א ל א ן (אַריין.) זעהר איין שעהנעם פאַמיליענבילד! שטער איך פיעלייכט?

ס אָ פ י ע. אה, אפּאַלאָן...

א פּ א ל א ן. איז מאַניטשקע שוין פאָרטגעגאַנגען? איך שטעל מיר פאָר, וויא שווער עס איז איהר געוועזן. אָרמע יונגע פרוי!

ב א ר י ס. אָה, העררר זאַנגענשיין, איהר אויך דאָ? איך האָב ניט געוואוסט. וויא געהט עס? (גיט איהם דיא האַנד.)

א פּ א ל א ן. (גראָב.) איהר האָט מיך ניט ערוואַרטעט דאָ צו זעהן? ליידער בין איך יעצט דאָ.

ס אָ פ י ע. זשעניטשקע, אָנקעל באַרים איז געוועזן מיד פון וועג. פיהר איהם צו דער באָבע. דאָרט איז זייף. גיב איהם וואַסער. זאָג דער באָבע, אפשר איז ער הונגעריג.

ב א ר י ס. ניין, ניין, ראַנקע. אָה, מיין זשעניטשקע. (נעהמט זי אויף די הענד, געהט אַב.)

א פּ א ל א ן. (צייגט מיט'ן קאָפּ.) אונזער אַלטער בעקאַנ־טער. וואָס־זשע? געקומען צו גאַסט? האַ? יאַ, שוין לאַנג ניט גע־וועזן. אָה, איהר האָט געוויינט? געווים, מע זעהט זיך ניט אַזאַ צייט. (נעהמט זיין הוט און ראָק.) זאָל איך אייך פיעלייכט מיט מיין טי־כעל דיא טרעהרען אָבווישען?

ס אָ פ י ע. אוי, רעד ניט קיין דומהייטען! (ער וויל געהן.) וואוהין, וואוהין ווילסטו געהן?

א פ א ל א ן. וואוהין? איך פאָהר אהיים.

ס אָ פ י ע. איהר ווילט פאָהרען אהיים צוזאמען מיט מאדאם זאַננענשיין? איהר וועט נאָך האָבען דיא עהרע זיא צו זעהען און צו טרויסטען.

א פ א ל א ן. עס איז אפשר ניט קיין עהרע צו זעהען מיין פרוי, אָבער קיין שאנדע איז עס געוויס ניט. מאדאם, זי איז איין עהרליכע פרוי, און טרויסטען איין יונגע פרוי, וועלכע איז געצוואונגען צו זוכען איהר מאן, גאָט וויים וואו, איז אויך ניט קיין גרוים אונרעכט.

ס אָ פ י ע. רעכט און אונרעכט! אוי, וויפיעל געמיינהייטען זיינען מיט דיזע קלינגענדע ווערטער פערמאסקירט. אפאלאן, דער מענש האָט מיר ערשט א נאכריכט געבראכט.

א פ א ל א ן. רעד ניט. איך וויל פון איהם ניט הערען. איך האס דען מענשען און זיין קינד!

ס אָ פ י ע. דו האָסט קיין רעכט זיי צו האסען.

א פ א ל א ן. האסען איז קיין רעכט, עס איז א געפיהל. ווען איך זעה איהם, דענק איך געגען מיין ווילען, וויא קען מען האָבען צוטרויען צו א פרוי, וועלכע האָט אין דער פערגאנגענהייט געהיימניסע? וואָס פיר איין ווערטה האָט איהר ליעבע, ווען זיא האָט שוין פון איין אנדערען מאן איין קינד געהאט? ווען זיא האָט שוין פריהער איינעם געליעבט? איינעם? ווער וויים, פיעלייכט האָט רעכט מיין שוויעגער־מוטער און עס זיינען שוין דאָ פיעלע געליעבטע געוועזען.

ס אָ פ י ע. וואהרע ליעבע קוקט ניט אין דער צוקונפט אריין און פרעגט ניט וועגען דער פערגאנגענהייט. וואהרע ליעבע טרויט און פערטרויט. ביסט דו געוועזען ציכטיג, אונשולדיג, ווען דו האָסט מיר דיין ליעבע געבראכט? האָב איך דיך געפרעגט, וויא פיעל געליעבטע דו האָסט געהאט, בעפאָר דו האָסט מיך בעריהרט? ווארום זאָלסטו אלס מאן האָבען מעהר רעכט פון מיר אלס פרוי? אפאלאן, מיך האָט איינע אונגליקליכע ליעבע צו מוטער געשאפען. עס וואר איין פעהלער, אָבער עס וואר דאָך איין עהרליכעס, אויפריכטיגעס געפיהל. וויפיעל פרויען אָבער האָסטו געקענט ניט אלס

מענש, נור אלס ווילדעם טהיר, אהן ליעבע, אהן ריינע עהרליכע גע־פיהלע, אהן אויפריכטיגקייט? דיין ליעבע צו מאדאם זאננענשיין איז אויך ניט אזוי אידעאליסטיש ריין און דאך ביזטו דער פאטער פון איהר קינד.

א פ א ל א ן. א, דאס איז מיין קינד. שרייט.) מיין קינד!

ס א פ י ע. שש! (צייגט אויפ'ן פענסטער.) און דאס איז מיין קינד! וואס איז דער אונטערשיעד, דו גרויסער ראדיקאל, פי־לאזאף און פריידענקער? — אבער, אפאלאן, איך בעט דיך, זאל זיין גענוג, איך בעט דיך, האב דו אם וויינינגסטען מיטלייד מיט מיר, איך פערצייהע דיר אלעס, וואס דו האסט געזאגט, דען איך האב דיך ליעב. נו, ערנידעריג מיך, שלאג מיך, אויב דו ווילסט, פון דיר וועל איך אלעס ערטראגען, ווייל איך ליעב דיך. איך קען דיך, און איך ווייס, ווען דיא שלעכטע לוינע וועט פאראיבערגעהן, וועסטו אליין בערייען דיינע גרויזאמע ווערטער. (פינגערהוט קומט פון גארטען אונבעמערקט.)

א פ א ל א ן. ניע וועל איך בערייען דאס, וואס איך האב דיר יעצט געזאגט.

מ א ט י ו ס. זעה נור. ער קאממאנדירט דא וויא ביי זיין טאטען אין וויינגארטען.

א פ א ל א ן. (איראניש.) אה, אונזער האכגעשעצטער הערר פינגערהוט. וויא געהטס?

מ א ט י ו ס. (גראב.) וואס האט עס צו איך ווי עס געהט? פינגערהוט מעג זיין האכגעעהרט אדער ניט האכגעהרט, ער קריכט ניט וואוהין מע דארף ניט! קריעבען זאלען זיי שוין ראטשקעם דיא אלע שארלאטאנעס, א רוח אין זייער טאטענס ערד אריין!

א פ א ל א ן. (אויסער זיך.) וועמען מיינט איהר דאס? איהר שאראמיזשניק! איהר אלטער ליץ איהר! (גלעט דען קאפ.)

פ י נ ג ע ר ה ו ט. (קלאפט אן טיש.) ע, טשערנע, עסען! און דערלאנג דעם גראפינטשיק בראנפען. זעה נור וויא ער האט זיך צופלאקערט! מיליאנער מיינער! מיין בלאהארעטעל!

ס א פ י ע. (לאזט ניט אפאלאן ריידען.) פאפא, דו וועסט מעהר ניט רעדען! איין ווארט ניט! א יא? ! — מאמע, גיב זיי

עסען. זשעניטשקע, רוף אַנקעל באָרים עסען. הערר זאַננענשיין, איך דאַרף מיט אייך רעדען, קומט אריין אין שטוב אויף אַ מינוט. (שלעפּט איהם.)

אַ פּ אַ ל אַ ן. אַזאַ אַלטער היהנער פּרעסער, אַזאַ אַלטער טוי־געניכטס. (סאָפיע פיהרט איהם פאָרט.)

מ אַ ט י ו ס. וואָס? (כאַפּט זיך אויף.) אַט וועל איך דיך באַלד! (זעצט זיך.) האָר אויס, איך וועל דיך אַטוואַדיען פון דאַנען. גאָר ניט, אַזאַ קבצן זאָל זיך ערלויבען. און אַ מכה ווילסטו ניט? (טשערנע קומט מיט זופּ.)

ט ש ע ר נ ע. נאַ, נאַ, עסען. פערשטאָפּ דיא הלאָטקע — ווילסט דעם בראַנפען, וואָס דו האָסט אויסגעטרונקען? קיין נייעם בראַנפען האָט מען נאָך ניט צוגעגרייט, פראַנט מיינער!

מ אַ ט י ו ס. איך האָב אויסגעטרונקען זאָגסטו? הם, וויא קומט עס?

ט ש ע ר נ ע. דו זעהסט ניט? באָרים איז דאָך געקומען. (באָרים, זשעניטשקע זעצען זיך צום טיש.)

מ אַ ט י ו ס. וואָס מאַכט באָרים עפּעס? איך האָב געוואוסט, דו וועסט קומען. לעבען קען מען נור אין אַדעס. עס איז אַ שטאָדט, וואָס דאָס אויג געליסט. (עסט.) נו, און וואו איז פעפער?

ט ש ע ר נ ע. פעפער? פערגעסען, אַ קאָפּ — טפוי זאָל עס ווערען!

ז ש ע נ י ע. באַלד, באַבעניו. (לויפט, ברייננט פעפער. אַלע עסען.)

אַ פּ אַ ל אַ ן. (מען הערט זיין שטימע דורכ'ן פענסטער.) ניין, דאָס איז שוין צופיעל! וואָס? יעדער טויגעניכטס, יעדער געמיינער לומפּ זאָל מיך בעליידיגען אויך? וועניג האָב איך צו ערטראָגען? (סאָפיע בערוהיגט איהם.)

מ אַ ט י ו ס. מיר דאַכט זיך, איך וועל געהן, וועל איך איהם!... עס איז אַ זופּ... אַ ציגיינערשע סאָליאַנקע. אָהן זאַלץ, און אָהן פעפער, אָהן טעם און אָהן ריח. (זאַלצט און פעפערט בייז.)

ט ש ע ר נ ע. שאַ! און אויף ליזען האָסטו פערגעסען צו פרעגען? אויך מיר אַ טאַטע, טפוי זאָלסטו ווערען!

מ א ט י ו ס. יא, טאטע, וואָס מאכט ליזע? (שטיממען.) זעה נור בעסער. איך וועל שוין היינט פון עסען קיין הנאה ניט האָבען. (שטעמפעל, פראדי, מאניטשקע קומען פון גאָרטען.)

ש ט ע מ פ ע ל. (געהט גלייך אויפ׳ן באלקאן.) אויב איהר ווילט, מעג זיין א גאָט העלף. (צו זשעני.) דו, בעלאריבעצע, דער־לאנג מיר א קענדעל וואסער, איך האָב אויפגעגעסען א טאראנקע, ברענט מיר אויפ׳ן הארצען. (זי גיבט איהם וואסער.) ברודער, איך האָב מורא ביי אונז וועט דאָ זיין א באטאליע. (טרינקט.)

מ א ט י ו ס. פערגעס ניט, ביזט ביי מיר אויף מיין דאטשע.

ט ש ע ר נ ע. (צו דיא פרויען.) וואָס זייט איהר דאָרט גע־בליעבען שטעהען? אָהן א גוט מאָרגען, אָהן א גוט יאָהר. מענשען! טפוי זאָל עס ווערען!

פ ר א ד י. וואָס איז איצט פאר א צוגאסט? אז מע וועט ביי איך דאָ געלעגען ווערען, וועט איהר אונז איינלאדען צום ברית.

ש ט ע מ פ ע ל. (שטעלט אוועק דאָס קענדעל.) מיר זיינען גאָר פשוט געקומען נאָך אונזער בחור. וואו איז ער דער אָקון? אפנים אין דיא היצען האלט איהר איהם דאָ אין א לאחאנקע מיט קאלט וואסער און ער צאפעלט זיך דאָ ביי איך וויא א לעבעדיגער, הא?

מ א ט י ו ס.איהר מעגט איהם נעמען און איהר מעגט איך מיט איהם ווארגען.

ב א ר י ס. איך פערשטעה ניט, וואָס קומט דאָ פאָר? שווער, איך בעט אייך, מאכט ניט קיין סקאנדאלען. (ווינקט אויפ׳ן פענס־טער.) וואָס מיינט איהר, איהר קומט צו געזונד דערפון?

פ ר א ד י. (צו באריס.) דו זאָלסט ניט פערשטעהן וואָס דאָ קומט פאָר? עס איז דאָס זעלבע וואָס איז א מאָל פאָרגעקומען און וואָס עס וועט נאָך איה״ש פיעל מאָל פאָרקומען.

מ א ט י ו ס. האלט דיין פיסק! ביי מיר אויף מיין דאטשע!

פ ר א ד י. איך וועל ביי דיר בעטען א ראזשרעשעניע צו רע־דען, טראקטירנע נאדזיראטעל מיינער!

ש ט ע מ פ ע ל. וואו איז מיין בחור? איך קען דיר אויף דיין דאטשע געבען אזא חליאב, אז עס וועט זיך איבערקעהרען דער גאנצער טשיהונטשיק מיט דיא פיש! איהר האלאדראנצעס! וואָס

מיינט איהר? צונעמען ביי אַ ווייבעל איהר טאָן און מאַכען דאָ אַ גאַנצע ריבאָלאָוסטוואַ...

ב א ר י ס. הערט אויף, הערט אויף, איך בעט אייך.

מ א ט י ו ס. דו בינדוזשניק! דו ווילסט דיך אָנהויבען מיט מיר, איך וועל דיך. (כאַפּט זיך אויף, אַלע נאָך איהם.)

ז ש ע נ י ע. (ערשראָקען.) זיידע, זיידע! טיאטע סאָפּיע! (וויינט.)

ט ש ע ר נ ע. טפוי זאָלט איהר ווערען! דיא שכנים וועלען זיך דאָך צונויפלויפען אויף אייער בעזען וואונדער.

פ ר א ד י. פאַר אונז וועט זיך אָננעהמען נאָט, פאַר אונז וועלען זיך אָננעהמען מענשען! (דאַטשניקעס קומען פון אַלע זייטען און הערען זיך איין נייגריריג.) מיר זיינען ניט געקומען גנב'ענען פרעמדעס, מיר פאָהדערען אונזערעס.

מ א ט י ו ס. דיינס! נעהם און הענג איהם אויף דיר אויפ'ן האלז.

ש ט ע מ פ ע ל. איך האָב אַ כאַראַקטער, איך שווייג, איך שווייג, אָבער אַז מיין גאַל פּלאַצט, ווערט ביטער דיא גאַנצע פּיש, און, ברודער, עס קען דיר ארויסשפּארען די נשמה! זשוליק דו, וואו איז מיין איידעם? (אַ בעוועגונג צווישען דיא דאַטשניקעס. סאָפּיע, אַפּאַלאָן קומען פון שטוב.) אָט איז ער דער בחור! אהיים, ברודער! גענוג שפּיעלען אויף אַ פרעמדען פּאַרטעפּיאַן. האָסט אין דער היים אַן אייגענעם. קאָנצערטען דאַרף מען געבען אין דער־היים.

מ א נ י ט ש ק ע. פּאַפּאַ, הער אויף, איך בעט דיך, מאַך ניט קיין סקאַנדאַל, אויב דו ווילסט מיך ניט אונגליקליך מאַכען. (צו אַפּאַלאָן.) איך בין ניט שולדיג, זיי פיהרען מיך... אך וויים ניט, וואָס זאָל איך טהון? (וויינט.)

א פ א ל א ן. יא, זעהר שעהן, זעהר שעהן, מען האָט עס גע־דאַרפט ערוואַרטען. מאַניטשקע, וויין ניט, איך בעט דיך, קום, דיר פאַסט ניט דאָ צו זיין. (וויל געהן פון דיא טרעפּ, בעטראַכט דיא פרעמדע מענשען.) אוי, וועלכע שאַנדע! סקאַנדאַל!

ס אָ פ י ע. (לאָזט איהם ניט געהן.) אַפּאַלאָן, ניט יעצט

דארפסטו פּאַרטגעהן, ניט אזוי דארפסטו מיך יעצט פערלאָזען. בע־רוהיג זי, שיק זי אהיים, דו וועסט קומען אהיים שפּעטער, וועסט קומען באלד. זאָג איין וואָרט.

א פּ א ל א ן. זעה וויפיעל פּרעמדע מענשען, איך קען ניט, לאָז מיך.

ס אָ פ י ע. פיהלסטו דען ניט, דאָס אויב דו געהסט אזוי אוועק, ציינסטו אליין אויך דאָס דו שעהמסט דיך מיט מיר, דאָס מיך רעכענסטו דיא נידריגסטע פון זיי? אָה, אפּאלאן, זיי א מאן! בערוהיג זיא, און בלייב נור אייניגע מינוטען.

א פּ א ל א ן. (בעז.) ע, אונזינן! דיא גאנצע וועלט ווייסט, זיא איז מיין געזעצליכע פרוי, וויא קען איך זיא איצט שיקען אהיים און אליין בלייבען דאָ? (ראָשׁ אראָב פון דיא טרעפּ.) קום אהיים גיכער. (זי ארמט איהם, ביידע געהן.)

פ ר א ד י. אָט אזוי, נעהם איהם... עס טרעפט זיך מיט דיא מאנסביל... אָבער ווען דאָס אמת׳ע ווייב נעהמט — געהט מען. יא, אן אייגען ווייב איז ניט קיין פרעמדע. (אפּאלאן אב מיט זיין ווייב.)

ש ט ע מ פּ ע ל. און וו׳זנאק פּאמיאטי, דו אלטער זוואָדניק, וועל איך דיר מאכען דאָ א לימינאציע! איהר זאָלט דאָ וויסען און געדענקען, וויא צו כאפּע זאויפ׳ן קריוטשאָק פרעמדע פיש אין מוטנע וואסער. נאַ דיר! (שלעפּט דעם טישטוך און ווארפט אלעס אראָב פון טיש, דאטשניקעס לאַכען.) און דאָס נאַ דיר! (וויל שלאָגען פּינ־גערהוט.) איך וועל דיין פּליעך ברייטער מאכען און גלאנציגער.

ב א ר י ס. איהר זיינט היינט פון זינען אראָב, צי דער רוח ווייס איך! (ראנגעלט זיך מיט שטעמפּעל, וויל איהם אומוואַרפען, מאַטיום לויפט אום, משוגע.)

פ ר א ד י. גיב איהם, גיב איהם! אָט לאָזט מיך צו׳ן איהר, צו דער ליובאָווניצע, וועל איך באלד אויספּאטשען דיא גאנצע ליובאָוו פון איהר, לאָזט מיך אקערשט! (לויפט צו סאָפיען. טשערנע לאָזט ניט. זי רייסט דיא טיכעל פון טשערנע׳ס קאָפּ, לויפט, נאָך איהר טלך, דיא איבריגע יאָגען זיי נאָך. מע הערט אַ געפילדער אויפ׳ן גאָס. סאָפיע מיט זשעניען בלייבען אליין. סאָפיע געהט לאַנגזאַם צום קינד,

פאַלט לעבען איהר אויף דיא קניע, דריקט זי צו זיך און וויינט ביטער. דאס קינד וויינט אויך. באריס בעטראכט זיי פון דער וויים, דעם קאָפ אראָפּגעלאָזען.)

ס אָ פ י ע: אָה, קינד, קינד, קינד!....

(פאָרהאַנג.)

פיערטער אקט.

(סאָפיע'ס צימער וויא אין צווייטען אקט. א פּיאַנאָ איז צוגעקומען, אויף דער פּיאַנא נאָטען, אלעס אין אונאָרדנונג, אַנגעוואָרפען פּאַפּיערען, קליידער, בילדער. סאָפיע פּאַקט פערשיעדענע זאַכען אין איין גרויסען קאַסטען, זשעניטשקע העלפט.)

ז ש ע נ י ט ש ק ע. טיאָטע סאָפיע, ווען ווען ווענען מיר פּאָהרען?

ס אָ פ י ע. היינט אבענד, זשעניטשקע, 11 אזייגער געהט אָב דאָס שיף, צעהן ווענען מיר שוין דאָרט זיין.

ז ש ע נ י. וויא אזוי, האָסטו געזאָגט, רופט זיך די שטאָדט?

ס אָ פ י ע. סימפּעראָפּאָל. מיט'ן שיף ווענען מיר פּאָהרען ביז א גרויסע שטאָדט, וועלכע רופט זיך סעוואסטאָפּאָל, און פון דאָרט מיט'ן אייזענבאהן. (פּאַקט.)

ז ש ע נ י. מיר ווענען שוין קיין מאָל ניט קומען צוריק קיין אדעס?

ס אָ פ י ע. איך ווייס ניט, קינד, אפשר ווענען מיר שוין קיין מאָל ניט קומען צוריק.

ז ש ע נ י ע. און דער זיידע מיט דער באבע ווענען אלע מאָל דאָ זיין?

ס אָ פ י ע. ניין. זיי בלייבען דאָ דערווייל, אָבער שפּעטער ווען איך וועל האָבען געלד, וועל איך זיי אויך נעהמען צו אונז אהין. (פּאַקט.)

ז ש ע נ י ע. (פערטראַכט.) און וואו וועט בלייבען אָנקעל באָרים?

ס אָ פ י ע. איך ווייס ניט. וואו ער וועט ווענען, דאָרט וועט ער זיין. זשעניטשקע, דו פערגעסט מיך צופיעל, איך קען איבער דיר גאָר נישט טהון. (פּויזע.)

זשעניע. פאר וואָס?... ע, ניין, ניין, גאָר נים.

סאָפּיע. וואָס נאָך האָסטו געוואָלט פרעגען, זשעניטשקע?

זשעניע. ניין, מען דאַרף נים, איך וועל דיר נים דולען דען קאָפּ מעהר.

סאָפּיע. וואָס האָסטו דען געוואָלט פרעגען?

זשעניע. פאר וואָס זיינען מיר אזוי גיך אוועק פון גרויסען פאנטאן? אַלע זיינען דאָך נאָך דאָרט. (פויזע.)

סאָפּיע. אויף א דאַטשע וואָהנט מען נור ביז עס קומט דער אונמוטהיגער הערבסט מיט דיא קאַלטע וואָלקענדיגע טעג. אונזער הערבסט איז א ביסעל צו גיך געקומען און אונזער דאַטשנע סיזאָן האָט זיך געענדיגט פאר דער צייט. (קעהרט זיך אָב.)

זשעניע. דו וויינסט, טיאטע סאָפּיע?

סאָפּיע. ניין, זשעניטשקע, הער. באַלד וועלען דיא ארביי־טער קומען נעהמען דאָס פּארטאפּיאנא, געה בעסער אריין צו דער באבע.

זשעניע. איך וויים, דו ווילסט דאָ וויינען איך זאָל נים זעהען. (קוקט סאָפּיען אין דיא אויגען.) דו וויינסט היינט צופיעל, טיאטע סאָפּיע. (אב אין אינגערע טהיר.)

סאָפּיע. נים צופיעל, קינד. טיאטע סאָפּיע וועט נאָך ווייי־נען און וויינען. געהט, בעטראַכט דאָס פּיאנא. „מיין סאפּפּאָה", איך וויל ביי דיר זאָל דאָ שטעהען א פּיאנא, מיין אמת'ע, ריכטיגע שפּראַכע וועסטו הערען נור דאן, ווען איך וועל דיר מיט בעגייס־טערונג שפּיעלען". און דיא ארמע סאפּפּאָה האָט מיט צוויי שטונ־דען יעדען טאָג מעהר געארבייט און האָט געצאָהלט פאר א פּיאנא... עס איז געוועזן א פּרעמדע פּיאנא, א געדונגענע, היינט וועט מען זי צונעהמען אזוי ווי מען האָט ביי מיר אלעס צוגענומען. אה, וויי־פיעל גליקליכע מינוטען איך האָב דאָ איבערגעלעבט! וועלכע גע־פיהלע האָבען געשטורמט אין מיין הארץ, ווען ער האָט צו מיר גערעדט מיט זיין געטליכע שפּראַכע. אָט דאָ איז ער געזעסען, אָט איבער דיא קלאַווישען זיינען זיינע פינגער אומגעלאָפען, ער וועט זיי מעהר נים בעריהרען. (קושט דיא קלאַווישען קניענד.) אנשוויי־גען געוואָרען אויף עוויג, איך וועל שוין דיא זיסע שפּראך נים

הערען מעהר — געשטאָרבען. גלייכגילטיגע מענשען וועלען באלד קור־מען אזוי ווי שמשים פון חברה קדישא און וועלען דיך ארויסטראָגען וויא א טויטען. (וויינט, גערויש.) אהא, מען געהט: זיינע נאָ־טען, דאָס לאָז איך מיר. (וויקעלט איין דיא נאָטען, ווישט אויס דיא אויגען. פינגערהוט, ארבייטער קומען.)

פ י נ נ ע ר ה ו ט. יא, דאָס איז מיין קווארטיר. איך בין דער הערר מאטיוס פינגערהוט. דיעזע פיאנא, איך דארף זיא ניט מעהר, איהר קענט זיא נעמען. (ארבייטער רוקען אָב דיא פיאנא פון וואַנד.)

ס אָ פ י ע. איין מינוט! זאָל עס נאָך איין מינוט בלייבען אויפ'ן פלאטץ. אָט אזוי. איין מינוט, און אדיע. (פאַלט צו דער פיאנא און בלייבט שטיל. דיא ארבייטער שטוינען.)

א ר ב י י ט ע ר. (צו די קאַמעראַדען.) קאמעדיו לאָמאיעט.

ס אָ פ י ע. (מאַכט צו דאָס דעקעל.) יא, פיניטא לא קאמעדיא, דיא קאמעדיע האָט זיך געענדיגט. (לאכט און וויינט.) פריינדע, מיין פאפא דארף ניט מעהר דיא פיאנא, טראָגט זיא אוועק, נעהמט זיא צו. (דיא ארבייטער טראָגען ארויס די פיאנא. סאָפיע קניעט נעבען קאַסטען און קוקט אויף דיא נאָטען.) א לעבעדיגע שפראך איז דאָס געווען, איצט זיינען געבליבען נור טוידטע נאָטען... (קושט דיא נאָטען, לעגט זיי אין קאַסטען. פינגערהוט האָט זיך געגען שפיגעל פער־קעמט.)

מ א ט י ו ס.סאָפיע, דו ביזט זעהר ראסטראָיעט? איך האָב געוואָלט רעדען מיט דיר פון געשעפט. (זיא זוכט דיא בערזע.) ניין, ניין, ניט קיין געלד. (זי גיט איהם א מטבע, ער נעמט צו.) ניט דאָס. איך האָב געוואָלט רעדען טאַקע פון א וויכטיגע זאַך. דו ביזט דאָך יא מיין טאָכטער, ביזט א קלוגע, א געראָטענע, וואָס טהוסטו דאָס?

ס אָ פ י ע. איך פאַק איין דיא זאכען.

מ א ט י ו ס. איך פערשטעה, אָבער אזוי אין אלגעמיין? דו מאכסט פון דיר א תל. מאטיוס וועט ניט קענען אויף דער על־טער ווערן א גראָבער יונג, א שטיוועל פוצער, איך בין דאָך גע־וואָהנט צו לעבען וויא אַן ערעלמאַן.

ס אָ פ י ע. אי, דארפסט זיך ניט זאָרגען. פאר דער קוואר־

טיער איז בי'ן ערשטען בעצאָהלט. איהר וועט דאָס אלעס פערקויפען און מאַכען צו געלד. און איך האָף, זעהר גיך וועל אייך קענען נעהעמן צו זיך.

מ א ט י ו ס. איך זוייס. אָבער דאָס הייסט געמוטשעט זיך, ניט געלעבט. אין ארעס קען מען לעבען אז מע וויל. פערשטעהסטו? חע! איינס, צוויי, און שוין געוואונען דיא פּאַרטיע. שאַראַם אַט באַרטאַ, זשאַלעמעי אוב סרעדינו. אויב עס האָט זיך שוין יע געטראָפען. (גלעט דען פּליעד.) אזא זאך קען מען שוין ניט פערגלעטען. איצט איז דער עיקר געלד.

ס אָ פּ י ע. דיך האָט געשיקט צייגער.

מ א ט י ו ס. וואָס איז דער אונטערשיעד? עס איז א געשעפט־זאך און מע דארף זיך איבערלעגען.

ס אָ פּ י ע. (בעז.) דו האָסט מיר געשוואָרען קיין מאָל ניט רעדען מיט מיר דערפון, דו האָסט געשוואָרען! האָסט שוין פערגעסען? הא? דו ווילסט עס זאָל געשעהן איין אונגליק?

מ א ט י ו ס. (ערשראָקען.) איך האָב געשוואָרען, זאָגסטו? הם, וויא קומט עס? איך געדענק ניט. אויף מיין וואָרט, אוי, סאָפיע, איך האָב דיך קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן. ביזט גאָר קיין מענש ניט...

ס אָ פּ י ע. זאָ לאנג איהר זייט די מענשען, געוויס, בין איך קיין מענש ניט... אַי! הפנים, ווען איך וועל אפילו שוין ליעגען אין דער ערד, וועט מען אויך קומען טרעטען מיך מיט דיא פיס און שפּייען אויף מיין קבר. (פּויזע.)

ט ש ע ר נ ע. (עפענט דיא טהיר.) סאָפיע, אוי וועה איז מיר. (ערשיינט.) זעה וואָס פון איהר איז געוואָרען? סאָפיעלע! וואָס האָב איך דיך געוואָלט פרעגען? איך האָב א קוק געטהאָן אויף דיר און פערגעסען. (ווישט א טרעהר.) נו, טפוי זאָל עס ווערען. — פראַנט מיינער, דו ביזט דאָ? אפשר וואָלסטו עפּיס געהאָלפען? זעה, וואָס עס טהוט זיך אין שטוב.

מ א ט י ו ס. איך קען ניט יעצט... א מענש וואַרט אויף מיר ביי פּאַנקאָני'ן. (אב, באַלד צוריק אין טהיר.) אָט געהט באַרים, ער וועט דיר העלפען, ער איז ניט חולה. איך האָב א געשעפט. א

מענש ווארט אויף מיר... טשערנע, דו האסט מיר נאך אלץ ניט אויסגעפרעסט מיין ווייסען זשילעט? א קאפ, טפוי זאלסטו ווערען. (אב.)

ט ש ע ר נ ע. דער ווייסער זשילעט ליעגט איהם איצט אין זיננען. אוי, וואסערע מענשען עס איז דא אויף דער וועלט. (באריס קומט, נידערגעשלאגען און טרויריג.)

ב א ר י ס. גאט העלף, סאפיע, וואס מאכט איהר, שוויגער?

ט ש ע ר נ ע. (וויינענד.) וואס זאל איך מאכען? אוי, פינס־טער איז מיר. ווען איך גיב א קוק אויף דיר, דערמאן איך מיך אויף אונזער אונגליקליכע ליזע נעבעך. אזא יונג קינד דארף שטאר־בען, און איך מיט מיין אלטען צודולטען קאפ דארף מיך נאך אומ־שלעפען אויף דער וועלט. איך דארף נאך פרעסען ווייסע זשילע־טען... אוי, רבש"ע, מעגסט דיך איבערנעהמען. גוטע פאריאדקעס ביי דיר. טפוי זאלסטו ווערען. (אב.)

ב א ר י ס. (טרויריג.) אלזא, הייסט עס, איהר פאהרט טאקע היינט?

ס א פ י ע. יא, אונבעדינגט. (פאקט.)

ב א ר י ס. דער שווער האט געזאגט, מע דארף דא עטוואס טהון. קען איך אייך העלפען?

ס א פ י ע. ניין, באריס, דאנקע. איך פאק נור איין דעם קאסטען מיט זאכען, איך נעהם נור וואס עס איז נעטהיג פאר מיר און פאר זשעניטשקען.

ב א ר י ס. (זיפצט.) ווען זשעניטשקע וואלט כאטש דא גע־קענט בלייבען.

ס א פ י ע. סך הכל? אוי וועה איז מיר! וואס איז דיא ארמע טיאטע סאפיע אהן זשעניטשקען?

ב א ר י ס. יא, עס איז וואהר. איך וויים, סאפיע, אייך איז יעצט זעהר שווער?

ס א פ י ע. איך האב געוואוסט, איהר וועט היינט קומען רע־דען מיט מיר. איך מוז דאך אייך אויסהערען — איך קען מיר ניט העלפען, אבער דאס דארף איך אייך זאגען, איך וויים פון וואס איהר ווילט רעדען. אייערע אומזיסטע רייד וועלען מיר נור נאך

טיעפער מאַכען מיינע שמערצען, און איך זאָג אייך פריהער, מיין ענטפער וועט זיין: ניין, ניין, ניין! ווילט איהר דאָך רעדען?

ב א ר י ס. יא, סאָפיע, איך בעט אייך, הערט מיך אויס.

ס אָ פ י ע. (זעצט זיך.) רעדט, איך הער!

ב א ר י ס. דאָס וואָס איז געווען דארף אויסגעשטריכען ווערען, איך דארף עס ניט דערמאָנען.

ס אָ פ י ע. אָה, איהר ווילט זיין גרויסמוטהיג געגען מיינע פערגאַנגענע זינד?

ב א ר י ס. געגען אייערע זינד? בעוואהרע גאָט! ניט דאָס מיין איך. איך בין ניט קיין גרויסער פילאָזאָף, אָבער איך פערשטעה, ניט איהר האָט געזינדיגט. איהר האָט געליעבט מיט ריינע, כשרה געפיהלע. מע פערדיענט גאָר ניט אַזוי געליעבט צו זיין. ניט איהר, סאָפיע, האָט געזינדיגט, געזינדיגט שווער האָבען דיא וועלכע האָבען אזא עדלעס הערץ צערבראָכען, דיא וועלכע האָבען געקענט אזא סאָפיע פערטווישען אויף א ליזע, אויף א מאַניטשקע. — ניין, איך זאָג, מיינע פערגאַנגענע זינד דארפען פערגעסען ווערען. איך בין געווען אונעהרליך, ווייל איך בין געווען לייכטזיניג. סאָפיע, איך האָב דיך שטענדיג געליעבט. מיר, מעננער, קענען נור שעצען דאָס גליק, ווען מיר פערליערען עס. מען אָפּפערט אונז דאָס לעבען און מיר מיינען עס דארף אזוי זיין, עס קומט אונז... דיא צייט האָט מיך געלערנט... איך פערשטיי יעצט גאַנץ גוט, מיר קומט גאָר ניט, איך האָב קיינע רעכטע, איך וויל נור פערדיענען דיין פריינדשאַפט. דו ביזט איצט פערלאַסען, ערנידעריגט, ניעדערגעשלאָגען, ערלויב מיר צו זיין דיין פריינד, דיין קנעכט, דיין דיענער.

ס אָ פ י ע. אונמעגליך! איך קען מיך ניט פעראייניגען מיט א מענשען, וועלכען איך האָב ניט ליעב. דאָס איז מיין איבערצייגונג, וועלכע האָט מיך זעהר שווער געקאָסט.

ב א ר י ס. יא, איך וויים, איהר קענט מיך יעצט ניט ליעב האָבען, אָבער איך האָב דיך ליעב, איך אכטע דיך, איך פערגעטער דיך. עס קען זיין, ביזט גערעכט, מען דארף זיך פעראייניגען נור דורך ליעבע, זעהסט דאָך אבער... דיא נאַטור האָט דיר געשענקט א גאַנצען אוצר מיט ליעבע און דו האָסט עס פערשווענדעט אָהן גליק

פאר זיך. איך פאָרדער פון דיר קיינע ליעבע—איך בעט נור, ערלויב מיר דיך צו ליעבען, איך וועל זעהן אויסצוהיילען די וואונדען פון דיין הארצען, בערוהיגען דיין קראַנקן גייסט, שטילען דיינע בי־טערע געפיהלע. (לאָזט אראָב דען קאָפּ, שווייגט.)

ס אָ פ י ע. אה, באַרים, וויא פערענדערט איהר זייט גע־וואָרען.

ב א ר י ס. דער בעסטער רעפאָרמאַטאָר איז דיא צייט.

ס אָ פ י ע. ליידער, יעצט איז שוין צו שפּעט.

ב א ר י ס. זאָל זיין פון מיר רעדען און דענקען איז שוין צו שפּעט, אָבער דאָס קינד? פערגעסט ניט, דאָס קינד וואקסט אָהן א טאַטען און אָהן א מאַמע. פאַר פרעמדע זינד ערוואַרטען זיא אין לעבען פערפאָלגונגען און בעליידיגונגען. איך, איך פערדיען ניט מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבען, אויף זיך ווילט איהר אויך קיין רחמנות ניט האָבען, אָבער זשעניטשקע?

ס אָ פ י ע. (ריגגט דיא הענד.) הא? זשעניטשקע? זשע־ניטשקע! (זשעניטשקע לויפט אריין.)

ז ש ע נ יע. טיאטע סאָפיע, האָסט מיך גערופען? אָ, אָנקעל באַרים? (לויפט צו איהם.) איהר ווייסט, מיר פאָהרען אוועק היינט. איהר וועט בענקען נאָך מיר?

ב א ר י ס. איך וועל זעהר בענקען, איך וועל דאָ בלייבען אליין.

זש ע נ י ע. איהר קענט ניט פאָהרען אהין?

ב א ר י ס. ניין, טיאטע סאָפיע ערלויבט ניט, ווען זיא זאָל אויף אונז ביידע רחמנות האָבען, וואָלט איך אויך געפאָהרען. איך וואָלט אין סימפעראָפאָל גענומען א פאָטאָגראַפיע און מיר וואָל־טען אלע געאַרבייט און געלעבט צוזאַמען.

ז ש ע נ י ע. אוי, טיאטע סאָפיע! (בעמערקט איהר בעזע מיענע.) וואָס האָסטו מיך גערופען?

ס אָ פ י ע. דו וועסט געהן מיט אָנקעל באַרים אויפ'ן אלעקסאַנדראָווסקי פּראָספּעקט, איך האָב קיין צייט ניט, איך דאַרף נאָך שרייבען א פּאָאָר בריעף, אָנקעל באַרים וועט דיר קויפען א

וואָרם מאַנטעלע, איך האָב מורא, אויפ'ן שיף וועט זיין קאַלט. (נעהמט געלד פון איהר בערזע.)

באַריס. ערלויבט מיר וועניגסטענס זשעניטשקען אַ מאַנ־טעלע קויפען. קום, זשעניטשקע. (ביידע אב.)

סאָפּיע. דאָס קינד? עס וועט אויסוואַקסען אַ שעהן מיי־דעל אין איין גרויסע שטאָדט, אַן אונגעזעצליכעס קינד צווישען אַזעלכע געזעצליכע מענשען וויא מוסיו פינגערהוט און הערר ציי־נער. וואָס ערוואַרטעט זיא?... אָבער ניין, ניין, איך קען יעצט דערפון ניט דענקען, איך וויל ניט און קען ניט דענקען דערפון! איך בין יעצט אַליין, פיעלייכט וועל איך אהם קענען יעצט אָנשריי־בען אַ בריעף; זאָגען איהם מיין לעצטעס וואָרט, מיין לעצטעס „לעבע וואהל" און דאַן פערצייהען און אַלעס פערגעסען. (נעהמט טינט, פעדער שרייבט און לעזט.) „מיין ליעבער, ליעבער אפּאַלאָן"... (פאַלט צום טיש, וויינט.)

מלך. (הינטערן טהיר.) שווים, שווים אריין! זיי וועלען דיך ניט אויפעסען. נישקשה. (סאָפּיע ווישט אויס דיא טרערען.) אז מע זוכט געפינט מען... (מלך און מאַניטשקע קומען.)

סאָפּיע. (בעזן.) וואָס איז? וואָס דאַרפט איהר דאָ? ער איז ניטאָ דאָ! ניטאָ!

מלך. מיר ווייסען, אז ער געהט ניט אהער, מיר קוקען גוט. נישקשה. אָבער וויא זאָגט מען, אז עס איז ניטאָ קיין פיש, איז אַ ראַק אויך אַ ריבע, און אז עס איז ניטאָ קיין גוטע מיטלען, איז אַ באָבסקע זאַך אויך אַ רפואה. (זעצט זיך.) סאָפּיע, מיר האָבען מיט'ן בחור אַ גרויסע מאַראָקע...

מאַניטשקע. דו ביזט בייז אויף מיר, איך ווייס, אָבער וואָס בין איך שולדיג? מיינסט מיר איז גוט? ער געהט אום שוואַרץ וויא אַ כמאַרע, רעדט ניט, שפּיעלט ניט, קוקט ניט אויפ'ן קינד, האָט פערנאַכלעסיגט זיינע אוראָקען. אַ מאָל האָב איך געקענט ווע־רען גוט מיט איהם דורכ'ן קינד. דו פערשטעהסט? דאָס קינד גיט אַ שמייכעלע — איצט איז דאָס קינד ביי איהם וויא אַ הינטעל, להבדיל. און מיט'ן טאַטען וויל ער ניט רעדען.

מלך. יאָ, ער זאָגט, ער האָט ניט קיין אָסאָבעננע סימ־

פּאַיעס צו טשוכאַן. זאָל זיין אַזוי... אָבער אַז מען איז שוין אין פּעסעל, וואָס העלפט דער צאַפּלען זיך, האַ?

מאַניטשקע. גאַנץ פריה געהט ער אַוועק און קומט שפּעט אין דער נאַכט. קערט זיך אום מיט'ן פּנים צום וואַנד און רעדט ניט אַ וואָרט. אַזוי צוטראָגען, פערזאָרגט, איך ווייס ניט וואָס זאָל איך טהון? (וויינט.)

מלך. איך גלויב ניט אין באַבסקע זאַכען, מען זאָגט דאָס איז אַזאַ וואַראַזשבאַ, אַ אָבגעטאָהנע זאַך. איך ווייס, דו ביזט חלילה ניט קיין וועדמאַ, נור טאָמער האָסטו עפּיס אַ סרעדסטוואַ, זיי אַ גוטע און גיב דאָס מאַניטשקען. אוי, איך האָב געוואָלט מיין מיזינקע געבען אַ מאַן, עס זאָל זיין אַ קאַרפּ נאַ אודיוולעניע, און וואָס האָט זי? זי האָט אַליין מורא געהאַט, אפשר דער גרויסער האַס־פּאָדרין מיט'ן פּליעך, אָדער דו, חלילה, בין איך מיט איהר געקומען. איך בעט דיך, אויב דו האָסט טאַקע אַזאַ וואָלשעבסטוואַ, גיב דאָס אָב.

סאָפּיע. איך האָב ליידער קיינע מיטלען. אָה, ווען איך זאָל וויסען וואו מען קען אַזאַ מיטעל קריעגען, וואָלט איך אפשר אַליין געגאַנגען. מאַניטשקע, דיא צייט איז דאָס איינציגע מיטעל. (קערט זיך אב.)

מאַניטשקע. אוי, סאָפּיע, מיר איז אַזוי שווער, דורך מיר איז דאָס קינד קראַנק געוואָרען. (וויינט.)

מלך. זי וויינט — אַ ווייבערישע ספּעציאַלנאָסט. יעדער חיה, יעדער פיש האָט איהרע ספּעצאַלטנאָסט. פרימערנאַ, אַ קאַרעס האָט ליעב מען זאָל איהם בראָטען אויף אַ סקאַוורעדע אין סמעטענע, אַ העכטעל האָט ליעב מע זאָל איהם צושניידען און אָנ־פּיללען, אַ אידענע האָט ליעב צו וויינען...

סאָפּיע. איהר האָט ליעב געפּילטע העכט און געבראָ־טענע קאַרעס, זאָגט איהר, זיי האָבען דאָס ליעב... אַ קאַרעס וויל געבעך זיין פריי, שווימען אין וואַסער, און איהר בראָט איהם און זאָגט ער האָט ליעב זיך צו בראָטען. איהר מיינט, מיר פרויען האָ־בען ליעב צו וויינען? געוויס, אַז...

פ ר א ד י. (דרויסען.) וואָס זייט איהר דאָרט פערפּאַלען געוואָרען, וואָס איז דיא גדולה דאָרט אויף אייך?

מ ל ך. קום. דו ווייסט דאָך, אז ביי דיין מאַמען פּלאַצט זיך דיא טערפּעניע. אַלזאָ, סאָפּיע, קענסט ניט געבען קיין סאָוועט, וויא אזוי דעם בחור ארויסנעמען צוריק פון דעם כשוף?

מ א נ י ט ש ק ע. סאָפּיע, דו קענסט מיר ניט העלפען?

ס אָ פּ י ע. איך? איך קען מיר אַליין ניט העלפען.

מ ל ך. זיא האָט מורא, אפשר וועט ער מאַכען א ויברח צו ריר אַהין... ע, איך גלויב ניט, א מוזשטשינע זאָל ניט קענען בערע־כענען אז איבער א באבע איז ניט כדאי אזוי צו מאַראטשען זיך! יע, עס איז אַן אָזערע מיט ראַזנע פיש; איז ניטאָ קיין קערטשער הע־רינג, עסט מען א סקומבריא, א סקומבריא איז אויך ניט קיין שלעכ־טער הערינג.

פ ר א ד י. (עפּענט די טיר) יא, יא, ניין, ניין! וואָס האָט איהר זיך דאָ אַניעדערגעזעצט טענה'ן מיט איהר? זעה נור וואָס דאָ אין שטוב טהוט זיך? אזוי וויא איהר האָט צובראָכען פּערמדע הער־צער, אזוי האָט אייך גאָט צובראָכען און צושטאָכען. אוי, אז צו־בראָכען און צושטאָכען זאָלט איהר...

מ ל ך. שא, שא, האַלט איין דיא מאַשין!

פ ר א ד י. יא, איך וויים, דו ביזט דאָך אימשטיינס גע־זאָגט אויף א מאַנסביל, איהר האַלט אַלע אָט מיט אזעלכע בעסער ווי מיט אונז. א מאָל פּלעגט מען אויסשמירען אזא נקבה מיט פעך און מיט סמאָלע, בעווארפען מיט פעדערען און פיהרען מיט א באַראבאַן איבער'ן גאַס, און היינט... (שטעמפּעל וואַרפט זי ארויס. ביידע אב.)

מ א נ י ט ש ק ע. סאָפּיע, אויף מיר זייט ניט בעז, איך האָב פריהער אויך ניט קיין סך פערשטאַנען, און איצט האָב איך גאָר קיין שכל ניט... אָבער איך וויים ניט. אפנים עס איז דאָך אַן אָבגעמאַכטע זאַך... דווקא איצט האָב איך איהם אזוי ליעב, איך שטארב... (אב.)

ס אָ פּ י ע. (קוקט אויף דיא טהיר.) נאָך א בעליידיגונג פון דער מומע פראדי. ער בענקט נאָך מיר! ער ליידעט, ער קען מיך ניט פערגעסען. אָה, טייערער! איך וועל איהם ערצעהלען אין מיין בריעף וואָס איך פיהל יעצט, און וואָס איך האָב דיא לעצטע צייט

איבערגעלעבט. (לעזט וואָס זי האָט געשריעבען.) „מיין ליעבער, ליעבער אפּאלאָן". (שרייבט און לעזט.) „ווען דו, מיין טייערער, זאָלסט קענען זעהן יעצט מיין הערץ" — ווארום שרייב איך איהם? האָב איך מיך ניט בעשלאָסען היינט אַוועקצופאָהרען און אלעס ענדיגען? איז דאָס עהרליך, איהם מיט אַזאַ בריעף צו קרענקען, ערוועקען זיינע געפיהלע, מאַכען שטארקער זיינע ליידען? ניין, דאָס איז ניט עהרליך. אַזוי וועט ער זיך גיכער בערוהיגען און גיכער מיך פערגעסען. און איך? מיר איז דאָך שוין אַלעס איינס. (געהט צוריק פּאַקען דיא זאַכען.) איינפּאקען גיכער דיא איבריגע זאכען און מאכען זיך פערטיג צום וועג. (פּאַקט איין פערשיעדענע קליידער, פערטראַכט זיך און זינגט שטיל די מעלאָדיע פון „מאַטושקא האלאבושקא" אָהן דיא ווערטער, רייסט איבער, פאַלט צו מיט'ן קאָפּ צום קאָסטען, און בלייבט זיצען אויף דער ערד. אפאלאָן קומט שטיל.)

אפּאלאָן. (שטיל.) סאָפיע, איך בין געקומען צו דיר. איך וויים, וויא ניעדריג, וויא געמיין איך האָב געגען דיר געהאַנדעלט. איך האָב מיך זעהר קליינמוטהיג געגען דיר געצייגט, דו האסט מיך, דו פעראַכטעסט מיך, און איך בין דאָך געקומען. אָה, סאָפיע, ווען איך זאָל יעצט ניט קומען צו דיר, וואָלט איך פון זיננען אראָב. איך האָב לאנג ניט געוואגט, איך בין טויזענד מאָל געגאַנגען פערביי, איך האָב ניט געהאַט גענוג מוטה דיין שוועל אריבערצוטרעטען — ווערסט מיר גלויבען? איך בין שטונדען לאנג געשטאַנען נעבען דיין הויז און האָב מיר ניט נעקענט ערלויבען צו קומען צו דיר. אליין בין איך דיא טעג געזעסען ביים מעער דאָרט, נעבען לייכט־טהורם אויפ'ן גרויסען פאנטאַן, דאָרט וואו מיר פלעגען ביידע צו־זאמען זיצען; איך בין אויך געוועזען דאָרט... אין יענעם הויז... דיא דאַטשע איז פערלאָזט, אלעס איז דאָרט פוסט און לעער וויא ביי מיר אין הארצען — וואָס טהוט זיך דאָ? וואו איז דיא פּאנאָ?

סאָפיע. (צווינגט זיך צו זיין רוהיג.) דיא פּיאנאָ האָט מען צוגענומען. איך פאָהר היינט קיין סימפעראָפּאָל.

אפּאלאָן. איך האָב אַלעס דאָ אין דעם הערליכען נעסט צערבראָכען, צערשטערט, פערניכטעט. אָה, ווען איך דערמאָן מיך אָן יענע שענדליכע פּצענע! אין דיין הויז האָבען זיי אַ ווילדען פּאַ־

גראָם נעמאַכט, און איך האָב קיין מוטה געהאַט דיך צו בעשיצען. זיי האָבען דיך בעליידיגט, ערניעדריגט, און איך בין געלאָפען וויא איין פיינגלינג, וויא א פערברעכער.

סאָפּיע. (שטעהט אויף.) וואָס זאָל מען טהון? אין לעבען קומען פאָר פיעלע טרויעריגערע פּאָגראָמען, מען בעשמוצט און ערנידעריגט פיעלע הייליגערע זאכען. וואָס עס איז געשעהן איז געשעהן, עס איז איבריג צו רעדען דערפון. איך פאָהר היינט און אלעס איז געענדיגט.

אפּאלאן. דו וועסט אוועקפאהרען, און וואָס וועט זיין מיט מיר?

סאָפּיע. דו ביזט איין ארטיסט, איין מאַן, איין פּאָטער, דו וועסט זעהן צו טהון דיינע פפליכטען, בערוהיגען דיך און אלעס פערגעסען.

אפּאלאן. ניין. איך וועל ניט פערגעסען. מיין גליק, וועלכעס איך האָב אליין פערניכטעט, איז געוועזען צו גרויס. איך וועל ניט פערגעסען. איך וועל בלייבען אליין אין דער גרויסער שטאָדט וויא אין א וואלד. א פרעמדער צווישען פרעמדע, אַן עלענדער... סאָפּאָה, ווער וועט זיין יעצט מיין פריינד? צו וועמען וועל איך קומען מיט מיין טרויער? וועמען וועל איך ערצעהלען מיינע שמערצען? ווער וועט פערשטעהן מיינע שטרעבונגען? פאַר וועמען וועל איך קענען שפּיעלען מיט ליעבע און בעגייסטערונג? איך וועל דאָס ניט איבערלעבען.

סאָפּיע. (רוהיג.) דומהייטען — איהר וועט איך שפּעטער בערוהיגען.

אפּאלאן. סאָפּאָה, מיין סאָפּאָה, פערלאָז מיך ניט...

סאָפּיע. עס איז בעשלאָסען — איך פאָהר היינט.

אפּאלאן. דאַן נעהם מיך מיט. איך פערלאָז אלעס! איך וויל געהן מיט דיר! מיך קען יעצט קיין זאך צוריקהאלטען, מיך שרעקען ניט דיא רעזולטאַטען, דיא קוצונפט.

סאָפּיע. (מיט א שמייכעל.) ווען איהר זאָלט זאָגאר האָבען דיא בעשלאָסענהייט צו געהן מיט מיר, וועלכען זין האָט אזא שריט? איהר וועט עס גיך בערייען. אייער גרויזאמע האנדלונג גע־

נען אייער געזעצליכע פרוי און קינד, וועט אייך פערגיפטען דאָס לעבען. איהר וועט ניט קענען גליקליך און רוהיג זיין. אַנשטאָט צו ליעבען, וועט איהר האסען דיא, וועלכע איז גע־וועזען דיא אורזאכע פון אייער אונאַרענטליכע האנדלונג — און איך? ווען איך זאָל זאָגאר אייך ליעבען, וואָלט איך מיר ניט ערלויבט צוליעב מיין גליק רויבען ביי איין אונשולדיגע פרוי און ביי אַן אונשולדיגען קינד זייער מאַן און פאָטער. ניין, ווען זאָגאר איך וואָלט אייך געליעבט, וואָלט איך אייך ניט ערלויבט צו געהן מיט מיר.

א פ א ל א ן. אָה, איך פערשטעה. דו ליעבסט מיך ניט מעהר. (זעצט זיך צום טיש און זיפצט.) נו, יאָ, דאַן איז געווים איבריג צו רעדען דערפון. (בעמערקט דען בריעף.) הא, דאָס האָסטו מיר געוואָלט שרייבען, מיר, מיר! (לעזט.) „מיין ליעבער, ליע־בער אפאלאן, ווען דו מיין טייערער" — איך וויים, דו האָסט מיך ליעב! דו ווילסט מיט געוואַלד דיך שיידען פון מיר. ווילסט אליין ליידען און ערטראָגען. ווילסט נאָך איין נאָבלעס אָפּפער ברענגען! ניין, ניין! איך וועל דיך ניט לאָזען. (געהט צו איהר, זי טרעט אב.) דו וועסט בלייבען דאָ! דו וועסט בלייבען מיט מיר! (כאַפּט איהרע הענד.) מיין געליעבטע! מיין סאפפאָה! מיין הייליגע מאדאננא. (קושט איהרע הענד. גערויש.)

ס אָ פ י ע. איך הער מען געהט. (וויל זיך בעפרייען.) עס קען זיין אייערע געהן אהער. זיי זיינען שוין דאָ געוועזן.

א פ א ל א ן. (לאָזט זי ניט אָב.) עס מעג זיין ווער עס וויל, איך וועל מיך יעצט ניט איבערשרעקען, איך וועל מיך ניט שעמען מיט דיזע געפיהלע, וועלכע געבען גליק און פריידע. עס מעג יעצט קומען דיא גאנצע וועלט.

ס אָ פ י ע. אָה, אפאלאן ווען דו זאָלסט דאן זאָ וואָס זאָגען...

א פ א ל א ן. איך זאָג עס יעצט און וועל עס וויעדערהאָלען ביז מיין טויט.

ס אָ פ י ע. ניין, אפאלאן, יעצט... יעצט איז שוין צו שפּעט.

א פ א ל א ן. שפּעט? ווארום? (זשעניטשקע מיט אַ נייעם מאַנטעלע און באריס קומען.) אָה, איך פערשטעה! ער, זיי!...

ס אָ פּ י ע. (דריקט מאַניטשקען צו זיך, ביידע טענער קוקען זיך אָן פיינדליך.)

ז ש ע נ י ע. טיאָטע. טיאטע סאָפּיע, אָנקעל באריס האָט מיר געקויפט דאָס שעהנסטע מאַנטעלע וואָס איז געווען אין מאַגאזין. און ווען ער האָט מיר אָנגעמאָסטען, האָט ער געוויינט.

ב א ר י ס. ווען, זשעניטשקע? דאָס איז ניט וואָהר...

ז ש ע נ י ע. יא, אַלע האָבען געזעהען. איך האָב פיינד אָנקעל אַפּאלאָן, ער האָט דיך געמאַכט אונגליקליך. האָסט אַזוי פיעל געוויינט, איז ער ניט געקומען, איצט איז ער דאָ.

ס אָ פּ ע. זשעניטשקע, זשעניטשקע!

ז ש ע נ י ע. טיאטע סאָפּיע, דו מיינסט איך וויים ניט ווער מיין מאַמע איז און ווער מיין פּאַפּאַ איז? דיא קינדער האָבען מיר שוין לאַנג אַלעס ערצעהלט, איך האָב מיר נור געמאַכט ניט וויסענדיג, ווייל דו האָסט ניט געוואָלט. יא, איך וויים שוין לאַנג פאַר וואָס מען רופט מיך ממזר.

ס אָ פּ י ע. אוי! קינד, קינד! (וויינט, דריקט זי צו זיך.) מיין קינד!

מ א ט י ו ס. (דרויסען.) וואָסער קארפּ? וואָסער העכט? אַז מאַטיוס פינגערהוט זאָגט ניטאָ, איז ניטאָ. (ערשטוינט.) אָה! וויא איך בין אַ איד, דאָ איז דאָך ווידער אַלאַ גאַריבאַלדי דע פּאָמפּאַדור. (שטעמפּעל, פּראַדי, מאַניטשקע קומען.)

א פּ א ל א ן. (זעצט זיך ביים טיש און פערדעקט זיין געזיכט.)

פּ ר א ד י. אַז מאַשע הוזיק זאָגט מיר, אַז זי האָט איהם ערשט געזעהן מיט איהרע אויגען געהענדיג אהער, וויל ער מיר איינרעדען פּענעלעך אין בוזים. זעהסטו, זיי זיצען ביידע אַזוי ווי במחילה.. (טשערנע מיט אַ ווייסען זשילעט.)

ט ש ע ר נ ע. נאַ דיר דיין ווייסען זשילעט, פּראַנט מיינער. אפּנים איך וועל דיר וואַשען און פּרעסען ביז וואַנען איך וועל אַ מאָל פאַלען פון דיא פיס און וועל שטאַרבען. אוי! ווידער דיא שעהנע געסט? נאַ! טפּוי זאָל עס ווערען!

מ ל ך. איך וואָלט געוואָלט וויסען איצט, וואָס איז דאָס?

איז דאָס פּרימערנאַ א נייע ריבאַלאָווסטווא ביי אייך, אָדער אַן אַלטע פּאַרלאָסט?

אַפּאַלאָן. (קלאַפּט אין טיש) ווער עס וועט וואַגן צו זאָגן דאָ איין גראָב וואָרט, דעם וועל איך מיט מיינע הענד דערשטיקען וויא א הונד!

מאַניטשקע. אוי! סאַפּיע, זאָג דו מיר וואָס זאָל איך טהון? האָב אויף מיר רחמנות.

פּראָדי. זעהסט א גזלנות אין איהם! איך פערשטעה, ער פאָהרט מיט זיין ליובאָווניצע!

סאָפּיע. (שוואַך.) זייט רוהיג — ער קען ניט פאָהרען מיט מיר, ער איז א פאָטער פון זיין קינד, ער האָט א פרוי... ער האָט געווייסע אויפגאַבען אין זיין לעבען. און איך? עס איז קיין סוד פאַר אייך, איך האָב אויך א קינד, איך בין א מוטער און איך מוז זעהן דאָס קינד זאָל פאַר דער גאַנצער וועלט וויסען אָפען ווער איהר פאָטער איז. (גיבט באַריסען דיא האַנד, ער קושט זי מיט בעגייסטערונג, זי לאַכט און וויינט.) בעשערט דעם סימפּעראָפּאָלער ראַבינער פערדיענען ביי אונז א פּאָאָר רובעל פאַר א קאַזיניע פּעטשאַט.

מאַטיוס. ער גאָר? עס איז ניט אויסצוהאַלטען פון דיא קבצנים, א רוח'ן זייער טאַטענס עהד אריין. (פּראָדי רעדט צו מאַניטשקען און מאַכט מיט דיא הענד. מלך גיט באַריסען דיא האַנד.)

טשערנ'ע. (גרייתרט.) מע קען ניט לעבעדיג מאַכען דיא וואָס ליעגען נעבעך אין קבר, אָבער פאַר וואָס זאָלען ניט לעבען באָטש וויא אַזוי עס איז דיא, וואָס מוטשען זיך נאָך אויף דער וועלט? טפוי זאָל עס ווערען! (ווישט מיט'ן פאַרטוך די טרעהרען, קושט מאַניטשקען.)

סאָפּיע. דו פרעגסט וואָס דו זאָלסט טהון? (לאַכט היסטעריש.) האָב איהם ליעב, שטאַרק, שטאַרק, וועט ער דיך מוזען ליעב האָבען. און איצט ענטשולדיג מיר, איך וועל מיך ערלויבען דאָ פאַר אַללע מיט איהם אָבגעזעגענען זיך, פאַר אימער — און עוויג. (געהט צו איהם, קושט לאַנגזאַם זיין שטערן, זאָגט פערשטיקט) לעבּ וואָהל, אַפּאַלאָן! זיי געזונד! זיי גליקליך!

אַ פּ אַ ל אַ ן. און דו, סאָפּיע?... (פאַלט צום טיש און וויינט פערצווייפעלט.)

ס אָ פּ י ע. איך? פאַר מיר, ווי עס זעהט אויס, איז נאָך ניטאָ קיין גליק... אָבער מיין זשעניטשקע... דער דא... (ציינט אויף באַריסען.) דיין מאַניטשקע... דיין קינד... זייט איהר אַלע גליקליך, דאָס וועט זיין מיין איינציגע טרויסט... (קעהרט זיך אָב און ווישט אָב איין טרער.)

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק

די אמת'ע קראפט

דראמא אין 4 אקטען

פון

יעקב גאָרדין

ארויסגעגעבען פון

א. מ. יעװאלענקא, ניו יארק.

Copyright by Jacob Gordin.

פערזאָנען:

דאָקטאָר יעווגעני גאָלדענווייזער, א געזונטער מאַן, טראגט אַ לאַנגע באָרד, גראָלעד, 45 יאָהר אַלט.

אַליע, זיין טאָכטער פון דער ערשטער פרוי, 11 יאָהר אלט.

מארק, זיין ברודער, אַ בוכהאַלטער אין אַ באַנק, 30 יאָהר.

דבורה, זייער מוטער (מען רופט זיא „מאַדאַם"), טראגט ברילען, 65 יאָהר אַלט.

שמשון־דוד זרחי, אַ לעהרער אין תלמוד תורה, האט אסטמע, 45 יאָהר.

שרה הינדע, זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען

פאַניע, זייער טאָכטער, שפּעטער דעם דאָקטאָר'ס צווייטע פרוי, 20 יאָהר.

פייוועל פומפּיאַן, א וואיענער פעלדשער, 25 יאהר אלט.

אבראם חיוטין, אַליע'ס לעהרער, קורצזיכטיג, טראגט ברילען, 25 יאָהר.

ערשטע ארעמע פרוי.

צווייטע ארעמע פרוי.

דיענסטמיידעל, ארעמע פרויען, בוקיניסט.

עס קומט פאר אין איינער פון די גרויסע ליטווישע שטעדט אין רוסלאנד אין אונזער צייט.

ערשטער אקט.

דר. גאָלדענוואַסער'ס הויז. אַ גרויס צימער, איבערגעטיילט מיט פּאַרטיערען. אין דער ערשטער האַלב דעם דאָקטאָר'ס קאַבינעט, שאַפעס מיט ביכער, אינסטרומענטען, אַ וואַש־טישעל, א. ז. וו. אין דער צווייטער אבטיילונג אַ קליידער־שאַפע, אַ פּיאַנא, ווייכע מעבעל, וויענער שטולען, אַ טיש אַלץ אין אַ גרויסער אונאָרדנונג. ווען אַ פּאַציענט קומט, אדער דער דאקטאָר וויל בלייבען אליין — פערציהט מען די פּאָרטיערען.

פ י י ו ו ט ל. (פּוצט אַ קאסטיום מיט אַ קליידער־בערשטעל). ווער וועט גלויבען, אז איך, פייוועל פּומפּיאַן, וועל טון אזא אר־בייט — פּוצען פּרעמדע הויזען גאָר! און דאָך, איהר זעהט דאָך! (פּוצט מיט מעהר ענערגיע). הויזען פּוצען געהערט אויך צו דער מע־דעצין. פערשטאנען? ווארום דער דאקטאָר קומט פון א דיפטעריא און וועט מוזען איבערבייטען די קליידער. באצילים דיפטעריקא! (מען קלינגט). אהא, פּאַציענטען! (לויפט עפענען, קומט צוריק מיט אַ בוקיניסט, וועלכער ברענגט פּיעל ביכער). ווידער ביכער פאר'ן דאקטאָר? לעגט אנידער אָט דאָ, איך וועל איהם זאָגען. האָט א גליקליכען תמיד... (בוקיניסט אב). נאר ער קויפט ביכער, דער דאק־טאר. אז מע ווייסט שוין, ווי צו זיין א דאָקטאָר, נאָך וואס, דאכט זיך, דארף מען נאָך עפּיס וויסען? אי, וויפיעל ביכער עס איז דאָ אויף דער וועלט! עס זאָל ניט זיין אזוי פּיעל ביכער, וואָלט ניט געוועזען אזוי פּיעל גראבע יונגען! (פּוצט דעם ראָק). אהא, ביי'ם דאק־טאָר'ס פּידזשאק פעהלט א קנעפּעל. מיר דאכט זיך, איך האָב ערגיץ ביי זיך א קנעפּעל. נו'ם איך איהם צונעהען, ווארום אז ניט איך, ווער דען? (געפינט ביי זיך אַ קנעפּעל, אַ נאדעל מיט א פאדעם און

נעהט). דער דאקטאָר האָט זיך היינט פערשפעטיגט אין שפיטאָל. די קבצנים טאסקען איהם ווי דער רוח דעם מלמד... מע ווארט אין שפיטאל אויפ׳ן הלאוונעם דאקטאָר און וואו איז ער? ביי אביונים. מע דארף מאכען אן אפעראציע און וואו איז ער? ביי דלפנים... און אָהן איהם הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס. א קליי־ ניגקייט דאקטאָר גאָלדענוויזער! (אליע עפענט אויף אן אינערסטע טיר).

א ל י ע. מוסיו פומפיאן, איז דער פאפאָטשקע שוין דאָ?

פ י י ו ו ע ל. ניין, אליע, דער דאקטאָר איז נאָך ניטא. (אליע אָב צוריק). איהר הערט? איך בין מוסיו פומפיאן... פריהער גע־ ווען א צירולניק, אז מען האָט מיך גענומען אין סאָלדאטען, גע־ ריבען זיך דאָרט לעבען פעלדשעריי, און איצט שטודיר איך אויף א ריכטיגען פעלדשער, פערשטאנען? דער דאָקטאָר לערנט מיך ווי אן אייגענעם און צאהלט מיר ווי א פרעמדען. א גוטער מענש — איך האָב איהם ליעב, און דאָס קנעפעל וועט מען ניט אָברייסען אפילו מיט די ציין. מען דארף לערנען, ווי מען קריגט א קערבעל פאר א קרענק — שווער! (לערנט). דוקטוס ארטעריאָזוס, בולבוס (מען קלינגט). ווידער ניט דער דאקטאָר; ווי ער האָט זיך פער־ שפעטיגט! (לויפט עפענען). בולבוס ארטע... (אב).

א ל י ע. (עפענט ווידער די טיר). איז דאס דער פאפאטשקע געקומען? (פייוועל מיט אן ארעמע פרוי, אליע אב צוריק).

א ר ע מ ע פ ר ו י. אי, דער דאָקטאָר האָט אודאי פאר־ געסען.

פ י י ו ו ע ל. דאקטאָר גאָלדענוויזער פארגעסט ניט. דאָ איז די מיקסטורע פאר אייער מאן. דער דאָקטאָר האָט אליין בע־ צאהלט אין אפטייק. מען קען גליקליך ווערען פון אזעלכע גע־ שעפטען. יעדע שעה א לעפעל, א סוף־לעפעל. פערשטאנען?

א ר ע מ ע פ ר ו י. וואס הייסט פערשטאנען, וואס דען? זאָלט איהר מיר געזונד זיין, איז ווי אזוי זאָל ער נעמען, מיט א לעפעל סוף, הא?...

פ י י ו ו ע ל. דאָ איז שוין דאַ סוף... אקווא דיסטילאטא... און דאס איז פאר'ן קראנקען א לייבעל מיט ווארעמע זאַקען. דער דאָקטאָר האָט עס פאר איהם געקריגען... האָט א גליקליכען תמיד... (גיט איהר א פעקעל זאָכען).

א ר ע מ ע פ ר ו י. אי, הלואי קומט מיר אָן א חלק פון זיינע ברכות... (אב).

פ י י ו ו ע ל. ער וואקסט אין דער לענג און אין דער ברייט פון אייערע ברכות! (זוכט אין די קעשעניעס פון דעם אויסגעפוצטען קאָסטיום). איהר זעהט? אין די הויזענקעשעניעס האָט זיך ביי איהם פערוואלגערט א רובעל, אין זשילעט זילבער געלד. ער האָט פיינט פיהרען חשבונות. (לעגט דאס געלד אויפ'ן טיש) מען דארף זיין שטארקער פון אייזען, מען זאל דא אין שטוב קיין גנב ניט ווערען... (לערענט) בולבוס ארטעריאָזום. (מען קלינגט שטארק), אהא! ענדליך דער דאקטאָר. (געהט עפענען. אליע לויפט אריין מיט א בוך אין האַנד).

א ל י ע. דער פאפּאָטשקע איז געקומען! דער פאפּאָטשקע! (מען הערט דעם דאקטאָר'ס מוטיגע שטימע).

ד א ק ט א ר. (אין קארידאָר). קאלעגא פומפּיאן, איך האָב מיך פערשפּעטיגט, ווי א פשע ישראל. (ער קומט מיט א סאק־וואיאזש, נאך איהם פייוועל. אליע לויפט צו'ן איהם). צוריק! דו גזלן! מען טאָר ניט! (שטרעקט אויס ביידע הענד). ליאליעטשקע, מען דארף זיך פריהער דעזינפיצירען... ברודער פּומפּיאן, זיי אזוי גוט. (ווארפט פון זיך זיין ראק, גיט עס פומפּיאַנען, יענער טראגט עס ארויס. געהט צו א וואש טישעל, וואשט זיך, רעדענדיג לעבהאפט) נו, ווי געהט עס, ליאליע האָבען מיר היינט מוזיצירט? געלערענט די עטיודען, הא? (וואשט זיך). ניט געפוילט זיך? טאקי? בראווא! קאלעגא פייוועל, דו ווייסט ניט, ווי גוט איך פיהל זיך. דער קראנקער שניי־דער, דו ווייסט דאך, ניט געשטאָרבען.

פ י י ו ו ע ל. דער וואס האָט געהאט אולקוס ווענטריקולי? ניט געשטאָרבען? דאס קאָן זיך טרעפען נאָר מיט א שניידער.

ד א ק ט אָ ר. ניט געשטאָרבען, ניין! דער מלאך המות זאָגט: גיב מיר דעם שניידער. און די מעדיצין זאָגט: א פייג ווילסטו ניט? כא! כא!... איך מוז שוין פאָהרען אין באָלניצע און, אי, איך שטארב עסען. ליאליע, וואו איז אונזער מאמא? געה, זיי מיין מליץ יושר... בעט, זי זאָל מיך ניט לאָזען אויסגעהן פון הונגער. (ליאָליע אב). פּומפּיאן, דאָרט ליעגט דער מעדיצינישער זשורנאל, מיין ארטיקעל איז געדרוקט וועגען דעם, „איז דער מאָ־גען א פּאראזיט צו ניין?“ אוי, מיין פּאראזיט וויל א ביפשטעקס מיט א טעלער סופּ. (פּומפּיאן נעמט דעם זשורנאַל און קוקט, דער דאָקטאָר ווישט זיך). הא? דער בוקיניסט האָט געבראכט ביכער... בראוואָ! א גוטער יונגאטש דער בוקיניסט. (פּייוועל שפּריצט אויף איהם פון אַ פּולווערזאטאָר. דאָקטאָר קוקט איבער די בי־כער. אליע און די מאַדאַם קומען). מאמא, ענטשולדיג, וואס איך האָב דיך בעמיהט. איך וויל פּשוט פרעגען: איז דאָ וואס צו קייען? פּומפּיאן, זיי אזוי גוט, לויף נעם מיר א דראָשקע. (פּומפּיאַן אב. מען הערט באַלד, ווי ער שרייט פון קארידאָר: עי! איזוואָזשציק!). אליעטשקע, עס איז ערלויבט! (כאַפּט זי אויף די הענד און קושט).

מ א ד א ם. יעווגעני, ווילסט גאָר עסען? דיר זאָל ליגען אין זין אזא נארישקייט? דיין מיטאג איז שוין לאנג קאלט, און די קעכין איז אוועק צו גאסט. אליע, וואס גיט מען איהם קייען, הא?

א ל י ע. אָה, ארעמער פּאפּאָטשקע;

ד אָ ק ט אָ ר. (קוקט איבער די ביכער מיט פרייד). די ערשטע אויסגאבע? בראוואָ!... מאמא, גאר נישט ניטאָ? א שטיקעל קאלטע פליישׁ, א ציבעלע, א הערינג, א קאטשקע, אן עפּעל, א געבראָטענער אינדיק, א וואס עס איז? פּומפּיאן, זיי א גוטער ברודער און שלעפּ אהער, וואס דו וועסט דאָרט געפינען. (פּומפּיאן אב אין א אינערסטע טיר). און, מיינע צוויי טייערע דאמען, איהר זייט רוהיג, הא? און אז איך דערמאָן זיך, וואס איך וועל אייך

היינט מוזען דערצעהלען... אָבער ניט איצט ,שפּעטער. (זוכט אין שאַפע). מאמא, ווייסט ניט, איך האָב ערגיץ א ריינע נאָזטיכעל? דאס, וואס איך וויל אייך זאָגען, איז א גרויסער סעקרעט.

מ א ד א ם. איך ווייס ניט, אויב דו האָסט א נאָזטיכעל... דו דארפסט א נאָזטיכעל צום נאָז, אדער צום סעקרעט? ווענען ווילסטו דאס די נאָז אבווישען? (פּומפּיאן ברענגט אויף אַ טעלער אַ שטיקעל קאלטע פליוש, א גאָפּעל און אַ מעסער, ברויט, אַ וואזע מיט עפּעל און אַפּעלסינען).

ד אָ ק ט אָ ר. עס קען זיין, איך וועל זיך אליין אבווישען די נאָז... (ערנסט). אוי, איך זאל פאר אייך ביידע ניט מורא האָבען, וואָלט איך אייך שוין אויסגעזאָגט... שפּעטער! שפּעטער! (טוט אָן דעם ראָק, וואס פּייוועל האָט אויסגעפּוצט). זעה נאר, איין קנעפּעל א גרינער און די איבריגע שווארצע. פע! דאס איז א בעליידיגונג פאר דער מעדעצין. (טוט אויס און זוכט אין שאַפע אן אַנדער ראק).

פ י י ו ו ע ל. איך האָב ניט געהאט קיין שווארצען, האָב איך צוגענעהט א גרינעם... אז מען האָט ניט קיין כינינום מוריאטיקום, גיט מען כינינום סולפוריקום. פערשטאנען?...

ד אָ ק ט אָ ר. יא, ברודער, פערשטאנען. כינינום סולפוריקום. (טוט אָן אן אַנדער ראָק). מען קען נאָך געפינען ביי מיר א ראָק מיט קנעפּלעך. הא? דער ארבעל איז א ביסעל אבגעטרענט. ליאליע, אז איך הויב אויף די האנד, זעהט זיך דאס ווייסע העמד?

א ל י ע. יא, פּאפּאָטשקע, עס זעהט זיך א ווייסע זאך...

ד א ק ט א ר. א ווייסע זאך? א שלעכטע געשיכטע. איך וועל זיך מוזען אָבהיטען און ניט אויפהויבען די האנד.

פ י י ו ו ע ל. איהר וועט זיך אבהיטען? גיט איך וועל אייך בעסער צושטעכען מיט א שפּילקע. (שטעקט צו). אין לעטיין וועט עס הייסען: שפּילקום שטעכאטום.

ד א ק ט אָ ר. שפּילקום שטעכאטום? דאס איז וויטעבסקער

לעטיין. נו, איך כאפ א ביים און לויף. (עסט). אליע, קענסטו דיינע לעקציאָנען? דיין לעהרער, דער שטרעננגער חיוטין...

מ א ד א ם. יעווגעני, איך האָב זי אויסגעהערט, זי קען ווי א וואסער... דעם טאטענס טרפהנער קאָפּ.

ד א ק ט אָ ר. קליינער רוח׳ל! נו, און וואס לעזען מיר? (עסט און קוקט אין איהר בוך). ראבינזאָן קרוזאָ? א שיינע געשיכ־טע, הא? וועסט מיר דערצעהלען פון אָנהויב. (עסט איילענדיג). פּומפּיאן, וועסט נעמען אלע מיינע באקטעריאָלאָגישע פּרעפּארא־טען און... (מען קלינגט. פּומפּיאָן אב. מען הערט א. פּרויענשטימע).

פּ ו מ פּ י א ן. (אין קארידאָר). איך זאָג, איהר קענט איצט דעם דאקטאָר ניט זעהן...

פ ר ו י. אוי, טאטינקע מיינער, הארצעלעך...

ד א ק ט אָ ר. (עפענט די טיר). לאז זי אריין, פּומפּיאן. — נו, וואס איז דאָרטען? ׳

פ ר ו י. מיין עלטערער זוהן, דאקטאָר... ברענט ווי א פייער, רעדט פון היץ. טאטינקע דאקטאָרעל, פריהער אויף גאט און נאכ־דעם אויף אייך...

ד א ק ט אָ ר. קאלעגא, דאס איז מאָרבוס פּאופּערום... זיי האָבען ניט וואס צו עסען, ווערען זיי פערצעהרט, האָבען ניט מיט וואס צו הייצען, ברענען זיי פון היץ. גאָט פערזארגט זיי. איך וועל זיין ביי אייך... פּומפּיאן, פערשרייב איהר אדרעסא. (עסט).

פּ ו מ פּ י א ן. נו, וואו וואוינט איהר דאָרטען?

פ ר ו י. אומשטיינס געזאָגט, וואו וואוין איך? (זיי רעדען שטיל).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, דו זאָלסט זעהן, וואס עס טוט זיך יעצט ביי די קבצנים. ביי אנדערע איז איצט דער סעזאָן פון טע־אטער, אפּערא, קאָנצערטען, באָל־מאסקאראדען, און ביי זיי איז איצט דער סעזאָן פון סקארלאטין, טיפוס, דיפטעריא, אינ־פלוענציא, פּנעוומאָניא... דאנקען גאט, די מעדיצין האָט זיך ניט צו בעקלאָגען.

פ ו מ פ י א ן. נו, געהט און דולט ניט דעם קאָפּ. האָט א גוטען תמיד.

פ ר ו י. טאטינקע, דאקטארעל, פערגעסט זשע ניט, למען השם...

פ ו מ פ י א ן. זיי לאָזען איהם ניט רוהען, ניט עסען, ניט שלאָפען. די ערגסטע נאציע אין דער וועלט זיינען ווייבער.

ד אָ ק ט אָ ר. איך פערגעס ניט, אז איך זאָג צו.

פ ר ו י. אוי, טאטענקע, דאקטאָרעל! (קוקט אויף דער וואזע מיט פרוכטען).

פ ו מ פ י א ן. נו, וואס איז שוין ווידער? איהר פער־שלעפטע קרענק.

פ ר ו י. אוי, מיין קראנקער זאָל האָבען איין אפּעלצין... איצט, נאָך סכות אן אפּעלצין... פאטער מיינער... ער האָט געבע־טען און איך האָב ניט...

ד א ק ט אָ ר. און איהר האָט ניט! דאס איז א גרויסע עולה... מען דארף האָבען. אן אפּעלצין, הא? (נעמט די גאַנצע וואזע מיט פרוכטען). גבאי'טע, האלט דעם פארטוך. (קערט איבער אין איהר פארטוך אלע פרוכטען). אבער זעהט, די עפּעל זאָלט איהר פריי־הער אבבאקען... גיט איהם ניט קיין רויע עפּעל... (פּומפּיאַן פיהרט זי אב). זעהסט, ליאָליעטשקע, עס איז דאָ אונגליקליכע מענשען, ביי וועלכע אן אפּעלסינע איז א גאנצער לוקסוס... מעהר ניטאָ וואָס צו עסען? פערגעסען זיך איבערלאָזען אן עפּעל. נו, בע־רוהיגט א ביסעל דעם מאָגען און צו דער ארבייט... פּומפּיאן, א דראָשקע איז דאָ? איך פּאָהר. מאדאם נאָלדענווייזער, אדיע. (קושט זי). פריילין גאָלדענווייזער, האבע די עהרע. (קושט איהר הענ־טעל. נאכדעם אומאָרמען זיי זיך). אוי, אז איך דערמאָן זיך, וואס איך וועל אייך היינט דארפען זאָגען, קריג איך אזא פיבער, אז איך האָב מורא, איך וועל אליין דארפען שיקען נאָך א דאָקטאָר. מען קען ניט בעמערקען מיין ארבעל? (הויבט אויף זיין „האַנד). ברודער פּומפּיאן, אויפס ווידערזעהן. מען זעהט ניט? דיין שפּילקוס שטע־

כאטום איז גוט, האַ? אדיע, אדיע. (כאַפּט זיין סאק־וואיאַזש, ראַש אב. פּייוועל בעגלייט איהם. אליע לויפט צום פענסטער און מאַכט מיט׳ן האַנד).

מ א ד א ם. איך ווייס, יעווגעני איז א מענש אַהן סעק־רעטען... וואס קען דאַס זיין ביי איהם? (פּייוועל קומט). פּומפּיאַן, דו ווייסט ניט דעם דאָקטאָר׳ס סוד? ביזט דאָך זיין אבערהאָפ־מייסטער?

פ י י ו ו ע ל. מסתמא עפּיס וועש אדער קליידער פאר א קבצן. ע! (לערנט). דוקטום ארטעריאַזום... (ביסלעכווייס ווערט דונקעל. מען קלינגט).

א ל י ע. (ביי׳ם פענסטער). אונזער לעהרער געהט! מוסיו חיוטין געהט!

פ י י ו ו ע ל. ער מעג קלינגען. דעם קבצן מיט די אויס־געקרימטע שטיוועל וועל איך ניט געהן עפענען.

א ל י ע. מוסיו פּומפּיאן, ער האָט בעסערע שטיוועל פון אייך און איך וועל איהם עפענען. (וויל געהן, פּומפּיאַן לאָזט ניט).

פ י י ו ו ע ל. אייך וועל איך ניט לאָזען. איהר וועט אייך פערקילען. לאָז ער קלינגען. (מען קלינגט).

מ א ד א ם. ווער זשע וועט עפענען? די דיענסטען זיינען זיך אלע צולאָפען. זיי הערען מיך ווי די קאץ... (שרייט) נאטאשא! נאטאשא! יא, שריי חי וקים.

פ י י ו ו ע ל. מאדאם, איך וועל איהם עפענען, נאָר זאל ער קלינגען א ביסעל. איך האָב ליעב צו זעהן ווי ער ווערט בייז. (מען קלינגט שטאַרק). אהא? פערשטאנען? (געהט עפענען).

מ א ד א ם. פאר וואס האָט איהם פּומפּיאַן ניט ליעב? ער איז א ביסעל משוגע, דער חיוטין, אבער ריין און כשר, ווי גאָלד. (חיוטין אין אן אַלטען סורטוקעל, אויסגעטראָטענע שטיוועל, איז בלאַס, ווישט אויס די ברילען, ווען ער קומט אריין, נאָך איהם פּוּמ־פּיאַן מיט אן איראָנישען שמייכעל).

אליע. מוסיו חיוטין, איך האָב שוין געביינקט נאָך אייך.

פּייוועל. (קרימט זיך). מוסיו חיוטין! אַז מען שטאַמט פון אַ חיט, איז מען חיוטין. פערשטאַנען?

חיוטין. יא. חיט! פּאָמפּיאַן, אייער פאָטער איז געווים אַ דיוק, אָדער שני למלך, מיין טאַטע איז, במחילה, אַ שניידער... איך מיין אָבער, אַז אפילו אַ שניידער אַ טאַטע איז אויך אַ טאַטע. איין אָרעמען שניידער'ס אַ זוהן, און האָב זיך אַליין דורכגעשלאָגען, געענדיגט גימנאַזיע... איך זאָל ניט זיין קיין קבצן און קיין יוד דערצו, וואָלט איך געווים געענדיגט אוניווערזיטעט אויך. וואָס־זשע שטעהט ניט אַן אַזוי דעם טאַטען אייערען?... נו, ווי געהט עס, מאַדאַם? אליע, דו האָסט ווירקליך געבענקט נאָך מיר! קע־צעל דו! (קושט זי).

פּייוועל. (לערענט בייז). דוקטום אַרטעריאַזום, בול־בוס אַרטעריאַזום.

מאַדאַם. (שטיל). האָט איהר געבראַכט עטוואָס פערבאָ־טענעם? אַ צייטונג, אַ פּראָקלאַמאַציע? (לויט). שלים־מזל'ניק, זעהט, ביי אייך איז דאָך דער האַלזטוך אַריבערגעקראָכען איבערן קאַלנער.

חיוטין. אויך מיר אַ דאגה. (שטיל). אַלטע רעוואָלוציאָ־נערקע, וואָס איהר זייט. (גיט איהר בגנבה אַ צייטונג). אַליעטשקע, קום לערנען... (פיהרט זי). מען דאַרף אַרבייטען. מאַרגען, מאָרגען, נור ניכט הייטע, זאָגען אַלע פוילע לייטע...

אליע. (זינגט און טאַנצט). מאָרגען, מאָרגען, טערערעם, נור ניכט הייטע, טערערעם, זאָגען אַלע, טערערעם... (אָב מיט חיוטינען).

פּייוועל. אַרטעריאַזוס, אַרטעריאַזום... פערשייטער קבצן...

מאַדאַם. און דו ביזט אַ גביר? וואָס קענט איהר ניט צוטיילען? ראָטשילד'ס ירושה?

פ י י ו ו ע ל. איך האָב איהם פיינט... וויפיעל געלד ער שלעפּט ביי'ם דאָקטאָר. (לערענט). ארטעריאזוס בולבוס...

מ א ד א ם. פייוועל! איך מיין, ביזט א גרויסער בולבוס... פערשטאנען? וואס איז, נאטאשא? (א דיענסטמיידעל קומט מיט א לאָמפּ, שטעלט אויפ'ן טיש און זאגט עפּיס דער מאַדאַם). ווערסט זיך ניט פערגעסען צו קומען אהיים, דו שפּרינגערקע? מעגסט געהן. (נאַטאַשאַ קושט זי אין באק מיט ליעבע און ראש אב. די מאדאם געהט צו דער פּיאנא, זעצט זיך, וויל לעזען חוטינ'ס צייטונג, זעהט אָבער, אַז פּומפּיאַן קוקט, און הויבט אן שפּיעלען פון מענדעלזאָנ'ס אראטאריא „עליאס" — „עס איז שוין גענוג". פּומפּיאן הערט זיך צו).

פ י י ו ו ע ל. דאס איז דעם דאקטאָר'ס זאך... (זינגט). איא עס איז שען, ווען אזא אלטע באבעצע שפּיעלט פּיאנא? דער דאָקטאָר זאָגט, זי איז אמאָל געוועזן א גרויסע שפּילערקע... די־מענטענע מענשען! דאס הייסט זי און דער דאָקטאָר. דער אנדער זוהן, דער בוכהאלטער, איז א מערדער, אן עוכר ישראל... א... (לערנט) בולבוס ארטעריאזוס... (מען קלינגט. פּומפּיאן לויפט עפע־נען, די מאדאם שפּיעלט. פּומפּיאן קומט מיט זרחי'ן).

ז ר ח י. נו, וואס מאכסטו, פייוועל? א גאנצער מומחה, הא? גוט'ן אבענד, מאדאם.

פ י י ו ו ע ל. דאָס איז ר' שמשון דוד זרחי. געלערנט מיט זיי אין תלמוד תורה דקדוק און תנך. איך געדענק נאָך: את"הע! פּעל, התפּעל — דאס איז דעם דאקטאר'ס מוטער, די מאדאם.

ז ר ח י. ווער קען ניט די מאדאם אין שטאדט? בפרט מיר. אלע טאג האָט אונז אייער אייגענער זוהן דערצעהלט אייערע שבחים... אוי, א זוהן! איהר מעגט יא זאָגען: אשרי מי שבניו זכרים. איך האָב נאר איין טאָכטער. פייוועל, דו געדענקסט נאָך מיין פאניען?

פ י י ו ו ע ל. אויב איך געדענק? זי פלעגט מיך דראפּען ווי א קאץ.

ז ר ח י. איהר דארפט וויסען, זי איז א בת יחידה ביי מיר.

מ א ד א ם. (שטיל). איך דארף עס נויטיג וויסן. (לויט). איהר דארפט דעם דאקטאר צו א קראנקען?

ז ר ח י. ניין, איך בין געשיקט געווארען מיט א קאַמיסיע. אזא|מענש ווי אייער זוהן... איהר ווייסט דען, וואס אייער זוהן איז.

מ א ד א ם. וואס מיין זוהן — ווייס איך. וואס איז אייער קאַמיסיע?

ז ר ח י. הערט איהר דאך: מיין טאַכטער איז געווען קראנק העכער א מאָנאט. זי איז געווען ממש א מויטע און דער דאקטאָר האָט זי געשטעלט אויף די פיס. ער האָט זיך ניט געפוילט ביי טאג, ביי נאכט, פארטאָג...

פ י י ו ו ע ל. יא, איך ווייס. זי האָט געהאט וועברים אינ־טערמיטענס...

ז ר ח י. יא, א פנים זי האָט דאָס געהאט. דער דאָקטאָר האָט ניט גענומען קיין צובראָכענע פרוטה.

פ י י ו ו ע ל. דעם דאקטאר'ס געשעפטען...

ז ר ח י. עס רופט זיך אזוי, איך בין א לעהרער. אָבער באמת א מלמד, א קבצן, ווי א יוד דארף זיין.

מ א ד א ם. וואס־זשע ווילט איהר איצט? אייער טאָכטער דארף ווידער א דאָקטאָר?

ז ר ח י. אי, דארף זי א דאָקטאָר! ב"ה, עס איז שוין דריי וואָכען, אז זי האלט אין איין עסען... געזונד ווי א'ן אויוועז, קיין עין הרע, און דער דאָקטאָר קומט דאָך אלע טאָג צו איהר געוואר ווערען.

מ א ד א ם. וואָס זשע איז אייער קאמיסיע?

ז ר ח י. פערשטעהט איהר מיך, מאדאם, היינט וועט זי צום ערשטען מאָל ארויסגעהן. נו, האָבען זיי, דאָס הייסט די ווייבער, אויסגעבאקען א טארט און וועלען קומען דעם דאָקטאָר בעדאנקען פאר דער קרענק. אוי! איהר האָט געראָפט זעהן, ווי איך האָב מיט צוויי גאפלען געשלאָגען די ווייסלעך פון די אייער...

פון עטליכע אייער האָט זיך אויפגעשלאָגען אַט אַזאַ פולע שיסעל מיט קאַשע... מיינע הענד זיינען מיר געשוואָלען און געדראָלען, אָבער אַ געראַטענער טאָרט... די ווייבער קראַכמאַלען זיך און דער דאָקטאָר יאַקבי ווייסט ניט... עס איז כּלומר׳שט אַ סוד... איהר האָט דאָך מסתמא געהערט די געשיכטע, ווי מען זאָגט: „אַ ווייבערשער סוד, גע׳ה האַלט זיך איין" ?

מ א ד א ם. זעהט איהר, די געשיכטע האָב איך פּונקט דווקא ניט געהערט.

ז ר ח י. עס איז אַ וואוילע זאַך. (דערצעהלט מיט חשק און שטיקט זיך אַליין פון געלעכטער). הינדע, אַ יודענע האָט באַגעגענט יענטען, וועלכע איז אויך געווען, במחילה, אַ יודענע, און האָט זי אָנגעהויבען שעלטען: סטייטש! איך האָב דיר דערצעהלט אַ סוד און דו ביסט געגאַנגען און האָסט צופּויקט איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל! זאָגט יענטע: עס איז אַ גרויסער ליגען מיט אַ בלבול! ערשטענס, האָסטו מיר קיין מאָל אין מיין לעבען קיין זאַך ניט דערצעהלט, דאָס איז איינס. צווייטענס, איך קען דיר שווערען ביי׳ם הייליגען פּרוכת, אַז איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט, איז אַ סוד, דאָס איז צוויי. דריטענס, ביסט אַליין שולדיג... אַז דו זאָלסט מיר גלאַט אַזוי דערצעהלען, וואָלט איך זיך געקענט איינהאַלטען. באַלד אָבער עס איז אַ סוד?... נו, גע׳ה האַלט זיך איין מיט אַ ווייבערשען סוד! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! (פערהוסט זיך שטאַרק און לאַכט). גע׳ה האַלט זיך איין מיט׳ן ווייבערשען סוד... כאַ! כאַ! כאַ! האָט מיר אַ גוטע נאַכט. (געהט, הוסטענדיג).

מ א ד א ם. ר׳ שמשון דוד זרחי, וואָס־זשע איז געווען אייער קאַמיסיע?

ז ר ח י. הערסט אַ קאָפּ! והעיקר שכחתי. זיי האָבען מיך געשיקט בעטען דעם דאָקטאָר, אויב ער קען היינט אין אָבענד זיין אין דערהיים, ווארום אימיצער וויל קומען... יאַקבי דער דאָקטאָר ווייס ניט ווער איז דער „אימיצער"... עט! גע׳ה האַלט זיך

איין מיט'ן ווייבערשען סוד... כא! כא! כא! פייוועל, דו וועסט דאָך מסתמא זאָגען דעם דאָקטאָר, הם? מאדאם, האָט מיר א גוטע נאכט. (אב).

מ א ד א ם. פייוועל, ווי געפעלט דיר זיין קאמיסיע?

פ י י ו ו ע ל. ער דערצעהלט נאָר פון ווייבער. ער האָט א ווייב א משולחת און האָט מורא פאר איהר. זי גיט איהם די גאנצע מעדיצינע: פיאווקעס ,קאלטע קאָמפּרעסען, הארטשיצניקעס, באנקעס... פערשטאנען?

מ א ד א ם. פערשטאנען, זי גיט איהם די גאנצע מעדיצין און ער דערצעהלט איהר דעם גאנצען ווייבערשען סוד. חע! חע! (אב).

פ י י ו ו ע ל. פאר הונדערט וויזיטען א צוקער־לעקאך. א גליק האָט מיך געטראָפען. אי, ווען וועל איך שוין אויסלערנען דעם דאקטאר זיין א שטיקעל מענש. (לערנט). קולקום ארטעריאזים. (מען קלינגט). שוין דער דאָקטאר? (אב. דאקטאר'ס שטימע, ער קומט מיט פיעל פעקלעך. נאָך איהם פומפיאן).

ד א ק ט א ר. שאדע, פומפיאן, דו ביסט ניט געוועזן. איך האָב אויפגעשניטען ביי חיים שמש דעם קארבונקעל. זעהר געלונגען. איך האָב געוואוסט, מסתמא האָב איך ניט קיין ריינעם קאלנער מיט מאנזשעטען, האָב איך געקויפט. (האט אן אנאנדער קאלנער מיט מאנזשעטען, וועלכע ער האָט געבראכט מיט זיך). איז חיוטין שוין דאָ? קאלעגא, נעהם מיין פולס, אונטערזוך אומיסטען מיין הארץ...

פ י י ו ו ע ל. וואס איז? איהר זייט קראנק, חלילה?... דאָס הארץ? אפשר דארפט איהר טינקטורע דעגאטאלים.

ד א ק ט א ר. עס איז אפשר א הארץ־קרענק... אָבער מיט דער קראנקהייט קרענקט אלץ, וואָס עס לעבט... ברודער, איך בין 45 יאָהר אלט און מיין הארץ שלאָגט זיך יעצט, ווי עס האָט זיך געשלאָגען מיט צוואנציג יאָהר צוריק. ע! האָסט אפשר א זאפּאָנקע? איך וויל היינט זיין א פראנט. וואָס גיבט נייעס?

פ י י ו ו ע ל. קיין זאפּאָנקע האָב איך ניט — סיידען איהר ווילט א סאָלדאטסקען קנעפּעל. חיוטין דער קבצן איז דאָ... און קיין אנדער נייעס איז ניטאָ, נאָר וואָס זרחי איז דאָ געוועזן מיט'ן ווייבערשען סוד...

ד א ק ט א ר. פּומפּיאַן, אין דעם ווייבערשען סוד איז פער־באָרגען נאָך א גרעסערער סוד, פון וועלכען זרחי אליין ווייסט נאָך ניט... קענסט פערבינדען א האלזטיכעל, ניט אזוי ווי איך מאַך פשוט א קניפּעל, נאָר מיט א באנטיק? (פּומפּיאַן פערבינדט איהם דאָס האלזטיכעל). הער, וואָס וואָלסטו געזאָגט, אז דו זאָלסט פּלוצ־לונג דערהערען, דאָקטאָר גאָלדענוויייזער וויל חתונה האָבען? וואָלסט ניט געקראָגען די אפּאפּלעקסיע, הא?

פ י י ו ו ע ל. פערקערט, איהר דאַרפט א ווייב זאָל אויף אייך אכטונג געבען... איך קען דאָך ניט מעהר ווי צונעהען א קנעפּעל, אָבער ווייטער... פערשטאנען?

ד א ק ט א ר. יא, ברודער פּומפּיאַן, עס איז ניט גוט צו זיין אליין. הער, איך וויים, דו ביסט מיר א גוטער פריינד און פריהער פון אלעמען וויל איך זיך מיט דיר אן עצה האלטען. דו ווייסט, איך... מיר דאכט זיך, איך וועל נעהמען און וועל מיט דעם... ע... מיט זרחי'ס טאכטער...

פ י י ו ו ע ל. פאניע זרחי'ס! זעהט איהר פון אזא בשורה קען יא א קלאפּ טאָן די אפּאפּלעקסיע...

ד א ק ט א ר. זי איז ניט קיין נאר... גאר ניט קיין נאר. אמת, זי איז ניט ענטוויקעלט,ביי אונז אין הויז אָבער וועט זי זיך ענטוויקלען!... זי האָט אין זיך גוטען מאטעריאל.

פ י י ו ו ע ל. יא, זי וועט זיך ענטוויקלען! אזא קבצנישע קישקע! זרחי'ס טאָכטער האָט גוטען מאטעריאל!

ד א ק ט א ר. זי איז א געזונטע. דאָס איז זעהר וויכטיג, ווען מען געהט חתונה האָבען...

פ י י ו ו ע ל. א געזונטע שטיק פלייש. ווייסט פון קיין זאך...

ד אָ ק ט אָ ר. די געבילדעטע פרויען ווייסען אָבער צו פיעל, דאָס איז נאָך ערגער. פומפיאן, עס איז בעסער, וואָס ווייניגער פאלשע ציוויליזאציע און וואָס מעהר נאַטור.

פ י י ו ו ע ל. וואס מעהר נאַטור! וויפיעל נאטור קען פאניע זרחי'ס האָבען? זי די דאָקטאָרשע?! זאָל איך בעסער פריהער איינגעהמען א מיתה משונה!...

ד אָ ק ט א ר. זעהסט, פייוועל, און איך האָב שטענדיג גע־מיינט, אז דו ווינשט מי'ר גליק... צום סוף...

פ י י ו ו ע ל. איך ווינש אייך אודאי גליק און אויב איהר פערשטעהט... איהר זייט א געלערענטער... און אויב עס ווענדעט זיך אָן מיר, איך ערלויב... דאקטאר, איך ערלויב אייך...

ד א ק ט א ר. ביסט ניט דאנעגען? (דריקט זיין האַנד). ביסט א בראווער יונגאטש. הער, מיר וועלען היינט האָבען א קליינע וועטשערינקע... נא דיר געלד... הויב אויף די נאָז!... איך וויל היינט ניט זעהן קיין זויערע פנים'ער ארום זיך... סאלדאט, סטאי פריאמא, סמאטרי בראווא! סמירנאָ!... כא! כא! הער־זשע, נא דיר געלד און ע... מיר וועלען מאכען פונש ווי שטענדיג... די ליכט אוים... פערשטאנען? (זאָגט איהם עטוואס שטיל. חיוטין קומט און געהט גלייך צום שראנק מיט ביכער. דער דאקטאר כאפט איהם פון הינטען פאר די הענד). עי! קאָמאנדיר, איהר שלעפט שוין ווידער מיינע ביכער?

פ י י ו ו ע ל. לכל הפחות, אז זי וועט זיין, וועט מען ביי איהם ניט שלעפען... פאניע זרחי'ס, א ווייב מיט נאַטור! פערשטא־נען? אוי, וועה איז מיר. (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. קעשענע שניידער, איהר מאכט דאָך א תל פון מיין ביבליאָטעק. מערדער, באנדיט! רינאלדא רינאלדיני!

ח י ו ט י ן. אוהו! די נידריגע אינסטינקטען פון איין אייגענ־טימער האָבען זיך אויפגעוועקט ביי אייך, איהר זאטער בורזשוא, וואס איהר זייט. ביי אייך דארפען ביכער ליגען אין שאפעס, ווען די, וואָס האָבען ניט קיין מיטלען, האָבען ניט וואָס צו לעזען?

נו, יאַ, אַז איך דאַרף אַ בוך, וועל איך אייך באַלד געהן פּרעגען! קומט בעסער אהער, איהר אַבגעפּרעסענער בורזשוי... ששש... אונ־זערע... מיר דאַרפען געלד... ניש'קשה עס מעג אייך קאָסטען, איהר שלעפּט אַרוים געגוג געלד ביי'ם פּאָלק... (זאָגט עפּיס שטיל).

ד אַ ק ט אַ ר. אַזוי? ביי'ם פּאָלק? חיוטין, איך גיב אייך געלד, ווייל פּונקט היינט וויל איך זיך מיט אייך ניט קריגען. נאַט, דאָס גיב איך אייך אַ טייל פון סקאַרלאַטין, דאָס האָט איהר אַ חלק פון קדחת, דאָס האָט איהר אייער פּאַרציע פון אַ געשוויר. כאַ! כאַ! (גיט איהם עטליכע אסיגנאַציעס). איהר ווייסט, חיוטין, וואָרום איך חנפ'ע זיך צו'ן אייך? איך האָב בעשלאָסען — חתונה האָבען... און וויל ניט, איהר זאָלט מיך קריטיקירען...

ח י ו ט י ן. נו, יאַ, נעהמען אַ מאַראַמשע אין שטוב, וועלכע וועט דאַרפען שליאַפּקעס, שעמיזעטקעס, מאַנטאָנען, פּאַנטאָלאַנען, און דער רוח ווייס נאָך, וואָס זיי דאַרפען דאָרטען...

ד אָ ק ט אָ ר. חיוטין, איהר האָט אַ טעות, איך נעהם איין איינפאַכעס מיידעל, אַ קינד פון פּאָלק. (זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ און שפּיעלט דאָס זעלבע, וואָס זיין מוטער האָט געשפּיעלט. פּויזע). נו, חיוטין, ווי מיינט איהר?

ח י ו ט י ן. ע! איהר מאַכט שפּאַס פון'ם פּראָלעטאַריער...

ד אַ ק ט אַ ר. יאַ, פּראָלעטאַריער, אַ פּראָפּאָ... איהר זייט ניט זעהר קיין שטאַרקער גבור... עס געהט ווינטער, קאַלט, נאַס... איהר דאַרפט אַ פּאַלטאַ, שטיוועל... איך קען אייך געבען פּאַראַוים...

ח י ו ט י ן. (בייז). הערר דאָקטאָר, עס איז ניט אייער באַ־בע'ס עסק, וועלכע שטיוועל איך טראָג! איך דאַרף ניט קיין טובות!... אַז עס וועט מיר קומען פון אייך, וועל איך מאָנען...

ד אָ ק ט אָ ר. אוי, משוגענער! איך געה טון אַזאַ פּעראַנט־וואָרטליכען שריט, האָב זיך געוואָלט בעראַטען ווי מיט אַ גוטען פריינד... נו, געה, רעד צו זיי!

ח י ו ט י ן. הייסט עס, איהר מיינט טאַקי ווירקליך? וואָס זשע מישט איהר אריין די שטיוועל? דאַקטאָר, איהר האָט מעהר

רעכט פון יעדען מענשען פערלאָזען זיך אויף זיך אליין... אלע מענשען דארפען זיין גליקליך, און ווער רעדט אזא מענש ווי איהר... אויב איהר מיינט, איך בין אייך ניט קיין גוטער פריינד, פערשטעהט איהר מיך ניט... איך אָבער פערשטעה אייך און האָב אייך ליעב... אז ניט, וואָלט איך ניט ווערט געווען — די ערד זאָל מיך טראָגען... און ווייטער מעגט איהר אייך געהן אפילו צום טייפעל. (געהט).

ד אָ ק ט אָ ר. (לאזט איהם ניט). הערסט, איך וויל געהן חתונה האָבען און ער שיקט מיך צום טייפעל! חיוטין, יעדער מענש האָט א רעכט גליקליך צו זיין? הא? איא, עס איז ניט לעכערליך, ניט עגאָאיסטיש, ווען איך וויל א ביסעלע גליק פאר זיך? איהר ווייסט, איך האָב ניט קיין היים איצט. ווען איך בין געווען יונגער, האָב איך ניט געפיהלט. ברודער, איך ווער אלט, דאָס לעבען געהט אוועק און... חיוטין, ברודער, איז דאס א פערברעכען, ווען איך זוך כאָטש א קליין ביסעלע פערזענליכען גליק פאר זיך אליין? (אומארמט איהם. אליע לויפט אריין).

א ל י ע. פאפאטשקע, ווילסט צוקוועטשען מוסיו חיוטין?

ד אָ ק ט אָ ר. דאס קינד! חיוטין, איך האָב מורא, זי וועט ניט ערלויבען... קום אהער, ליאליע, איך דארף מיט דיר רעדען... דו ביזט א קלוגע פרוי. חיוטין, זי איז שוין 12 יאָהר געווארען. (נעהמט זי אויף די קניע). איא, אליעטשקע, דו האָסט מיך ליעב?

א ל י ע. אי, פאפא, וואס פרעגסטו דאָס? (נעהמט איהם ארום מיט איהרע הענטלעך).

ד א ק ט א ר. עס איז שוין מעהר פון פינף יאָהר, אז דיין מאמא איז געשטאָרבען...

א ל י ע. זעהסט, פאפא, האָסט שוין מיר לאנג צוגעזאָגט צו קויפען א בלאָען מעדאליאָנטשיק מיט דער מאמא'ס בילד.

ד אָ ק ט אָ ר. יא, אליעטשקע, איך וועל דיר קויפען... (ווערט אנשוויגען). אליע, אנקעל מארק איז נאָך ניט געקומען פון באנק?

א ל י ע. אָבער, פאפא, דו האָסט מיר וואס געוואָלט זאָגען. (די מאַדאָם קומט און בלייבט שטעהן אונבעמערקט).

ד אָ ק ט אָ ר. איך האָב געוואָלט זאָגען: דו וועסט גיך אויס־וואקסען, ווערען א גרויסע, דאן וועט אימיצער קומען און וועט דיך צונעהמען, און איך וועל בלייבען אליין... די גרענד מאמא איז אלט...

א ל י ע. פאפא, איך פערשטעה... דו ווילסט נעהמען אנאנדער מאמא. (וויינט). איך וויל ניט... איך וויל ניט!...

ד אָ ק ט אָ ר. וואס זשע וויינסטו, נאר? אויב דו ווילסט ניט, דארף מען ניט. איך וועל געוויס ניט פערביטערען דיין לעבען צוליעב זיך. (לאזט זי אראָפּ פון די קניע). איך האָב אייך געזאָגט, חיוטין, אליע וועט זיין דאגעגען...

א ל י ע. פאפּאָטשקע, איך וויים גאר ניט... אויב דו מיינסט, אז די, וועלכע דו זאָגסט, וועט זיין א גוטע און וועט דיך ליעב האָ־בען, ווי איך, ווי די באבוסיע... (וויינט). אָבער איאָ, פאפּאָטשקע, מיך וועסטו אויך ליעב האָבען?... (חיוטין ווישט בגנבה זיינע אוי־גען).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, קינד, דו וועסט מיר זיין נאָך טייערער, נאָך ליעבער. (אומארמט זי און קושט. די מאדאם קערט זיך אב און ווישט א טרער).

א ל י ע. אבער איאָ, פאפא, דו ביסט ניט בייז אויף מיר?

ד אָ ק ט אָ ר. איך זאָל זיין אויף דיר בייז?... צארטעס, נאָבלעם קינד... (דריקט זי צו זיין הארצען). נון, און יעצט, אליע, געה שיק מיר די באבוסיע...

מ א ד א ם. איך בין דא, יעווגעני... דארפסט ניט שיקען נאָך מיר... (אָלע איבערראשט). איך האָב ניט געוואָלט אונטערהערען און האָב דאך אלץ געהערט.

ח י ו ט י ן. קום, ליאליע, איך דארף דיר וואס זאָגען... (ביידע געהען). דו, פרוי פון 12 יאָהר! (ביידע אב).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמע, איך וויים ניט, ווי וועל איך וואגען דיר ערקלערען... איך האָב מורא, איך וועל פערליערען דיין אכטונג... דו וועסט לאכען פון מיר.

מ א ד א ם. לאכען? יעווגעני, זאָל מען נאָר ניט דארפען וויינען...

ד אָ ק ט אָ ר. ביסט בייז אויף מיר?... און איך האָב געוואָלט בעטען דיין הילפע... איך וויים, אונטער דיין איינפלוס קען מען ווערען א מענש... מען דארף זי לערנען... מען דארף זי בילדען. ביסט ניט בייז אויף מיר?

מ א ד א ם. איך זאָל אויף דיר בייז זיין?... איך האָב געערט, וואס דו האָסט געענטפערט דיין קינד, און דאכטעלכע זאָג איך דיר... מיין קינד, אויף דיר בייז ווערען? אײדלער מענש און עהרליכער מאן?... דו פערשטעהסט געווים, וואס דו טוסט... און, יעווגעני, צווייפעלסטו, אז איך וועל איהר זיין א מאמא?... שש... דארפסט מיר גאר ניט דערצעהלען... די, וועלכע דו רעכענסט ווירדיג צו ברענגען אין דיין הויז, ווער זי איז, זי איז מיין קינד...

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, טייערע, גוטע מוטער!... (אומארמט זי און קושט). און די האָסט מיך געשראָקען מעהר פון אלע. (מען קלינגט). מאמא, ענטשולדיג, פומפיאן איז ניטאָ. (לויפט עפענען).

מ א ד א ם. איך האָב נאר מורא, גרויסע ערנסטע מענשען זיינען אָפט בלינד, ווי קינדער... אָה, ווי גרויזאם עם ויעט זיין, אויב ער, אין זיינע יאָהרען, וועט מאכען א מיאוסען פעהלער!...

(דאָקטאָר און מאַרק קומען).

ד א ק ט אָ ר. מארק, האָסט געטראָפען ווען צו קומען, פונקט צו דער צייט...

מ א ד א ם. מארק, דו ווייסט. איך געפעל ניט יעווגענין אלס ווירטין, טוט ער מיר אב און האָט חתונה...

מ א ר ק. חתונה? דאס איז ניט פראקטיש... א פערהייראטער דאקטאָר פערליערט זיין אינטערעס ביי די רייכע פאציענטקעס... וואו איז דיין פעלדשער?... אין קארידאָר אָנגעווארפען אפשר צוואנציג פּאָאר קאלאָשען... ער ארבייט ביי דיר צו פיעל!... אזא פאראזיט!

מ א ד א ם. וואס ליעגען דיר איצט אין זין די קאלאָשען?

מ א ר ק. אָבער איך וויים, מען רעדט שוין לאנג אין שטאדט, ער שדכנט זיך צו ליליענוואסער'ס טאָכטער... אזא פארטיע בע־צאהלט זיך שוין. א רייכע אלמנה, דער פאטער איז דירעקטאָר פון שפיטאָל... אָט האסטו דיר, די אידעאליסטען, און אז עס קומט צו וואס, זיינען זיי געשעפט־מענשען.

ד אָ ק ט אָ ר. מארק, האסט א טעות... איך האָב חתונה ניט צו מאכען גוטע געשעפטען. איך נעהם איין ארעמעס מעדכען... (מען קלינגט). אוי! איך וואָלט איצט ניט געוואָלט קיין פאציענטען. (לויפט עפענען).

מ א ר ק. ער מיינט עס ערנסט? נו, וואס זאגסטו, מאמא, צו דעם אלטען נאר?... ער שפיעלט זיך נאָך אין ראמאנען...

מ א ד א ם. מארק, מיר האָבען ביידע ניט קיין רעכט און ניט קיין שכל איהם צו לערנען! (מען הערט דעם דאקטאר'ס פריוויליכע שטימע. ער קומט צוריק, נאָך איהם זרחי, שרה הינדע און פאניע מיט א טארט).

א ל ע. גוטען אבענד! גוטען אבענד!

ד אָ ק ט אָ ר. גוטען אבענד. זיצט, זיצט... דאס איז הער זרחי, זיין פרוי, זייער טאָכטער פאניע... (שרייט אין טיר). נאטא־שא, דאי טשאיו!

מ א ר ק. וואס איז דאָס? געסט פון דעמאָקראטישען קווארטאל?... אוהו!

פ א נ י ע. (זעהר פערשעמט). מאמע, זאג דו בעסער... איך האָב פארגעסען די גאנצע רעדע... הער דאָקטאָר, איך האָב אייך געבראכט א טאָרט... און ווי אזוי צו דאנקען, וויים איך ניט...

ש ר ה ה י נ ד ע. אָט האָסטו דיר א העלד! פע, פאניע, אויף דיר האָב איך זיך ניט געריכט...

ז ר ח י. פע, רב"שע, אויף דיר האָב איך זיך ניט געריכט... מע דערצעהלט וועגען דעם א וואוילע זאך.

ש ר ה ה י נ ד ע. מענסט אבלעגען אויף שפעטער דיין וואוילע זאך. (דער דאָקטאָר צינדט אָן אין קאַבינעט לאָמפּען און ליכט. פאַניע בעטראַכט אַלץ אין שטוב און לאזט אראָפּ דעם קאָפּ).

ז ר ח י. קריגען זיך דערפאר איז ניט כדאי.

מ א ד א ם. ניין, ניין! דערצעהלט אונז די וואוילע זאך... מיר ווילען הערען... א גראָטענער טאָרט!

ז ר ח י. אין חומש, אין סדרה בראשית איז בעשריבען, ווי גאָט האָט בעשאפען אונזער מוטער חוה. אין סדרה נח שטעהט בע־שריבען, ווי נח האָט געבויט זיין תבה פון פּימסען־האָלץ און האָט זי אויסגעשמירט פון אינעווענינ און פון דרויסען מיט פעך... ביי א יודענע האָט מען ארויסגעריסען פון איהר עברי טייטש חומש א פּאָר בלעטלעך, זאָגט זי זיך: (מיט א ניגון) „און גאָט האָט אויס־געשניטען א ריפּ ביי אדם הראשונ'ן און האָט בעשאפען חוה'ן, פון פּימסען־האָלץ, און ער האָט זי אויסגעשמירט פון אינעווענינ און פון דרויסען מיט פעך". פּע, זאָגט זי, אויף דיר רב"שע, האָב איך זיך דאָס ניט געריכט. אויסשמירען אונזער מוטער חוה פון אינע־ווענינ און פון דרויסען מיט פעך... כא! כא! כא! כא! (הוסט). פּע! איך האָב זיך ניט געריכט. (לאַכט און הוסט. אַלע לאַכען. דער דאָק־טאָר פיהרט פאַניען אין זיין קאַבינעט. פּומפּיאַן קומט מיט פערשיי־דענע פעקלאך).

ד אָ ק ט אָ ר. זיצט, פאניע, דאָ ביי מיר... דאָס איז מיין קאבינעט.

פ י י ו ו ע ל. אז דער דאָקטאָר האָט א פּאציענטין, מעג מען דאָך פערציהען די פּארטיערען. פערשטאנען!

ד אָ ק ט אָ ר. פּומפּיאן! אזא נאר! ער מיינט, איהר זייט א פּאציענטין. נו, זאָל זיין אזוי, פאניע. איך וועל אייך זאָגען די ווארהייט, איך האָב אייך ערוואַרטעט מיט אונגעדולד. (בעטראַכט זי) מיין פּאציענטין זעהט גוט אויס. רויט... געזונד... די אויג־לעך גלאנצען...

פ א נ י ע. דאקטאר, וואס פאר א סעקרעט ווילט איהר מיר היינט זאגען! איך וויל אזוי וויסען דעם סעקרעט.

ד אָ ק ט אָ ר. דעם סעקרעט? פאניע, דער גאנצער סעקרעט איז — איהר געפעלט מיר.

פ א נ י ע. סך הכל? דאָקטאָר, דעם סעקרעט ווייס איך לאנג. וואס מיינט איהר, איך האָב ניט בעמערקט ווי אזוי איהר פלעגט קוקען אויף מיר, ווען איהר פלעגט מיך אונטערזוכען? און דאס וואס איהר פלעגט אזוי אָפט קומען צו מיר כלומר'שט געוואר ווערען... איך בין ניט קיין קליינינקע מיידעלע, איך בין 20 יאָהר אלט.

ד אָ ק ט אָ ר. גאנץ אָפען, הא? כא! כא! דאס געפעלט מיר. א געבילדעטע מאמזעל וואָלט זיך געמאכט, אז זי פערשטעהט גאָר ניט, און איהר זאָגט פשוט: אָט אזוי איז דאָס!... פאניע, וואס וואלט איהר געטון למשל, ווען איך זאָל אייך פלוצלונג ארומ־נעמען און געבען א קוש? אוי, איך האָב זיך שוין אליין דער־שראָקען.

פ א נ י ע. וואס דארפט איהר אייך שרעקען? וואס מיינט איהר, מען האָט מיך קיין מאָל ניט געקושט און ניט ארומגענומען? פאר וואס ניט? אוי, דאקטאָר, נאָך וואס טראגט איהר אזא לאנגע באָרד? איהר זאלט זי אבשערען, וואָלט איהר אויסגעוויזען א סך יונגער. ווארום איך מיין, איהר זייט נאָך זעהר א געזונטער מאן.

ד אָ ק ט אָ ר. מיט אנדערע ווערטער, דאס הייסט איך גע־פעל אייך? זאָגט דעם אמת, איהר וואָלט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבען?

פ א נ י ע. געהט, געהט איהר מאכט שפאס פון מיר... אזא גרויסער מענש... א דאָקטאָר...

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, איך בין ניט דער מענש, וואס מאכט שפאס פון הייליגע געפיהלען.

פ א נ י ע. דעם אמת געזאָגט, ווען איך בין געלעגען קראנק, האָב איך אָפט גלאט אזוי געטראכט, וואס וואָלט געווען א שמיי־

נער, דער דאָקטאָר זאָל מיך נעהמען? פלעג איך זיך אליין דער־שרעקען...

ד אָ ק ט אָ ר. אהא, איהר דערשרעקט אייך אויך...

פ א נ י ע. איך דערשרעק זיך ניט פאר א קוש, אזוי ווי איהר, און האָב ניט מורא פאר א מאן, ווי איהר האָט מורא פאר א פרוי.

ד אָ ק ט אָ ר. ווי ווייסט איהר, אז איך האָב מורא פאר א פרוי?

פ א נ י ע. (לאַכט). איך זאָל אנאנדערן אזוי געפעלען ווי אייך, וואָלט ער... ניין, איך האָב מורא גאר פאר אנאנדער זאַך. איהר זייט אלע געבילדעטע דאָ אין הויז, אזוי פיעל ביכער מיט א פארטאָפיאן, אייערע זיינען אלע אריסטאָקראטען, איך וועל ניט וויסען, ווי אזוי עסען ביי'ם טיש, ווי אזוי זיך פיהרען און וואס זאגען.

ד א ק ט אָ ר. ע! נארישקייטען! איהר וועט אייך גיך צו־געוואוינען. איהר וועט דאָ ניט זיין א פרעמדע, איהר וועט דא זיין די ווירטין.

פ א נ י ע. יא, דא אין שטוב איז ניטאָ קיין ווירטין. דאָרט אויפ'ן טיש האָב איך געזעהען א גאָפעל מיט א טעלער, אויפ'ן קושעטקע א קליידער־בערשטעל... דאָ אויפ'ן טיש וואלגערט זיך געלד. איהר האָט דאָך א פרעמדען מענשען אין שטוב... דער פומ־פיאן איז דאָך ביי אייך, וואס הייסט אוועקוואַרפען געלד? אין קארידאָר א בארג מיט קאלאָשען... דער ארבעל דאָ ביי אייך צו־געשפילעט מיט א שפילקע... וואס טוען די דיענסטען דאָ?

ד אָ ק ט אָ ר. עס איז אזוי אנגענעהם צו וויסען, אז אין שטוב וועט זיין א פרוי, וועלכע וועט זיך בייזערען. און איהר יונגע שטימע וועט קלינגען איבער אלע צימערן און מיר וועלען אלע פאר איהר מורא האָבען...

פ א נ י ע. ניט, איך וועל אייך בעסער צושטעכען דעם אר־

בעל... (שטעלט זיך זעהר נאָהענט צו'ן איהם און שטעכט איהם צו דעם אָרבעל).

ד אָ ק ט אָ ר. (לײדענשאַפטליך). פאניע, איך האָב דיך ליעב... ביסט א קלוגע, האָסט שוין דאס לאנג געזעהען און פערשטאנען. (אומאָרמט זי און קושט). נעהם מײן האנד און קום, איך װעל דיך פאָרשטעלען אלס צוקונפטיגע מאדאם גאָלדענװײזער.

פ א נ י ע. שוין? אוי, דאָקטאָר, איך האָב אזוי מורא.

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, נעהם מײן האנד און זײ רוהיג. די האנד האָט ניעמאלס װעמען געפיהרט צו'ם שלעכטען. (פיהרט זי, עפענט די פאָרטיערען. בײ'ם טיש זיצען זרחי, שרה הינדע, חיוטין צוזאַמען מיט אָליען. מארק פון דער װײטען. בײ דער טיר נאטאשא מיט אַ פאַדנאָס אין האַנד. אויפ'ן טיש גלעזער מיט טײ. אין מיטען טיש אַ גרויסע זילבערנע װאַזע מיט פונש. פומפיאן סערװירט).

ד אָ ק ט אָ ר. טײערע מאמא, האָב די עהרע דיר פאָרשטעלען דאס מעדכען, װעלכע... (פערװירט).

מ א ד א ם. יעװגעני, איך װײס שוין. קום אהער, פאניטשקע. (נעמט זי בײ'ם האנד און בעטראכט זי).

א ל י ע. (שטיל צו חיוטינ'ן) מוסיו חיוטין, איז זי?

ח י ו ט י ן. אליע, אזא מענש װי דײן פאפא פערדיענט, אלע זאָלען זעהען, ער זאָל זיך גליקליך פיהלען.

מ א ר ק. (אפּארט). הם, אונזער אידעאליסט נעהמט א מאטע־ריאליסטישע װײב, טאקי א װײב...

ד אָ ק ט אָ ר. נון, מײנע ליעבע, איצט װעלען מיר זיך אלע זעצען א ביסעל פערברענגען... מאכען א פונש...

פ י י ו ו ע ל. דער פונש איז שוין געמאכט, װי איהר מאכט שטענדיג אין גרויסע יום טובים (געהט פערלעשט די ליכט אין קאַ־בינעט).

ד אָ ק ט אָ ר. מארק, װאס שטעהסטו פון דער װײטען? איך האָף, איהר װעט זײן גוטע פרײנדע. (מארק דריקט איהר האַנד און זעצט זיך לעבען איהר בײ'ם טיש). פײװעל! זעה נאר, שיער

ניט פערגעסען, די ארעמע פרוי ווארט דאָרט... איהר עלטערער זוהן... (וויל לויפען). איהר מוזט מיך ענטשולדיגען.

מ א ד א ם. יעווגעני, ווילסט אוועקגעהן? היינט מעגסטו זיך נעהמען צייט.

ש ר ה ה י נ ד ע. דער דאָקטאָר וועט קיין צייט ניט האָבען חתונה צו האָבען...

ד אָ ק ט אָ ר. עס איז טאקי איצט א גרויסע פרייד ביי מיר, אָבער דאָרט ווארט אויף מיר א קראנקער... פריהער פון אלץ בין איך דאָקטאָר! (לויפט אין קאָבינעט). איך קום באלד.

פ ו מ פ י א ן. דער קראנקער זאָל פיהלען שלעכט וואָלטען זיי זיך ניט געשעמט, זיי וואָלטען שוין דאָ געווען פינף מאָל... קבצנים צערעמאָניען זיך ניט מיט אייך... איהר קענט דאָך אָבלעגען אויף שפּעטער.

ד אָ ק ט אָ ר. הא?! יא, איך וועל מיר ערלויבען היינט איין האלבע שעה... ברודער פּומפּיאן, דעם פּונש! (ער געהט צו דער פּיאנא און שפּיעלט דיזעלבע זאַך, וואס פריהער. פּומפּיאַן ציגדט אָן דעם פּונש).

ז ר ח י. שרה הינדע, וואס? (שש! זי לאָזט איהם ניט רעדען. פּומפּיאַן פערלעשט אַלע לאָמפּען, עס ווערט דונקעל, דאָס צימער בע־לויכטען נאר פון דעם פייער פון פּונש. אַלע בלייבען זיצען גאַנץ שטיל. דער דאקטאָר שפּיעלט פּיאַנא).

א ל י ע. (לעהנט זיך אָן אויף חיוטינ׳ס האנד). מוסיו חיוטין, איאָ עס איז שען?... א בלאָער פייער. אקוראט ווי אין די הימלען, דאָרט, וואו מיין מאמא איז... (דאקטאר הערט פּלוצלונג אויף שפּיעלען און שפּארט זיך צו צו דער פּיאַנא. אַלע איבערראַשט).

פ אָ ר ה א נ ג.

צווייטער אקט.

דאסזעלבע צימער, גייע מעבעל. ארדנונג. נאַכט. אין ביידע אבּ־טיילונגען ברענען לאַמפּען. זרחי און די מאַדאַם זיצען אין דער צוויי־טער אבּטיילונג ביי אַ קליין טישעל און שפּיעלען אַ דאַמקע, לעבען זיי אַליע, וועלכע מאכט פון די פּעשקעס קאָלאַנען... שרה הינדע און פאַניע זיצען אויף א קושעטקע און רעדען שטיל.

ז ר ח י. געגאנגען זאָל ווערען... איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר שפּיעלט ווי א מזיק. א יודענע זאָל אויך האָבען א קאָפּ.

מ א ד א ם. און אז א מאנסביל האָט א קאָפּ, אין וועלכען אנשטאט געהירען ליעגען ווייבערשע געשיכטעס?

ז ר ח י. ע! איהר קריגט זיך מיט מיר? וועל איך אייך מאַ־כען צוויי בערדעס מיט א שטיבעלע.

פ א נ י ע. קום אהער, מאמע. (זיי געהען אין דאקטאָר׳ס קאַבינעט).

ש ר ה ה י נ ד ע. (געהענדיג). פּרא אדם, מיין ניט, אז דו שפּיעלסט אין דאמקע מיט חצקאל ציזשיק!...

א ל י ע. באבוסיע, זי ביאָערט זיך; ווייל דער יוד האָט גע־זאָגט א נארישקייט?

מ א ד א ם. פוי! אליע, אן עלטערער מענש זאָגט קיין מאָל קיין נארישקייטען!

א ל י ע. קיין מאָל ניט? טאקי קיין מאָל ניט?...

מ א ד א ם. (לאַכט). זי גלויבט ניט... ווי מיינט איהר, ר׳ זרחי, טאקי קיין מאָל ניט?...

ז ר ח י. געגאנגען זאָל ווערען. (זיי שפּיעלען).

פ א נ י ע. זעהסט, מאמא, דאָ אויפ׳ן טיש ליעגען פּאר

איהם נאַזטיכלעך... דאָ — א קאסטיום איבערצובייטען. איך זאָרג פאר דעם, און ער קווועלט דערפון. איך זאָל האָבען מעהר צו טון דאָ, וואָלט מיר אפשר דאָ ניט געווען אזוי אומעטיג.

ש ר ה ה י נ ד ע. וואס ביסטו געקומען אהער א דיענסט זיין? א שענע מציאה!

פ א נ י ע. מיר איז זעהר אומעטיג דאָ. אָט איז איצט סכות, יום טוב ביי לייטען. מען טוט זיך אָן שען, מען געהט צו גאסט... ביי זיי איז יום טוב, אין דער וואכען, שבת — אלץ איינס. אפנים זיי גלויבען ניט אין גאָט... איך ווייס זעהר, יא גאָט, ניט גאט. נאר אז עס ניטאָ קיין גאָט, זאל זיין עפּיס אנדערס... אז עס איז גאר ניט ניטאָ, איז אומעטיג.

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, און וואס טוען זיי? פאר וואס איז זיי ניט אומעטיג?

פ א נ י ע. איך ווייס? זיי לעזען, זיי רעדען פון אזעלכע זאכען, וואס איך ווייס ניט. ער זעצט זיך גאר אנידער אויף א גאנ־צע נאכט מיט׳ן נאָז אין בוך אריין... דאָס מאכט מיך אמאָל אזוי בייז, אז איך וואָלט, דאכט זיך, גענומען און צוריסען אלע ביכער... די אלטע שפּיעלט פּיאנא, און איך קען ניט, אזא בושה... זעהסט, איך האָב פערגעסען. (זוכט אין די קעשעניעס פון דעם צוגעגרייטען קאָסטיום). יא, וואס דען? א רובעל... אזא תם... געהט אום ווי אין עולם התהו... דו קענסט בערעכענען, וויפיעל געלד פּייוועל האָט ביי איהם אָנגעגנב׳עט... ער איז מסתמא שוין א׳ן עושר.

ש ר ה ה י נ ד ע. דו זיי ניט קיין גולם און קוק מיט אויגען! אויב דו ווילסט, פאניע, קענסטו דאס געלד קלייבען ביי מיר. מאלע וואס עס מאכט זיך חלילה.

פ א נ י ע. ניש׳קשה, איך קען אליין בעהאלטען, ווען מען דארף. (בעהאלט דעם רובעל).

ש ר ה ה י נ ד ע. האָט ער דיר געמאכט א נייע פלאטיע אויף יום טוב? דארפסט זיך ניט שעמען פאר איהם. ער איז מחויב

מאכען דיר קליידער און קויפען ציהרונג. צוליעב וואס דען האָסטו חתונה געהאט פאר א׳ן אלטען?

פ א נ י ע. ווייס איך! ער האָט מיר געקויפט א זייגערעל, מיינט ער עס איז א גאנצעס גליק... איך האָב ניט קיין דימענטענע אוירינגלעך, איך האָב ניט אפילו קיין איין דימענטענעם רינג. אויף מיר א דאקטאָרשע! דערווייל זעה איך נאָך ניט, וואָס האָבען מיר די מיידלעך אזוי מקנא געוועזן.

ש ר ה ה י נ ד ע. עס איז שוין דער עלפטער חודש נאָך אייער חתונה. (פרעגט זי שטיל). אלע ווייבער פרעגען מיך. וואס איז דאָס עפּיס, הא? ביילע ציזשיק׳ס האָט מיט זעקס וואָכען שפּעטער חתונה געהאט און איז שוין געלעגען געוואָרען.

פ א נ י ע. דאס דארפסטו ביי איהם פרעגען.

ש ר ה ה י נ ד ע. און דו שעמסט זיך פאר איהם? וואס ביסטו ניט קיין יודישע טאָכטער? און ער איז א קלייניקער, וואס? אין זיינע יאָהרען און נאָך א דאָקטאָר... ער דארף וויסען, (זיי רעדען שטיל).

ז ר ח י. עהע, מאדאם, איהר האלט שמאָל... איהר האָט אפּנים ביי׳ם רב״שע ניט אויסגענארט קיין גוטען צעטעל. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט פון דער יודענע מיט׳ן צעטעל?

מ א ד א ם. איך ווארט שוין לאנג, ווען וועט איהר דער־צעהלען עפּיס א ווייבערשע געשיכטע.

ז ר ח י. אוי, א וואוילע זאך. (קוקט זיך ארום און דערצעהלט מיט חשק). ארויסגעהענדיג יום כפור פון שול, האָט זיך א יודענע אבגעשטעלט און האָט געזאָגט: רב״שע, גיסטו מיר א גוטען צעטעל, איז רעכט, אז ניט, פאָהר איך גאר אין גאנצען אוועק, צו מיין שוועסטער אויף סכות. — זאָגט די שכנה: וואס דארפסטו רעדען, וועסט דען פאָהרען? — שש! ענטפערט זי, מאך א שווייג... איך שרעק איהם נאר... זיי זיינען אלע אזעלכע!... למשל, אז איך זאָג מיינעם: איך פאָהר גאר אוועק צו מיין שוועסטער, ווערט ער דאָך אזוי גוט, כאָטש לעג איהם צו א מכה — וואס דען מיינסטו?

אָהן אַ סטראַשונאַק קען מען ביי זיי עפּיס אויסנאַרען ?... רב"שע, דו הערסט איך פאָהר צו מיין שוועסטער אויף סכות... כאַ ! כאַ ! כאַ ! (הוסט און לאַכט). צו מיין שוועסטער... כאַ ! כאַ ! כאַ ! (אַלע לאַכען, בעזאנדערס אָליע. מאַרק קומט פון זיין צימער).

מ א ר ק. (מיט אַ גרימאַסע). אַה, וועלכע געסט ביי אונז, גרויסאַרטיג ! מיט אַ וויזיט, האַ ? גוטען אָבענד.

א ל י ע. איאַ, באַבוסיו, אָנקעל מאַרק קומט יעצט שטענדיג זעהר פריה אהיים ?

מ א ד א ם. יאַ, טאַקי, מאַרק, ביסט עפּיס די לעצטע צייט געוואָרען אַ סטאַטעק. ר' שמשון דוד זרחי, אָהן חרטה איז אָהן חרטה... געגאַנגען זאָל ווערען, געהט מען... (זיי שפּיעלען. מאַרק געהט אינ'ם דאָקטאָר'ס אַבטיילונג. זעצט זיך אין אַ ווינקעלע).

פ א נ י ע. (געהט צו איהם). וואָס בעהאַלט איהר זיך ? איך שטעהט ניט אָן אונזער קאָמפּאַניע ? (אָליע לאָזט פון זיי ניט אראָפּ די אויגען).

מ א ר ק. פאַניע ביסט געזונד ווי אַ סאָלדאַט.

פ א נ י ע. אַ העזה פון אַן אַריסטאָקראַט ! איך זאָג איהם, „איהר" און ער זאָגט מיר „דו".

מ א ר ק. דו נאַר, פאַר וואָס זאָגסטו מיר ניט „דו".

פ א נ י ע. איך האָב עטליכע מאָל געוואָלט פּרובען זאָגען דער שווינער מאַמאַ, דעם דאָקטאָר — יעווגעני און אייך — „דו" ; נאָר אַז מען פּיהלט ניט, קערט זיך ניט די צונג.

מ א ר ק. פאַר זיי אַרט מיך ניט. — זיי זיינען אַלטוואַרג, אָבער מיט מיר האָסטו שוין לאַנג געדאַרפט זיין אַ גוטער ברודער... פאַניע, דו זאָלסט פּיהלען, וואָלט זיך שוין ביי דיר די צונג גע־קערט.

פ א נ י ע. וואָס מיינט איהר ?

מ א ר ק. דו פערשטעהסט שוין זעהר גוט, וואָס איך מיין. אַזעלכע שענע, אַפּעטיטנע ווייבלעך ווי דו פערשטעהען אויפ'ן וואונק.

פ א נ י ע. עס קען זיין, איהר זאָגט נאָר קאָמפּלימענטען און איהר מיינט עס גאָר ניט... אָבער עס איז אזוי גוט צו הערען.

מ א ר ק. איאָ, עס איז גוט? (קוקט זיך אום און גיט איהר א קנייפּ אין האַנד. אליע בעמערקט עס).

פ א נ י ע. (כאַפּט זיך ביים האַנד). אוי, איהר שד, דער רוח זאָל איך נעהמען! (לאַכט). צוויי ליבליכע ברידער, דאכט זיך, איינער האָט ליעב צו פיעל צו קנייפּען. און דער אנדערער... (מען קלינגט, מארק זעצט זיך פון דער וויטען).

מ א ר ק. דאס איז ער!

פ א נ י ע. נו, וואס אנטלויפט איהר, ווי א גנב? (פּומפּיאן קומט).

פ י י ו ו ע ל. מען האָט געקלונגען? אה, ר׳ שמשון דוד, האָט איהר עפּיס א גוטען סכות?

ז ר ח י. יא, קיין סאָלדאט איז מיר אין דער סוכה ניט אריינגעפאלען. געהט מען.

פ י י ו ו ע ל. (לויפט עפענען). יא, נעגאנגען זאָל ווערען, געהט מען. (מען קלינגט נאָך אַמאָל. פּייוועל לויפט עפענען).

מ א ר ק. פאניע, דו ווייסט, מען קען פון דער וויטען קושען מיט די אויגען. זעה, ווי איך קוק... (קוקט אויף איהר לאַנג).

פ א נ י ע. (גענעצט). פע! געהט אין דר׳ערד אריין. (פּיי־וועל קומט מיט חיוטינ׳ן. ברענגט אַ פּאַקעט און לעגט עס אויפ׳ן דאָקטאָר׳ס טיש. חיוטין ווישט אויס די ברילען. בייז). וואס איז דאס פאר א פאקעט?

פ י י ו ו ע ל. (שטיל). אליע דארף זי ווישען! איהר טאָ־מענס עסק... (לויט). א בריעף צום דאָקטאָר פון באָלניצע.

ח י ו ט י ן. גוט׳ן אבענד, מאראם דאָקטאָרשע... גוטען אבענד, הער פינאנסיסט. וואס הערט זיך וועגען קורס, אקציעס, אבליגאציעס, דעפּאזיטען, קאָנסאָלידירען, דעפּאָנירען, דיסקאָנ־טירען?

מ א ר ק. דער קורס פון אייערע אקציעס האלט ביים דיס־

קאנטירען. און מיר דוכט זיך, אז מען וועט אייך דיסקרעדיטירען.

ח י ו ט י ן. אזוי? בין איך אונגליקליך... אה, די גאנצע כאפטע איז דאָ... גוטען אבענד! ליאליעטשקע, ווי געהט עס?... (קושט זי).

ש ר ה   ה י נ ד ע. א דייטש מיט א׳ן אויסגעריבענעם פאלמערסטאן.

מ א ד א ם. חיוטין, איהר מישט אייך ניט...

ח י ו ט י ן. ניט מישען זיך? רען קום לערנען, ליאליע...

א ל י ע. ניין! איך וויל זעהן ווי מען שפיעלט, און הערען ווי מען דערצעהלט היסטאָריעס.

פ י י ו ו ע ל. אז איך בין געוועזן א יונגעל, האָב איך אויך ליעב געהאט צו זעהן א שפיעל... איך פלעג שטארבען. (אלע אין דער צווייטער אבטיילונג. מארק און פאניע אין דאָקטאָר׳ס קאַבינעט).

פ א נ י ע. איך וויים ניט, פאר וואס איך האָב דעם חיוטין פיינט ווי חזיר.

מ א ר ק. ער איז פערמישט דער טייוועל ווייסט אין וועלכע זאכען. עס קען זיין, ווען ער געהט אהער, געהען איהם נאָך זשאנדארמען מיט שפיאָנען... ער איז פון די דאָזיגע: — סאָציאליסט!

פ א נ י ע. טאקי? נו, יא, אייער ברודער׳ס געשעפטען.

מ א ר ק. ער און די אלטע, זיי נעמען ביי איהם פראָקלאַמאציעס און דעקלאראציעס... ער וועט אונז אלע אמאָל אונגליקליך מאכען. זעהט איהר דאס בוך? (קוקען אריין. רעדען שטיל).

ח י ו ט י ן. אלזאָ, אליע, דו געהסט ניט? וועל איך דערווילע ארייננקוקען דעם דאָקטאָר אין ביבליאָטעק אריין. מאדאם דאָקטאָרשע און הער פינאנסיסט, איך האָף, איך שטער אייך ניט. (געהט צום שאַפע מיט ביכער).

מ א ר ק. ניין, הער פילאָזאָף, איהר שטערט מיר ניט. (אב צו זיך). שטאָלץ ביי זיך, דער ארעמער בעל גאוה. (אב).

פ י י ו ו ע ל. דער געלערענטער קבצן וועט באלד פערקי־רעווען דעם דישעל. פערשטאנען?

ח י ו ט י ן. (בייז). וואס איז? פערשלאָסען גאר? דאס איז א נייעס. פומפיאן, ביי אייך איז דער שליסעל פון שאפע?

פ א נ י ע. וואס איז עפּיס פומפיאן פאר א מאכער? דער שליסעל איז ביי מיר.

ח י ו ט י ן. ביי אייך דער שליסעל פון די ביכער?

פ א נ י ע. יא, ביי מיר... עס איז איצט ניט ווי א מאָל, יע־דער איז געווען דאָ בעל־הבית אין שטוב.

ח י ו ט י ן. אזוי? נו, זייט זשע מוחל און גיט אהער דעם שליסעל. (אליע קומט אין קאָבינעט).

אָ ל י ע. אָה, פאַניע, מוסיו חיוטין וועט בייז ווערען.

פ א נ י ע. בייז... הם! וועט ער מיר ניט שיקען קיין שלח מנות... ביכער קאָסטען געלד...

ח י ו ט י ן. איהר רעדט אויך פון ביכער?

פ א נ י ע. איך רעד דערפון, וואס מען בענוצט זיך דערמיט, וואס דער דאָקטאָר איז א שטילער תם, און מען בענעהמט איהם... מען שטעלט איהם בדיל דל... מען שלעפּט!... יעדער שלעפּט.

ח י ו ט י ן. ווענמען מיינט איהר דאס? ווער שלעפּט?...

פ א נ י ע. עס איז דאָ געווג שלעפּער... (מאַדאַם הערט אויף שפּיעלען).

פ י י ו ו ע ל. זי וועט איהם אָבהאקען די פליגלען. דאָס איז גוט. א שניידער׳ס א זוהן, א גאנצער ר׳ שמעלקע...

ז ר ח י. פאניע, מילא די מאמע דיינע אין דער היים, אָבער דאָ?... מען דארף דאָך וויסען, וואו דער חמור שטעהט...

ש ר ה ה י נ ד ע. וואס איז? וואס איז? ער איז דאָ, דער גולם! פאניע וועט דאָך ניט רעדען אזוי אין דער וועלט אריין... וואָס מיינסטו, זי האָט דיין שכל? זי פערשטעהט, מסתמא, וואס זי טוט...

ח י ו ט י ן. יא, זי פערשטעהט א סך. זי נעהמט דעם דאָקטאָר

אונטער איהר השגחה, מסתמא פערשטעהט זי א סך. (טוט אָן זיין הוט, מען קלינגט).

פ י י ו ו ע ל. איך האָב מורא, דער פּראָפעסאָר וועט מיר אבטון, און וועט ברוגז ווערען. פערשטאנען? א גוטען תמיד. (אב).

אָ ל י ע. פאניע, איבער דיר געהט קיינער ניט צום פּאפּא... האָסט אלעמען פערטריבען...

פ א נ י ע. איך דארף זיי נויטיג די פּריצים ד'ארטען מיט די געלערענטע, איך זאל זיצען און קוקען אויף זיי, ווי א האָן אין בני אדם. אויך מיר קאָמפּאניעס!

אָ ל י ע. יא, קאָמפּאניעס! מויסיו חיוטין, איהר געהט אוועק? און לערנען? — איך האָב פריהער געזאָגט ער וועט בייז ווערען... קומט לערנען, מוסיו חיוטין.

ח י ו ט י ן. לערנען? די מאדאם דאָקטאָרשע וועט דאָ מיט איך אלעמען לערנען! איך לערן ניט היינט! (לויפט צום טיר, בע־געגענט דעם דאָקטאָר און פּייוועלען. דער דאקטאר טראגט א נייעם קאסטיום און א בערדעל בולאנזשע).

ד אָ ק ט אָ ר. טררר! וואס איז געשעהן? א באטאליע הא? (כאַפּט איהם ביי'ם האנד).

ח י ו ט י ן. אי, לאָזט מיך צורוה!... (רייסט זיך).

ד אָ ק ט אָ ר. קומט נאר אהער, משוגענער! זעה נאָר, א באָמבע האָט אויפגעריסען...

ח י ו ט י ן. איהר וועט מאכען שפּאס שפּעטער... קומט נאר אהער... (שטיל). איך ווייס, ביי איך אין שאפע איז דאָ פער־באָטענע זאכען — רוימט עס אויף... איהר האָט יעצט פיעל שונאים... איך ווייס ניט, פאר וואס די גאנצע שטאדט איז אויף איך להרוג ולאבוד. דאס זאג איך איך, און ווייטער מעגט איהר איך שלאָגען קאָפּ אין קישען... מיין פוס וועט אייער שוועל ניט אריבערטרעטען! (ראש אב).

ד אָ ק ט אָ ר. איבער'ן שוועל ניט אריבערטרעטען! וואס איז דאָ געוועןְ!

מ א ד א ם. גאָר ניט, האָבען זיך צוואווערטעלט א ביסעל מיט פאניען... מיר, פרידליכע בירגער, האָבען אנערקענט איבער זיך די מאכט און די אויטאָריטעט פון אונזער יונגער ווירטין... ער אבער איז א רעוואָלוציאָנער, ער בונטעווועט... ניש'קשה, מיר וועלען איהם צוגעוואוינען... איאָ, פאניע?... מיר דאכט זיך נאר, ביסט געוועזן א ביסעל צו שארף. מיינסטו ניט, פאניע?

פ א נ י ע. א מענש דארף זיין מיט א גאל... ניט שטענדיג זיס, אמאָל ביטער אויך.

ד אָ ק ט אָ ר. כא! כא! כא! זי האָט זיך איהר אייגענע לאָגיק... און ער איז א ביסעל א משוגענער... ניט שרעקליך... דאָך, פאניע, היוטין פערדיענט געאכטעט צו זיין. איך האָף, מיט דער צייט וועסטו זיך אויסלערנען צו שעצען אזעלכע מענשען...

פ א נ י ע. א גרויסער מענש מיט אויסגעריבענע ארבעל!

ד אָ ק ט אָ ר. און אויסער דעם, מיין פריינד... היינ־טיגע צייטען אן אמת'ער גוטער פריינד איז זעהר א טייערע זאך, מען דארף זיך ניט ווארפען מיט זיי.

פ א נ י ע. איך זאג דיר, ווערסט גליקליך פון אזעלכע פריינד.

אָ ל י ע. מוסיו היוטין וועט שוין מעהר ניט זיין מיין לעה־רער? פאפא! פאפא! ער איז אזא גוטער מענש... נאר זיי פער־שטעהען איהם ניט. שיק נאָך איהם, פאפא.

ד אָ ק ט אָ ר. ניש'קשה, איך וועל איהם זעהן, און וועל איהם בעטען מחילה, און ברענגען.

פ א נ י ע. א נויטיגע זאך...

ז ר ח י. שרה הינדע, מיר דאכט זיך, מיר מעגען שוין געהן. (שטיל). אי, זי קאָמאנדעוועט.

ד א ק ט אָ ר. געהן גאר? דאס ניט... זיצט! איהר וועט ביי מיר ניט געהן אזוי גיך.

מ א ד א ם. ר' זרחי, וואס האָט איהר קיין צייט ניט? קומט מיר וועלען ענדיגען די דאמקע. (זיי זעצען זיך שפיעלען). יא! יא!

ד אָ ק ט אָ ר. אליע, אהער צו מיר!... עס איז ערלויבט!... פון היינטיגע קראנקע האָב איך אפילו קיין קרענק ניט געקענט ברענגען אהיים... (אומאַרעמט זי און קושט). ניש'קשה, אליעטשקע, מיר וועלען איהם ברענגען צוריק מיט פויקען און טראָמפּייטען... איהר זעהט, שוויגער, נאָזטיכלעך — פאר אונז, א קאָסטיום — פאר אונז, און מאנזשעטען — פאר אונז! אין שטוב געמיטליך, יעדע זאך אויפ'ן פּלאַץ, אויף יעדער זאך קוקט אן אויג פון א נאטשאלניק... א מאָל אפילו כאפּט די נאטשאלסטוואָ א ביסעל אריבער די מאָס, אָבער דאס מאכט ניט אויס... ברודער פּומפּיאַן, איך בין א ביסעל מיעד, איך וועל מיט דיר לערנען מארגען. שש! איא, זי איז געווארען נאָך שענער און געזונטער? כע! כע! כע! זי בליהט, ווי א יונגער, שטארקער בוים... (געהט אין דער צווייטער אבטיילונג).

פ י י ו ו ע ל. נו, יא, א ווייב מיט נאטור...

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, דו געה אהער מיט דער פּעשקע, נעמסטו דאָך צוויי. פאניע, דו שפּיעלסט ניט אין דאמקעס?

פ י י ו ו ע ל. זי שפּיעלט א גאנצע דאמע. פערשטאנען?

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, איך וועל האָבען צייט, וועל איך דיך לערנען שפּיעלען שאך... זעהר אינטערעסאנט.

פ א נ י ע. וויים איך, אויך מיר א שפּיעל!... קארטען האָב איך ליעב, ווען מען שפּיעלט אויף געלד. עס פערכאפּט אזש דער אטהעם. אין אָקע, אדער וואָזאָק — צעהן קאָפּיקעס א קאָן! דער דאָקטאָר אָבער האלט ניט פון אזעלכע זאכען. וואס איך האָב ליעב, האָט ער פיינט.

ד אָ ק ט אָ ר. איך זאָל שפּיעלען קארטען? פאניע, איך וויים ניט, וויפיעל אויגען האָט א זעקסטעל און וויפיעל א זיעבע־טעל, א שענער קארטענשפּיעלער!

ז ר ח י. א קארטענשפּיעלער? דאָס דערמאָנט מיך א וואוילע זאך...

ש ר ה ה י נ ד ע. איהר דארפט איהם? אַט איז ער דאָ מיט זיין וואוילע זאַך.

ד אָ ק ט אָ ר. אייערע געשיכטעס זיינען מאנכעס מאָל זעהר כאראקטעריסטיש. אויב איך וועל האָבען א מאָל צייט, וועל איך זיי פערשרייבען... עס איז א מאטעריאל צו פארשען דעם כאַ־ראקטער פונ׳ם יודישען הומאָר.

ז ר ח י. (ערפרייט). דאס איז הומאָר? און איך האָב ניט געוואוסט. דו הערסט, שרה הינדע? דער דאקטאָר זאָגט עס איז הומאָר, און ביי איהר איז דאָס א גאָר ניט. הערט־זשע: אין מארק האָבען זיך צוויי ווייבער צוקריגט, זאָגט איינע: בעגראָבען זאָלסטו זיך, דיין מאן איז דאָך א קאָרטענשפּיעלער! — מיין מאן איז א קארטענשפּיעלער? איך בין דאָך גאר אן אלמנה. ווי אזוי איז ער א קאָרטענשפּיעלער, זאל ער זיך מיהען פאר אונז, אז ער איז שוין לאנג אויסגעלייטערט געווארען אין גן עדן? האָסט געהערט? איך זאל זיך בעגראָבען, זאָגט זי, אויב מיין מאן איז א קארטענשפּיעלער! — שא! שא! זאָל זיין, ער איז ניט קיין קארטענשפּיעלער, אָבער בעגראָבען זיך מעגסטו דאָך... כא! כא! כא! אָבער... כא! (הוסט און לאכט).

אָליע. פּאפּאָטשקע, דער דיאדיע זרחי דערצעהלט אליין און לאכט אליין. פּאפּעלע, וואס ער האָט דערצעהלט, איז געווען א געשיכטע? איך האָב גאר ניט פערשטאנען. (אלע לאַכען).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, הינדעלע, דאס איז א געשיכטע, כא! כא!

פ י י ו ו ע ל. אוי, דאָקטאָר, איך האָב פארגעסען, א פּאַ־קעט פון באָלניצע. (דאקטאָר און פּומפּיאן געהן אין קאָבינעט אריין. דער דאקטאָר לעזט דעם פּאַקעט).

מ א ד א ם. פאניע, פאר וואס זאָלסטו דיינע געסט ניט מכבד זיין?

ז ר ח י. א ביסעלע בראנפען מיט א שטיקעלע קיכעל וואָלט געווען שהכל נהיה מיט מזונות.

פ א נ י ע. (גענעצט). אה, עס איז שוין שפעט. די געסט מע־גען געהן היינט אהיים אַהן כבוד.

ש ר ה ה י נ ד ע. מען געהט דען צוליעב דעם כבוד? אבי מען זעהט זיך אין נחת און פריידען...

פ י י ו ו ע ל. דאקטאָר, וואס איז? א שלעכטער בריף?

ד אָ ק ט אָ ר. (זעהר ערביטערט). ברודער פומפיאן, זעהר א טרויעריגע בשורה... מען האָט מיך ארויסגעוואָרפען פון האָספיטאל... צעהן יאהר שווער געארבייט... מאמא, ווילסט עפּיס הערען? פאניע, קום אהער — מיר האָבען נייעס (שלע געהן אין קאַבינעט). כא! כא! די דירעקציע פון האָספיטאל שרייבט מיר, איך זאָל מוחל זיין זיצען אין דער היים...

מ א ד א ם. אָהן מאָטיוועו, אָהן אורזאכען? וואס איז דאס עפּיס פלוצלונג מיט דער דירעקציע מיט דיינער?

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, זיי דערמאָנען פון מיינע נייע פאמיליען־אנגעלעגענהייטען, וועלכע צווינגען מיך צו פערנאכלעסיגען מיין ארבייט... דאס איז איראָניע! זיי דערמאָנען, אז דער זשאנ־דארמסקי פאָלקאָווניק האָט ניט קיין גוטען מיינונג פון מיר... דאָס איז שוין ניט קיין איראָניע, דאס איז שווייגעריי! מאָטיוועו? וועלכע מאָטיווען האָבען אונזערע פילאנטראָפּען? קליינינקע פער־זענליכקייטען, כבוד איז ביי זיי וויכטיגער, ווי די ליידען און די ווירקליכע אינטערעסען פון אלע אונגליקליכע און ליידענדע! (קלאַפּט אין טיש). געמיינע לומפּען!

ש ר ה ה י נ ד ע. וואס איז דאס, פאניע, מען האָט איהם אבגעזאָגט פון דער שטעלע?

פ א נ י ע. מאמא, דאס איז פּופּצעהן הונדערט רובעל א יאָהר... פערשטעהסטו, וואס דאס איז?

מ א ד א ם. דער דירעקטאָר ליליענוואסער קען דיר ניט מוחל זיין, וואס דו האָסט ניט גענומען זיין טאָכטער, די אלטע אלמנה. נאר, וואס דארפסטו זיך אָבעסען דאס הארץ? פערפאלען.

אַ ל י ע. פאפאַטשקע, וואס איז דאס? אלע מוטשען דיך — עס איז ניט אויסצוהאלטען!

ד אַ ק ט אַ ר. (געריהרט). גאר ניט, קינד. זיי ווילען מיך ניט אין באַלניצע, מען דארף מיך ניט מעהר... איך הויב אָן צו ווערען אן איבריגער מענש... (פערטראכט זיך). אָבער, אַליע, עס איז שוין שפעט און דיר איז שוין צייט צו געהן שלאָפען... אז דו וועסט ניט וויסען אלץ פון וואָס מען רעדט דאָ, וועט פאר דיר געזונטער זיין...

א ל י ע. נאָר איך אליין זאָל געהן שלאָפען?

מ א ד א ם. קום, איך וועל געהן מיט דיר. האָט קיין פער־איבעל ניט, זי איז ביי אונז א געבאלעוועטע. א גוטע נאכט. יעווגעני, האָב א גוטע נאכט און הער זיי ווי די קאץ... איך וויים ניט, וואָס עס וועט ווערען פון האָספיטאל אָהן דיר. דו אָבער וועסט אָהן זיי אויך בלייבען יעווגעני גאָלדענווייזער... ניט אזוי, פאניע?

פ א נ י ע. דער שפיטאָל קען קריגען אנאנדער דאָקטאָר, גאָלדענווייזער קען אָבער ניט קריגען קיין אנדער שפיטאָל.

פ י י ו ו ע ל. ניש'קשה, עס איז ניטאָ אין שטאדט א סך אזעלכע דאָקטוירים, ווי מיר זיינען. פערשטאנען?...

פ א נ י ע. עס איז גרינג צו זאָגען. 15 הונדערט רובעל!...

מ א ד א ם. פאניע גוטע נאכט. (שטיל). שש! פאניע, עט איהם ניט אָב דאס הארץ. (לויט) א גוטע נאכט.

פ א נ י ע. ניט יעדען קען מען נעהמען און ארויסווארפען!

אַ ל י ע. א גוטע נאכט, פאפאַטשקע. (קושט איהם און געהט).

ד א ק ט אַ ר. נו, און פאניען זאָגסטו ניט א גוטע נאכט?

אַ ל י ע. ניין, פאניען ניט, איך האָב זי ניט ליעב היינט. ווילסט, פאפא, איך זאָל מיך פארשטעלען און זאָגען ליגען? וועל איך איהר זאָגען א גוטע נאכט.

ד א ק ט אַ ר. ניין, אליעטשקע, דאס וויל איך ניט. אה, דו קליינער טייוועל!...

פ א נ י ע. זעהסט, מאמא, ווי אזוי זי פיהרט זיך אויף,

ביי איהר טאטען? איך האָב זיך ביי דיר ניט אזוי אויפגעפיהרט. אנדערע קינדער האָבען גליק. האָסט מיך ניט ליעב היינט, אליע? ניש'קשה, וועסט מיך ליעב האָבען מאָרגען... אויב דו ווילסט זיך ניט איבערבעטען, האָב א גוטע נאכט ניט איבערגעבעטענערהייט.

מ א ר א ם. קום, קום, דו קאפריזנע מיידעל. א גוטע נאכט.

(זי דראָהט אליען מיט'ן פינגער און פיהרט זי. אָליע דראָהט איהר צו־ריק, ביידע אב).

ש ר ה ה י נ ד ע. נו קום. פון דעסטוועגען האָט מען גע־דארפט זעהן מענשען זאָלען זיך אריינלעגען, עס איז דאָך א קהל'שע זאך...

ז ר ח י. מיט דיינע מענשען מעג זיך אריינלעגען אין דר'ערד דיין קהל'שע זאך, אז אזא זאך קען זיך טרעפען!

פ י י ו ו ע ל. ניש'קשה, אלע קראנקע און אלע דינער דאָרט וועלען ניט פארגעסען אונזער דאָקטאָר.

ד אָ ק ט אָ ר. ביסט א נאר, פייוועל. איך האָב דאָרט צעהן יאָהר געארבייט, און זיי וועלען מארגען שוין זעהר ווייניג דענ־קען פון מיר... אזוי איז דאָס לעבען. (פערדעקט זיין געזיכט).

ז ר ח י. קום, שרה הינדע, אהיים. דעם דאקטאָר ליעגען איצט די געסט אין דער לינקער פיאטע.

ש ר ה ה י נ ד ע. קום. אונזערע שונאים, אנשטאט אונז מקנא צו זיין, וועלען נאָך האָבען נקמה... מסתמא וועט דער דאָק־טאָר זיי ווייזען, אז עס איז א טעות, וואס מען רעכענט איהם פאר א מעקעלע... א גוטע נאכט.

ז ר ח י. א גוטע נאכט... עס איז אודאי ביטער, עס פער־דריסט, אָבער די בעלי־טובות אונזערע, זיי מיינען נאר זייער כבוד... אין דער תלמוד תורה, מיינט איהר איז ניט אזוי? מיר זיינען קליינע מענשעלעך, אָבער אזא מענש ווי איהר... האָט א גוטע נאכט. (זיי געהען. פאַניע בעגלייט זיי).

ד אָ ק ט אָ ר. געהט געזונטערהייט. פאניע, מיר וועסטו גע־בען דעם שליסעל פון דעם ביכער שראנק?

פ א נ י ע. (גיט איהם דעם שליסעל). א גדולה אויף מיין קאָפּ!... ער וועט שוין נעהמען א בוך און זעצען זיך לערנען, אב־ריכטען חצות... א לעבען... (אב מיט איהרע עלטערן. דער דאָקטאָר עפענט די שאַפע, נעהמט ארויס פון די ביכער פּאַפּירען און צייטונגען).

ד אָ ק ט אָ ר. חיוטין איז גערעכט, מען דארף אויסראמען דעם חמץ. די זשאנדארמען און די דירעקטאָרען זיינען מיט מיר ניט צופריעדען... (פּאַניע קומט צוריק). ברודער פּומפּיאַן, ווילסטו זיין אזוי גוט און דאס אלץ באלד פערברענען?

פ י י ו ו ע ל. אז איהר וועט מיר הייסען, וועל איך אָנצינ־דען די גאנצע שטאדט. (נעהמט אַלע פּאַפּירען און געהט). דאָקטאָר, איך וועל זיין דאָרטען ביי מיר, טאָמער וועט איהר דארפען, איך וועל זיך נאָך קראצען א ביסעל מיט דער אנאטאמיע. א גוטע נאכט. (אב).

פ א נ י ע. איצט פערברענסטו דאָס, ווען דער שפּיטאָל איז שוין פערברענט געוואָרען... נאָך דער שרפה בלאָזען אויפ'ן פייער... דאָקטאָר, מען זאָגט, וואוהין חיוטין געהט, געהט נאָך די גאנצע פּאָליציע.

ד אָ ק ט אָ ר. (גוטמוטיג). נארעלע, וואס האָסטו מורא פאר דער גאנצער פּאָליציע?

פ א נ י ע. מען זאָגט ער איז א סאָציאליסט... זעהר שען פאר אייך צו זיין מיט איהם גוטע ברידער... דאס פאסט דער רוח ווייסט פאר וועמען, אָבער ניט פאר א רעכטען מענשען.

ד א ק ט אָ ר. פאניע, וועסט זיך ענטוויקלען וועסטו מעהר פערשטעהן, וואס איז רעכטער מענש און וואס איז ניט רעכטער מענש...

פ א נ י ע. ער וועט אונז אונגליקליך מאכען.

ד אָ ק ט אָ ר. אז מיר זאָלען ניט וועלען, קען אונז קיינער ניט אונגליקליך מאכען... אין דעם זין איז ריכטיג, אז יעדער מענש מאכט זיך אליין אונגליקליך.

פ א נ י ע. איך האָב איהם פיינט און וויל ניט, ער זאָל געהן אהער... איך וויל דו זאָלסט ווערען מיט איהם אוים מחותן...

ד אָ ק ט אָ ר. פאניטשקע, מיט ווענזען איך זאל זיין מחותן, אָדער ווערען אוים מחותן, דאס איז מיין זאך... נאר גע־ווים, דו ביסט דאָ די ווירטין פון הויז און אהער דארף ניט געהן קיינער, ווענזען דו קענסט ניט ליידען... אבער אז איך וועל דיך בעטען, פאניע, צוליעב מיר און אָליען זאָלסטו איהם ערלויבען אהער געהן, וועסטו דאָך ניט זיין קיין שלעכטע? נישט אמת?

פ א נ י ע. אז אלטער מענש זאָל זיך לאָזען פון א יונגעל פיהרען ביי דער נאָז, פע!

ד אָ ק ט אָ ר. (גוטמוטיג). ניט נאר פון א יונגעל, א מייד־על האָט מיך א מאָל געפיהרט ביי דער נאָז... כא! כא! ניט וואהר?

פ א נ י ע. 15 הונדערט רובעל! א קלייניגקייט!... און גאר ניט!

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, דאס געלד, קימערט מיך ווענינ. זיי רוהיג, קינד, אויב איך וועל נאר וועלען, קען איך פון פריוואטער פראקטיקע פיעל מעהר פערדיענען. דער האספיטאל פלעגט ביי מיר צונעהמען די גאנצע צייט מיינע.

פ א נ י ע. טאקי? פיעל מעהר? אויב עס איז אזוי, מעג קומען אויף זיי די כאָלערע מיט'ן שפיטאָל.

ד אָ ק ט אָ ר. די כאָלעריע? פע, פאניע, עס איז ניט שען אזוי צו שעלטען זיך. מיך פערדריסט, איך האָב ליעב געהאט די ארבייט. פערשטעהסט, עס איז א פעלד, וואו מען קען לערנען און נוצליך זיין. אזוי פיעל עקספערימענטען, אזוי פיעל מאטעריאל אונטער'ן האנד.

פ א נ י ע. מען האָט דען געצאהלט פאר דעם מאטעריאל בעזונדער?

ד אָ ק ט אָ ר. היינט מיינע באקטעריאָלאָגישע ארבייטען.

דאָרט האָב איך געהאַט א קעלער, אלעס איינגעריכטעט. טערמאָס־טאַטען, מיקראָסקאָפּען, האָב געהאַט פיעל קראָליקעס.

פ א נ י ע. קראָליקעס? דאס איז אויך א גרויסע זאך! אן אלטער מענש זאָל האָבען יסורים, וואָס מען נעהמט צו ביי איהם די קראָליקעס.

ד אָ ק ט אָ ר. קינד, איך פלעג זיך ניט שפּיעלען מיט די קראָליקעס, איך פלעג זיי ארייננשפּריצען פערשידענע באַקטעריען.

פ א נ י ע. וועסטו זיי ניט ארייננשפּריצען מעהר. א נויטיגע זאך!

ד אָ ק ט אָ ר. איך האָב געהאַט דאָרט אן אבעזיאנע אויך...

פ א נ י ע. נו, יא, די אבעזיאנע ליעגט דיר מעהר אין זין ווי דיין ווייב!

ד אָ ק ט אָ ר. פערשטעהסט, איך שרייב איצט א וויכטיגע ארבייט וועגען די פונקציאָנען פונ׳ם מילץ, און איך האָב ניט געענדיגט מיינע עקספּערימענטען, וואס איך פלעג מאַכען מיט דער אבעזיאנע...

פ א נ י ע. א מילץ! אן אבעזיאנע! אויף מיין ווארט, עס איז ניטא, ווער עס זאָל לאכען פון דיר. דאָס רעדט א יוד, וואס איז אין איינע יאָהרען מיט מיין טאַטען. (געגעצט). קום שוין בעסער שלאָפען...

ד אָ ק ט אָ ר. ניין, פאַניע, איך וועל נאָך א ביסעל ארבייטען... איך דארף שרייבען. (נעהמט פון זיין שרייב טיש פּאַפּירען און פאַרבערייטעט זיך צום שרייבען).

פ א נ י ע. דאס האָב איך פון איהם! דו וועסט שרייבען, און וואס וועל איך טון? מען קען דאָך דאָ משוגע ווערען פון אומעט...

ד אָ ק ט אָ ר. (מיט מיטלייד). דיר איז דאָ לייננווייליג? ארעמע פאַניע, איך פערשטעה... דיין יונגעס, געזונדעס לעבען איז נאָך דערווייילע לער... האָסט ניט דערווייילע קיינע אינטערעסען...

פ א נ י ע. איך האָב געמיינט, אריסטאָקראַטען, מען לעבט,

מען טאנצט, מען מאכט זיך פריילעך... ביי פראָסטע מענשען, ביי קבצנים איז דאָך א סך פריילעכער.

ד אָ ק ט אָ ר. פיהלסטו זיך לאנגווייליג הא? עס קען זיין, עס איז א גערעכטע טענה... הער, פאניע, ווילסט, וועל איך אבלעגען מיין שרייבען און וועל דיך לערנען שפּיעלען א שאך. (נעהמט א קעסטעל מיט שאך־פיגורען).

פ א נ י ע. א שאך? א פריילעכע שפּיעל. א מחיה!...

ד אָ ק ט אָ ר. האר אויס, פאניטשקע, ווינטער וועט דאָ זיין א רוסישע טרופּע, ועסטו פאָהרען אָפט אין טעאטער. וועל איך ניט האָבען קיין צייט, וועט מארק מיט דיר פאהרען.

פ א נ י ע. נו, יא, עס וועט זיך ווען אמאָל טרעפען. דערווייל געה איך אום ווי צו חלום, מיר איז אומעטיג. איך ווייס ניט וואס צו טון, אין קאָפּ קריכען דער רוח ווייס וואסערע געדאנקען... און דערצו נאָך, דו הער בעסער, דיין ברודער, דיין מארק, ער קריכט צו מיר ווי א חזיר.

ד אָ ק ט אָ ר. וואָס? מארק? כא! כא! כא! נאר, געוויס איז ער פאמיליאר מיט דיר, ווי מיט א שוועסטער... אזוי וואָלט איך אויך געוועז מיט זיין פרוי, ער זאָל זיין פערהייראט....

פ א נ י ע. דו מיט זיין פרוי? ניין, דו ביסט ניט אזעלכער.

ד אָ ק ט אָ ר. מיך פרייט זעהר, וואס ער האלט זיך ניט שטאָלץ געגען דיר. אבער, פוי! דאס איז ניט שען פון דיר צו האָבען אזא מיאוסען געדאנק... מיר זיינען אלע אינטים, ווי ברודער און שוועסטער... כא! כא! כא! וואס איהר קען איינפאלען!... (זעצט זיך צו זיינע פּאַפּירען).

פ א נ י ע. איך האָב דיר געזאָגט, און ווייטער ווי דו פערשטעהסט. אוי, איך זאל כאָטש האָבען א קינד. אז איך האָב שוין יא חתונה געהאט, וויל איך זיין א מאמע ווי אנדערע...ביילע טשיזיקס האָט חתונה געהאט שפּעטער פון מיר און האָט שוין א קינד. ביזט דאָך א דאָקטאָר!

ד אָ ק ט אָ ר. יא, איך בין א דאָקטאָר און איך זעה, דו

הויבסט אָן ווערען נערוועז, דאס איז ניט גוט. (טיעפּט זיך איין און שרייבט). „די פּאסיווע פונקציאָנען“...

פ א נ י ע. נו, יא, ער שרייבט זיך פונקציאָנען, שמונקציאָנען! און וואָס זאָל איך טון? וואס זאָל איך טון?

ד אָ ק ט אָ ר. דו ווילסט נאָך ניט שלאָפען? (לעגט אוועק זיין פעדער). פאניע, הער, אויב דו ווילסט, וועל איך זיך זעצען דאָ מיט דיר און וועל דיר ענדיגען די ערקלערונג: פון וואנען נעהמט זיך שניי און רעגען?

פ א נ י ע. נו, יא, שניי און רעגען ליעגט מיר איצט אין זין. איך דארף עס נויטיג.

ד אָ ק ט אָ ר. שא, ווייסט וואס? איך וועל דיר וואס שפּיעלען אויף דער פּיאנא. (זעצט זיך צו דער פּיאנא און נעמט עטליכע אַקקאָרדען).

פ א נ י ע. האלבע נאכט באראבאנען אויפ'ן טאָפּשאָן!... דו זאָלסט שפּיעלען גיטארע, אדער כאָטש פּידעל. פּארטעפּיאן פערשטעה איך ניט און איך האָב ניט קיין הנאה דערפון.

ד אָ ק ט אָ ר. עס טוט מיר לייד, איך שפּיעל ניט גיטארע, זאָגאר ניט פּידעל... דו פאָלג מיך בעסער, פאניע, נעהם א בוך און לעז. קענסט דאָך לעזען... האר אוים, איך וועל געפינען, איך האָב, דאכט זיך, ערגיץ טורגעניעוו'ס א ראָמאן. (זוכט). צום לעזען דארף מען זיך נאר צוגעוואוינען. די ערשטע צייט איז שווער, נאכדעם קען מען זיך ניט אָברייסען. (געפינט א בוך). א גוטער ראמאן! דו וועסט האָבען פערגניגען און וועסט פארגעסען, אז דיר איז אומעטיג. לעז, פאניע, דאס לעזען ענטוויקעלט דעם גייסט און בילדעט דעם כאראקטער פון א מענשען...

פ א נ י ע. איצט זאל איך מיך זעצען לערנען גאר! דערויף האָב איך חתונה געהאט? אי, אפנים דו זאָלסט זיין יונגער, וואָלט אנדערש געווען. (מען זעהט ווי זי לעזט לאַנגזאַם, פיהרענדיג מיט'ן פינגער איבער'ן בלאט. ער שרייבט לאנג. פויזע. זי ווערט אנשלאָפען איבער'ן בוך. ער גיט אַ זיפץ און גיעהט צו'ן איהר).

ד א ק ט אָ ר. פאניע, ביסט אנשלאָפען געוואָרען? טור־נעניעוו מאכט דיך שלעפעריג. הא?

פ א נ י ע. הא? נו, יא, עס איז זעהר אינטערעסאנט. (מען קלינגט. פּומפּיאַן קומט און לויפט עפענען).

ד אָ ק ט אָ ר. פומפיאן, ווער קען דאס זיין אזוי שפעט?

פ א נ י ע. וועסט שוין אי"ה אוועקפאָהרען אויף א גאנצע נאכט. אוי, בעסער וואָלט איך ניט געבוירען געווארען אויף דער וועלט!

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, נאָך וואס האָסטו חתונה געהאט פאר א דאָקטאָר? דעם דאָקטאָר'ס צייט געהערט ניט צו איהם. מיין ארעמע דאָקטאָרשע. (פייוועל קומט).

פ י י ו ו ע ל. דאקטאר, מען רופט צו'ם אלטען מלמד, וואו איהר זייט געווען פארנאכט. איהם איז ערגער.

ד אָ ק ט אָ ר. נו, יא. א גאנצען יאָהר הונגערען זיי און יום טוב האָט ער געכאפּט אן איבעריגען בים מיט א זופּ... עס איז זעהר א שארפער גאסטריטיס, מען מוז באלד געהן זעהן...

פ י י ו ו ע ל. איך געה מיט אייך, איך וועל נאר עפּיס כאפּען אויף זיך. (אב צו זיך אין צימער).

פ א נ י ע. ניש'קשה, צו קיין אנדער דאקטאר קריכען ניט די קבצנים ביינאכט... פאר דיר איז דאס א געשעפּט אנטלויפען פון מיר דערווייל'ע.

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, איך וועל באלד קומען.

פ א נ י ע. איך דארף בלייבען אליין, זיצען אוןווארטען... (מארק קומט). מען קען משוגע ווערען.

מ א ר ק. ווער האָט עסי געקלונגען אזוי שפעט? און דא ביי אייך הער איך קאָנווערזאציאָנען.

ד אָ ק ט אָ ר. אָט איז מארק! ער וועט זיצען מיט דיר. מארק, דאָ איז טורגעניעוו'ס א ראָמאן. אז דו וועסט איהר לעזען,

וועט איהר אינטערעסאנט זיין צו הערען. (פייוועל קוממ). איהר וועט גאָר ניט בעמערקען די צייט, ביז איך וועל קומען... פומ־פיאָן, וואו איז דער סטעטאסקאָפּ? (זוכט).

מ א ר ק. (נעמט דאס בוך). אָה, טורגעניעוו׳ס ראמאן „רו־דין“... פאניע, דאס איז זעהר א שענער ראָמאן.

פ א נ י ע. איך דארף עס נויטיג...

מ א ר ק. דו זיי נאָט קיין נאר און שוויג.

פ א נ י ע. וואס מיינט איהר שוין ווידער.

מ א ר ק. (גאַנץ שטיל און לײדענשאפטליך). אזא געזונטע, אזא שענע, אזא יונגע ווייבעלע, זאָל ניט פערשטעהן...

ד אָ ק ט אָ ר. מיין בייזע דאָקטאָרשע, אויפ׳ס ווידערזעהן. מארק, לעז לאנגזאם און ערקלער איהר יעדע זאך. ברודער פומ־פיאן, מארש. (געהען ביידע ביז דער טיר. אָליע קומט פון איהר צימער אין אַ שלאָפראָק, שטעק שיך אויף בארוועסע פיס).

אָ ל י ע. פאפאָטשקע!

א ל ע. (ערשטוינט). אָליע!

ד אָ ק ט אָ ר. וואס איז דאס, אָליעטשקע, דו שלאָפסט גאר ניט?

אָ ל י ע. פאפא, אויב דו פאָהרסט אוועק וועל איך דאָ זי־צען, ביז דו וועסט קומען. (מארק איז בייז).

ד אָ ק ט אָ ר. וואס הייסט דאָ זיצען? אליע, ביסט ניט אָנ־געטאן, וועסט זיך פערקילען. געה שלאָפען באלד.

אָ ל י ע. ניין, פאפא, איך וועל דאָ זיצען, ביז דו וועסט קומען.

ד אָ ק ט אָ ר. וואס איז מיט דיר, אליע? נייע פאנטאזיען?

אָ ל י ע. אויב דו פאָהרסט אוועק, וועל איך דאָ זיצען מיט פאניען און אָנקעל מארק, ביז דו וועסט קומען אהיים.

פ י י וו ע ל. אפשר וואָלט איך אליין אריבערגעגאנגען? גאסטרא קאטארים, איך וויים.

ד אָ ק ט אָ ר. איך פערשטעה ניט, וואס איז דאָס מיט

איהר? (פיהלט איהר קאָפּ). פיהלסט זיך שלעכט? דיר טוט וואס וועה? פומפּיאן, נעהם א דראָשקע און פאָהר אריבער (זאָגט איהם עטוואס שטיל).

מ א ר ק. דער קליינער טייוועל! (לויט) נו, דעם ראמאן וועל איך דערוויילע אליין לעזען. גוטע נאכט. (אב צו זיך).

ד אָ ק ט אָ ר. אליע, אזעלכע קאפּריזען געפעלען מיר גאָר ניט. געה שלאָפען, איך בלייב אין דער היים.

פ י י ו ו ע ל. זינד מיר האָבען דאָ א ווייב מיט נאטור, האָט זיך אלעס איבערגעקערט דאָ קאפּויר מיט די פיס. נו, יא, פאניע זארחי'ס! (אב).

אָ ל י ע. א גוטע נאכט, פּאפּאָטשקע. מיר טוט גאָר נישט וועה. אז דו זאָלסט היינט אוועקפאָהרען, וואָלט איך מורא געהאט צו שלאָפען. א גוטע נאכט, פאניע.

ד אָ ק ט אָ ר. קליינער דעספּאָט, געה שלאָפען. (קושט זי און בעגלייט זי ביז דער טיר). גוטע נאכט.

פ א נ י ע. איך האָב ניט געקענט ביי דיר אויספיהרען זאָלסט ניט פאָהרען, זי איז א גרעסערער מיוחס... נו, יא, איך זאָל האָבען א קינד, וואָלט עס אפשר געווען ביי מיר א סך בילכער פון דיר. (געגעצט). נו, וואס וועסטו איצט טון?...

ד אָ ק ט אָ ר. איך וועל א ביסעל בערוהיגען מיינע נערוועז און וועל זיך זעצען ענדיגען מיין ארטיקעל.

פ א נ י ע. נערוועז, ארטיקעל, שמארטיקעל! איך געה שלאָפען, למד־וואָווניק מיינער! (אַ קלאַפּ מיט'ן טיר, אב).

ד אָ ק ט אָ ר. (דאקטאָר בעגלייט זי מיט אַ לאַנגען בליק). מיינע נערוועז הויבען אן אראָפּשפּרינגען פון די רעלסען... און איך האָב מורא, דאָס קינד, אויף איהרע נערוועז ווירקען אויך ניט גוט די קליינע פאמיליען־סצענען... זי פיהרט אונז אלע ארויס פון געוועהנליכען טאָן. נו, יא, יעדער מענש האָט זיין אייגענע אינדיווידואליטעט, מע מוז זיך רעכענען דערמיט. מיט געוואלט קען מען א מענשען געוויס ניט איבערערציהען, נאָר מיט גוטען מיט גע־

דולד, מיט אן אויסגעהאלטענעם פעדאגאגישען סיסטעם... כע! כע! בעשערט אויף דער עלטער ווערען א פעדאגאג אויך... (זעצט זיך שרייבען. שטעהט אויף באלד און געהט צום פענסטער. פויזע). ווי רוהיג איז די נאטור און ווי שטיל די נאכט... איך ווייס ניט פארוואס מיר ווייזט זיך יעצט אויס, איך בין ווי היינע'ס דאפפעלגענגער: „שטיל איז די נאכט, עס רוהען די גאסען"... (מען הערט, ווי ווייט שלאגט לאנגזאם דער שטאדט־זייגער צוועלף. ער פערטראכט זיך). הא? וואס איז דאס פאר א געדאנק? מארק! ע! נארישקייטען, דומהייטען, אומזין! זי ווייסט ניט קיין חכמות און פערשטעהט ניט פון קיין אנדערע פערהעלטניסע צווי־שען מאן און פרוי. כע! כע!... דאס איז די לאגיק פון דער ניט דענקענדער נאטור... די נאטור האט פיינט למד־וואווניקעס... (זעצט זיך און שרייבט) „אלזא די אלע פיזיאלאגישע פראצעסען" (פאניע קומט אין א ווייסער קאפטע און א ווייסער קליידעל).

פ א נ י ע. דו וועסט היינט געהן שלאפען צו ניין? א גאנצע נאכט דארפען ברענען די לאמפען?... איך דארף זעהר נויטיג דיין שרייבעריי! (פערלעשט די לאמפ, זיי בלייבען אין דער פינסטער).

ד א ק ט א ר. (כאפט איהר האנד). וואס מיינסטו? דו... איך...

פ א נ י ע. נו, ביסט בייז געווארען? ביסט א גרויסער העלד, איך... (ציטערט פון אויפרעגונג, בעהערשט זיך. לאזט אב איהר האנד). פאניע, דאס איז זעהר ניט שען.

פאר וואס גיסטו מיר ניט א שלעפ, מיינע ביינער זאלען אנהויבען קראכען? פאר וואס גיסטו ניט א טאפ מיט'ן פוס איך זאל פערציטערט ווערען? פאר וואס גיסטו ניט א געשריי מיין בלוט זאל אין מיר פערקילט ווערען? הא! ווייסט פאר וואס? ווייל דו ביסט אלט, ווייל דו האסט מורא פאר מיר... אפילו אין דער פינסטער האסטו מורא פאר מיר!

(דער דאקטאר האט דערווייל אנגעצונדען די לאמפ).

ד א ק ט א ר. יא, איך האב מורא פאר דיר... איך האב מורא

פאר דיר. אבער דו זעה בעסער, פאניע, זיי פארזיכטיג, איך קען אויך אין כעס ווערען און דאן... דאן דארף איך מורא האָבען פאר זיך. דו הערסט?...

פ א נ י ע. נו, פאר וואס ווערסטו ניט אין כעס? שטאר־קער גבור מיינער!

ד אָ ק ט אָ ר. דו ביסט גערעכט, איך בין ניט קיין יונגער מאן מעהר... אין מיינע יאָהרען דארף מען זיך קענען בעהערשען. א שלעפ טון דיביינער זאָלען קראכען, דאָס קען יעדער חאם, טאַ־פען מיט'ן פוס קען יעדעס פערד... בעהערשען זיך — דערויף דארף מען זיין מענש! (זעצט זיך צום טיש). אלזאָ וואו האלט איך? יא... (שרייבט קאלטבלוטיג).

פ א נ י ע. ביסט אזא בריה א מענש, ווי מיין טאטע...

ד אָ ק ט אָ ר. (שרייבט). און איך האָב מורא דו ביסט אזא בריה א מענש, ווי דיין מאמע. פאניע, דאס וואָלט געוועז זעהר טרויריג.

פ א נ י ע. מיין טאטע איז כאָטש אין איינע יאָהרען מיט מיין מאמען, און דו ביסט צוויי מאָל, דריי מאָל אזוי אלט ווי איך. (דער דאָקטאָר גיט אויף איהר אַ קוק רוהיג און שרייבט ווייטער). דו לאז מיך בעסער געהן אהיים צוריק... איך וויל געהן צו־ריק! (דער דאקטאָר גיט אויף איהר אַ קוק און שרייבט ווידער). האָסט געהערט מענשען! אדער קראַליקעס, אז ניט זיצט ער און טענטעלט א גאנצע נאכט מיט'ן פעדער... אבי עס איז דאָ טינט מיט פאפיר. (דער דאָקטאָר הערט אויף שרייבען און קוקט אויף איהר). פרעגט איהם בחרם, וואס שרייבט ער? ווער דארף דאס?:.. געבילדעטער חכם מיינער!

ד אָ ק ט אָ ר. (פיר זיך). אַי! איך הויב אָן פערשטעהן, ווי אזוי מען קען א מאָל קומען צו אזא געמיינהייט, ווי שלאָגען...

פ א נ י ע. (שרייט און וויינט). אז דו דארפסט מיך ניט, נאָך וואס האָסטו מיך גענומען?... נאָך וואס האסטו מיך גענו־מען?... איך פרעג דיך, נאָך וואס האסטו מיך גענומען?

ד אָ ק ט אָ ר. (קאלט). מארגען וועל איך אייך בעענטפערן אויף אייערע פראגען; היינט, מאדאם, געהט בעסער שלאָפען און בערוהיגט אייך.

פ א נ י ע. מאָרגען? א דאנק דעם טאטען דיינעם!... (דער דאקטאר צוקט מיט די אַקסלען און שווייגט). איך האָב געמיינט א דאָקטאָר, א גרויסער מענש, אריסטאָקראט, איך וועל פאר איהם מורא האָבען. דאָ פאר וועמען מורא צו האבען! ער וועט מיך נאָך א מאָל ברייננגען דערצו, אז איך זאל איהם שלאָגען אויך.

ד אָ ק ט אָ ר. (כאַפּט זיך אויף, צייגט מיט'ן האַנד אויפ'ן טיר, און שרייט אויס מיט אן אונגעוועהנליכער מאַכט). מאדאם, איך וויל איצט בלייבען אליין! איהר הערט? (גיט אַזאַ קלאַפּ איבער'ן טיש, אַז די לאָמפּ און אַלץ ציטערט). פאָרט! ארויס פון דאנען!

(פאַניע דערשראָקען, געהט לאַנגזאַם און וויינענדיג אב).

פ א ר ה א נ ג.

דריטער אקט.

דאסזעלבע צימער. אין דער ערשטער אבטיילונג זיצט דער דאקטאר מיט פייוולען און לערנען. אין דער צווייטער אבטיילונג זיצט אַליע ביי דער פיאַנא און שפּילט א גרינגען עטיוד, די מאַדאַם זיצט לע־בען איהר און צעהלט דעם מאַקט און קערט איבער די נאטען. עס איז טאג, ענדע זומער. דער דאקטאָר טראגט א העלען קאַסטיום, זיין שפּאַ־ניאַלקע איז גראָער געוואָרען

מ א ד א ם. אזוי, אזוי, ליאליע, פויל זיך ניט. איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי דריי! פארגעס ניט די פעדאל... איינס, צוויי, דריי. (אליע שפּיעלט).

ד א ק ט אָ ר. שטעל זיך פאר, פּומפּיאַן, אויפ'ן עקזאמען פרעגט מען דיך, אויף וויפיעל טיילען צופאלט זיך די אנאטאָמיע?

פ י י ו ו ע ל. צופאלט זיך די אנאטאָמיע? זי צופאלט זיך אויף: אָסטעאָלאָגיע, סינדעסמעלאָגיע, ע...ע...מיאָלאָגיע, ע...אנגי־אָלאָגיע. און נאָך עפּיס א לאָגיע. פערגעסען... אין ביכעל איז דאָס דאָ.

ד אָ ק ט אָ ר. ע, ברודער, אין ביכעל איז שלעכט, עס דארף זיין אין קעפּעל. גיב איך וועל דיר אויפשרייבען א גאנצע רייהע פראגען. (שרייבט). איך בין דיר מקנא, דו לערנסט און איך האָב די לעצטע צייט אויפגעהערט לערנען און שרייבען — בין געווארען פויל, ווי א פּשע ישראל. ברודער, דו וואָלסט האָבען א יונגע ווייבעל, וואלסטו אויך ניט געווען אזא פלייסיגער סטודענט. כע! כע!

אָ ל י ע. באבוסיע, איך בין מיעד... נא, שפּיעל דו א ביי־כעלע, שפּיעל, וועסט פערגעסען שפּיעלען.

מ א ד א ם. דו, גנב, אז איך וועל שפּיעלען, וועסטו קע־נען? פאר וואס אז דו ביסט הונגעריג זאָגסטו ניט: באבוסיע,

געה עסען פאר מיר? (זעצט זיך צו דער פיאנא, טראכט א ביסעל און שפּיעלט ליסט'ס וואריאציעס אויף שובערט'ס סערענאדע).

ד אָ ק ט אָ ר. (הערט זיך צו). סס! פּומפּיאן. גיב א קוק אויף דער מאמען מיט אָליען... ביידע — צוויי אונשולדיגע קינ־דער. איך וויים נאר ניט, ווער פון זיי איז מעהר קינד. (הערט זיך צו. פאַניע קומט פון אַ אינערסטע טיר אויסגעפּוצט. א הוט, האנד־שוהען, ציהרונג, טראגט א פענסנע).

ד אָ ק ט אָ ר. בעטראכט נאר אונזער דאקטאָרשע. דו, סאָל־דאט, סאלוטיר. וואָ פראָנט! (סאלוטירט). פאניע, וואוהין איז דאָס אין אזא פאראד?

פ א נ י ע. איך פאהר צו דער מאָדיסטקע, יעווגעני, און איך דארף א סך געלד. (נעמט פון זיין זשילעט עטליכע אסיגנאציעס).

ד אָ ק ט אָ ר. עס איז אנגענעהם, ווען אזעלכע הענטעלעך גראבלען ארוים דאס געלד פון דיין קעשעניע. פאניע, איך שעם זיך פאר פומפּיאנען, איך וואלט דיר עפּים געזאָגט...

פ א נ י ע. נאר דו שעמסט זיך. ווען וועסטו זיך שוין אויפ־הערען צו שעמען? מאמא, איהר גיט שוין ווידער קאָנצערט, ווען ליאליע'ס פיאנא־לעהרערין וועט דאָ זיין היינט, וויל איך איהר זאָלט איהר זאָגען, אז איך הויב אן זיך לערנען שפּיעלען פיאנא. יא, איך וועל נעמען אוראָקען.

מ א ד א ם. אזוי? ווילסט ווערען א פיאניסטקע אויך? פון אָנפאנג קען איך דיך לערנען. איך וויל זיין דיין פראָפעסאָרקע.

פ א נ י ע. ניין, איך וויל לערנען ביי אן אמת'ע לעהרערקע.

ד אָ ק ט אָ ר. דו, פאניע? האָסט דאָך פיינד דעם טאָפּטשאן. זאָגסט שטענדיג, דו פערשטעהסט ניט.

פ א נ י ע. נו, יא, און די גרויסארטיגע דאמען, וואס צימב־לען אויף דער פיאנא, פערשטעהן עפּים?... עס איז א מאָדע, דאמען זאָלען שפּיעלען, וויל איך אויך זיין א דאמע, ווי אלע. (עפענט די טיר אין קארידאָר). יעווגעני, זעהסט? איך האָב געהיי־

סען אין קארידאר אוועקשטעלען א לאנגע הילצערנע באנק. דיינע קבצנים מעגען ווארטען דאָרט און ניט קריכען אהער מיט די בלאָטיגע שטיוועל.

ד אָ ק ט אָ ר. אין קארידאָר? פאניע, ווינטער וועט זיין קאלט דאָרט פאר די קראנקע...

פ א נ י ע. ווענסטו זעהן ניט האלטען זיי לאנג. פּומפּיאן, איהר וועט הייסען די קראנקע ווארטען דאָרט. פערשטאנען?

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, דו געהסט מיט דיינע רעפאָרמען אליין ווייטער און ווייטער, הא? (ווינקט צו פּומפּיאנען, ער זאל זי ניט פאָלגען).

פ א נ י ע. דאס בלייבט שוין אזוי. פּומפּיאן, געהט, נעמט מיר א פאיעטאָן.

פ י י ו ו ע ל. איא, איהר גלויבט ניט, אז דאס איז פאניע זרחים? זי, מיט די ביינער. ווי איהר זעהט מיך א יודען. (אב).

פ א נ י ע. עס איז שוין צייט פון איהם אויך פּטור ווערען... אויך א מענש אין שטוב!

ד אָ ק ט אָ ר. ער וועט אויסשטודירען, וועט ער דאָ אליין ניט זיין. ער ווייסט, דו האסט ניט קיין גרויסע סימפּאטיען צו'ן איהם... שארע, ער איז מיין רעכטע האנד. שש! ער געהט... אין זיין נעגענוווארט דארפסטו אזוי ניט רעדען. עס איז ניט פיין צו ערנידריגען א מענשען. (פּומפּיאָן קומט, נאך איהם דער בוקיניסט מיט ביכער).

פ א נ י ע. נו, יא, מיט פּומפּיאנען דארף איך זיך אויך צערעמאָניען. וואס איז, ווידער ביכער?

ד אָ ק ט אָ ר. געבראכט עטוואס נייעס? עטוואס גוטעס, הא?

פ א נ י ע. איהר מעגט געהן, ר' יוד, דער דאָקטאָר האָט שוין גענוג ביכער, איבער גענוג...

ד אָ ק ט אָ ר. איהר פערשטעהט דאך מסתמא, די יונגע

דאמע מאכט שפאס. לאָזט איבער די ביכער, איך וועל זיי שפעטער איבערקוקען... יא!... אדיע, מיין פריינד, אדיע. (בוקיניסט אב).

פ י י ו ו ע ל. האָט א גוטען תמיד. (מען קלינגט). הערר דאָקטאָר, מען קלינגט, מען קלינגט און קיין קלינגערס איז ניטאָ. פערשטאנען? (געהט עפענען).

פ א נ י ע. ווענינ ביכער האפטו...

ד אָ ק ט אָ ר. פאניע, דיך ניט צו ערנערען מאך איך פיעל קאָמפּראָמיסען. צו פיעל... אבער...

פ א נ י ע. קאָמפּראָמיסען צו קאָמפּרעסען? איך ווייס ניט וואס דו מיינסט.

ד אָ ק ט אָ ר. איך אָבער לײדער ווייס, וואס פאר א געפעהר־ליכע זאך קאָמפּראָמיס איז און איך זאג דיר, אלץ מוז האָבען א גרעניץ. וואס אָנבעלאנגט מעדיצין, אדער ביכער דארפסטו זיך ניט מישען! איך וועל זיך ניט שטעלען מיט דיר האָבען א רעספּוט אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע מענשען, אָבער ווייס, אז...

פ א נ י ע. (לעגט צו איהר האָנד צו זיין מויל, ער קושט איהר האנד). אז דו ביסט פארט, ווי א שוואך קינד און מען דארף אויף דיר אכטונג געבען... אבער שא.. איך הער פאציענטען געהן. (פּומ־פּיאָן צוריק).

פ י י ו ו ע ל. מאדאם, אייערע זיינען געקומען. איך האָב זיי געהייסען זיצען אין קארידאָר אויפ'ן באנק...

פ א נ י ע. נו, זאָלען זיי זיצען. זיי מעגען אויך ווארטען דאָרטען. זאלען אייגענע בענייען די באנק.

ד אָ ק ט אָ ר. וואס רעדסטו דאס, פאניע? פוי! פּומפּיאָן, וואס איז דאס פאר וויצען? קומט אריין! קומט אריין!

(זרחי און שרה הינדע קומען. ביידע: גאָט העלף!).

פ י י ו ו ע ל. צוליעב די געסט בלייבט איהר דאָך מסתמא, און איהר פאהרט ניט?

פ א נ י ע. וואס הייסט איך פאָהר ניט? איך דארף נויטיג האָבען די געסט.

פ י י וו ע ל. הייסט עס, איהר פאָהרט יא ? זאָל זיין יא. (אב).

ד א ק ט אָ ר. נו, ווי געהט עס ? זיצט... מוסיו זרחי, איהר זעהט ניט גוט אויס ? (רעדעו שטיל).

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, פאניע, וואס מאכסטו ? אה איך זעה, האָסט שוין נייע ציהרונגג... שען ! שען !

פ א נ י ע. יא, יעווגעני האָט מיר געקויפט נאָך א רינג און דעם בראש. (שטיל). ביסלעכווייז האב איך איהם אויסגע־לערנט. (לויט) וואס איז דאס פאר א צו־גאסט אין מיטען דרי־נען ! איך פאהר אוועק.

ז ר ח י. פאניע, מיר זיינען ניט געקומען צו דיר, צום דאָק־טאָר... איך בין קראנק. (הוסט. פומפיאן קומט).

פ י י וו ע ל. מאדאם, איך האָב גענומען א דראשקע.

פ א נ י ע. איך האָב אייך געזאָגט, איך וויל א פאיעטאָן, ניט קיין דראשקע !

פ י י וו ע ל. דוקא א פאיעטאָן ? (געהט). פאניע זרחים איז אנדערש ניט געוואוינט געווארען ביי איהר טאטען. (אב).

פ א נ י ע. ער טוט עס מיר אונמיסטען. דעם דאקטאָר'ס מענשען !

ש ר ה ה י נ ד ע. דאָקטאָר, איך האָב אייך געבראַכט א חולה. הוסט און פערבעט א גאנצע נאכט... מיך וואָלט ניט גע־הארט, א מצוה אויף איהם... מען קען אבער אן אויג ניט צו מאַ־כען איבער איהם. קען אווארט ניט אויסרעדען, ער זאָל זיך ניט צוהוסטען, און נאר עס וואלט גערעדט. אויך מיר א מאנסביל !

ז ר ח י. אז איך בין ניט קיין מאנסביל, דאָס הייסט אז איך בין א יורענע, בין איך דאָך פון אייערע, דארפסט מיט מיר גוט פריינד זיין און לאָזען מיך רעדען א סך... אוי, דאָקטאָר, עס שטיקט מיך... די מלמדות שטיקט מיך... 25 יאָהר אבגעקנעלט... (הוסט).

ד אָ ק ט אָ ר. מיר וועלען באלד זעהן, מיר וועלען אייך גוט אויסהערען און אונטערזוכען...

(פומפיאן קומט).

פ י י ו ו ע ל. א פאיעטאָן!

פ א נ י ע. נו, איך פאהר... יעווגעני, פארגעס ניט האָסט וויזיטען. מיט די געסט דארפסט זיך ניט צערעמאָניען.

מ א ד א ם. פאניע, מיינסטו ניט, אז דיין שליאפּע איז מיט צו פיעל שיק?

פ א נ י ע. איהר ווילט, איך זאל אויסזעהן, ווי אן א ל-ט ע דאקטאָרשע? דאס ניט!

מ א ד א ם. פאהרסט האנדלען. יונגע דאקטארשע, פאָלג מיך און קויף ניט אזעלכע זאכען, וואס ווארפען זיך אין אויג.

פ א נ י ע. פערלאָזט זיך שוין אויף מיר.

ד אָ ק ט אָ ר. א דאגה דיר, מאמא, זאל איהר ווילען זיין פריי. ביסלעכווייז וועט איהר געשמאק פערעדעלט ווערען, דאן וועט אויך איהר ווילען אן אנדער ריכטונג נעהמען...

פ א נ י ע. אדיע! מוסיו און מאדאם זרחי, אדיע. (אב).

פ י י ו ו ע ל. א גוטען תמיד.

ש ר ה ה י נ ד ע. מיר זיינען געקומען איין מאָל אין א יובל, געהט זי אוועק.

ד אָ ק ט אָ ר. איהר דארפט איהר פערצייהען... א יונגע דאמע, דארף איינקויפען נויטיגע זאכען. ביי איהר איז דאס וויכטיג.

ז ר ח י. נו, אז דיר געפעלט ניט, רוף זי צו'ן א ווייבער־שען דין תורה. איהר האָט דאך געהערט מסתמא פון דעם ווייבער־שען די תורה? א וואוילע זאך. (לאַכט).

ד א ק ט אָ ר. ניין! ניין! איהר לאכט און איהר הוסט פון אייערע וואוילע זאכען. נאָך וואס דארפט איהר דאס?

ש ר ה ה י נ ד ע. ער קוועלט ווי א באקסער פון זיינע איינענע חכמות. אויך מיר א מאנסביל!...

א ל י ע. פאפּאָטשקע מיר ווילט זיך אזוי לאכען... כי! כי!

כי! טאנטע! לאָזט, לאָזט דעם אָנקעל דערצעהלען געשיכטען. איך האָב שוין לאנג ניט געלאכט, אָבער, אָנקעל, — דערצעהלט, אז איך זאל פערשטעהן. איך זאל לאכען, ניט איהר.

ז ר ח י. אליעטשקע, איך וועל ניט לאכען, וועסט זעהן...

מ א ד א ם. דערמיט פיהרט איהר איבער די געשיכטע, וואס איהר לאכט אליין... אנדערע דארפען לאכען, ווי מיין אלינקע זאָגט, און איהר קוועלט אליין פון זיך.

ז ר ח י. איך וועל זיך איינהאלטען. (הוסט). צוויי ווייבער זיינען געקומען צום רב מיט א דין תורה. רבי, זאָגט איינע, זי האָט ביי מיר געליהען א שפּאָגעל נייע סקאוואראדע און האָט זי מיר אומגעקערט א צובראָכענע און א צובויגענע. ענטפערט די צווייטע: רבי, איך האָב ביי איהר קיין מאָל אין מיין לעבען ניט גענומען קיין סקאוואראדע. זאָלט איהר אליין אזוי לעבען און געזונד זיין, ווי איך האָב ביי איהר א מאָל אין מיין לעבען געליהען א סקאוואראדע. און א חוץ דעם, אלע שכנות ווייסען, אז די סקאוואראדע, וואס זי האָט מיר געגעבען, איז געווען אן אל־טע און א צובראָכענע. און ווידער, פון וואנען ווייסט זי, אז די סקאווערדע איז צובראָכען און צובויגען? איך האָב זי נאָך ניט אבגעבראכט צוריק. זי איז נאָך ביי מיר. כא! כא! א ווייבערשער דין תורה. (לאכט און הוסט).

מ א ד א ם. וואס ער טראכט אויס אויף די ארעמע ווייבער. (אלע לאָכען, בעזאָנדערס אָליע).

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, דו זעה בעסער, ווי ליאלע לאכט... כא! כא! מיין טייערע, זיסער נארעלע, וואס געפעלט עס דיר אזוי? (קושט זי). אה, ר׳ זרחי, איהר׳ הוסט א סך ערגער ווי פריהער...

ש ר ה ה י נ ד ע. אויף הוסטען — דערויף איז ער אן אייזערנער בריה. וואס דען, עפּיס א רעכטע זאך וועט ער קענען. אסור... אזוי ווי איהר זעהט, טאָג ווי נאכט. פּח פּח פּח...

ד א ק ט א ר. (שרייט. פּומפּיאן). הערר פּאציענט, באלד אהער... די דאמען וועלען אונז ענטשולדיגען. (אלע פרויען מיט אַליען אב. ער פערציהט די פארטיערען).

ד א ק ט א ר. די בעקעשע אראפּ... דעם זשילעט אראפּ. (טוט איהם אויס). אה! א לייבסערדאק? קיין מאָל ניט בעמערקט.

ז ר ח י. וואָס־זשע, איך האָב זיך געדארפט בעריהמען דער־מיט? עס איז יא, ווי מען דערצעהלט, צוועי ווייבער האָבען זיך בעגעגענט אין מארק, זאָגט איינע: חיה העני, דו בעריהמסט זיך גאר ניט, וואס דו האָסט... (הוסט).

ד אָ ק ט אָ ר. באסטא! קיינע געשיכטעס! סילענטום! (קלאַפּט אין ברוסט און הערט זיך צו). דו הערסט ברודער פּומפּיאן? (פּומפּיאן הערט זיך צו). נו, קערט זיך אום. קאלעגא. וואָס זאָגט איהר, הא? (פּומפּיאן הערט זיך צו).

פ י י ו ו ע ל. עמפיזימא פּאלמענאלים דעקסטרא.

ז ר ח י. דאקטאר, איך וויל אייך פרעגען וועגען אנ׳אנדער חולאת. אבער ער דארף ניט הערען.

ד א ק ט א ר. קאלעגא פּראָפעסאר, טראָג זיך אָב... דו דארפסט ניט הערען.

פּ ו מ פּ י א ן. א גוטען תמיד. יא, עמפיזימא פּאלמענאלים. (א ב צ ו ד י פ ר ו י ע ן).

ד א ק ט א ר. וואָס איז, מיין פריינד, איהר האָט א סעק־רעטנע קרענק?

ז ר ח י. יא, עס איז א חולאת, אָבער ניט קיין סעקרעטנע... (ק ו ק ט ז י ך א ו ם). מיין חולאת איז, פּשוט גערעדט, מיין פּלונית׳טע. איך ווייס די חולאת... א גאנץ לעבען ליידען און דולדען... איך האָב געוואָלט מיט אייך אליין בלייבען, ווייל איך וויל פרעגען... הערר דאקטאר, איך ווייס, מיין טאָכטער האָט געלערענט פון דער מאמע׳ס סידור... און אז איך דערמאָן זיך, אז ביי אייך איז, חלילה, אזוי ווי ביי אונז. אָי, וועה איז מיר...

ד א ק ט א ר. א, זייט רוהיג. געווים, מיר האָבען געהאַט מאנכע סצענען. מען האָט עס געראַפט ערוואַרטען. די פער־שיידענהייט אין יאָהרען, די פערשיידענהייט אין געדאַנקען. אָבער מיט יעדען טאָג ווערט די פערשיידענהייט קלענער... זי ווערט פריינדליכער, פיהלט זיך היימישער, לעזט אביסעלע, ענטוויקעלט זיך א ביסעלע. יא, עס קען זיין ניט אלץ, וואָס איהר געפעלט, געפעלט מיר... אָבער איך זעה, איהר ווילען זאָל זיין גאַנץ פריי. איהר ענטוויקלונג וועט קומען מיט דער צייט. זי האָט קאפּריזען, ווי יעדע יונגע פרוי, דאָס איז אָבער ניט וויכטיג. איהר כאראַקטער איז אביסעל פערדאָרבען, אָבער איך וויים, ער בעשטעהט פון גוטען מאטעריאל... איך בין א מבין...

ז ר ח י. הלואי, רבונו של עולם. און איך האָב־שוין גע־מיינט, אז ביי אייך איז אזוי ווי ביי אונז...

ד אָ ק ט אָ ר. איך וויים ניט, ווי ביי אייך איז געוועזן... זייט איהר געוועזן פערליעבט, הא? אלטער, איך בין אביסעל צופיעל פערליעבט. (א ו מ א ר מ ט א י ה ם). מיין פריינד, איך האָף, איך וועל מיט אייער חולאת ניט קרענקען. כא! כא! כא! א ביטערער חולאת. הא? הערט, איך וועל ארייננפאָהרען צו'ן אייך אפשר היינט נאָך און וועל אייך געבען א גאנצע סיסטעם, ווי צו קורירען און ווי צו פיהרען זיך... מען דאַרף אייך גוט נעמען אין! די הענד, איהר אויסגעקנעלטער סוביעקט, וואָס איהר זייט. איצט אָבער מוז איך געהן. איך האָב זעהר א שווערען קראַנקען אויף די הענד. אן ארעמאַן האלט ביי'ם שטאַרבען פ ו ן ג ע־פ ל ע ק ט ע ן ט י פ ו ס און לאָזט איבער א פולע שטוב מיט יתומים. שלים־מזל, וואוהין קריכסטו? צום קבצן. (ע פ ע נ ט ד י פ אָ ר ט י ר ע ן). שוויגער האָט קיין פאראיבעל, איך מוז פאָהרען. (זרחי טוט אן אויף זיך זיין סיורטוק). מאמא, אויפ'ם ווידערזעהען. (ק ו ש ט ז י). ליאָלע (קרימט זי איבער). עס איז א נעשיכטע? כי! כי! ברודער פומפּיאַן, קוק אריין אין דער קניגע, אז ניט וועסטו זעהן א פיגע... (האפּט זיין סאַקוואַיאַזש, ראש אב).

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, וואָס האָט דיר דער דאָקטאר געזאָגט, טשערעפּאכע דו?

ז ר ח י. איהר הערט? טשערעפּאכע גאָר. שרה הינדע, דער דאָקטאָר זאָגט, דו דארפסט זעהן למע"ה, איך זאָל האָבען וואס מעהר תענוג און וואָס ווענינער קללות.

מ א ד א ם. זעהר א ביליגע רפואה און דערצו אָן אייגענער אפּטייקער. (צייגט אויף שרה הינדען. אָליע נעהמט איהרע ביכער. לעגט אוועק אויפ'ן טיש. נעהמט טיגט פעדער).

ש ר ה ה י נ ד ע. וועסט שוין האָבען תענוג... קום אהיים. נו! נו! די טאָכטער אפילו ניט געזעהען ווי מען דארף. א שעהנע טאָכטער ביי דיר, פער'שרפ'עט זאָלסטו ווערען...

ז ר ח י. איך בין שולדיג?... דאָס איז יא, ווי מען דער־צעהלט... צוויי ווייבער... (הוסט).

אָ ל י ע. אָי, באבוסיע, א געשיכטע! (אליע לאַכען).

ז ר ח י. דו זאָגסט מיר, שרה הינדע, אקוראט ווי אין יודענע זאָגט צו דער אנדערער, וועלכע איז געוועזן א בעזדיטיכע: דיין טאָכטער איז פון די דאָזיגע, פון די גוטע... וואָס ע...

ש ר ה ה י נ ד ע. גענוג נו! וואָס איז דער משל, פּרא אדם? אז איך בין א בעזדיטיכע, אָדער אז דיין טאָכטער איז א גוטע? זאָלסט פערשטעהן, וואָס דו רעדסט, וואָלסט זיך טאקי בעגראָבען... האָט א גוטען טאָג, מחותנת'טע... די דאקטארשע שמעקט ניט אריין צו אונז. עס שטעהט ניט אָן דעם טאטען איהרען... קום! טשערעפּאכע.

ז ר ח י . יא! געוועזן ביי'ם דאָקטאר און מוז אהיים געהן מיט מיין אלטע קריינק. (צייגט אויף זיין פרוי). א גוטען טאָג (ביידע אב).

פ י י ו ו ע ל. האָט א גוטען תמיד... שעהנע זאכען קען זיך ליאליע אויסלערנען פון דער משפחה...

מ א ד א ם. פּיוועל, דו לערן פריער דיין אנאטאָמיע, נאכ־

דעם וועכטו רערען פון סאָציאָלאָגיע. משפחה... כע! כע! דאָס איז סאָציאָלאָגיע... פערשטאנען?

פ י י ו ו ע ל. דאָס איז דאָך דאס אומגליק, וואָס איהר מיט׳ן דאקטאר קוקט אריין אין דער סאָציאָלאָגיע מיט דער סווינטעס־מעלאָגיע, און וואָס אונטער׳ן נאָז טוט זיך, זעהט איהר ניט. פער־שטאנען? (אב מיט זיין בוך).

מ א ד א ם. סווינטעסמעלאָגיע? א נייע וויסענשאפט און זעהר א בעליעבטע אין אונזערע צייטען. אליע, מיר דאכט זיך, דו קאָנסט ניט דיינע אוראָקען? חיוטין וועט באלד קומען, וועט זיין טאקע, ווי פייוועל זאָגט, א זעהר מיאוסע סווינטעסמאלאגיע.

א ל י ע. באבוסיע, פאר וואָס איז מוסיו חיוטין ניט ווי פריהער? אבגעלערענט און באלד אוועק, ווי א פרעמדער. (מען קלינגט, פומפיאן לויפט צוריק עפענען).

מ א ד א ם. ווער איז דאָס? די לעצטע צייט, ווען א פאַ־ציענט קומט שוין יא אמאָל, איז פונקט ווען יעווגעני איז ניטאָ אין דערהיים. אליע, מיר בלייבען אָהן פראקטיקע.

אָ ל י ע . (ביים פענסטער). עס איז פאניע! אוי, איך וויל אזוי זעהן, וואָס האָט זי איינגעקויפט. (פאניע קומט מיט פיעל פעק־לעך. נאָך איהר פומפיאן).

פ י י ו ו ע ל. (שטיל. שלעפט קלומקעס). פונקט ווי ביי איהר טאטען אין וויין־הויז. פאניע זרחים! (בייז אָב צוריק צו זיך).

מ א ד א ם. פאניע, זעה, ווי דיינע בעקלעך האָבען זיך צו־פלאָמט. (קנייפט זי פאר׳ן באק). ניט אומזיסט, איז מיין יעווגעני אזוי פערליעבט אין דיר, — דו בליהסט.

פ א נ י ע. וואָס פעהלט מיר? האָב וואָס צו עסען, האָב וואָס אָנצוטאָהן, — פונקט ווי אלע דאמען...

מ א ד א ם. אבי דיר פעהלט גאָר ניט... אָליע, קום, דו געהסט?

א ל י ע. ניין, באבוסיע, איך בלייב דאָ מיט פאניען.

פ א נ י ע. מאמא, איהר ווילט גאָר ניט זעהן, וואָס איך האָב איינגעהאנדעלט?

מ א ד א ם. וואָס פערשטעהסט אן אלטע יודענע? אז דיר געפעלט, ביסטו צופריעדען... און אז דו ביסט צופריעדען, געפעלט עס מיר... (זי פערציהט די פארטיערען. אב).

פ א נ י ע. (בינדט אויף א פּעקעל). זעהסט, אליע, דאָס וועט זיין מיין „דעלי" סעזאנע קלייד.

אָ ל י ע. ווי? פאניע, ניט דעלי, דעמי סעזאָן דארף מען זאָגען.

פ א נ י ע. דעמי סעזאן? איך וועל געדענקען (חזר'ט). דעמי, דעמי סעזאן. (ענטציקט). זעהסט, דאָ דער ליעף וועט זיין בעפוצט מיט קרוזשעוועס. די ארבעל מיט אויפגעבלאָזענע בופס, דאָ וועלען געהן שנורען מיט לענטעס איבער דער גאנצער קיראסע, פון דאנען וועלען געהן ביע ביז אראָפּ און אונטען אובאָרקעס...

א ל י ע. איך מיין, דאָס וועט זיין שעהן. פאניע מאך בעסער דער ליעף זאָל זיך פערשפּיליען פון א זייט... אָט אזוי...

פ א נ י ע. אָבער איאָ, עס וועט זיין שעהן? עס וועט מיר פּאסען הא? טייערע! (כאַפּט אָליען און טאַנצט א וואלצער, זינגענדיג פרייליך: טעם טרא טעם, טעם טרא טעם...). אָליע ווילסט א קאנפעטקע? (נעהמט פון איהר קעשעניע א קליינע שאַכטעל). איך קען זיך ניט אויסלערנען, דאָס איז מאָנפּאסיע צו באָנפּאסיע?

אָ ל י ע. דאָס האָסטו געקויפט זעהר א גוטען סאָרט, עס רופט זיך באָנפּאסיע...

פ א נ י ע. (חזר'ט). דאָס רופט זיך באנפּאסיע, באנפּאסיע. איך האָב דאָס ניט געקויפט. א נויטיגע זאך! דאָס האָט מארק געקויפט.

א ל י ע. אנקעל מארק? דארף איך ניט! (ווארפט די קאָנפעקטען צוריק אין שאַכטעל).

פ א נ י ע. אָבער דאָס קלייד וועט זיין גרויסארטיג, הא?

מארק זאָגט, ער האָט פּונקט אזא קלייד געזעהן ביי דער דירעק־טארשע פון באנק.

א ל י ע. פאניע, איך בין שוין ווידער ברוגז אויף דיר. דו דארפסט ניט הערען, וואָס אנקעל מארק זאָגט, נאָר וואָס דער פאפא זאָגט.

פ א נ י ע. וואָס מיינסטו?

אָ ל י ע. א, דו ווייסט, דו ווייסט, וואס איך מיין. און אז דו זאָגסט, דו ווייסט ניט, זאָגסטו א ליגען (בייז אב).

פ א נ י ע. וואָס מיינט זי דאָס? ווייס איך, וואָס ארט מיך? (נעמט ווידער דעם טוך און מעסט). אָה, ווי שעהן עס וועט זיין! איך ווייס, עס וועט מיר זעהר פאסען. (מארק גנב'ט זיך שטיל פון זיין צימער).

מ א ר ק. (אומארמט זי פּלוצלינג). אהא! דו ביסט דאָ? איך בין אויך דאָ!

פ א נ י ע. (ד ע ר ש ר אָ ק ע ן). טפו! האָסטו געהערט א חכמה!

מ א ר ק. שש! שריי ניט. ועסט שוין א מאָל שכל האָבען צו ניין? ווען וועל איך דיך שוין אויסלערנען?

פ א נ י ע. יא דו לערנסט מיך! זאָג בעסער ווי קומסטו ביי'טאָג פּלוצלינג אהיים?

מ א ר ק. איך גנה פון קאזנאטשעיסטווע און טראכט: אפשר ביסטו אליין? און האָב געטראָפען.

פ א נ י ע. האָסט ניט געקלונגען. דו ווייסט גוט די גנב'ישע שטיק. ביסט א שטודירטער אויף די זאכען.

מ א ר ק. פאניע, ביסטו היינט פיקאנט!

פ א נ י ע. טאקי?

מ א ר ק. מען קען א כפרה איינגעמען.

פ א נ י ע. נו. נעהם איין. (די פארטיערען צונעמען זיך א ביי־סעלע. מען זעהט, ווי אָליע שטעהט אויף דר'ערד אויף די קניע און קוקט אריין).

מ א ר ק. איך פערשטעה, פאר וואָס דער אלטער נאר איז אזוי פערליעבט...

פ א נ י ע. דער אלטער נאר האָט מעהר שכל פון דיר, פון מיר, פון אונז אלע.

מ א ר ק. נעהמסט זיך פון דעסטוועגען אָן פאר דיין אל־טעטשקען... פאניע, קום אהער צו מיר.

פ א נ י ע. אוי, לאָז מיך צו רוה!...

מ א ר ק. ביי אונז אין באנק זאָגען אלע, דו ביסט די שעהנסטע פרוי אין שטאדט.

פ א נ י ע. טאקי? דאָס געפעלט מיר! זאָגסטו דאָס אונ־מיסטען? טאקי די שעהנסטע?

מ א ר ק. ניין, איך זאָג ניט אונמיסטען. איך הויב זיך טאקי אן פערליעבען אין דיר אויף צו'ן אמת.

פ א נ י ע. פארוואָס האָסטו זיך אין מיר ניט פערליעבט, ווען איך בין געווען א מיידעל? דיר איז דאמאלס ניט אָנגע־שטאנען, אריסטאָקראט מיינער. איצט ארט דיך ניט.

מ א ר ק. נו, וואָס ארט דיך, נאר? מען האָט דיך ליעב?

פ א נ י ע. נו, יא! עס איז אָבער דאָ אימיצער, ווענען עס ארט. (אָליע פאלט צו צום פּאָל און וויינט).

אָ ל י ע. (ווהיספּרענד). מיין פאפאָטשקע!! מיין פּאָ־פּאטשקע...

מ א ר ק. איהם מיינסטו? איהם ארט ניט, זעהסט דאָך... ער איז אן אידעאליסט. ביי זיי איז דאָס גאר ניט. זיי אנערקענען ניט מיינס... דיינס... קאָמוניסטען!...

פ א נ י ע. טאקי? געה, דו זאָגסט א ליגען.

מ א ר ק. ביי זיי איז דאָס גאר ניט. שש... פאניע, קום אהער צו מיר.

פ א נ י ע. אוי, לאָז מיך צו רוה.

מ א ר ק. פאניע, ווילסט וויסען, ווי דו געפעלסט? קום

אהער, וועל איך דיר דערצעהלען, וואָס האָט וועגען דיר געזאָגט דער וויצע־דירעקטאר פון אונזער באנק.

פ א נ י ע. טאקי? (געהט צו'ן איהם). וואָס האָט ער געזאָגט? (ער זעצט זי אַנידער אויף זיינע קניע און קושט זי ליידענשאַפטליך). אוי, לאָז מיך! זאָל זיין גענוג! וואָס טוסטו? (מען קלינגט). לאָז מיך! (ער לאָזט זי ניט). משוגע'נער, מען געהט! (זי רייסט זיך ארויס, פּומפּיאַן קומט, זי אין אַ פערלעגענהייט). ע... ע... פּומפּיאַן, מען קלינגט...

פ י י ו ו ע ל. יא, מאדאם, מען קלינגט. (שטעהט און בעטראַכט זיי ביידען). מען קלינגט אין אלע גלאָקען.

פ א נ י ע. (צונעמט די פּארטיערען און בעמערקט אליען אויף דר'ערד). זעה נאָר, אליע!... וואָס איז, אָליע? וואָס טוסטו דאָ? (וויל זי אויפהויבען).

א ל י ע. (וויינט). אוועק פון מיר!... רעד ניט צו מיר!... דארפסט זיך ניט אָנריהרען צו מיר! אוועק, דו! אוועק! (לויפט אב. מען קלינגט ווידער).

פ י י ו ו ע ל. (אפּארט). אי, וועה! עס האלט שוין זעהר וויים. פערשטאנען? (געהט עפענען).

פ א נ י ע. איך האָב מורא, דאָס קינד האָט געזעהן. ...י, פער'שרפ'עט זאָלסטו ווערען!

מ א ר ק. נו, איז וואָס? א ביסעל שפּאס געמאכט. פאניע, איך וועל ווארטען ביי זיך אין צימער, עס קען זיין, עס איז ניט ער. ברענג דיינע האָר אין אָרדענונג און האלט זיך ווי א ווירדיגע, אנשטענדיגע דאמע. דער עיקר איז נאָר אין האלטען זיך (אב צו זיך).

פ א נ י ע. אלע זאָגען, איך האלט זיך שוין ווי א ריכטיגע דאמע. אז מען האָט שכל, איז ניט שווער אויסצולערנען זיך זייער גאנצע תורה. און איך האָב געמיינט, איך וועל זיך אייביג ניט אויסלערנען צו זיין א דאמע. (חיוטין און פּייוועל קומען. זי מאכט אַ גרימאַסע, נעהמט איהרע פּעקלעך, פערציהט די פּארטיערען. אב).

ח י ו ט י ן. (ווישט די ברילען). הם, די דאקטארשע אייערע ווערט מיט יעדען טאָג גרויסארטיגער. פּומפּיאַן, וואָס איז אייך? איהר זעהט אוים, ווי איהר זאָלט ליידען פון בויכוועהטאָג. וואו איז אָליע?

פ י י ו ו ע ל. דעם בויכוועהטאָג בין איך אייך מוחל. נאָר זאָגען וואָס דאַרף איך אייך...

ח י ו ט י ן. וואָס איז דאָס, אמיקוס מעדיקוס?

פ י י ו ו ע ל. איהר ווייסט, אז איך האָב אייך פיינט... דאָס איז ניט קיין סוד.

ח י ו ט י ן. פיינט! דאָס הייסט ניט פיינט... איהר זייט ניט שטערבליך פערליעבט אין מיר.

פ י י ו ו ע ל. יא, אָבער ער האַלט פון אייך. איך ווייס ניט, וואָס האָט ער אין אייך דאָרטען דערזעהען.

ח י ו ט י ן. פּייוועל פּומפּיאַן, אויך איהר האָט וואָס צו זאָגען, רערט עברי. דער וואָס רעדט א סך איז א סימן: ער האָט ניט וואָס צו זאָגען.

פ י י ו ו ע ל. יא, איך האָב וואָס צו זאָגען. איך האָב גע־פּרובט זאָגען דער אַלטער — איז רעד צו דער וואנד. און איהם זאָגען האָב איך מורא. פערשטאנען? (צונעמט די פּארטיערען און קוקט זיך אום).

ח י ו ט י ן. דערווייליע האָב איך גאָר ניט פערשטאנען. רעדט ניט צו דער וואנד, רעדט צו מיר...

פ י י ו ו ע ל. איהר זייט א פערשייטער קבצן און איהר קענט יעדע זאך טון.

ח י ו ט י ן. איהר האָט א טעות... דאָס הייסט, א פערשיי־טער קבצן בין איך, אָבער יעדע זאך טון קען איך ניט. וואָס איז דאָס פאר אן אפּעראציע?

פ י י ו ו ע ל. דער בוכהאַלטער, אונזער ברודער, מוסיו מארק און פּאניע זרחים. פערשטאנען? עס איז א שאנדע און א ווייטאָג אין הארצען, אזא מענשען מאכען צום נארען. אין

שטאָרט לאכט מען פון איהם. דאָקטאר קאפילקין האָט מיך אין אפטייק פאר אלע פראָוויזארס געפרעגט: ווער פון די צוויי ברידער? פערשטאנען? און האָבען געלאכט און חוזק געמאכט. פשוט מען מיינט, דער דאָקטאר ווייסט און מאכט זיך נים ווי־סענדיג.

ח י ו ט י ן. הא? מען האָט עטליכע מאָל אין מיין געגענ־ווארט געפרובט רעדען דערפון, האָב איך געהייסען שווייגען. איך ווייס, זי איז א בהמה, א נידריגער כאראקטער, אָבער...

פ י י ו ו ע ל. ער איז בלינד, ער זעהט נים. איך זעה, זאָגאר ליאָלע... ליאלע זעהט.

ח י ו ט י ן. וואָס? דאָס קינד?... דאָס אונשולדיג קינד?

פ י י ו ו ע ל. זי איז ערשט געלעגען דאָרט אויף דר'ערד לעבען די פאָרטיערען און ביטער געוויינט, ווייל זי האָט געזעהען, וואָס זייביידע האָבען פון דער זייט... פערשטאנען? נים אנ־דערש, ער ווייסט און איהם פאסט נים אריינצומישען זיך. (מען קלינגט). אָי, שא! דער דאָקטאָר. (לויפט עפּנען).

ח י ו ט י ן. אזוי? ער ווייסט און מאכט א שוויג?... אזוי ווייט זאָל עס געהן? און מיט דיזער פערפעסטעטער לופט אטעמט דאָ דאָס קינד! איך בין נים קיין סענטימענטאלער מענש. און איך מיין, ווי ביטער און גרויזאם דער אמת זאָל נים זיין, איז א ליגען אָבער שטענדיג נאָך ביטערער און גרויזאמער... (דאָקטאר קומט, ער איז זעהר טרויריג, נאָך איהם פייוועל).

ד א ק ט א ר. יא, ברודער פומפיאן, עס איז געוועזן א צו שווערער טיפוס און נאָך א געפלעקטער... מיין פאציענט איז גע־שטאָרבען... איך האָב עס ערווארטעט, און עס פערדריסט דאָך... אזוי פיעל יאָהרען האָב איך צו טון מיט'ן טויט און שטענדיג ברענגט מיך דיזע שרעקליכע מיסטעריע אין פערצווייפלונג. א געהיימניספאלע, ערדריקענדע ערשיינונג! (פערטראַכט זיך). יעצט ליגען דאָרט צוויי קינדער אין טיף און דאָס גאנצע הויז איז אנ־געשטעקט. חיוטין, איך גיב אייך נים די האנד, ווייל איך בין אין

גאנצען פערפעסטעט. וואָס זעהט איהר אויס אזוי זויער, ביי אייך איז אויך א פאציענט געשטארבען? פומפיאן, איך מוז זיך שוין אי־בערטון. (פומפיאן גיט איהם אנדערע קליידער).

ח י ו ט י ן. דאקטאר, איהר זאָלט ניט זיין פערפעסטעט, וויים איך אויך ניט, צו איך וואָלט גענומען אייער האנד. יא איהר האָט רעכט, ביי מיר איז היינט געשטאָרבען ניט א פאציענט, נאָר א מענש איז געשטאָרבען...

ד אָ ק ט א ר. חיוטין, ווידער משוגעת'ן? ניט יעצט, איך בין אליין ניט אין אן איבריג גוטער שטימונג.

ח י ו ט י ן. וואָס זיינען שטימונגען? א'ן עהרליכער מענש דארף האָבען פרינציפען.

ד א ק ט א ר. חיוטין, לאָזט מיך היינט צו רוה מיט אייער קינדישער מאָראל.

ח י ו ט י ן. דאקטאר, איהר קענט אייך ניט אוועקמאכען מיט פראזען! איהר זייט געוועזען א פּאָפּולערער, בעליעבטער מענש, אן אנערקענטער פאלקס־פריינד, — און יעצט לאכט מען און מען פעראכטעט אייך. מען וועט גיך אין גאס טייטלען אויף אייך מיט די פינגער. איהר זייט אמאָל געוועזען א מענש מיט אידעען. וואו זיינען אייערע אידעען יעצט?

ד א ק ט א ר. (פריינדליך). זייט ניט קיין נאר, חיוטין! מיינע אידעען טראָג איך אין מיין מארך, אין דעם בלוט פון מיינע אָדערן. מיינע פרינציפען זיינען הייליג! צו פרינציפען מוז מען אָבער נאָך פיהלען און דענקען ווי א מענש. א פרינציפּ איז א טויטע זאך און דער געדאנק פון א מענשען לעבט. יא, איך ערלויב זיך אמאָל א קאמפּראמיס, ווייל איך וויל ניט סקנדאלען אין הויז, ווייל איך וויל ניט פערגיפטען דאָס לעבען פון א יונגע אונ־ענטוויקעלטע פרוי; זי וועט זיך ענדערן מיט דער צייט.

ח י ו ט י ן. זי וועט זיך ניט ענדערן, איהר האָט זיך גע־ענדערט!... דאָס איז די היינטיגע פאמיליע, גערארדע ווי די גאנצע געזעלשאפט. זיי דעמאָראליזירען די פערזענליכקייט. נעמט

מען א ווייב, קען מען שוין ניט זיין נוצליך פאר אנדערע... אויס פרייהייט, און טעטיגקייט, אויס אידעאלען. מען זארגט נאר פאר'ן עגאאיסטישען טרעמבוך, פאר'ן חזיר'שען „איך". אמאל פלעגט מען פאר א גוטען צוועק קענען קריגען ביי אייך הילפע, און זינד איהר האט חתונה געהאט...

ד אָ ק ט אָ ר. ברודער, מיינע פינאנסען זיינען ניט אין א גלענצענדען צושטאנד. די פראקטיקע איז מאגער און די אויס־גאבען — אי, אי! כאפט אייך דער רוח, אייך מעג איך זאגען: איך בין קיין מאל קיין גראשען ניט געווען שולדיג און איצט בין איך שולדיג אין מאגאזינען און צו פערשיעדענע קרעדיטארען איבער 12 הונדערט רובעל. ביסלעכווייז אזוי... ארייננגעקראכען...

ח י ו ט י ן. דאס רעקאמענדירט אייך זעהר שען! נאר דאס איז נאך גארנים. איהר דעמאראליזירט, איהר פערדארבט אייער אייגען קינד... הא! איהר זייט אזוי צופריעדען פון אייער בעס־טיאלער זאאלאגישער פריידע, אז איהר דולדעט דא אין הויז יעדע געמיינהייט, און אייך ארט ניט, וואס אייער אונשולדיג קינד...

ד א ק ט א ר. (צארניג). וואס מיינט איהר? איהר! וואס ווילט איהר זאגען?

ח י ו ט י ן. איך וויל זאגען, אייער קינד איז ערשט גע־לעגען דא ביי די פארטיערען און האט געוויינט. איהר יונגעס הארץ ווערט דא צובראכען, איהרע ריינע געדאנקען פערגיפטעט, איהרע הייליגע געפיהלען פערשמוצט! און איהר, אלטער פער־ליעבטער סאטיר, איהר קוקט און שווייגט! פוי! איך וויל ניט האבען וואס צו טון מיט אזא הויז און מיט אזעלכע מענשען! (ראש אב).

ד א ק ט א ר. פומפיאן, וואס האט ער געפלאפעלט? ער איז פון זינען אראב!...

פ י י ו ו ע ל. ביי איהם איז דאס א נייעס, און איך האב פריהער געוואוסט, אז פאניע זרחים...

ד אַ ק ט אָ ר. פּומפּיאָן, פאַניע זרחים איז מאַדאַם גאָל־דענווייזער. פערגעס דאָס ניט!

פ י י ו ו ע ל. יאָ, דאָקטאָר, אָבער דאָ אין הויז געפינען זיך צוויי גאָלדענווייזערס. פערשטאַנען?

ד אַ ק ט אָ ר. (רוהיג). הא? צוויי גאָלדענווייזערס? וואָס מיינסטו דאָס?

פ י י ו ו ע ל. איך מיין, אייער ברודער מאַרק.

ד אַ ק ט אָ ר. זיי ניט קיין נאַר, פּומפּיאָן, און רעד ניט קיין נאַרישקייטען. מען דאַרף ניט גלויבען יעדע דומהייט, וואָס מען הערט.

פ י י ו ו ע ל. אָבער אז מע זעהט?

ד אָ ק ט אָ ר. (כאַפּט זיין אָרם). וואָס ווילסטו דאָ מיר דער־צעהלען פאַר געשיכטעס? דו!

פ י י ו ו ע ל. אַז מאַרק און אייער פרוי... אוי, דאָקטאָר, איהר וועט מיר איבערברעכען די האַנד! דאָקטאָר!

ד אָ ק ט אָ ר. די האַנד? די האַנד וועל איך דיר ניט אי־בערברעכען... ניין! דאָס ניט. (רוהיג). אָבער איך וויל דאָ אין הויז ניט האָבען קיינע שפּיאָנען, קיינע מוסרים, קיינע אינטריי־גאַנטען! איך ווייס, דיר געפעלט ניט מאַדאַם גאָלדענווייזער. נעהם דיינע זאַכען און געזונטערהייט! קענסט געהן...

פ י י ו ו ע ל. איך מיין אייער טובה, ווי אַ גוטער פריינד... נאָר אַז איך פאַסט בעסער מאַכען זיך ניט וויסענדיג, ווי איהר פערשטעהט... איך וויל אליין דאָ ניט בלייבען. האָט מיר אַ גוטען תמיד. (אַב).

(דער דאָקטאָר בלייבט שטעהן פערטראַכט).

ד אָ ק ט אָ ר. מאַרק? איך הער דאָס ניט צום ערשטען מאָל! אָבער האָט מען צוטרויען צו מענשען, דאַרף מען גלויבען טראָץ אַלע פערלוימדונגען און גאַסען־שמועסען! וואָס? ער־נידריגען זיך? אפשר ווערען אַ שפּיאָן? נאָכקוקען? צו־הערען זיך ביי דער טיר? בעהאַלטען זיך אונטער'ן פאָרהאַנג, אָרונטער־

קריכען אונטער דער קושעטקע? פוי! אייפערזוכט איז א מיאוסעס, געמיינעס, זעהר נידריגעס געפיהל. פייוועל פומפיאן אין דער ראָלע פון יאגאָ? פע! צו קליין... און איך אן אייפערזיכטיגער זירענ־דער אטהעלא! כע! כע!... ווי געפעלט אייך אזא אטהעלא? (אליע עפענט די טיר).

א ל י ע. פאפאָטשקע, ביסט שוין געקומען?

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, אליע! קום אהער, זעץ דיך דאָ (נעהמט זי אויף די קניע). ראָסט געוויינט? (קיין ענטפער). האָסט גע־וויינט, ליאָליע?

אָ ל י ע. יא, פאפא.

ד אָ ק ט אָ ר. (ווישט איהרע אויגען מיט'ן האנד). נארעלע, אז מען וויינט, פיהרט מען זיך איבער די אויגען. ווארום האָסטו געוויינט? (זי שווייגט). איך פרעג דיך, ווארום האָסטו געוויינט? (גיט זי אָ צופ ביי'ם האָנד).

אָ ל י ע. אי, פאפא, מיר טוט וועה! זעה, ווי רויט מיין האנד איז געווארען.

ד אָ ק ט אָ ר. (קושט איהר הענטעל). ניין, קינד, דאס האָב איך אונגערן. זיי זאגען, ביסט דאָ געלעגען אויף דר'ערד און גע־וויינט. ווען אזא עהרענסווירדיגע דאמע, ווי דו, ציהט זיך אויס אויפ'ן פאָל און פערגיסט טרערען... כע! כע! איז געוויס א גרויסער טרויער. וואס איז דאָס, ליאָליעטשקע, הא? דאָס הייסט, אויב דו ווילסט און דארפסט עס מיר זאָגען — זאָג, און אויב ניט — דארף מען ניט. (אומארעמט זי). ליאָליעטשקע, מען זאָל זיך צוהערען צו אלע גיפטיגע רייד, מיט וועלכע אונזערע גוטע פריינד ווילען אונז טובות טון, וואָלט מען געדארפט שטענדיג ליגען אויף דר'ערד און וויינען, קלאגען און יאָמערן.

אָ ל י ע. פאפא, אָנקעל מארק איז זעהר א שלעכטער מענש.

ד אָ ק ט אָ ר. (לאָזט זי אראָפ פון די קניע). ניין! ניין! ליאָליע, איך וויל גאר נישט הערען פון אָנקעל מארק. זעה נאר, וואס האָב איך עטוואס געדארפט טון און האָב פערגעסען?

אָ ל י ע. פּאפּא, זיי האָבען דיך ניט ליעב. איך האָב שוין לאנג דאס געוואוסט, און היינט בין איך געלעגען דאָ און האָב גע־וויינט, ווייל איך האָב אלץ געזעהן.

ד אָ ק ט אָ ר. וואס האָסטו געזעהן? (זעצט זיך געגען איהר).

אָ ל י ע. אָנקעל מארק האָט זי גענומען אויף די קניע, ווי א קליין מיידעלע. און איך האָב אזוי געוויינט.

ד אָ ק ט אָ ר. (מאַכט זיך רוהיג). דערפאר האָסטו געוויינט? כא! כא! דו נאר! זיי זיינען ווי א ברודער מיט א שוועסטער... ווי איך מיט דיר... און... יונגע לייט — זיי שטיפען.

אָ ל י ע. יא, איך האָב אויך געמיינט אזוי... אבער פאר וואס דערשרעקען זיי זיך אזוי שטארק, אז מען קלינגט?

ד אָ ק ט אָ ר. פוי!... ליאליע, עס איז זעהר ניט שען צו טראכטען שלעכטעס פון מענשען און נאָכצוקוקען. (זינגט זיין מע־לאָדיע). טע דע... רע רעם... איך קען זיך ניט דערמאָנען, וואס האָב איך געהאט אין זינען! (זינגט) טע־רע רע רעם. אויף די קניע ווי א קליין מיידעלע... הם... (זוכט).

אָ ל י ע. יא, יא, פאפּעלע! אויף די קניע און ער האָט זי געקושט אין די ליפען, אין די באקען, אין די אויגען, א סך, א סך מאָל.

ד אָ ק ט אָ ר. הם! דאָס האָסטו געזעהן? (גיט א קלאַפּ און קערט איבער אַ ביינקעל, מאכט באלד, אז דאס איז געווען אונגערן). ווייס איך, דאס איז גאר נישט, נארישקייטען... ליאליעטשקע, דו געה צו זיך... איך האָב געדארפט עפּיס טון און האָב פארגעסען. מיין קאָפּ ווערט א ביסעל מחולה.

אָ ל י ע. פּאפּא, פאניע איז איצט אין אָנקעל מארק'ס צי־מער.

ד אָ ק ט אָ ר. הא? אין זיין צימער? נו, איז וואס, קינד? וואס איז דער אונטערשייד, דאָס צימער, יענעם צימער? (זינגט) טע־רע־דע־רעם... וואס האָב איך פאָרט פארגעסען, הא? געה. ליאָליע, און זאָג דער באבוסיע, אויב זי פוילט זיך ניט און אויב

זי וויל מיך זעהן איצט, זאָל זי קומען צו מיר אהער. (לעגט איבער זיינע אינסטרומענטען און פייפט א לידעלע גאַנץ רוהיג. מאַכט זיך, ער זעהט נים, ווי זי געהט).

אָ ל י ע. (צוקט מיט די אקסלען). דער פאפאָטשקע פער־שטעהט גאר ניט... (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. הא! דאס האָט זי געזעהן?... אזעלכע סצע־נען דארף מיין קינד בייוואָהנען? כא! כא! כא! איך האָב אלע גערעכענט פאַר משוגעים און האָב אליין געשפיעלט די ראלע פון אן אידיאָט. די קאטאראקטע איז אראָב פון מיינע אויגען, איך זעה יעצט די ווירקליכע, די שרעקליכע ווארהייט. וואס זאָגט זי? זיי זיינען יעצט ביידע דאָרטען. גאַנץ אָפען הייסט עס. נו, יא, וואס דארפען זיי זיך מיט מיר זשענירען? (מאַכט עטליכע טריט צו מארק׳ס צימער). אטהעלא, וואָלט יעצט אויפגעבראכען די טיר און געפאקט די פערברעכער אויפ׳ן אָרט, ער וואלט דערווארגען דעם ענטעהרער מיט זיינע הענד, וואָלט צוטראָטען די שלאנג מיט זיינע פיס, וואָלט גענומען ראכע און געלאָשען זיין צאָרן מיט בלוט! און וואס וועט טון דער דאָקטאָר, דער אינטעליגענט, דער מענש וואס האָט א ביסעל געדענקט און א ביסעל געלערענט? נו, דאָק־טאָר? (גיט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ ביי׳ם קאָפּ). וועה איז מיר! דער דאָקטאָר איז ערשט געקומען פון א פערפעסטעטען הויז און דער רוח ווייס צוליעב וואס, צוליעב וועלכע געמיינהייטען, האָט ער פארגעסען, אז ער איז דאָקטאָר! (פאנגט זיך אן ראש אויסטאן). ליאליע! פומפיאן! כע! כע! האָב פארגעסען, איך האָב אלעמען און אלץ פערלארען... און צוליעב וועמען? צוליעב וואס? (מא־דאם קוממ). מאמא, וואס טוט ליאליע? געה, זעה, וואס טוט דאס קינד!... איך בעט דיך.

מ א ד א ם. גאָט איז מיט דיר, איך האָב זי ערשט גע־צוואונגען זי זאָל זיך זעצען עסען א קאטלעטקע.

ד אָ ק ט אָ ר. מאמא, איך בעט דיך, געה באלד וואש זי ארום, טו איהר אן אנאנדרער קליידעלע. איך בין ערשט געקומען

פון א הויז, וואס איז פערגיפטעט מיט געפלעקטען טיפוס... (מאדאם אב). איבערטון זיך און פריער פון אלץ זעהן דאס קינד... אָה, אטהעלא! אטהעלא! מיט א קאָפּ — אנגעשטאָפּט מיט ביכער־געראנקען, מיט נערוועז פון א ציוויליזירטען אינטעליגענט: אטהעלא, מיט א דאָקטאָר׳ס דיפּלאָם אין קעשעניע און אָהן א רעזודעמאנע!... (כאַפּט דעם קאסטיום, וואס פומפיאן האָט פאָרבערייטעט, לויפט אין דער צווייטער אבטיילונג און פערציהט די פארטיערען. פויזע. מארק און פאַניע קומען פון זיין צימער, זי קומט שפּעטער).

מ א ר ק. זי האָט מורא געהאט ארויסגעהן. עס האָט זיך דיר נאר אויסגעוויזען אז דיינער איז אין דער היים... נו, איך לויף שוין אין באנק אריין.

ד אָ ק ט אָ ר. (הינטער די פּאָרטיערען). עס האָט זיך איהר ניט אויסגעוויזען, איך בין אין דער היים. מאדאם, איהר האָט מורא געהאט ארויסגעהן? דאס איז ניט גוט. אז מען האָט ניט מורא אריינגעהן, דארף מען ניט מורא האָבען ארויסגעהן! מארק, דו געה ניט אוועק. איך דארף דיר זאָגען א פּאָר ווערטער.

פ א נ י ע. (שטיל). דו הערסט זיין קול? איך האָב מורא.

מ א ר ק . (מיט אַ גרימאַסע פון פערדאַכטונג). עע! (לויט) יעווגעני, וואס טוסטו דאָרט? קליידעסט זיך איבער? בריה מייד נער, מאך עס גיכער, איך האָב קיין צייט ניט.

ד אָ ק ט אָ ר. (קומט איבערגעקליידעט). דו האָסט קיין צייט ניט? (בעטראַכט זיי ביידע). יא, מיר וועלען דאָס מאכען בקיצור. זיצט, מאדאם!

פ א נ י ע. ניש׳קשה, איך קען בעשטעהן...

ד אָ ק ט אָ ר. לאָזט אייך ניט בעטען, מאדאם, זיצט, ווען מען הייסט אייך זיצען! (זעצט זי אנידער. זי זעהר דערשראָקען).

מ א ר ק. יעווגעני, דו ווייסט, מיר האָבען שוין מיט איהר דורכגעלעזען אלע טורגעניעוו׳ס ראָמאנען. יעצט וועלען מיר אָנפאנגען טאָלסטאָי׳ס ווערק.

ד אָ ק ט אָ ר. (סארקאַסטיש). אזוי ? טאָלסטאָי׳ס ווערק ? זי דארף דיר זעהר דאנקבאר זיין !

פ א נ י ע. דו גלויבסט ניט ? איך קען דיר דערצעהלען יעדע זאך פון טורגענעוו׳ס ראָמאנען : „רודין“, „דוואריאנסקאַיע גניעזדא“, „נא קאנוניע“. (די מאַדאַם קומט).

ד אָ ק ט אָ ר. הערר בוכהאלטער, צוליעב וואָס האָסטו געלעזען מיט איהר ראָמאנען, צו פערבעסערען זי אדער צו פערדערבען ? הא ? ! קענסט מיר זאָגען די ווארהייט ? ! (פאַניע פאַנגט אָן וויינען).

מ א ר ק. מאמא, וואס מיינט ער, דער פילאָזאָף דיינער ?

ד אָ ק ט אָ ר. ווילסט זיך אוועקמאכען מיט דיין צינישער פרעכהייט. (כאַפּט איהם ביים קאָלנער און גיט איהם אַ וואָרף צו דער ערד). מיט דיין צינישער פרעכהייט ? מיט דיין צינישער פרעכהייט ? (שלעפּט איהם אַהין און צוריק איבער דער ערד).

מ א ד א ם. (דערשראָקען). יעווגעני, וואס ווילסטו טון ?

ד אָ ק ט אָ ר. שרעק דיך ניט, מאמא... (לאזט איהם). וואס טוט דאָס קינד ? מאמא, מיר ביידע זיינען געווען בלינד און ליאליע האָט געזעהן. דאָס וואס מיר האָבען געדארפט וויסען, האָט דאס קינד געוואוסט... (מאַרק ציטערט פון שרעק, זיינע קליידער אין אונארדנונג).

מ א ד א ם. איך האָב שוין געהערט די שענע בשורה... אָי !

ד אָ ק ט אָ ר. מיין פערשטאנד זאָגט מיר, אז אייפערזוכט, ראכע, בלינדער צארן זיינען נידריגע, טיערישע געפיהלען, און דאָך דאָס טרפה בלוט... די נערוועו !...

פ א נ י ע. (קוקט פערוואונדערט) אבי ער האָט געזאָגט, דאָס איז ביי זיי גאר ניט.

ד אָ ק ט אָ ר. בוכהאלטער, אהער געה, צו דער מאמא ! (ער געהט צו דער מוטער). וואגסטו מיט דיינע בעסטיאלע אויגען קוקען אויף דיעזע פרוי און זאָגען : דאס איז מיין מוטער ?

מ א ר ק. מאמא, לאָז איהם ניט, ער וועט מיך דער׳הרג׳נען...

ד אָ ק ט אָ ר. יא, דיעזע פרוי איז לײדער דײן מוטער, מיר אָבער זײנען קײנע ברידער מעהר, קײן מאָל ניט, אין לעבען ניט!

מ א ר ק. מאמא, לאָז איהם ניט, ער קען מיך יעצט ער־מאָרדען.

ד אָ ק ט אָ ר. זעהסט דעם טאפפערען קאװאַליער און לאָ־װעלאס? קוק איהם אָן! א, דאָן זשואן! יא, איך קען דיך איצט דער'הרג'ענען, צוקװעטשען װי א מילב און צורײבען אױף אש! פיהלסטו דאָס? אבער אזא עהרע טוט מען ניט אזא קלײנינקען, אונװירדיגען מענשען... ערמאָרדען אײן אינסעקט, א גרױסע בריה'שקײט! נײן! אזעלכע װי דו װײזט מען נאר די טיר און מען זאָגט: (בײז) װאָן! (מארק געהט דערשראָקען. דער דאָקטאָר װיל איהם בײ דער טיר אָ זעץ טון און בעהערשט זיך). װאָן! (מארק אב). איך װעל זעהן, װאס טוט ליאַליע. (לױפט אין ליאָליע'ס צימער).

מ א ד א ם. פאניע, און דו האָסט גאר געשפּיעלט א ליעבע מיט מארק'ן, הא? (דאָקטאָר קומט צוריק).

פ א נ י ע. נײן, איך האָב ניט געשפּיעלט קײן ליעבע. גע־װיס, א יונגער מאן, און איך האָב געמײנט ער איז א גאנצער טוער... איך האָב איצט געזעהען, װאס פאר א פּנים ער האָט, — א קאץ געגען א לײב. ער איז געװען דאָ אין שטוב דער אײנציגער, מיט װעמען איך האָב געהאט פון װאָס צו רעדען, װאס ער פלעגט מיר דערצעהלען, פלעגט מיר זײן אינטערעסאנט... ער פלעגט מיר זאָגען, װי איז די מאָדע... װעלכע קלײדער זיך מאכען... אײך איז דאס ניט אינטערעסנע... עס איז אמת, ער האָט מיט א מיאוס'ען געדאנק ביכער אָנגעפאנגען מיט מיר צו לעזען, — מיט אײך אבער לעזען װאָלט איך מורא געהאט, איהר זײט גאר אנדערע מענשען... אָבער דאָך עס זאל זיך אזױ ענדיגען האָב איך קײן מאָל ניט גע־רעכענט און קײן מאָל ניט געװאלט... איך װײס אלײן ניט װי אזױ... ער האָט אין זיך אזא העזה... אזא קראפט. איך האָב עטלי־כע מאָל געזאָגט דעם דאָקטאָר...

ד אָ ק ט אָ ר. דער דאקטאָר האָט צו אייך קיינע טענות, קיינע פרעטענזיעס, איך וויל ניט קיין ראכע און מאך אייך קיינע פאָרווירפע, מאדאם, איהר האָט מיט צעהן, עלף מאָנאטען צוריק געבעטען, איך זאָל אייך בעסער לאזען אהיים צוריק. איך בין געווען נאריש, און האָב געמיינט אז מיט דער צייט... נעהמט אייערע זאכען, אלץ, וואס איהר רעכענט פאר אייערס און געהט אהיים. אייער היים איז דאָ קיין מאָל ניט געוועזן און קען ניט זיין. געהט צוריק, פון וואנען איהר זייט געקומען!...

פ א נ י ע. געהן צוריק? (וויינט). פאר א יאָהרען, ווען איהר זאָלט מיך לאָזען, וואָלט איך געגאנגען. דאמאָלס וואָלט איך געקענט ערוואַרטען אז מען וועט אויף מיר רחמנות האָבען... ווער קען איצט אויף מיר האָבען רחמנות? ניין, איצט ניט. פאר א יאָהרען וואָלט מיר נאָך ניט געוועזן שווער צו לעבען, ווי פריהער. איצט בין איך שוין צופיעל געוועזן א גרויסע דאמע... דערפאר וועט מען מיר נאָך מעהר פערצאפּען מיין בלוט, אלע וועלען נעהמען נקמה און מאכען שפּאָט און חוזק... איך וויים, דאָ קען איך איצט ניט זיין דארטען אָבער ביי מיין מאמע'ן קען איך שוין קיין היים ניט האָבען. דאָקטאָר, וואוהין זאָל איך געהן? (דאקטאר געהט אום לאַנג. די מאַדאַם קערט זיך אב און ווישט אב אַ טרער).

ד אָ ק ט אָ ר. איך וויים, מיט וואס פאר א שרעקליכען, מיט וואס פאר א שענדליכען וועג אייך איז איצט געבליבען צו געהן. איך וועל אייך ניט שטויסען אויף דעם וועג. ניין, איך ניט! איהר האָט געטרעמפּעלט מיין עהרע, מיינע געפיהלען, מיינע פּרינציפּען, טרעמפּעלט נאָך מיין נאמען. יא, איך ערלויב דאָס אייך. פאר דער וועלט קענט איהר בלייבען, זאָ לאנג איהר וועט דארפען, מאדאם גאָלדענווייזער, פאר אונז אָבער דאָ זייט איהר פון דיזער מינוט א פרעמדע. איהר הערט? פרעמדע זיינען מיר! (ציינט אויף דער מוטער). דיזע ריכטיגע מאדאם גאָלדענווייזער איז די איינציגע ווירטין דאָ אין הויז! מיין הויז וועט זיך פיהרען מיט דיזעלבע פרינציפּען ווי פריהער. (בייז). אָהן איהר וואגסט ניט א ביינ־

קעל איבערשטעלען פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן! (רוהיג) אהער צו מיר וואגט איהר ניט אריינגעהן, זא לאנג מען רופט אייך ניט. קיינע קאָנווערזאציאָנען מעהר מיט מיר! אז מען וועט אייך וואס פרעגען, וועט איהר ענטפערן. מיין פרוי זייט איהר ניט מעהר, פאר מיר זייט איהר אבגעשטאָרבען היינט גראדע ווי דער פאציענט מיינער, וואס איז היינט געשטאָרבען פון טיפוס... מאמא, וואס טוט אָליע?

מ א ד א ם. איך וועל באלד זעהן... אוי, ווערה איז צו מיינע אלטע יאָהרען. (אב).

ד אָ ק ט אָ ר. ווילט איהר דאָ בלייבען אין שטוב, זעהט מאכט אייך נוצליך, טוט עפּיס, ארבייט! (בייז). איך דארף ניט קיין פּאראזיטען דאָ ביי מיר! צו דער גרעסטער פערדאָרבענהייט פיהרט דאס, וואס אין די וואהלהאבענדע פאמיליען פיהרען די פרויען אם מייסטען א פּאראזיטען־לעבען. זיי זאלען האָבען זאָרג, פליכטען, פעראנטווארטליכקייט, וואָלט זיי ניט געקראָכען אין קאָפּ דער רוח ווייסט וואס! עס איז אבער שפעט יעצט צו רעדען דער־פון. געדענקט, דיזע קאָנדיציאָנען זיינען גוט נאר אזוי לאנג ווי אייער אויפפיהרונג וועט ניט קענען האָבען קיין שלעכטען איינ־פלוס אויף מיין אונשולדיגעם קינד! (בייז). שענע ביישפּילע האָט איהר דאָ, מאדאם, געקענט... ניין! דערפון איז שוין איבריג צו רעדען. איך וויל נאר זאגען, פארגעסט ניט, דא אין הויז וואקסט און ערציהט זיך א קינד. (צייגט אויף דער טיר). יעצט וויל איך בלייבען אליין!...

פ א נ י ע. (זעהר נידערגעשלאגען). איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר קענט מאכען, מען זאל פאר אייך מורא האָבען. (קוקט זיך אום, לאנגזאם אב).

ד אָ ק ט אָ ר. (זיפצט שווער, געהט זיך דורך איבער'ן צימער, זעצט זיך צו דער פּיאנא. שפּיעלט גאנץ פּיאנא זיין געליעבטע מעלאָדיע פון מענדעלזאָנ'ס אראטאריא און זינגט אָהן ווערטער. די מאַדאַם קומט, וועהרענד ער זינגט און זעצט זיך שטיל אַוועק אויף דער קושעטקע.

דער דאָקטאָר רייסט פּלוצלונג אָב. קערט זיך אום, בעמערקט די מוטער, געהט צו איהר, לאזט זיך אראָפּ לעבען איהר אויפ'ן פאָל און לעגט אַנידער זיין קאָפּ אויף איהרע קניע). מאמא, פאר וואס איז ניטאָ פאר אזעלכע מענשען, ווי איך, כאָטש א קליין שטיקעלע גליק אויף דער גרויסער וועלט ? אַליעס מוטער האָט מיר מיין הארץ פערגיפטעט, און די האָט מיר מיין הארץ צוטראָטען מיט די פיס...

מ א ד א ם. אָה, איידלער מענש, מיין זוהן, מיין אונגליק־ליכעס קינד ! (אומארעמט איהם, ביידע וויינען ביטער).

פ אָ ר ה א נ ג.

פיערטער אקט.

דאסזעלבע צימער. עס איז נאַכט. לאמפען ברענען. אויף אַלע טי־שען פלעשלעך, סיפאָנען, גלעזער, חיוטין שלאָפט אויף דער קושעטקע, זיצענדיג אין אַלע קליידער. פאַניע קומט פון אן אינערסטע טיר אין זעהר איינפאַכע קליידער אָהן פענסנע — זי געהט שטיל, אויף די שפּיץ פינגער ביז דער טיר פון דער מאדאם'ס צימער. זי איז זעהר בלאַס און טרויריג. שטעהט ביי דער טיר לאַנג און הערט זיך צו.

פ א נ י ע. (געהט ראש צו חיוטינ'ן). מוסיו חיוטין, ענטשולדיגט, מויסיו חיוטין! (זי וועקט איהם).

ח י ו ט י ן. (ערוואכט, דערשראָקען). וואס איז?

פ א נ י ע. איך האָב מורא, דאָרט איז שוין חס וחלילה עפּיס געשעהן. מיר דאכט זיך איך האָב געהערט, דער דאָקטאָר וויינט. (חיוטין לויפט אין צווייטען צימער. זי הערט זיך צו). גאָט אין הי־מעל, פאר וואס זאָל איין אונשולדיגעס קינד בעשטראפט ווערען? (חיוטין צוריק).

ח י ו ט י ן. שש, בערוהיגט אייך. עס האָט זיך אייך אויס־געוויזען... דער דאָקטאָר וויינט ניט און עס איז נאָך דערווייל קיין ענדערונג. אָה, ארעמע ליאליע. (זעצט זיך צוריק אויפ'ן קו־שעטקע).

פ א נ י ע. מוסיו חיוטין, אפשר וואָלט איהר געגעבען דעם דאָקטאָר כאָטש א גלאָז טיי? ער האָט אויף זיך אין גאנצען פאר־געסען. איך וועל ברענגען באלד, און איהר זאָגט איהם. (אב).

ח י ו ט י ן. איך ווייס ווירקליך ניט, ווי ער האלט זיך נאָך אויף די פיס. זעקס וואָכען — דאס איז קיין קלייניגקייט. עס הייסט נאר ע ר? און זיי אלע דאָ אין שטוב? מען דארף פערטרייבען דעם שלאָף מיט א פאפיראָס. געדענק שוין ניט, ווען איך האָב גע־

שלאָפֿען... (פֿערדרויבערט). ארעמע ליאָליעטשקע! (דער דאָקטאָר עפֿענט די טיר, ער איז זעהר פֿערענדערט).

ד אָ ק ט אָ ר. חיוטין, איהר זייט דאָ?

ח י ו ט י ן. (לויפֿט צו איהם). וואס איז, וואס האָט איהר געדארפֿט? (פֿאַניע קומט מיט א גלאָז טיי, שטעלט אויפֿ'ן טיש). דאָקטאר, א גלאָז טיי פֿאר אייך.

ד אָ ק ט אָ ר. (צו פֿאַניען, קאַלט און העפֿליך). דאנקע, מאַדאם, איך וויל ניט קיין טיי. חיוטין, מען דארף ווארעמע וואסער. זייט אזוי גוט. (מאַכט צו די טיר. חיוטין וויל געהן נאָך וואַסער).

פֿ א נ י ע. זיצט, איך ברענג באלד. (שטיל אב).

ח י ו ט י ן. גאָט בעוואהר, אויב עס וועט זיך ענדיגען שלעכט, ווייס איך ניט, ווי אזוי ער וועט עס אריבערטראָגען. פֿאר איהם איז ניטאָ קיין ראטה און קיין טרויסט. (פֿאַניע קומט מיט א שיסעל וואַסער).

פֿ א נ י ע. (קלאַפּט שטיל אין טיר). ווארעמע וואסער.

ד אָ ק ט אָ ר. (אין טיר). דאנקע. (נעצט אן זיין פֿינגער). חיוטין, זייט אזוי גוט, דאס וואסער דארף זיין ווארעמער.

פֿ א נ י ע. ווארעמער? באלד. (ראַש אב צוריק מיט'ן שיסעל וואַסער).

ד אָ ק ט אָ ר. (זוכט צווישען זיינע פֿלעשלעך). חיוטין, ווי שפּעט איז דאָס?

ח י ו ט י ן. באלד צעהן.

ד א ק ט אָ ר. צעהן? איך האָב געמיינט, עס איז שוין איינס אדער צוויי נאָך האלבע נאכט. איך ערוואַרטע דעם קריזיס פֿון מינוט אויף מינוט. אי! ווי גליקליך זיינען די, וואס גלויבען, אז די בלינדע נאַטור זעהט. — זיי קענען בעטען און האָפֿען. איך ווייס, דאס בעטען העלפֿט ניט, אָבער די האָפֿנונג איז אזוי זיס. אי! בלייבען אָהן האָפֿנונגען איז זעהר שווער. (זיפֿצט, פֿאַניע קומט מיט וואַסער). חיוטין, איהר האָט ניט געזעהן, דאָ איז ערגיץ געווען א פֿלעשעל מיט אראָמאַטנעם עסיג?

פ א נ י ע. אראָמאַטנע עסיג? אָט איז דער אראָמאַטנער עסיג. (גיט איהם אַ פלאַש).

ד אָ ק ט אָ ר. דאנקע. (פּרואווט דאָס וואסער). ע! עס דארף זיין נאָך ווארעמער... איהר דארפט אייך ניט בעמיהען, מאדאם, איך וועל אליין. (געהט מיט דער שיסעל אין דער טיר, פון וואנען פאַניע איז געקומען).

פ א נ י ע. (קוקט זיך אום). איך וועל דערווייל א קוק טון, וואָס דאָס קינד טוט. (עפענט אויף די טיר).

ח י ו ט י ן. (שטיל). אוי, וויפיעל דראמאס און טראגעדיען עס שפּיעלען זיך אָב ארום אונז אין דער שטיל... _

פ א נ י ע. וועה איז מיר, וועה איז מיר! ארעמע ליאליע... (פערברעכט די הענד).

ח י ו ט י ן. איך האָב מורא, עס איז געבליבען זעהר ווייניג האָפנונגען.

פ א נ י ע. זאל גאָט היטען. שש! דער דאָקטאָר געהט. (מאַכט צו די טיר, געהט אָן א זייט. דער דאקטאר פאסירט דאָס צימער).

ח י ו ט י ן. (שטיל). פון איהר איז שוין ווייניג געבליבען וואס צו דענקען. איך האָב מורא פאר איהם...

ד אָ ק ט אָ ר. (אין טיר). חיוטין, דערלאַנגט מיר די פלאַש מיט עסיג.

פ א נ י ע. דעם אראָמאַטנעם עסיג? באלד. (זי דערלאַנגט איהם די פלאַש עסיג).

ד אָ ק ט אָ ר. דאנקע. חיוטין, זייט אזוי גוט. (חיוטין געהט צו'ן איהם, ער זאָגט איהם עפּיס און מאַכט צו שטיל די טיר. אב).

ח י ו ט י ן. מאדאם, דער דאָקטאָר זאָגט, איהר זייט געוויס מיעד, איהר מעגט געהן שלאָפען. מען וועט אייך מעהר ניט דאר־פען היינט.

פ א נ י ע. ניין, איך בין ניט מיעד. וואָס הייסט, איך וועל געהן שלאָפען, ווען מען ערווארטעט דעם קריזיס פון מינוט אויף מינוט?

ח י ו ט י ן. ווי איהר פערשטעהט. (קוקט אויפ'ן זייגער). יעדע מינוט ציהט זיך ווי א שעה לאנג.

פ א נ י ע. אָי, ווען די אלטע מאדאם זאל איצט ביינאכט אוועקגעהן אין שול, אויפרייסען דעם ארון קודש און אָנהויבען שרייען און בעטען צו גאָט... איהרע טרערען וואלטען געעפענט די שערי רחמים...

ח י ו ט י ן. די מאדאם וועט עס ניט טון. אויב איהר גלויבט אין אזא מעדיצין, פאר וואס זאָלט איהר דאָס ניט טון ?...

פ א נ י ע. איך ? מיר פאסט ניט און מיין געבעט וועט ניט העלפען... איך וואָלט נאר געקענט מיט איהר מיטגעהן. שטעהן ביי דער טיר פון פּאָלעש און וויינען. מוסיו חיוטין, איבער מיר שטארבט דאָס קינד... איך ווייס...

ח י ו ט י ן. נארישקייטען, דאס קינד שטארבט פון טיפוס.

פ א נ י ע. ניין ! איך ווייס, דער דאָקטאָר האָט זי אָנגע־שטעקט מיט טיפוס איבער מיר.

ח י ו ט י ן. ווייס איך וואס... אזעלכע זאכען טרעפען זיך אפט. ווער קען איייך בעשולדיגען ?

פ א נ י ע. איך ווייס, איך ווייס... (זי זעצט זיך שטיל אין א ווינקעלע. דאקטאר קומט, גיסט פון פערשידענע מעדיציגען אין זיין פלעשעלע).

ד אָ ק ט אָ ר. איהר זיצט נאָך דאָ, מאדאם ? איך האָב דאָך שוין געזאָגט, עס איז גאנץ איבריג. מען וועט איצט קענען אויס־קומען אָהן איייך... (מאכט די מיקסטור).

פ א נ י ע. איך בין ניט מיעד.

ד אָ ק ט אָ ר. אייער איבעריגער אייפער קען איצט זעהר ווענינ העלפען.

פ א נ י ע. איך העלף נאָר מיט וואס איך קען.

ד א ק ט אָ ר. זעהר גרויסמוטיג, מאדאם. עס קען אָבער קיין פראקטישען נוצען ברענגען...

פ א נ י ע. יעדער פּרעמדער פון גאס וואָלט געטון פאר'ן קראנקען קינד, וואס איך טו.

ד אָ ק ט אָ ר. דאנקע, מאדאם, איהר זייט זעהר גוט. אָבער היינט וועט שוין אייער הילפע געוויס ניט געפאָדערט ווערען. איך געפין, אז אייער אנוועזענהייט דאָ איצט איז גאנץ איבריג. מיר וועלען שוין דאָ מיט חיוטינ'ן אויסקומען אליין... גוטע נאכט. דאנקע. (ציינט אויף דער טיר, זי געהט געהאָרכזאַם אב). חיוטין, קומט, צוזאמען וועלען מיר אפשר קענען איינרעדען די מאמא זי זאל זיך אויך געהן אברוהען.ביידע פרויען דארפען זיך אביסעל אויסרוהען. און... איך האָב מורא, באלד וועט זיך אָנ־פאנגען די קאטאסטראָפע, נאָך וואס דארף מען די פרויען זאָ־לען זיין דערביי? יא, חיוטין, די קאטאסטראָפע קומט, די שרעק־ליכע קאטאסטראָפע קומט. איהר הערט, ווי עס יאָמערט דער ווינד? (גיט אַ קוק אין פענסטער). דונקעל, פערוואָלקענט... אין דרויסען איז פונקט אזוי ווי אינווענינ. חיוטין, די נאטור איז גרוי־זאם און שלעכט. פאר וואס קען אן איינפאכער סאָלדאט פון אר־טילעריע אויפטוהן מעהר פון טויזענד געלערנטע דאָקטוירים? טויטען אין איין אויגענבליק פיעלע לעבענס, אויפרייסען פעסטונ־גען אדער שיפען מיט טויזענדער מענשען קען די וויסענשאפט זעהר לייכט, און רעטען דאס לעבען פון איין שוואכעס קינד האָט זי ניט קיין בעשטימטע מיטלען... איז עס ניט דערפאר, ווייל די נאטור סימפאטיזירט מעהר מיט דער וויסענשאפט פון פערניכ־טונג?... קומט, חיוטין, צו אונזער ארעמער אָליע'ן. (ביידע אב. פויזע. מען הערט ווי דער ווינד רוישט. פאַניע קומט צוריק נאָך איהר פּומ־פּיאן אין א פּאלטאָ, מיט א גרויסען שטעקען, טראגט אַ פּעקעל זאַכען).

פ א נ י ע. שש!... אלע געהן איצט ביי אונז דורכ'ן קיך. דאָס גלעקעל איז איבערגעבונדען. דער דאָקטאָר נעהמט ניט אויף קיינע פאציענטען. באלד. (זי קלאַפּט שטיל אין טיר). מוסיו חיוטין, זאָגט דעם דאָקטאָר, פּומפּיאן איז געקומען. (געהט צוריק). באלד...

עס איז גוט, וואס איהר זייט געקומען. (הערט זיך צו). ער געהט אהער. (ראש אב).

פ י י ו ו ע ל. אפילו פאניע זרחי'ס איז געווארען אזוי שטיל. איין גאט ווייסט, וואס דאָ טוט זיך... מיר ציטערט דאָס הארץ און איך האָב מורא, אז איך וועל איהם דערזעהן, וועל איך זיך צעוויינען ווי א חדר יונגעל. (דער דאקטאר קומט).

ד א ק ט אָ ר. פּומפּיאן! (דריקט זיין האַנד). ענדליך געקומען... מיר האָבען דאָ געדארפט דיין הילפע, איך האָב דיך יעדע מינוט געדארפט האָבען. אונזער אָליע, ברודער, אונזער אָליע... זעהר שלעכט... איך האָב זי אָנגעשטעקט מיט א שווערען טיפוס... זעקס וואָכען קעמפּפען מיר, זעהר ווייניג שאנסען געבליעבען... איך קוריר זי ניט אליין — איך האָב קיין פערטרויען צו זיך. דאָקטאָר שעכטער קומט דריי מאָל יעדען טאג... היינט איז געווען א קאָנסיליום פון פיער דאקטוירים... פּומפּיאן, אויב מיין קינד וועט שטארבען, האָב איך ניט צוליעב וואס און צוליעב וועמען צו לעבען אויף דער וועלט... דו ביסט ניט געקומען באלד, ווען איך האָב געשריעבען. איך פערשטעה, ביסט געווען בייז אויף מיר. (לאזט זיך אראָב שווער אויף אַ קרעסלא) זעהסט, חיותין איז אויך בייז געווען, ווי אבער ער האָט ערפאהרען, אז ליאליע איז קראנק, איז ער באלד געקומען און זיצט דאָ טאג און נאכט. יא, דו האָסט געהאט א רעכט בייז צו זיין.

פ י י ו ו ע ל. דאָקטאָר, זאל איך קרענקען, אויב איך בין געווען בייז. פון שאנדע און וועהטאג האָב איך ניט געקענט בלייבען אין שטאדט, בין איך אוועק צו מיינער א מומע אין דאָרף. איהר ווייסט דאָך א יודישע פּאָטשטע — ערשט היינט ערהאלטען אייער בריעף, און באלד האידא, איך האָב אָבגעמאכאיעט דרייסיג ווערסט צופוס און גלייך אהער. (וויינט). אי, דאָקטאָר, גוטער דאָקטאָר מיינער, דאס הארץ טריפט מיר מיט בלוט, קוקענדיג אויף אייך. (דריקט דעם דאקטאָר'ס האַנד צו זיין הארצען).

ד אָ ק ט אָ ר. יא, ברודער, איך בין אויסגעשפּיעלט... איך

בין אויסגעשפיעלט... א מיאוסע וועלט... א וועלט פון אונגליק, צרות און יסורים. פומפיאן, אויב ליאליע וועט שטארבען, איז פיניטא לא קאמעדיא. מיט דיר קען איך רעדען גאנץ אָפען, איך האָב זיך צוגעגרייט א גוטע דאזע סטריכנין — און קאפוט, ברודער.

פ י י ו ו ע ל. וואס רעדט איהר דאס? גאט איז מיט אייך! און אייער אלטע מוטער? און מיר אלע?

ד אָ ק ט אָ ר. איך וויים, איהר איז געבליעבען וועניג שאנ־סען, און מירביידע זיינען שוין נייגציג פראָצענט אויף יענער וועלט... איך! איך האָב זי ערמאָרדעט און איך האָב דאס רעכט זיך אליין פעראורטיילען צום טויט... טאָמער וואס, איז ניט איבריג דו זאָלסט וויסען. אין דעם הינטערסטען שופלאָד פון מיין שרייב טיש ליעגט שוין מיין פארטיגע צוואה... איך האָב דיך אויך ניט פערגעסען, ברודער, איך לאָז דיר איבער אלע מיינע נייע דאָקטאָרסקי אינסטרומענטען... (פערטראכט זיך).

פ י י ו ו ע ל. זאל איך דאָס בעסער ניט דערלעבען...

ד אָ ק ט אָ ר. קום, פומפיאן, ווילסט זי זעהן?

פ י י ו ו ע ל. דאָקטאָר, זי האָט טיפוס רעקורענס? (דאָק־טאָר הערט ניט,ביידע אב, פאַניע פיהרט אריין איהר פאטער און מו־טער).

פ א נ י ע. שש! קלאפט ניט מיט די פיס, איך ווייס ניט, אויב דעם דאָקטאָר וועט גאר אין גאנצען זעהר געפעלען אייער וויזיט.

ז ר ח י. נו, ווי קומט מען עס ניט געוואר ווערען? וואס מאכט דאָס קינד, הא?

פ א נ י ע. ווי איך פערשטעה, איז דאָ וועניג האָפנונגען.

ז ר ח י. אזוי? גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

ש ר ה ה י נ ד ע. ביילע טשיזיק'ס קען א גוי'ע, וועלכע היילט אויס אזעלכע קראנקהייטען מיט א גראָז. נאר די געביל־

רעטע... זיי גלויבען דאָך ניט. (פּומפּיאַן קומט אַהן אַ סורטוק מיט פערקאַטשעטע ארבעל, נאָך איהם דער דאָקטאָר).

ד אָ ק ט אָ ר. אָה, איהר זייט געקומען זעהן, וואס ליאַליע מאכט? איהר פערגעסט ניט מיין ליאַליע, הא? זעהר פיין פון אייך, דאנקע. (צו פּאַניען). מאדאם, איהר וועט זיין אזוי גוט און ווייזען פּומפּיאנען, וואו איז וועש, מילך, אייז, די אלע זאכען, וואס מען דארף. ער וועט איבערנעהמען די גאנצע ארבייט פון אייך... בין אייך זעהר דאנקבאר, וואס איהר האָט אייך אזוי פיעל בעמיהט... איצט וועט איהר מעהר ניט דארפען בעמיהען זיך. יא, עס קען זיין, אונז אלע איז שוין געבליעבען ניט פיעל צו בעמיהען זיך.

פ י י ו ו ע ל. דאקטאָר, אפשר וויל ניט די מאדאם? מען דארף פריהער פרעגען.

ד אָ ק ט אָ ר. וועלכע מאדאם מיינסטו?

פ י י ו ו ע ל. פערשטעהט זיך, איך מיין די יונגע מאדאם.

ד אָ ק ט אָ ר. די יונגע מאדאם דארף מען ניט בעאונרוהיגען מיט קיינע פראגען... נאר צו דער אלטער מאדאם זיך ווענדען! (מיט אַ שמייכעלע). מיר, אלטע, דארפען זאָרגען פאר יעדע זאך. די יונגע דארף מען ניט דולען דעם קאָפּ מיט קלייניגקייטען. ניט וואהר, מוסיו זרחי? אלזאָ, מאדאם, איהר וועט זיין אזוי גוט און איהר וועט אייך בעמיהען צו טון, וואס איך האָב אייך געזאָגט. (אב, צוריק).

פ א נ י ע. קומט, פּומפּיאן. (וויל געהן).

פ י י ו ו ע ל. זיצט, איך וועל אליין אלץ געפינען. איך בין דאָ ניט קיין פרעמדער. (אב אין קיך אריין).

ז ר ח י. וועה איז מיר, עס האלט אפנים זעהר שלעכט... דער דאָקטאָר איז זעהר צוטראָגען...

ש ר ה ה י נ ד ע. (קוקט אויף פּאַניען פערדעכטיג). זעה נאר, ווי דיינער רעדט צו דיר, אזוי ווי צו'ן א פרעמדער.

פ א נ י ע. צו א פרעמדער גאר? ביי גראָבע מענשען האָט

מען דרך אַרץ נאָר פאַר פּרעמדע. מאַן און ווייב, אָבער מיינען זיי, מעגען קריכען איינער דעם אַנדערן אויפ'ן קאָפּ. אוי, טאַטעניו, דאָס קינד איז זעהר שטאַרק קראַנק. (זרחי עפענט די טיר אין קיך אַריין און הוסט).

ש ר ה ה י נ ד ע. בעטראַכט נאָר, וואָס פון איהר איז גע־וואָרען. בהמה, וואָס נעהמסט זיך אַזוי צום האַרצען, עס איז דען דיין קינד? געוויס, עס פערדריסט, אָבער אַוועקלעגען זיך איז דאָך ניט כדאַי.

פ א נ י ע. איך זאָל האָבען קינדער, וואָלט איך אַלע מיינע קינדער אַבגעבען פאַר איהר. גאָט זאָל וועלען נעמען מיין לעבען פאַר איהר, וואָלט איך זיך אַפּילו באַלד געביטען.

ש ר ה ה י נ ד ע. א נויטינגע זאַך, איך זאָג דיר! (פּומ־פּיאַן קומט צוריק מיט וועש און א ריינע שוואַם).

פ י י ו ו ע ל. פּייוועל פּומפּיאַן דאַרף ניט לאַנג זוכען. פער־שטאַנען? (אַב, צו דער קראַנקער).

פ א נ י ע. טאַטע, איך האָב דיך וואָס געוואָלט פרעגען, נאָר... ע...

ז ר ח י. וואָס־זשע, עס איז עפּיס א שווערע זאַך, א קלאָץ־קשיה?

פ א נ י ע. איך האָב געוואָלט וויסען, זאָג מיר... דו גלויבסט, עס איז טאַקי אַן אמת, איך האָב געהערט, מען דערצעהלט, ווען... ע... עס טרעפט זיך עפּיס ביי יודען א חטא, שטאַרבען קינדער? דו גלויבסט עס? פאַר וואָס זיינען די קינדער, נעבאַך, שולדיג?

ז ר ח י. וואָס פאַלט דיר עפּיס פּלוצלונג איין אַזא פראַגע? דו האָסט עפּיס א חשד אויף אימיצען ביי אונז אין שטאָדט? (פאַניע פערטראַכט זיך און הערט ניט מעהר).

ש ר ה ה י נ ד ע. (אַפּאַרט). דו הערסט א חכם? ער ווייסט ניט פון זיין געזונד.

ז ר ח י. דאָס איז יאָ, ווי מען דערצעהלט די געשיכטע...

ש ר ה   ה י נ ד ע. אי, פער׳שרפ׳עט זאָל ער ווערען! גע־פונען א פלאַץ פאַר זיין געשיכטע.

ז ר ח י. עס קען זיין, עס פאַסט איצט ניט, אָבער פאַניע, איך מוז עס דיר דערצעהלען, זעהר א וואוילע זאַך. צוויי ווייבלעך האָבען זיך געאַמפּערט. איינע זאָגט: ווען אין שטאָדט איז א חטא, געהען קינדער. די אנדערע זאָגט: עס הויבט זיך גאַר ניט אָן, ווארום איך ווייס דאָך... — ווי אזוי ווייסטו? — ווי אזוי איך ווייס? איך בין שוין צעהן יאָהר אָן אשת איש... — זאָגט די אנדערע: עט! וואָס פאַר אָן אשת איש ביסטו? דיין מאַן איז דאָך א שניידער. כי! כי! אויך מיר אָן אשת איש! (וויל לאַכען, פערשטיקט זיך און לויפט ארויס אין קיך, הוסטענדיג).

ש ר ה   ה י נ ד ע. (קוקט זיך אום). פאַניע, דו ווייסט, איך האָב זיך איבער דיר הײנטיגע וואָך שיער ניט צופּאַטשט אין מאַרק מיט ביילע טשיזיק׳ס. זי זאָגט מיר, אז דעם דאָקטאָר׳ס ברודער יאַקאָבי...

פ א נ י ע. איך וויל ניט וויסען, וואָס ביילע טשיזיק׳ס זאָגט. מיך אַרט זעהר ווענינ, וואָס זיי זאָגען!

ש ר ה   ה י נ ד ע. וואָס מיינסטו, עס איז א סוד? מען קען די קאַץ אין זאַק ניט בעהאַלטען. אז דו האָסט מיר ניט דער־צעהלט, מיינסטו, ווייס איך ניט יעדעס פּיצעלע?

פ א נ י ע. מאַמאַ, מיך אַרט ניט, אז דו ווייסט, מיך אַרט ניט אז אפילו די גאַנצע וועלט ווייסט. (פערברעכט די הענד און געהט אום איבער׳ן צימער). מיר איז איצט אַלץ איינס! מיר איז איצט אַלץ איינס. (פּומפּיאַן קומט).

פ י י ו ו ע ל. האָט קיין פּעראיבעל ניט, איהר וועט מוזען מוחל זיין פון דאַנען. מיר טראָגען אהער אריין דאָס קינד. מעהר לופט, א בעסערע טעמפּעראַטורע. אָהן פּומפּיאַן ווייסט מען עפּיס? (צורוקט דאָס מעבעל).

פ א נ י ע. קום, מאַמאַ, אהין צו מיר. וואו איז דער טאַטע?

שרה הינדע. ער קען זיך ניט אויספּערכען. אי, טאָכ־טער, מיר ביידע האָבען געהאַנדעלט שענע מציאות.

פאַניע. מאמע, דו ווייסט ניט, וואס דו רעדסט! ווייסט ניט, וואס דו רעדסט. (דער דאקטאר מיט חיוטינ'ן ברענגען אָליען אויף א בעטעל, בעדעקט מיט ווייסען, נאך זיי קומט די מאַדאַם. פאַניע קוקט זיך אום זיפצט און אב מיט דער מוטער).

דאָקטאָר. שש! אָט אזוי. פומפּיאַן איז גערעכט. דאָ וועט זיין בעסער. אי, איך האָב נאר מורא, ער איז געקומען מיט זיין עצה צו שפּעט. (זעצט זיך אויף א קרעסלע לעבען בעטעל. דאס קינד וואַרפט זיך און קרעכצט שווער. דער דאקטאר דעקט זי צו). פּומ־פּיאן, ביסט געווים הונגעריג. איך בעט דיך, גייה עס עפּיס. נעהם חיוטינ'ן מיט. קינדער, קרעפּטיגט זיך אונטער א ביסעל, מיר וועלען היינט האָבען א שרעקליכע נאכט. (אָליע קרעכצעט).

חיוטין. קומט, פּומפּיאן, איך וועל טרינקען א גלאָז טיי. איהר דאַרפט אייך איצט געגען מיר ניט גרוים האַלטען. איך בין שוין פון אייערע... א גאנצער מעדיקוס.

פייוועל. איך האָב היינט כאור בוקר ביי דער מומע געגעסען א קניש מיט קארטאָפליע און האָב נאָך טאקי אין מיין מויל ניט געהאט. (ביידע געהען).

חיוטין. (ביי דער טיר). קנישום קארטאפעניום? (אב).

דאָקטאָר. מאַמעניו, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסטו זיך געגאנגען א ביסעל צולייגען. איין גאָט ווייסט, וויפיעל דיר שטעהט נאך פאר היינט איבערצוטראָגען.

מאדאם. ניין, יעווגעני, שלאָפען וויל איך ניט און קען ניט. איך מיין, אויב דו וועסט זיצען דאָ א ביסעל, וועל איך אויך געהן טרינקען א גלאָז טיי. (קוקט אויפ'ן קינד). איך דארף זיין גע־זונד, און א קינד, וואס פאנגט ערשט אן לעבען אויף דער וועלט... אוי, גאָט פרעגט קשיות. (געהט אב אין דערזעלבער טיר ווי אליע).

דאָקטאָר. ליאליעטשקע, איצט, ווען איך פערליער דיך, בעגרייף איך ערשט, ווי אונדאנקבאר, ווי לייכטזיניג איך בין גע־

ווען, ווען איך האָב אויסער דיך געזוכט נאָך גליק. איך האָב נע־
האַט דיך, געהאַט נוצליכע ארבייט, געהאַט א צוועק אין לעבען
און בין ניט געווען צופריעדען... דו האָסט פּראָטעסטירט, און איך
האָב דיך ניט געפאָלגט... איך האָב טייער דערפאַר בעצאהלט. אָה,
ווען דו זאָלסט יעצט בלייבען מיט מיר! דו הערסט ניט און פער־
שטעהסט ניט, וואס דיין פּאַפּאַ זאָגט דיר... אָליע, מיט וועמען
וועט דיין פּאַפּאָטשקע בלייבען? מיט וועמען לאָזטו מיך איבער
דאָ אויף דער וועלט? (בויגט זיך צו צום בעטעל. פּויזע). אָה, קינד,
איך זאָל דיך קענען רעטען! איך קען אבער ניט. דעם מענשען'ס
זשעני, די גרויסע וויסענשאַפט, אַלע מעכטע פון'ם מענשען'ס פער־
שטאַנד און לאָגיק זיינען ניט אימשטאַנד צו קעמפען געגען דער
בלינדער נאַטור. פאַר וואס זאָל א בליהענדע, יונגעס, אונשולדיגעס
קינד שטאַרבען? פרעגט די מאַמאַ. טויזענדער יאָהרען פרעגען
מענשען די פראַגע און קיין ענטפער איז ניטאָ. וואו איז די גע־
רעכטיגקייט? די ברוטאַלע נאַטור ווייסט ניט פון דעם בעגריף,
וועלכען מיר רופען מיט דעם נאָמען. (שפּאַרט אַן זיין קאָפּ צום בע־
טעל). איך זאָל זיין אַן אונוויסענדער מענש, וואָלט איך איצט גע־
לאָפען צו דאַקטוירים, געקלאַפּט אין זייערע טירען, געזוכט א בע־
ריהמטען פּראָפעסאָר... איך וואָלט געגלויבט, אז זיי זאָלען זיך נאָר
וועלען א כח אָנטון, אז איך זאָל זיי נאָר קענען גוט בעצאהלען,
וואָלטען זיי מיר געוויס גערעטעט דאָס קינד, ליידער, איך וויים,
ווי בעגרענעצט איז די מאַכט פון דער מעדיצין. מיר קענען נאָר
מיטהעלפען דער נאַטור, מיר קענען אין דעם מענשען'ס ארגאַ־
ניזם פערשטאַרקען אדער אבשוואַכען אייניגע פון איהרע פּראָצע־
סען, — אבשטעלען אבער דעם טויט קענען מיר ניט, מיר קענען
ניט, מיר קענען ניט! אוי! (ער זיפצט שווער. פּויזע. דער דאָקטאָר
שלאָפט איין, אָנגעשפּאַרט אויפ'ן בעטעל. פ אַ נ י ע עפענט שטיל די
טיר און שטעהט עטליכע מינוט אונבעשלאָסען. נאָכדעם מאַכט זי צו די
טיר און געהט לאַנגזאַם און גאַנץ שטיל צום בעטעל, קוקט אויף אָליען,
פערברעכענדיג די הענד, און בלייבט שטעהן. נאָכדעם הויבט זי אויף

איהרע אויגען אויפ'ן דאָקטאָר. אין דעם אויגענבליק קומט אריין שטיל די מאַדאַם, זי בלייבט שטעהן, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פאַניע קוקט לאַנג אויפ'ן דאקטאר מיט ליעבע און בעדויערן, דאן בויגט זי זיך צו און קושט לאַנג דאָס האָלץ פונ'ם בענקעל, אויף וועלכען ער זיצט. זי קערט זיך אב און וויינט שטיל. ווען זי ווישט אויס איהרע טרערען און געהט צו דער טיר, בעמערקט זי די מ אַ ד אַ ם און בלייבט איבער־ראַשט. אונערוואַרטעט גיט זי די אַלטע אַ ציה צו זיך, מאַכט אַ צייכען זי זאָל שווייגען, אומארעמט זי, און ביידע פרויען וויינען ביידע גאַנץ שטיל איינע ביי דער אַנדערער אין די ארעמס. פאַניע בעפרייט זיך ענדליך און געהט ראַש אב, די מאַדאַם בלייבט שטעהן און ווישט איהרע טרערען).

אָ ל י ע. (שרייט פלוצלונג אויס). פאפא! אָה, פאפא! (ווערט אנשוויגען. מען הערט ניט מעהר קיינע קרעכצען פון איהר).

ד אָ ק ט אָ ר. (ערוואַכט). הא? מיר דאכט זיך, זי האָט מיך גערופען, דו האָסט געהערט, מאמא? ליאליעטשקע! שש! זי שלאָפט... דער פולס רוהיגער... הא? מאמעניו מיר ווייזט זיך אויס, זי שוויצט. איך גלויב זיך אליין ניט. מע דארף שיקען נאָך דאָקטאָר שעכטער. (אין טיר). טס! פומפיאן. אהער, גיכער! (פומפיאַן לויפט אריין, נאָך איהם חיוטין. שפּעטער זרחי, שרה הינדע. פאַניע בלייבט שטעהן אויפ'ן שוועל).

פ י י ו ו ע ל. (דערשראָקען). וואס איז? שוין, מארטא?

ד אָ ק ט אָ ר. דער קריזיס! גיב א קוק, איך בעט דיך. אפשר נאר איך זיך אב... מיר דאכט זיך, זי איז רוהיגער, זי אטעמט רוהי־גער... פּמופיאן, מיר ווייזט זיך אויס, זי שוויצט...

פ י י ו ו ע ל. יא, זאָל איך אזוי אויסהאלטען מיין פעלד־שערסקי עקזאמען. וואס? איהר צווייפעלט? אפילו אזא פראָסטער מענש, ווי מוסיו חיוטין, וועט אויך זאָגען... זאל איך אזוי לעבען. (רופט מיט'ן האַנד חיוטין).

ח י ו ט י ן. קאלעגא פומפיאן, איך פיהל עס... טייערע אָליעטשקע, זי שלאָפט... אזוי לאנג ניט געשלאָפען...

ד אָ ק ט אָ ר. (אונטערזוכט דאס קינד נאָך אַ מאָל). פּומפּיאָן אַי! מיר דאכט זיך, איך האָב ניט קיין טעות. (דריקט זיין האַנד). מאמא, מיר דאכט זיך, עס האָט גענומען אַ גוטע ווענדונג. (אומאָרעמט זי) האָפנונג! גוטער חיוטין, פריינד, מיר דאכט, עס איז דאָ אַ האָפנונג צו לעבען... מיר וועלען ניט פערליערען אונזער ליאָליען! מיר וועלען ניט פערליערען אונזער ליאָליען! (אומארעמט איהם, לויפט ווידער צום קינד). הא? קיין צווייפעל מעהר. אי, ר' זרחי, עס קען נאָך זיין, אז כאָטש איין מאָל אין מיין לעבען, וועל איך אויך זיין אַ גליקליכער.

ז ר ח י. געלויבט איז גאָט... ברוך רופא חולים... איהר ווייסט ניט מיט וואס פאר אַ שווער הארץ איך בין געגאנגען אהער און מיט וואס פאר אַ שמחה איך געה אהיים. קום, שרה הינדע.

ש ר ה ה י נ ד ע יא, קום. מיר האָבען געלאָזט ביי נאכט די שטוב אויף הפקר. איך האָב דען געקענט איינזיצען? איך וויים נים, ווי אזוי איך וואָלט דאס אויסגעהאלטען. נו, דאנקען גאָט, קום.

פ א נ י ע. (אין טיר) טאטע, האר אוים איין מינוט אויף מיר.. איין מינוט. (מאַכט צו די טיר. אב).

ד אָ ק ט אָ ר. (לעבען אָליען). יא, דער פּולס האָט גאר אנאנדער ריטם. אַ טיעפער, רוהיגער שלאָף. זי אטעמט אנדערש. הא? יא, זי שוויצט... פּומפּיאָן, ווי מיינסטו, מען דארף שיקען נאָך דאָקטאר שעכטער, אדער אזעלכע צוויי גרויסע דאקטוירים ווי דו און איך, איז גענוג? און חיוטין, מיינסטו, איז פון אזעלכע, וואס מען קויפט צוויי פאר אַ גראָשען? מיר האָבען דאך דאָ אַ גאנצען איינגענעם קאָנסיליום. קאלעגיום סאניטאטים, בענע? עס איז גוט, הא? מאמטשיק, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסטו איצט געגאנגען שלאָפען. צייט דיינע אלטע ביינדלעך זאָלען זיך אויסרוהען.

מ א ד א ם. יעווגעני, מיר וועלען זיך איצט שוין אלע אויסשלאָפען. מיר וועלען אזוי כראָפּען, אז אלע צרות וועלען זיך פון

דאנען צולויפען פאר שרעק. (גיט א קוק אויף שרה הינדע און זאגט עפּיס שטיל דעם דאָקטאר).

ש ר ה ה י נ ד ע. זי זאָגט, אַלע צרות וועלען זיך פון דאַנען צולויפען, און קוקט אויף מיר.

ז ר ח י. (שטיל). שרה הינדע, וואס האָט עפּיס פאניע געהייסען ווארטען?

ש ר ה ה י נ ד ע. איך וויים? זי האָט דאָ אפּנים אין שטוב ווי א שווארץ יאָהר. מען ווייסט גאר ניט, אז זי איז דא. אויך מיר א דאָקטאָרשע! האָט קיין שכל ניט געהאט, פער'שרפ'עט זאָל זי ווערען!

ז ר ח י. שוטה, ווען מען ליעגט איצט אין זין? עס וועט ווערען פרייליכער אויפ'ן הארצען, וועט דער דאָקטאר זיך דערמאָנען אויף דער דאָקטארשע. אָט איז זי! וואוהין איז דאָס? (פאניע קומט מיט א קליין פעקעלע זאכען. א טיכעל אויפ'ן קאָפּ, אַ מענטעלע אויף די שולטערן).

ש ר ה ה י נ ד ע. וואוהין קלייבסטו זיך אזוי שפעט, פער'חושכ'טע דאָקטאָרשע מיינע?

פ א נ י ע. טאטע, איך וויל געהן מיט דיר אהיים. איך געה אוועק פון דאנען.

ש ר ה ה י נ ד ע. וואָס? וואוהין א היים?! (אלע ערשטוינט, נאר דער דאָקטאָר בלייבט רוהיג).

פ א נ י ע. מאמא, וועסט טענה'ן מיט מיר אין דער היים. וועסט האָבען געננוג צייט. (מיט אַ ביטערען שמייכעל). דו דארפסט וויסען, טאטע, איך בין שוין לאנג ניט קיין היגע. איך... איך בין שוין לאנג ניט דעם דאָקטאר'ס פרוי מעהר. מיר זיינען פרעמדע, און איך וויל דאָס מעהר ניט פערלייקענען...

ז ר ח י. וואָס איז דאָס? מיין מוח קען דאָס ניט בעגרייפען. דאָקטאר, וואָס רעדט זי דאָס?

ד א ק ט א ר. מיין פריינד, זי דערצעהלט אייך די ריכטיגע ווארהייט, אזוי איז דאָס. (צו פאניען). ווי איך געדענק, מאדאם,

האָט איך זעהר געשראָקען דאָס אוועקגעהן פון דאנען. איהר האָט מורא געהאט, דאָס וועט אייך שטויסען אויפ׳ן וועג פון אומגליק. איך האָב קיין רעכט און האָב קיין פערלאנג אייך דאָ צו פער־האַלטען. איהר זייט פריי און קענט געהן, ווען איהר ווילט און וואוהין איהר ווילט. אָבער צ ו ו י נ ג ע ן אייך געהן פון דאנען דארף קיינער נים. די קאָנדיציאָנען האָבען זיך נים געביטען. קיין מענש, ווער עס זאָל נים זיין, וועט פון מיין הויז נים ארויס־געשטויסען ווערען אויף דער גאַס.

פ א נ י ע. דאָקטאר, קיינער צווינגט מ י ך נ י ט און קיינער טרייבט מ י ך נ י ט, חלילה. איך געה אליין.

ש ר ה ה י נ ד ע. הערסט א חכמה! אז מען טרייבט דיך נים, נאָך וואָס זאָלסטו געהן?

פ א נ י ע. יא, דאמאלס האָט עס מיך געשראָקען, איך האָב אום יעדען פרייז געוואָלט בלייבען א מאדאם, עסען זים און שלאָפען ווייך. איך האָב געמיינט, דאָס גאנצע גליק איז נאָר אויסצואווייזען, ווי א מאדאם. איצט פערשטעה איך א ביסעל אנדערס. איך וואָלט נאָך מיט צוויי וואָכען צוריק פערלאָזען דאָס הויז, נאָר ליאלע׳ס צושטאנד האָט מיר נים ערלויבט. איצט, ווען זי איז, גאט צו דאנקען, בעסער, מעג איך געהן. מיך שרעקט מעהר נים, וואָס דער טאטע, די גאנצע וועלט וועט וויסען. פערקערט, איך מיין, וואס מעהר איך וועל ליידען, וועל איך בע־סער פיהלען. ווענינגסטענס וועל איך וויסען, אז מיט מיינע צרות צאָהל איך אוים מיין שווערען חוב...

ד א ק ט א ר. מאדאם, וועגען אלטע חובות דארפט איהר איך ווענינ קימערן. זאָרגט פאר דער צוקונפט...

פ א נ י ע. איך זאָרג מיך זעהר ווענינ וועגען מיין צוקונפט. וואָס עס וועט זיין — וועט זיין. איך ווייס נים, אויב דאָס אינ־טערעסירט אייך, נאָר א י ך פערזיכער אייך, איך וועל אין דער שטעלע אין האָספיטאל. איך האָב מיך די לעצטע צייט צוגעקוקט

צו'ן אזא ארבייט, און עס געפעלט מיר. אויב ניט, וועל איך דינען... אָדער...

ש ר ה ה י נ ד ע. קוק זי נאר אן! אדער זי איז געקראָכען ביז די וואָלקענס, אָדער זי קריכט אין דר'ערד. וואס הייסט דינען? וואָס מיינסטו, מיר וועלען שווייגען? וואו בין איך עפעס, הא?

פ א נ י ע. מאמא, וועסט טענה'ן מיט מיר אין דערהיים, וויפיעל דו ווסט ווען. איך בין שולדיג אליין און צו מיר אליין דארפסטו טענה'ען, נאָר צו מיר!

ד א ק ט א ר. ר' זרחי, אויב איהר וועט האָבען אירגענד וועלכע פּרעטענזיעס צו מיר, קומט צוגעהן און מיר וועלען אלץ בעשפרעכען. איך האָף, מיר וועלען אונז צושיידען, ווי אנשטענדיגע מענשען. מאדאם, אלע אייערע קליידער, אייערע זאכען, ציהרונג געהערט אייך און איהר קענט עס נעמען מיט זיך.

פ א נ י ע. ניין, איך וויל עס ניט און דארף עס ניט.

ש ר ה ה י נ ד ע. וואָס הייסט, דו דארפסט ניט? אוי, א בראנד זאָל איהר אין די ביינער אריין!...

ז ר ח י. ווי באלד מיינע זעהט, אז אוים מחותנים, וועט זי שוין עפענען איהר מויל כדת משה וישראל...

פ א נ י ע. איך האָב עס ניט פערדיענט צו האָבען, און אויסער דעם, איך וויים ניט פאר וואָס, מיר איז דאָס אלץ נמאס געוואָרען... מאמא, אין דערהיים וועסטו מיט מיר לערנען בלק. (שטיל). אויב דו וועסט ווען, וועסטו מיך מעגען אפילו שלאָגען, וויפיעל דיין הארץ וועט געלוסטען, מיך הארט ניט. מיך הארט קיין זאך ניט... קומט, נו'מיר געהן, האָט א גוטע נאכט אלע... גוטע מאדאם, האָט א גוטע נאכט, איך בין ניט ווערט געווען צו האָבען אזא מאמא.

ז ר ח י. רבונו דעלמא כולא, וואס טוט זיך דאָ? זאָל איך שטארבען, אויב איך פערשטעה א וואָרט עברי... ראכט זיך, מען רעדט ניט טערקיש, און איך פערשטעה ניט.

פ א נ י ע. טאטע, דיר וועל איך אלץ דערצעהלען, דעם גאנצען אמת... דאקטאר, אויב איהר וועט ערלויבען וועל איך נאך איין מאל א קוק טון אויף אליען און אבגעזעגנען זיך מיט איהר. עס איז וואהר, איך בין איהר קיין מוטער ניט געווען — ווי קום איך מיט מיין שכל זיין א מוטער צו'ן אזא קינד? — אבער קיין שטיפמוטער בין איך איהר אויך ניט געווען. (טרערען ציטערן אין איהר שטימע).

ד א ק ט א ר. מאדאם, דאס קינד איז שוואך, דאס קינד שלאפט... דאך אויב איהר ווילט זי זעהן, האב איך געווים ניט דאגעגען... אייערע ביידענס וועגען צוגעהען זיך יעצט און עס קאן זיין, איהר וועט זי ניט גיך נאך א מאל בעגעגנען.

פ א נ י ע. (געהט צום בעטעל). זיי געזונד, אליעטשקע. אז דו וועסט, אי"ה, אין גיכען אויפשטעהן, וועסטו שוין ניט הערען קיין מיאוסע רייד און ניט זעהן קיין שלעכטע מענשען — איך געה אוועק. (בייגט זיך צו, קושט זי פארזיכטיג און ווישט אב א טרער). נו, טאטע, קום. האט א גוטע נאכט. איך וויים, וויפיעל צרות איך האב אייך געבראכט אין שטוב אריין. הלואי וואלט איך אלעם געקענט נעהמען מיט זיך צוריק. עס איז אבער פערפאלען. האט א גוטע נאכט. (זי, זרחי און שרה תיגדע געהן).

ד א ק ט א ר. גוטע נאכט. ווינש אייך אין דער צוקונפט מעהר ערפאלג. מיך פרייט זעהר, וואס מיר שיידען זיך שטיל, אהן סקאנדאלען און קריעג. מעהר אדער וועניגער, ווי אנשטענדיגע מענשען. איך גיעב אייך מיין האנד, מאדאם, אלס א בעווייז, דאס אויב מיר קענען זיך ניט שיידען ווי גוטע פריינד, שיידען מיר זיך דאך ניט ווי פיינדע. (שטרעקט אויס זיין האנד):

פ א נ י ע. אייער האנד? (טראכט). ניין! ניין! איך האב נאר א טראכט געטון, אז איך וועל זיך צוריהרען צו'ן אייער האנד, האט מיר אנגעהויבען ווארפען הענד און פיס. ניין! אייער האנד ניט. נאר אויב איהר וועט מיר ערלויבען... (וויינט שטארק). אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך פאלען צו'ן אייערע

פיס. (פאלט צו דער ערד). וועל קושען די ערד לעבען אייערע טריט. וועל אָבוואשען מיט מיינע טרערען... מיט מיינע טרערען... (קען נים רעדען פון געוויין).

מ א ד א ם. יעווגעני, ווי ערלויבסטו אזא ערנידרונג פון א מענשען? (וויינט).

ד א ק ט א ר. (רוהיג). מאמא, איך זאָל זיין א ליבעראל אָדער א פילאנטראפּ, וואָלט איך זיך געמאכט, אז איך בין אויסער זיך, וואָס א פרוי ליעגט אויף דר'ערד און וויינט... איך רעכען פערקערט, איך האָב קיין רעכט די ערנידרונג ניט צו ערלויבען, ווארום די ערנידרונג ערהויבט, און די ביטערע טרערען מאכען גרינגער די לאסט, וואָס דריקט דאָס הארץ... אט דעם טרויסט און די ערלייכטערונג וויל איך ביי איהר ניט רויבען... יא, אומ־גליקליכעס וועזען, וויין אוים מיט דיינע טרערען אלץ, וואָס עס דריקט דיך צו דער ערד, און שטעה אויף א פרייע, און אויסערלעזטע פרוי. (פאניע און אלע פרויען וויינען).

פ א נ י ע. (שטעהט אויף). דאנקע, איהר האָט רעכט... מיר איז א ביסעל געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען. איצט האָט א גוטע נאכט.

ד א ק ט א ר. האָט א גוטע נאכט. איך ווינש אייך ניט קיין שלעכטס.

ז ר ח י. האָט א גוטע נאכט... איך פערשטעה כלל וכלל נארנישט. אָבער איך בין זיכער, אז אזא איידלער מענש, ווי איהר... האָט א גוטע נאכט.

ש ר ה ה י נ ד ע. נו, האָסט זיך שוין דא געקניעט און געבוקט צו'ן אלע אריסטאָקראטען? ועסט זיך שוין ביי מיר קניען און בוקען אין דער היים, הער אוים! (זיי געהן אלע).

פ א נ י ע. יא, מאמא, וועסט טון מיט מיר אין דערהיים, וואָס דו ווילסט. מיר איז אלץ איינס. א גוטע נאכט. (עפענט די טיר).

ד א ק ט א ר. נאָך איין וואָרט... מאדאם, איהר זאָגט, איהר

ווילט איצט נעהן פיהרען איין עהרליך לעבען? אהער געהט נעהענטער! וואס שטעהט איהר ביי דער טיר? איך מוז אייך זאָגען די ווארהייט, איך האָב די גאנצע צייט אן אויג פון אייך ניט אראָפּגעלאָזט. איך ווייס, אלץ, וואָס איהר זאָגט איצט, איז קיין בלויזע פראזען. איהר האָט דאָס דורכגעפיהלט און דורכגעליטען. יא, איך גלויב, איהר ווילט איצט פיהרען אן עהרליך לעבען, און אויב אזוי, פאניע, פאר וואס זאָלט איהר ניט בלייבען דאָ ביי אונז, מיט אונז? (פאַניע וויינט). פאניע, וויינט ניט... איך ווייס, איהר האָט די לעצטע צייט אין דער שטיל געננג געוויינט. מיינט ניט, איך האָב ניט געזעהן אייערע פערבאָרגענע טרערען און האָב ניט געהערט אייערע פערשטיקטע זיפצען. (נעהמט איהר האַנד). פאניע, איך ווייס, דו האָסט די לעצטע צייט מיך א ביסעלע ליעב געקריגען און איך, נאָך וואָס זאָל איך לייקענען? איך האָב דיך קיין מאָל ניט פיינט געהאט... קום אהער צו מיר, אומגליקליכעס קינד. און זאָל אלץ פארגעסען ווערען. (דריקט איהר האַנד).

פ א נ י ע. דאָקטאָר, די גאנצע וועלט ווייסט, איך בין אייך געוועזען אונטריי. ווי וועט איהר עס קענען פערגעסען?

ד א ק ט א ר. פערגעסען? איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען. עס קען זיין, איך וועל ניט קענען. עס קען זיין, עס איז אונמעגליך דאָס צו פערגעסען. אָבער איך בין זיכער, איך וועל שטענדיג זיין מענש גענוג צו געדענקען, דאָס עס גיבט קיין שטערבליכער אויף דער וועלט, וועלכער האָט ניט געזינדיגט. איך וועל שטענדיג זיין מענש גענוג, איך זאָל מיט קיין וואָרט, מיט קיין וואונק, מיט קיין מינע דערמאָנען דאָס פערגאנגענע און אויפדעקען די אלטע וואונדען. פאניע, וואָס די גאנצע וועלט ווייסט, הארט מיך ווענינ. אויב זיי וועלען דיר ניט פערגעבען, פערגיעב איך דיר. דאָס שרעקליכסטע איז ניט דאָס, וואָס דו האָסט געלעבט מיט אנאנדערען. דאָס שרעקליכסטע איז דאָס, וואָס דו האָסט געלעבט מיט מיר, ווען דו האָסט מיך ניט געליעבט.

פ א נ י ע. ווי אזוי האָב איך דיך געקענט ליעבען, אז איך האָב דיך ניט געקענט פערשטעהן? אז איך האָב ניט בעגריפען, ווי שטארק, ווי גרויס, ווי מעכטיג דו ביסט? מיר, פּראָסטע מענשען, מיינען, אז שטארק איז דאָס, וואָס שרייט, דונערט, בדעכט, רייסט... און די אמת'ע קראַפט, די וואהרע, די גרויסע מאכט איז אזוי שטיל, פערבאָרגען...

ז ר ח י. ווען גאָט איז ערשיענען צו אליהו הנביא, איז ניט אינ'ם ווינד וואָס ברעכט שטיינער, איז ער געווען, ניט אין שטורם, ניט אין פייער, נאָר אין דער צארטער שטילקייט — קול דממה דקה, דאָס איז די אמת'ע קראַפט.

פ א נ י ע. צו שעצען די אמת'ע, די וואהרע מאכט, דאָס קומט אונז אָן מיט צרות. אָבער ווען מיר הויבען שוין יא אן צו פערשטעהן... אה, ווען מיר הויבען שוין אן צו פערשטעהן!...

ת י ו מ י ן. אָט דאָס איז דאָך דאָס אומגליק מיט דעם מענשען פון פאָלק. ווי ער הויבט אָן אביסעל פערשטעהן — הויבט ער אן פערגעטערן. פערגעטערן דארף מען קיינעם ניט! קיינעם ניט!...

ד א ק ט א ר. ער וויל זיך מיט מיר קריגען, ווייל ער פערגינט מיר ניט די פערגעטערונג.

ת י ו מ י ן. מיט איהם קריגען! אויף מיין וואָרט, ער ווייסט אליין, ווי גרויס ער איז... דאָס איז די אמת'ע גרויסקייט: זי ווייסט ניט, אז זי איז גרויס... זי בעזיעגט אָבער אלץ און בעהערשט יעדען. (אומארעמט איהם). מאדאם גאלדענווייזער, איך האָף, איך וועל יעצט פערדיענען אייער פריינד צו זיין. (קושט פאַניע'ס האַנד מיט גרויסער אָכטונג).

מ א ד א ם. קום אהער צו מיר, פאַניע, קום צו מיר, ארעמעס קינד. האָסט זיך, נעבאך, גענוג אָנגעליטען. (פאניע זעצט זיך נעבען איהר). טאָכטער מיינע, די וואהרע פרייד קומט נאָר דורך גרויסע שמערצען... (אומארמט זי). קום אהער, יעווגעני. איך ווייס, איהר האָט פיעל פון וואָס צו רעדען. (ווען דער דאָקטאר געהט צו,

שטעהט פאניע אויף. ווען ער זעצט זיך, זעצט זי זיך לעבען זיינע פיס אויף דר'ערד. זיי רעדען שטיל און רוהיג. אלע מיט'ן רוקען צום קראנקען קינד'ס בעטעל. פומפיאן געהט צו צום בעטעל, אונטערזוכט די קראנקע. קיינער בעמערקט איהם ניט).

ח י ו ט י ן. (צו זרחי'ן און שרה הינדען). נו, איצט קענט איהר זיצען א ביסעל. מאדאם שרה הינדע, איהר האט ערשט פערלוירען א גוטען פאדריאד. איהר האט שוין געמיינט, איהר וועט האבען וועמען צו שעלטען און פלוכען יאהרען לאנג, צום סוף — בלא! פאניע איז יעצט אונזערע אויף צו'ן אמת.

ז ר ח י. דאס דערמאנט מיר א וואוילע זאך. איהר האט דאך מסתמא געהערט די געשיכטע פון צוויי ווייבער, וואס האבען זיך געקריגט אום פעלד מעסטען, איהר ווייסט, וואס פעלד איז אין יודיש?... א יודיש פעלד איז דער בית עולם... הערט־זשע... (זיי זעצען זיך אלע דריי, זרחי דערצעהלט שטיל).

פ א נ י ע. איך גלויב זיך אליין ניט. איז דאס מעגליך? מיר זיינען קיין פרעמדע מעהר? פערגעבען? אלץ פערגעבען? גאטעניו פאטער, איך פערדיען דאס ניט...

ד א ק ט א ר. קינד, ווען מיר זיינען געווען אייגענע, זיינען מיר געווען פרעמד, און ווען מיר זיינען געווען פרעמדע, זיינען מיר געווארען אייגענע... יא, פאניע, פערגעבען אויף אימער און אייביג. ווארום פערשטעהן הייסט: פערגעבען... (ער לעגט זיין האנד אויף איהר קאפ.ביידע גרופען רעדען גאנץ שטיל און רוהיג).

פ י י ו ו ע ל. (בלייבט אייניגע אויגענבליקען ווי פערשטיינערט, גאנץ שטיל). די לעבעדיגע דענקען פון לעבען... אוי, עס איז גוט, וואס ער איז איצט ניט אליין... דאך זיין גרינגער אריבער־צוטראגען. און דאס... קינד... איז טויט... ארעמע ליאליע! (פאלט צו צום בעטעל און וויינט שטיל. אלע רוהיג און גליקליך ווי פריהער).

פ א ר ה א נ ג.

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק

פיליפ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער. שעהן געבונדען פרייז יעדער באַנד..........75 ס.

" " דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, 3 טיילען אין איין באַנד, שעהן געבונדען.....75 "

" " אַמעריקא פאַר קאָלומבוס, אַ קולטורגעשיכטליכע נאָכפאָרשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, געבונדען.....50 "

" " יציאת מצרים, מיט איין קאַרטע פון מצרים..........15 "

" " וואס הייסט נאציאן—זיינען אידען אַ נאַציאָן?......10 "

" " אריסטאטעל, זיין ביאגראפיע..........................10 "

" " ברוך שפינאזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע.......15 "

" " שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע...........................15 "

" " יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראַפיע...................15 "

" " בר כוכבא, זיין ביאָגראַפיע...........................15 "

" " לעסינג און מענדעלסאהן, זייער לעבען, שריפטען און טהעטעגקייט. 185 זייטען..........................25 "

" " דיא פאמיליע ראטהשילד, זייער לעבען און פינאַנציעלע טהעטיגקייט, 61 זייטען..........................15 "

" " דון יצחק אברבנאל און זיינע זיהן, 67 זייטען........15 "

" " מאָהאמעד, דער גרינדער פון מאָהאמעדאניזמוס, 65 זייטען..15 "

" " מעיערבעער, זיין ביאָגראַפיע.........................15 "

מאָררים ראָזענפעלד, געזאמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד 337 זייטען, אילוסטרירט, שעהן געבונדען..$1.00

" " היינריך היינע, זיין ביאָגראַפיע, 85 זייטען...15 ס.

" " יהודה הלוי, דער גרויסער העברעאישער ריכטער, 64 זייטען....................15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענד, 546 זייטען, פרייז יעדער באַנד 50 ″

" " זרבבל, ערצעהלונג.......................05 ″

דר. קאַספּע, מעכאַניקע, נאָך סיר אייזיק ניוטאָן..............10 ″

" " אַסטראָנאָמיע " "................15 ″

" " אָנפאַנג פון כעמיע.........................15 ″

יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, 400 זייטען, שעהן געבונדען..........$1.00

י. נאָרדין, גאָט, מענש און טייוועל, דראַמא אין 4 אַקטען........25 ס.

" " אלישע בן אבויה, היסטארישע דראַמא אין 4 אַקטען.....15 ″

" " דער אונבעקאנטער, דראַמא אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג 20 ″

" " וואלטער. זיין ביאָגראַפיע.......................10 ″

מאקסים גארקי, ערצעהלונגען, 92 זייטען.................. 15 ″

ליעוו טאָלסטאָי, פּאטריאטיזמוס און רעגירונג.................05 ″

דער איינציגער מיטעל.......................05 ″

ם. בּאראנאוו, דער מענש און זיין נאטור......................10 ″

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאגראפיע..............10 ″

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאגראפיע.....................10 ″

פּ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע.................10 ″

" דער ווילנער גאון, זיין ביאגראפיע..................10 ″

מ. פרומקין, רב ישראל בעל שם טוב, זיין ביאגראפיע..........10 ″

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאהן, זיין ביאגראפיע.........15 ″

לעאָפּ. קאמפף, פארן שטורם, דראמא און 3 אַקטען...........20 ″

,קניאז פּאטיאמקין", דיא געשיכטע פון דעם בעריהמטען מאַטראָזען

אויפשטאַנד, אילוסטרירט, 100 זייטען........20 ″

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצליכקייט פיר דיא ארבייטער..05 ″

צו אַדרעסירען:

A. M. EVALENKO, PUBLISHER

22 N. WILLIAM ST., NEW YORK

דיא אינטערנאציאנאלע ביבליאָטהעק.

אלישע בן אבויה

דראַמא אין 4 אַקטען

פון

יעקב גאָרדין

ארויסגעגעבען פון
דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאטהעק
פערלאג קא.
32 דואיין סט., ניו יארק.

Copyright, 1907, by
JACOB GORDIN.

The right to produce in Yiddish belongs to
JACOB P. ADLER.

פּערזאנען :

אלישע בן אבויה, אַ זעהר שעהנער מענש, 50-75 יאָהר.

בתבורית , זיין פרוי, אַ מיאוס׳ע, דיזעלבע יאָהרען.

נעמי , זייער טאכטער, 20 יאָהר.

מריטי , זייער דיענסט, אַ שמרונית, 60 יאָהר.

רבי מאיר , אַ יונגער תנאי , אַ יאָהר 30.

ראש הישיבה, אַ גרא-גרייזער מאן.

שמעון הנזיר, טראָגט לאַנגע האָר און ווייסע קליידער, בלאַס און מאגער, אַ יאָהר 25.

טוביה האביוני , אַן אלטער בעטלער מיט אַ בעטעל-זאק, 70 יאָהר.

בעאַטע, אַ שעהנע יונגע פרוי.

אביונימוס הגרדי, אַ גריעך, אַ יודענפריינד.

קווינטאָר אנטאָניוס סערוויוס, אַ יאָהר 40.

איין יוד, אַן עם הארץ.

תלמידי חכמים, יודען, נאזארעיער, רוימישע סאָלדאַטען.

עס קומט פאָר אין דער ערשטער העלפט פון צווייטען יאָהרהונדערט.

ערשטער אקט.

(אַ קליינער גאָרטען לעבען אֱלישע בן אבויה׳ס הויז. עטליכע פּאַלמען, ביימען מיט בלומען, בענק, דיוואַנען און ניעדריגע טאַבורעטען צום זיצען. אַ פאָנטאַן—א גריעכעשע געטין, ביי וועלכער עס פליסט וואַסער פון מויל.

ווען דער פאָרהאַנג געהט אויף, זעהט מען א גרופּפּע מענער און פרויען געקליידעט אין אָרעמע, דונקעלע קליידער, אַלע אויף די קניע. די הענד אויפ׳ן האַרצען. די אויגען צו גאָטט. אין צענטר פון דער גרופּפּע שמעון הנזיר, טוביה האביוני און מרימי.)

שמעון הנזיר (לעזט פאָר שטיל מיט גרויסע התלהבות):

דיא וועלט איז אַ חרוב׳ע ארעמע שטוב,
דאס לעבען ניט מעהר וויא אַ פינסטערע גרוב,
לעבען און ליכט איז דאָ נאָר אין הימעל.
קיין פרייד און קיין גליק איז ניטאַ אויף דער ערד.
פון מענשען׳ס געדאַנקען ווערען זינד נאָר געמעהרט,—
זיין פערלאַנג איז הבל הבלים און שיממעל
(מרימי וויינט, אלע זינגען פּיאַנאָ)

שמעון הנזיר: טרעהרען און געבעט איז אונזער איינציגע פרייד,
אונזער איינציג ציערונג איז פון תשובה אַ קלייד,
דיא ערלעזונג ווערט געקויפט נאָר דורך שמערצען.
ליעבע איז דער נאָמען פון אונזער מעכטיגען גאָט,
פערגעבען און ליעבען — דאס איז זיין הייליג געבאָט.
מענש, בוי איהם, א טעמפעל אין הארצען! (זיי פערדעקען זייערע פנים׳ער און זינגען דיעזעלבע סטראָפע. בתבורית קומט, הערט זיך צו.)

בתבורית (בייז) איהר פרעפעלט שוין וויעדער אייערע טרפנע תחינות דאָ ביי מיר אין גאָרטען, האַ? (אַלע ערשרעקען זיך

און לויפען פאָרט. מרימי און טוביה שטעהען אויף. שמעון בלייבט שטיין אויף דיא קניע גאַנץ רוהיג און בעט שטיל.)

איהר ווילט מאַכען מיין הויז צו שאַנדע און שפּאָט ביי אַלע ידען, הא? אַהן איידֶּ זיינען מיר וויניג אין לייטישע מיילער? מרימי, וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט: ווען דו ווילסט זיך משוגע מאַכען מיט דיין נייע עבודה זרה, זאָלסט דו זיך געפינען אַן אַנדער פּלאַץ. ניט ביי מיר דאָ!

שמעון: (פאר זיך) איין פּלאַץ האָבען דיא גערעכטע דאָרט, ביי זייער פאָטער אין הימעל.

מרימי: בעל'הבית'טע, איך האָב מיר ערלויבט היינט, ווייל מיר האָבען אַזאַ גרויסען גאַסט—אונזער ברודער שמעון הנזיר איז געקומען . . .

בתבורית: עס איז אַ צייטעל! יעדער שווארץ יאָהר מאַכט זיך אַ נייע עבודה זרה. און ווי אַ מע קערט זיך נאָר אָב אויף אַ ווייל, קלייבען זיך צונויף דיא אַרומיגע דיענסטען, קנעכט, בעטלער און פון וואַנען דער רוח רייסט זיך אָב און מע פּרעפּעלט. זאָג דיינע לצים זיי זאָלען געהן, מענשען דאַרפען אהער קומען און מיר דאַרפען זיך פאַרבערייטען. דו, אַלטער בעטלער, אַרויס פון מיין גאָרטען!

טוביה: דיין גאָרטען? אויב דו האָסט בעשאַפען דאָס לאַנד דאָ אונטער דיינע פיס, אויב דו האָסט געמאַכט אָט דיא גרינע בוימער, אויב דו האָסט פון זיך הערויסגעבראַכט דיעזע שעהנע, בליהענדע בלומען, דאַן איז דאָס דיין גאַרטען. אויב ניט, איז דאָס דיין גאָרטען פּונקט אַזוי וויא מיין גאָרטען.

בתבורית: וואָס? דיין גאָרטען נאָר? איהר הערט אַ חוצפּה פון איין אַלטען שלעפּער? פאָרט פון דאַנען! אויך דוא, ווייסער עבודה זרה'ניק, שוין זאָלסט דו דאָ ניט זיין.

שמעון: איך בין דאָ ניטאָ, איך בין ביי מיין פאָטער אין הימעל.

מרימי: מיר זיינען אַלע דאָרט, וואו אונזער ברודער שמעון איז . . .

בתבורית: דו ביסט אויך דאָרט, דו אַלטער גולם?

מ ר י מ י : אזוי זאָגט גאָטט אונזער הארר.

ש מ ע ו ן (שטעהט אויף) דאס וואס דו זעהסט, (ציינגט אויף זיך) דאס איז ניט איך.

ב ת ב ו ר י ת : דו ביזט ניט דוא ? ווער דען ביזט דו ?

ש מ ע ו ן (ציינגט אויף זיך) : דאָס וואָס דו זעהסט איז נור א זינדיגע שטיק ערד, א לוימענע כלי. מעגסט עס הערויסווארפען אהין, מעגסט עס אריינווארפען אהער, מיך הארט ניט. איך בין ביי מיין פאָטער אין הימעל.

ב ת ב ו ר י ת : משוגעים, איך וויל ניט הערען אייערע ווילד־ע רייד. ארוים פון דאנען ! (טרייבט זיי).

ש מ ע ו ן : (רוהיג) מעגסט מיך טרייבען און שלאָגען, ביזט דוא דאָך מיין שוועסטער.

ב ת ב ו ר י ת : איך דיין שוועסטער ? ניט דערלעבען זאָלסט דוא...

מ ר י מ י : אזוי זאָגט גאָטט אונזער הארר...

ש מ ע ו ן : מעגסט זאגען יא, מעגסט זאָגען ניין, ביזט דאָך מיין שוועסטער, — מיר האָבען איין פאטער אין הימעל.

ב ת ב ו ר י ת : פארט פון דאנען ! אויך דוא, אלטער שד, אהיים ! אהיים !

ט ו ב י ה : גוטער מענש, איך בין אין דערהיים ! מיין היים איז דיא גאנצע וועלט. און וואו עס וואָינען מענשען, דאָרט איז מיין וואוינונג, און וואו עס איז דאָ ערד אונטער מיינע פיס, דאָרט איז מיין ווייכעס בעט. און וואו עס איז דאָ ריינע קלאָרע קוואל־וואסער, דאָרט איז מיין וויין־קעלער, און וואו עס וואקסט עפּעס וואָס מע קען קייען, דאָרט איז מיין קיך און מיין עסס־צימער... דוא דארפסט א סך, דערפאר האָסט דוא גאָר ניט. איך דארף גאָר ניט, דערפאר האָב איך א סך... דיא גאנצע וועלט איז מיינע...

מ ר י מ י : (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ) אזוי זאָגט גאָטט אונזער הארר...

ב ת ב ו ר י ת : (אויסערזיך) דער איז בא זיין פאטער אין הימעל און דער איז בא זיך אין דער היים. (כאפּט א בעזעם) גנה, צו דיין פאָטער אין הימעל !

מ ר י מ י : (לאָזט ניט) גאַטט איז מיט אייך... זעהט בעסער, אונזער הערר קומט — רבי אלישע בן אבויה געהט ! (אלישע בן אבויה שעהן געקליידעט, אויף דיא ליפען שפיעלט אַ גוטער שמייכעלע. ביידע פרעמדע בלייבען גאַנץ גלייכגילטיג. אלישע ברענגט מיט זיך אַ גריעכישען בוך.)

ב ת ב ו ר י ת : איך וועל שווערען, ביי איהם ווע̄לען אַט אזעלכע אויך זיין אורחים... באַ איהם איז דאָך פונקט פאַרקערט

א ל י ש ע : וואָס טהוסט דוא, קינד ? א בעזעם איז געשאַ־פען פיר שטויב און מיסט. (נעמט צו ביי איהר דעם בעזעם) הע ! הע ! מענשען זיינען אפשר שטענדיג שטויב, זיי זיינען אָבער ניט שטענדיג מיסט. פריעדען צו'ן אייך, איהר פרעמדע מענשען.

ט ו ב י ה : אויף דער וועלט איז ניטאַ און עס דאַרף ניט זיין קיין פרעמדע מענשען.

א ל י ש ע : אזוי ? נו, זייט דאָ ניט קיין פרעמדע, זייט מיינע געסט. ווער עס איז באַ מיר, דער איז מיין גאַסט.

ש מ ע ו ן : מיר זיינען נים באַ דיר. מיר זיינען באַ אונזער פאָטער אין הימעל.

א ל י ש ע : (ענטציקט) אינטערעסאַנטע, וואונדערבאַרע מענשען !

ב ת ב ו ר י ת : באַ אַן אנדער יודען וואָלט מען דיא עבודה זרה'ניקעס געטריבען מיט שטעקענס פון הויף און דוא ביזט א מכניס אורח. נו, יאָ, באַ דיר קומט דאָך אויס, אז דיא נאָז דאַרף זיין אויף דער פאַטילניצע ! (בייז אב).

א ל י ש ע : פריינדע, איהר דאַרפט אויף איהר קיין פעראַי־בעל האָבען. דיא גאַנצע רעכטע וואָס א פרוי האָט יעצט איז דאָך נאָר צו טענה'ן אביסעל און צו בייזערן זיך. מרימי, פיהר דיא געסט אין הויז, גיעב זיי וואַסער צו וואַשען זייערע פיס, וויין צו לעשען זייער דורשט און עססען צו שטילען זייער הונגער.

ש מ ע ו ן : איך דאַרף ניט עססען יעצט. איך עסס נאָר איין מאָל אין טאָג, ווען דיא זון פערגעהט.

א ל י ש ע : און ווען עססט דו, מיין אלטער פריינד?

ט ו ב י ה : איך עסס, ווען איך האָב הונגער און האָב וואָס צו עססען. דיא זון קוקט ניט אויף מיר, ווען איך בין הונגעריג און איך קוק ניט אויף דער זון, ווען איך עסס...

א ל י ש ע : חע ! חע ! דאָס איז א געזונטער כלל... וויא איך זעה, בעלאַנגסט דוא, אַלטער צו דער חברה, וואָס רופען זיך אביוניטין, אביונים ?

ט ו ב י ה : וויא אזוי האָסט דוא דערקענט, אז איך בין אַן אביוניסט ? יא, איך בין עס, דאָס נעמט זיך פון וואָרט „אביון". מיר זיינען דיא רייכסטע מענשען אין דער וועלט.

א ל י ש ע : חע ! יא, איהר זייט עס. מענשג עס איז זעהר לייכט צו זיין צופריעדען, ווען מען בעדארף נאָר א בעטלער־זאַק, ניין ! דוא פערלאַנג פיעלעס, האָב גרויסע בעדערפניסע, וויל א סך און זיי דאַן צופריעדען !...

ט ו ב י ה : דער יצר הרע זאגט : וויל, וויל נאָך, וויל נאָך, אָהן א שיעור, אָהן א ברעג. נו, וויל גאָר ניט, בלייבט דער יצר הרע מיט א נאָז און דוא בלייבסט צופריעדען. קום, מרימי, איך וויל עסען.

ש מ ע ו ן : און איך וועל נאָר מיינע מיעדע פיס וואַשען און וועל אביסעלע אויסרוהען זיך. אי, גאָטט, פערגיעב מיר, וואָס איך זאָרג אזוי פיעל פיר מיין זינדיגען אונווירדיגען קערפער. (געהט) וועה איז צו דעם מענשען, וואָס וויל זיך צופריעדען שטעלען דאָ אויף דער פינסטערער ערד.

מ ר י מ י : יא, גאָטטעניו, וואָס איז דער מענש, און וואָס וויל דער מענש ? טפוי ! (אַללע דריי אב.)

א ל י ש ע : אונזער יעצטיגער לעבען שאַפט מערקווירדיגע מענשען מיט ערשטוינליכע לעבענס־אַנשויאונגען. דער נאַזארעיער וויל טויטען דיא געפיהלע פון לעבען, פערניכטען דעם מענשענס גייסט און געדאַנק. פון דער יודישער פרומקייט איז אויסגעוואקסען א דונקעלער גלויבען פון זעלבסט פערניכטונג ; דעם אביוניטס אנשויאונג איז שוין ניט אזוי טרויעריג. ער מאַכט זיך לוסטיג איבער זיינע אייגענע צרות, שטעלט זיך אליין א פייג אונטער דער נאָז און מיינט ער האָט עס אָבגעטהאָן א שפּיצעל דעם יצר הרע !...

חע ! חע ! יא, דער מענש זוכט זיין גליק, און זיין געדאנק וואנ־דעלט ארום איבער דיא גרויסע פעלדער פון דענקען און פיהלען. וועט ער אמאל געפינען וואס ער זוכט ? זאלאנג ער וועט עס זוכען דארט אין דיא הימלען, וועט ער עס ניט געפינען דא אויף דער ערד ! (אב אין גארטען אריין פארטראכט.)

ש מ ע ו ן : (מע הערט זיין שטימע פון הויז) טרעהרען און געבעט איז אונזער איינציגע פרייד, אונזער איינציגע ציערונג איז פון תשובה א קלייד, דיא ערלעזונג ווערט געקויפט נאר דורך שמערצען...

ב ת ב ו ר י ת : (קומט אן, שרייענדיג) נעמי, גיעב אכט דארט, דעם טאטענס שעהנע אורחים זאלען וואס ניט אוועג לאדבענען ! (זיא קומט מיט מרימי, טראגען פיעל פערשיעדענע קאוויארען און קישענס פון העלע קאלירען, זיי פערשפרייטען עס איבער דיא ביינק און דיוואנען).

ב ת ב ו ר י ת : אין מיטען דרינען פערגלוסט זיך איהם א שמחה ! מען בלייבט אהן העמד פון ארבייט ! (זיא איז שטארק בעשעפטיגט.)

מ ר י מ י : נאך וואס דארפט איהר אייך בעמיהען ? אהן אייך וועט מען דען ניט טהון וואס מע דארף ?

ב ת ב ו ר י ת : איך זאל ניט ארבייטען, וואלט איך דאך ניט געהאט קיין רעכט א מויל צו עפענען... נעמי ! ברענג נאך א פאאר קישענס... אללע יודען קלאגען און בא איהם איז שמחה וששון... (נעמי קומט מיט א קישען) אין מיטען מיטוואך איז בא דיין טאטען א שמחה...

מ ר י מ י (ארבייטענדיג) : נאך וואס דארף מען דיא אללע שמחות ?

נ ע מ י : איך האב ליעב שמחות !... אבער ניט וויא בא אונז.... ווייס איך, קומען זיך צונויף און ריידען פון אומעטיגע זאכען... בא דיא רוימער קומען זיך צונויף יונגע העררן און דאמען, מע עסט טהייערע מאכלים, מע טרינקט זיסע וויינען... שקלאפען זינגען און שפיעלען... נאכדעם געהט מען אין צירקוס זעהען, וויא מענשען ווערען צוריסען פון לעמפערטען..

מ ר י מ י : דאָס איז טאַקע א שמחה...

ב ת ב ו ר י ת : עס געהט אוועק אזוי פיעל ווייז און בשמים און האָניג - געבעק און וואָס האָט ער דערפון ? ווען קומט דערפון ארויס א טובה ?

נ ע מ י : מאַמע, זאָג בעסער, האָסט א טויטעל ? גיב נור א קוק ביי זיך אין קעשענע.

ב ת ב ו ר י ת : טויטלען האָט זיך דיר פערגלוסט ! (גיט נעמי׳ן אַ טויטעל און קייט אַליין אויך). איך וויים, ער האָט זיך פערריסען מיט דיא יודען און קען ניט זיין קיין נשיא, קיין ראש הישיבה, זאָלען כאָטש דיא רוימער איהם מאכען פאר א גבאי, פאר א מוכסן, פאר וואָס איז... מרימי, געה צאַפּ אן וויין אין דיא קרוגען.

מ ר י מ י : וויין איז דעם שטן׳ס בלוט, אזוי זאָגט גאָטט אונזער הארר.

נ ע מ י : מרימי, שש ! איאָ איך בין אזוי שעהן אנגעטהאָן, אז מען קען ניט דערקענען, אז איך בין א אידישע מיידעל ?

מ ר י מ י : גאָטט קען יעדען דערקענען ! (אלישע קומט, זיי בעמערקען איהם ניט.)

ב ת ב ו ר י ת : שמחות ! אן אנדער טאַטע וואָלט חאָטש געזעהען אַ שדוך פיר זיין קינד. נו, יאָ ! וועלכער יוד וועט זיך וועלען מיט איהם מתחתן זיין !...

נ ע מ י : מוטער, איך וויל ניט דו זאָלסט רעדען פון שדוכים ! איך שעהם זיך...

מ ר י מ י : זיא איז ניט גערעכט ? נאָך וואָס דארף מען גאָר אין גאַנצען דיא שדוכים ? (אב).

ב ת ב ו ר י ת : אַ שעהנער בעל תכלית איז דער טאַטע דיינער ! גוט, זיין פאָטער האָט איהם איבערגעלאָזט אַ פערמעגען, האָט ער וואָס צו ווארפען אין דער בלאָטע אריין. וואָס וואָלט געווען, אז עס וואָלט ניט זיין ?

א ל י ש ע : קינד, מע דארף ניט טראַכטען דערפון, וואָס וואָלט געווען, אז עס וואָלט ניט זיין... עס איז זעהר טיעף... יאָ, איך וויים, זאָגאר באַ מיר אין דערהיים, האָלט מען ניט זעהר שטאַרק פון מיר... עס איז שווער צו פערשטעהן אַ מענשען...

נ ע מ י : (שטיל) איך זאָל זיין אַ טאַטע, וואָלט דיא מאַמע בא מיר געשוויגען...

בתבגרית: דוא זאָלסט זיין אַ מענש וויא אללע מענשען.

א ל י ש ע : אַ דענקענדער מענש שטאָלצירט מיט דעם, וואס ער איז ניט וויא אלע מענשען.

ב ת ב ו ר י ת : נו, יא, דו ביסט אַ למדן, דער חכם, דער מבין, און דיא גאַנצע וועלט איז משוגע. ווען אללע יודען זאָגען יאַ, זאָגסט דוא ניין ! בא אללע יודען איז טרויער, בא דיר איז היינט אַ סעודה... אליין ר׳ עקיבא עליו השלום איז דאָך ביי דיר קאַי אין שפּאַי, היינט וואָס בעדייטען שוין אנדערע ? (וויינענדיג) און אָט מיט אזא מענשען דאַרף מען אבלעבען דיא יאָהרען ! שמחות גאָר מיט געסט, אַז דער בית המקדש איז חרוב און דיא טאָכטער האָט ניט קיין חתן ! (בייז אב.)

אלישע: (זיפצט שטיל) נו, און דוא, נעמי, האָסט פון מיר אזא מיינונג וויא דיא מוטער ?

נ ע מ י : דיא מוטער בעלאַנגט צו דיא אַלטע וועלט. וואָס ווייסט זיא ? זיא האָט דאָך מורא צו רעדען מיט אַ רוימער.

א ל י ש ע : נעמי, מיר געפעלט ניט, וואס פונקט היינט ביזטו געקליידעט אין רוימישע קליידער... היינט פּאַסט ניט.

נ ע מ י : פערקעהרט, היינט וועלען דאָך דאַ ניט זיין נאָר אידישע געסט ? (אַפּאַרט) ביי איהם קומט שטענדיג אויס ניט אזוי וויא מען דאַרף...

א ל י ש ע : ווייל דאַ וועלען זיין רוימער, האָסט דוא געדאַרפט טראָגען אידישע קליידער.

נ ע מ י : האָסט דאָך אליין געזאָגט, אַז אידישע קליידער זיי־נען אזוי הייליג, וויא רוימישע... (אַפּאַרט) וואָס פערשטעהט ער וואָס איז שעהן און וואָס איז ניט שעהן ?

א ל י ש ע : געוויס, אידישע קליידער זיינען ניט הייליג. אבער קיינער דאַרף ניט רעדען, אַז מיר שעהמען זיך מיט דעם וואָס מיר זיינען אידען ! איך דאַרף זיך ניט חנפה׳נען צו יענעם. דאַרף זיך ניט שעהמען מיט זיך אליין. פערקעהרט, מען פעראַכטעט אַ מענש, וועלכער וויל זיך אליין אבלייקענען מיט פרעמדע קליידער, פרעמדע זיטטען און אַ פרעמדע שפּראַך, פערשטאַנען ?

נ ע מ י: יא, יעצט פערשטיי איך, (שטיל) געה, פערשטיי וואס ער מיינט... אי, ער זאָל מיך וועלען פאָלגען, וואָלט ער גאר אן אנ־ דער מענש געוועזן.

א ל י ש ע: וואס האסט דוא געזאָגט? קום אהער, קינד, איך האב מורא, דוא האסט מיך ניט ליעב!

נ ע מ י: איך האב מורא מיט דיר צו רעדען... ביזט אזא מענש, מען קען קיין מאָל ניט טרעפען, וואס דיר קען געפעלען און וואס דיר קען ניט געפעלען....

א ל י ש ע: טרעפען איז שלעכט... טרעפען הייסט געהן ווייא א בלינדער פערד אין גרוב אריין... א מענש דארף דיינקען...

נ ע מ י: דוא אליין לאכסט פון דיא אידען, פלוצלינג, אידי־ שע קליידער!

א ל י ש ע: איך לאך ניט פון דיא אידען, איך וויל ניט צייגען, אז מיין הארץ ווייגט צוזאמען מיט זיי... איך לאך פון דעם, וואס מאכט דיא אידען לעכערליך...

נ ע מ י: דיא מוטער זאָגט, דיך קען מען ניט צופריעדען שטע־ לען, ווייל דוא לעבסט פיר זיך אליין און דיך הארט ניט פאר קיי־ נעם...

א ל י ש ע: און ווייא מיינסט דוא? (בתרובית שרייט: נעמי! אהער געה!)

נ ע מ י: איך? איך וויים ניט. דיא מוטער רופט. (שטיל) עס איז אזוי גוט, וואס זיא רופט מיך... מיר איז אונטערטרעגליך שווער צו בלייבען מיט איהם אליין ששו... ער ווייסט ניט, אז צוליעב א רוימער האב איך היינט אנגעטהאָן א רוימישע קלייד... (לויט) פאָ־ טער, האָסט ניט פערגעסען, האָסט צוגעזאָגט צו קויפען מיר א שני־ רעל פערל... אי, ווייסע פעריל אויף א ווייסען האלז... אי! (אב.)

א ל י ש ע: מען וועט איהר דארפען קויפען פערל.... איך האָב נאָר איין קינד.... איך וויל זיא זאלל זיין צו מיר נאָהענט. און זיא איז ווייט, שרעקליך ווייט פון מיר... איך וויל, זיא זאָל פיהלען און דענקען ווייא איך און זיא... איין מו־ טער קען האבען מעהר איינפלוס אויף א קינד פון צעהן טויזענד פאטערס. (מרימי קוממ).

מ ר י מ י : גוטער הערר, ברודער שמעון הנזיר פרעגט אויב ער קען ריידען מיט אייך, ער וויל פרעגען, ווי קומט עס, אזא גרויסער מענש, וויא איהר, וועלכער פערשטעהט, זאָל ניט וועלען גלויבען...

א ל י ש ע : דער וואס פערשטעהט גלויבט ניט...

מ ר י מ י : אה, הערר! פאָלגט מיך... רעטעט אייער זעעלע אין׳ם נייעם גלויבען.

א ל י ש ע : מיר האבען געזונג צרות מיט׳ן אלטען גלויבען, ברענגט איהר אויף אונזער קאָפּ א נייע צרה... קינד, וואס געפעלט דיר אין׳ם נייעם גלויבען?

מ ר י מ י : מיר זיינען שמרונים, איהר זייט אידען, זיי זיינען רוימער, גריעכען — אלע גלייך. אזוי זאָגט גאָט אונזער הארר. מיר האלטען זיך ניט גרויס געגען קיינעם און אלע זיינען מיר ברידער און שוועסטער דורך דער ליעבע.

א ל י ש ע : איהר קליינע, ארעמע, פערפאָלגטע מענשעלאך! יעצט האט איהר אייך ניט מיט וואס גרויס האלטען, זייט איהר ענוים און איהר האט אייך ליעב. ווען איהר אבער ווערען א מאכט, דאן, מיין אייך, ווען דיא ליעבע זיין טוידט וויא אלע שעהנע ווערטער פון דיא היילינע געבאָט... איהר וועט נאָך אפשר זיין אמאָל מעהר שטאָלץ פון דיא אידען און מעהר ברוטאל פון דיא רוימער.

מ ר י מ י : וואס זאָגט ער? יא, ברודער שמעון, קום אריין. (שמעון און טוביה קומען. מרימי אב.)

א ל י ש ע : אלטער, ווי מיינסט דו: מען דארף פערשטעהן וויא אלע? אדער דער פערשטאנד איז אונז געגעבען געווארען מיר זאָלען פערשטעהן העכער פון אלע?

ט ו ב י ה : איך מיין, מען דארף פערשטעהן, אז מען פערשטעהט ניט.

ש מ ע ו ן : (לעגט צונויף זיינע הענד) פאטער אין הימעל, העלף מיר עפענען דיא אויגען פון דעם בלינדען פערבלאָנדזעטען מענשען. (בעטעט שטיל) אה, גאָט, וואס פערשטעהט א מענש און וואס ווייסט א מענש?

ט ו ב י ה : אז מען גיט א שפרונג אין דער לופטען, ווערט מען ניט גרעסער. דיא פיס האבען זיך אויף א ווייל אבגעטהיילט

פון דער ערד, — דיא איינענע פיס וועלען דיך באלד אראפּשלעפּען צוריק צו דער מוטער ערד!

א ל י ש ע: (בייז) אונזין! מיט דיא פיס שפּרינגט אין דער הויך נאר א פערד. א מענש הויבט זיך אויף דיא פליגלען פון זיינע געדאנקען ביז דיא וואלקענס...

ט ו ב י ה: און בלייבט זיצען מיט'ן בעל מחילה אויף דער ערד (אלישע לאכט שטארק) און איך וועל מיר דערווייל נעהמען און בעגיסען דיא בלומען, זיי ווילען נעבאך א טרונק. (נעהמט א כלי און וואסער פון פאנטאן).

ש מ ע ו ן: ברודער אלישע בן אבויה, איך בין געקומען צו דיר אין'ם נאמען פון אונזער פאטער אין הימעל... ער אליין האט מיך געשיקט.

א ל י ש ע: זעהר א וויטע שליחות... איך האב מורא, איך וועל דיך דארפען שיקען צוריק צו איהם....

ש מ ע ו ן: מיר האבען געהערט, דוא קריטיקירסט דיא אידען פון'ם אלטען געזעץ...

א ל י ש ע: פערקעהרט, איך קריטיקיר דיא אלטע געזעץ פון'ם אידען.

ש מ ע ו ן: אלישע בן אבויה, דוא שטעהסט שוין אויפ'ן וועג פון ערלעזונג... איך ווייס, דוא ווילסט זיי פערלאזען... און געהן מיט'ן וועג פון ערלעזונג.

א ל י ש ע: ניין! איך וויל בלייבען מיט זיי. איך זאל זיי וועלען פערלאזען, וואלטען מיך זייערע פעהלערען און חסרונות ניט געקרענקט... ברודער, דער איינציגער וועג פון ערלייזונג, איז דער וועג פון פערשטאנד...

ש מ ע ו ן: זיי זיינען יעצט פעראכטעט און פערהאסט. עס איז איין אונגליקליכעס פאלק...

א ל י ש ע: ברודער, ווער עס פערלאזט זיין פאלק, ווייל עס איז אונגליקליך, דער איז א פעררעטהער און א פייגלינג!

ש מ ע ו ן: איך זעה, גאט האט נאך ניט געעפענט דיין הארץ... איך גיב דיר איבער צו מיין פאטער אין הימעל. קום, ברודער אביוני.

א ב י ו נ י: געזעגענט זיינען דיא ארימע, צו זיי געהערט גאטעס קעניגרייך. (געהט).

א ל י ש ע: בלייבט... ביי מיר איז היינט א פעסט, וויא אמאל ביים גריעכישען דענקער עפיקור. יעדען 20טען טאג אין חודש פערזאמלען זיך מיינע פריינדע, מיר טרינקען וויין, לעזען פאעזי און געניסען פרייד און פערגניגען...

א ב י ו נ י: אזא פעסט האב איך יעדען טאג אין יאהר. איך זיץ אין גאטס גארטען. טרינק רוישענדע קאלטע וואסער פון א קוואל און הער דיא זיסע שירים פון דיא ליעבע פויגעלאך. זעהסט? (נעהמט ארויס פון בוזעם א הילצערנע פייפעלע און שפיעלט אזוי וויא א פויגעלע טרעללערט).

ש מ ע ו ן: ברודער, הער אויף! פערגניגען איז פון'ם טייוועל, שמערץ און ליידען זיינען פון גאט צו לייטערען אונזערע זעעלען... (טוביה הערט אויף שפיעלען).

א ל י ש ע: ניין! וואס מעהר פרייד און וואס וועניגער שמערצען דארף דער מענש! געניסען איז א טוגענד, נור דאס געניכען דארף זיין ריין וויא דיא טוגענד אליין. (א גערויש): אהא! אימיצער קומט שוין (מאיר קומט) מיין יונגער פריינד, דער גרויסער אידישעגעעלרנטער רבי מאיר...

מ א י ר: שלום עליכם, רבי ומורי. (דריקט זיין האנד, נייגט זיך פון דער וויטען צו דיא פרעמדע).

א ל י ש ע: דוא זעהסט דעם אלטען? זיין בעטלער־זאק איז לעדר, זיין קאפ אבער איז פולל מיט געדאנקען.

ט ו ב י ה: א לעערער זאק און א פולער קאפ — דאס זיינען דיא איינציגע זאכען אין דער וועלט, וואס קיינער וועט דיר ניט מקנא זיין. (אלישע און מאיר לאכען).

מ א י ר: (אפארט) דאכט זיך, אזוי שטאלץ: אין דער ווירקליכקייט אבער איז ער גוט צו יעדען איינעם.

ש מ ע ו ן: פאטער אין הימעל, איך פערבלייב דא מיט דער האפנונג צו לאזען הערען דיין הייליג ווארט צווישען זינדיגע בעלי תאוות.

מ א י ר: רבי, בעפאר דיא געסט וועלען קומען, וויל איך וואס פון אייך לערנען. מיר האבען היינט בשום אופן ניט געקענט דערטאפען זיך, וויא אזוי ר' עקיבא האט געלערנט דעם פשט פון

פסוק „גם זה לעומת זה ברא אלהים... איינס געגען דאס אנדערע האט גאט בעשאפען.... וויא האט עס ר׳ עקיבא ערקלערט?

אלישע: ר׳ עקיבא האט ניט געקענט ערקלעהרען. ער האט ניט געהאט קיין קאפ פון א דענקער... ער האט שפעט אנגעפאנגען צו לערנען.

מאיר: רבי, ער האט אבער ליעב געהאט דאס אידישע פאלק מיט'ן גאנצען הארצען.

אלישע: ליעבע פון א בעגרענצטען מענשען שטערט מעהר וויא זיא העלפט. ווען מען לערנט איין אלטען איז גראדע וויא מען שרייבט אויף אלטע צוריבענע פאפיער... ביי א יונגען תלמיד געהט עס אריין אין זיין בלוט. דברי תורה נבלעו בדמיו. נאך עקיבא'ס בעגריף איז גאט א חנוני, א קרעמער וועלכער זיצט ביי זיך אין קליי־טעל, שרייבט אין פנקס אונזערע חובות און צאהלט מיט גראשען זיינע ליבלינגע... זה לעומת זה, מיינט ער: גאט האט בעצאלט איוב'ן פיר זיינע צרות און קרעץ מיט געלד און רייכטהום. פע! דאס איז זעהר קליינליך.

טוביה: עס איז בעסער, ווען גאט גיט דיר גאר ניט און האט ניט וואס ביי דיר צו צונעהמען!

מאיר: און וויא פערשטעהט איהר, רבי, דעם געדאנק פון את זה לעומת זה?

אלישע: עס איז א פראגע: את זה לעומת זה ברא אלהים? האט גאט געקענט בעשאפען זאכען וואס זיינען א היפך, א געגען, א ווידערשפרוך איינע צו דיא אנדערע? אויב ער האט בעשאפען גוטהייט, נאך וואס האט ער אויך בעשאפען שלעכטהייט? וויא קען זיין דער בורא פון גערעכטיגקייט, זאל מאכען אויך דיא אונגע־רעכטיגקייט?

שמעון: (ערשראקען) גאט אין הימעל, גוטער פאטער. בע־שטראף איהם ניט באלד פיר זיינע שרעקליכע רייד! גיב איהם צייט תשובה טהאן. בעשטראף איהם ניט באלד!

אלישע: שרעק דיך ניט, קינד, ער וועט מיך ניט בעשטרא־פען און דיך ניט בעלאהנען. מענשען בעשטראפען און בעלאהנען זיך אליין. (א גערוישׁ, פיעלע שטימען, עס ווערט זעהר פרעהלאך). אהה, מיינע פריינדע קומען! מיינע פריינדע! ווייבער, דיא געסט זיינען

דאָ! (אבנימוס הגרדי, קוועזיטאר, עטליכע רוימער קומען. אַלע פיהרען א לוסטיגען געשפּרעך). וואס מאכט אבנימוס הגרדי, דער גריעך וואס שטודירט פּלאַטאָ און ליעבט דיא אידען מעהר וויא זיי ליעבען זיך אליין. מאיר, נאָך אזאַ שטילען, גוטען און איבערגעבענעם פריינד איז שווער צו געפינען. (דריקט זיין האַנד.) וואס מאכט דעם דעספּאָט האדריאן'ס קוועזיטאר, וועלכער קומט אהער אַלס פריינד און דענ־קער און ניט אַלס צינזען־מאַהנער און חטאים־זוכער? (דריקט זיין האַנד).

קוועזיטאר: פריינד אלישע, איך קען דאָ היינט, ליידער, לאַנג ניט פערבלייבען.

אלישע: דאס וועלען מיר זעהן. (צו מאיר'ן מיט התלהבות) זיי זיינען אַלע אדער סטאיקער, אדער עפּיקורעער, — זיי זיינען דענקער און ווער עס דענקט, איז מיין פריינד. (אַלע גריסען זיך מיט מאיר'ן: דערווייל האבען דיא פרויען — בתוברית, נעמי און מרימי געבראכט אמפארען מיט וויין און בעכער, געבעקס, ברענענדע ליכט, וועלכע גיבען א שעהנעם גערוך. אלע זעצען זיך ארום פאנטאן אין גרופּען. מען גיסט אָן אַלע בעכער.) וויין פיר אַלע! (מען דערלאַנגט וויין יעדען).

שמעון: וויין און פרויען פיהרען דעם מענשען אין שאול תחתיה... אָה, ברידער, עס איז בעסער דער האַלז זאַל פערלענגט ווערען מיט א מכה, בעפאָר מען טרינקט, און דיא אויגען זאָלען אויסגערונען ווערען, בעפאָר מען קוקט אויף א פרוי!

אלישע: הייסט עס, וויין און פרויען זיינען איבעריגע זאכען? ע! (ציינט אויפ'ן הימעל) אויב ער איז א קלוגער גערטנער, וועט ער ניט פלאנצען אין זיין גארטען וואס מען דארף ניט. פריינדע, דיזע מיינע אונבעקאנטע אורחים זיינען מערקווירדיגע מענשען. איי־נער איז אין גאנצען אין הימעל, דער אנ־דערער איז אין גאנצען אויף דער ערד.

אבנימוס: אַלטער, דוא ביזט דאָך קלוג גענוג צו טרינקען א בעכער וויין?

טוביה: איך טרינק נאר דאן ווען עס איז ביי מיר טרוקען אין האַלז....

בתבורית: ער שטאָפּט אין יעדען... אז דער בעטלער וועט ניט טרינקען בין איך אונגליקליך!

א ל י ש ע: צו וואס לעבען מענשען, וועלכע ווילען ניט גענישען פון דער פרייד? וויאוואט!

ק ו ו ע ז י ט א ר: ליעבער פריינד, גענוס און פרייד זיינען נור שוואכהייטען. דיא הויפטזאכע, דער מענש זאל מיט זיין פערשטאנד אונטערדריקען דיא שרעקליכסטע געפיהלע פון ווייטאג און שמערץ.

א ב נ י מ ו ס: אה! דער סטאיקער מיט'ן עפיקורעער וועלען שוין אנפאנגען א בלוטיגען קריעג. וויוואט! (אלע מענער טרינקען און רעדען צווישען זיך).

נ ע מ י: זעה, מרימי, איז דער שטאלצער רוימער ניט גרויס און שטארק וויא איינער פון זייערע מארמארנע געטער?

מ ר י מ י: א גרויסע זאך איז א שטיינערנער גאט!

א ל י ש ע: (צו זיין פרוי; גליקליך) גוטע, עהרליכע קערלעז, איא? דענקענדע מענשען? עס איז א פערגניגען, גיב אונז נאך וויין. ווער אויך פרעהלאך, קינד!

ב ת ב ו ר י ת: טרינקען זאלען זיי שוין צום לעצטען מאל. דענקענדע מענשען! (זיא און מרימי אב.)

ק ו ו ע ז י ט א ר: (שטיל צו נעמי) ביזט אזוי שעהן געקליידעט, קיינער וועט ניט גלויבען, אז דוא ביזט א אידישע מערכען.

נ ע מ י: (ענטציקט) טאקע? אה, דוא זאגסט עס נאר אזוי.

ק ו ו ע ז י ט א ר: איך מיין עס... (נאך שטילער) ליעבע נעמי, ווען?...

נ ע מ י: ווען דוא וועסט בעפעהלען!

ק ו ו ע ז י ט א ר: אלזא, זיי פארבערייטעט... (לויט) פריינד אלישע, דיין שעהנע טאכטער דענקט וויא א וואהרע רוימערין (שטיל צו איינעם פון דיא רוימער) אם ווענינגסטען, ווען איך וועל קומען פון יודעא צוריק קיין רוים, וועל איך האבען מיט וואס בעריהמען זיך...

א ב נ י מ ו ס: איך מיין, עס איז בעסער א יודין זאל דענקען וויא א יודין. פריינד רבי אלישע בן אבויה, מען דארף ניט פערליערען קיין צייט אומזיסט.

א ל י ש ע: יא, יא! באלד וועלען מיר אנפאנגען דאס צווייטע געזאנג פון האמערס איליאדא. אה, גרויסער האמער, איך פערגעטער דיך... (נעהמט א בוך).

ש מ ע ו ן: פאטער אין הימעל, א מענשען פערגעטערט ער!

א ל י ש ע: קינד, בעסער א מענש פערגעטערען, איידער א גאט פערמענשלען! אלזא מיר פאנגען אן. (פארבערייטעט זיך צו לעזען. בתבורית און מרימי ברענגען נאך ווייז).

ק ו ו ע ז י ט א ר: מיין פריינד אלישע, ענטשולדיג, איך קען דא לאנג ניט פערבלייבען. (פיהרט איהם אן א זייט). א בריעף איז ערהאלטען געווארען פון׳ם פראקוראטאר רופיוס, איך זאל איהם באלד שיקען געלד. דוא ביזט א רייכער מאן און דוא מוזט מיר אויף א קורצע צייט לייהען 10 טויזענד געלד שטיקע.

א ל י ש ע: מען מיינט, איך בין זעהר רייך, ווייל מיין האנד איז פריי, רוימער, דיא סומע וואס דוא בעטסט איז ביינאהע אלעס וואס איך פערמאג... אין אונזערע אונרוהיגע צייטען דארף מען זעהר פארזיכטיג זיין... פערגעס ניט, איך האב איין קינד... ניט דוא, ניט איהר מוטער, זאגאר זיא אליין ווייסט ניט, וויא טהייער זיא איז מיר... פריינד, פערשטעה מיך, איין קינד...

ק ו ו ע ז י ט א ר: דוא קריעגסט דיין געלד אין ניכען צוריק. דערוייף גיב איך דיר דאס עהרענווארט פון א פאטריציער, פון א נאבעלמאן און דענקער...

א ל י ש ע: איך ווייס ניט, אויב איך קען עס דיר פער־שפרעכען.

ק ו ו ע ז י ט א ר: איך מוז דיר זאגען דיא וואהרהייט. העלפסט דוא מיר יעצט, וועל איך דיר דאס געלד אומקעהרען, ווען דיא ארימע און מיטעללאזע יודען וועלען ביסלאכווייז אהן נויט און צוואנג איינצאהלען זייערע צינזען. אויב אבער ניט, וועל איך לייר דער זיין געצוואונגען געגען מיין ווילען, זאמלען דאס געלד ביי דיא אידען דורך געוואלד, גרויזאמקייט און פיליכט גאר דורך בלוט־פערגיסענעס... מיר מוזען טהאן וואס מען הייסט אונז...

א ל י ש ע: דארפסט דאס געלד באלד?

ק ו ו ע ז י ט א ר: יא, מיין פריינד, אויב עס איז מעגליך...

א ל י ש ע: איין אויגענבליק. (געהט צו זיין פרוי, שטיל) בתבורית, זיי אזוי גוט, גיעב מיר דעם שליסעל פון׳ם אייזערנעם קאסטען.

ב ת ב ו ר י ת : וואס ? וועה איז מיר ! ווענינ וואס דיא גוים צאפען ביסלעכווייז אונזער בלוט, זויפען אונזער ווין און פרעסען אונזער ברויט...

א ל י ש ע : שש, קינד... איך וועל דיר שפעטער אלעס ער־קלערען...

ב ת ב ו ר י ת : גזלן, רוצח, ווילסט אונז בערויבען, בע'גזלן'ען, נעהמסט צו ביי מיר און גיסט אב דעם גוי־חזיר, דעם רוימער !...

א ל י ש ע : (ענערגיש) שש ! דער רוימער איז פריהער פון אלעס א מענש, ער איז א דענקער און דיא הויפטזאכע, ער איז מיין פריינד. איך זאל ניט האבען קיין צוטרוי צו מיין פריינד, דארף איך אליין צו זיך קיין צוטרוי האבען. גיכער, עס איז ניט שעהן ער־זאל ווארטען ! (זיא גיט איהם דעם שליסעל. אלישע געהט. דער קווע־זיטאר שיקט נאך איהם צוויי רוימער. אליין געהט ער צו נעמי'ן.)

ב ת ב ו ר י ת (צו רבי מאיר'ן וויינענדיג) : זעהט, וואס ער, דער משוגענער טהוט מיט אונז ?

מ א י ר : שש ! מע טאר ניט מבזה זיין אזא מאן וויא רבי אלישע בן אבויה ! מאנכעס מאל קענען מיר ניט פערשטיין, וואס א גרויסער מענש טהוט. (ער בערוהיגט זיא)

נ ע מ י : (נאאיוו) יא, אנטאניוס, די יודען זאלען מיך פאל־גען, וואלטען זיי אלע געטהון וויא איך. נאך וואס דארף מען זיין אבגעטהיילט און אבגעזונדערט און פערהאסט ?.... איז דען ניט בע־סער קליידען זיך וויא דיא רוימער און אויפפיהרען זיך וויא זיי ? וואס איז דער אונטערשיעד יוד אדער רוימער ? וויא זאגט דער פאטער, מיר זיינען אלע מענשען. ניט וואהר ?

ק ו ו ע ז י ט א ר : יא, מיין געליעבטע, מיין שעהנע יודישע־רוימערין. (רעדען שטיל.)

ש מ ע ו ן : (שטעהט אויף) זינדיגע, שטערבליכע מענשען, ווילט איהר הערען וואס גאט, אונזער פאטער אין הימעל, זאגט אצינד צו'ן אייך ?... (אלע : הערט ! הערט ! א געלעכטער).

ט ו ב י ה : ברודער שמעון, רעד ניט צו דער וואנד ! רעדט ניט צו א טויטען און רעד ניט צו א פרוי, ווען זיא מאכט לאדקעס... (געלעכטער. אלישע קומט, נאך איהם טראגען דיא רוימער א גרויסען לעדערנאם זאק. זיי געהען אב).

ק ו ו ע ז י ט א ר : דאנקע, פריינד אלישע! פריינדע, עס טהוט מיר זעהר לייד צו פערלאזען אזא געזעלשאפט, אבער איך מוז געהן. מיר מוזען טהון וואס מען הייסט אונז. בלייבט אלע אין פריע־דען. (ראש אב.)

א ב נ י מ ו ס : מיין טייערער גוטער פריינד אלישע, וואס איז עס היינט מיט דיר?

א ל י ש ע : שוין... מיר קעהרען זיך באלד אום צוריק צו אונזער בעליעבטען האמער: (לעזט.)

„וויא שאארען פון זוממענדע ביהנען, וועלכע פליהען
אין רייהען געדיכטע צו דיא בליהענדע בלומען פון פריהלינג
מיט א שטורמישע פרייד און געטוממעל“ . . . (דער ראש הישיבה מיט עטליכע אלטע תלמידי הכמים קומען.)

ב ת ב ו ר י ת : אהא! זיי זיינען געקומען! דו וועסט זע־הען, מיר זיינען יודען! מיין ניט, אז עס איז גאר ניטא קיין דין ודיין בישראל! מע וועט זיך נעהמען צו דיר!...

א ל י ש ע : אה, וועלכע אונערווארטעטע געסט.

נ ע מ י : (צו אבנימוס) קומט.... אז יודען קומען, וועט מען גע־וויס, אדער וויינען, אדער זאגען מוסר. (זיא און אבנימוס דערווייטערן זיך אין גארטען)

ר א ש ה י ש י ב ה : אויך דו, ר׳ מאיר, ביסט דא ביי איהם?

מ א י ר ; רבי, איך לערן דא... וויא זאגט מען. איך עסס נאר דאס אייננעוועניגסטע פונ׳ם מילגרוים די שאלעכץ ווארף איך אוועק.

ר א ש ה י ש י ב ה : און דו ר׳ אלישע בן אבויה לעזט ספרים חצונים, גוישע ביכער? הא?... ר׳ עקיבא האט געזאגט: ווער עס לעזט ספרים חצונים, האט ניט קיין חלק אין עולם הבא!

א ל י ש ע : ווען עקיבא זאל קענען לעזען און פערשטיין דיא ספרים חצונים, וואלט ער ניט געזאגט אזא נארישקייט.

מ א י ר (שטיל צו אלישע) רבי, איהר זייט א בריה צו מאכען זיך שונאים, דערפאר דערציילט מען פון אייך גאטט ווייס וואס. נאך וואס זאלט איהר אייך מיט אלעמען פערקריעגען?

א ל י ש ע : קינד, אז מע זאגט דעם אמת, מוז מען זיך מאכען שונאים.

ר א ש ה י ש י ב ה (וועלכער האָט דערווײלע בעמערקט דיא סטאַ־טוע) רחמנא יצילני! וואס איז דאס? אַן אָבגאָטט ביי אַ יודען אין הויז!

מ א י ר: ניין, רבי, עס איז נאָר פון שעהנקייט וועגען. קיינער, חלילה, רעכענט עס ניט פאר אַ היילינגטהום.... (דער קוועזיטאָר גנב'עט זיך אריין אונטער אַ בוים און הערט זיך צו).

ר א ש ה י ש י ב ה: ר' אלישע, ניט נאָר פרעמדע, דיין אייגען ווייב בעקלאָגט זיך אויף דיר...

א ל י ש ע: מיין ווייב?!... (ערשטוינט)

ב ת ב ו ר י ת: איך האָב דען איין אַנדער ברירה? אַ גאַל מוז דאָך אַ מאָל פּלאַצען!...

ר א ש ה י ש י ב ה: ר' אלישע, שעהמסט זיך ניט צו מאַכען דאָ שמחות, וועהרענד דיא בלוט - דורשטיגע רוימער ערלויבען אונז ניט צו פייערען אונזערע היילינגע יום טובים, צו היטען אונזער שבת קודש, צו מאַכען חתונות נאָך'ן אידישען מנהג, צו מל'ן אונזערע קינדער? דיא ניעדערטרעכטיגע רוימער ערלויבען ניט, אונזערע כלות זאָלען זיך בעפּוצען מיט בלומען און דוא זיצסט דאָ צווישען פּאַלמען און בלומען און טרינקסט וויין.

א ל י ש ע: מיט ווײנען און זיפצען קען מען דעם צווייטען זעהר וועניג העלפען.

ז ק ו ו ע ז י ט א ר: (אַפּאַרט) געמיינע יודען, איהר וועט שוין האָבען אייער שטראָף.

ר א ש ה י ש י ב ה: דאס דאַרף דער יוד דיא גוישע חכמות? איז וועניג דאָ צו לערנען אין דער תורה הקדושה?

א ל י ש ע: זעהסט? דער בעכער מיט וויין קעהרט זיך ניט אום, ווייל דער פונדאמענט איז שווערער פון'ם ווין מיט'ן בעכער. איהר אבער גיסט אין אייער בעכער צופיעל דינים, הלכות, מצוות, סיגים, מנהגים.... און דער פונדאמענט איז צו גרינג. (צייגט אויף שמעון'ן מיט טוביה'ן) דאס האט זיך שוין פון יודישען בעכער הערויסגעגאָסען.

ר א ש ה י ש י ב ה: ווא זשע, דוא בעלאַנגסט חלילה צו זיי, צו דיא מינים, צו דיא מאמינים אין ישו הנוצרי?...

א ל י ש ע : גלויבען איז יעדען מענשענס פריוואַט זאַכע, איך דאַרף קיינעם ניט אָבגעבען קיין חשבון, וואָס איך גלויב און וויא איך גלויב.

מ א י ר : (צום ראש הישיבה) רבי, פערגעסט ניט, ער איז א גרויסער געלעהרענטער און דערפאַר אַליין קומט איהם מערר כבוד פון אַן אַנדערן.

ר א ש ה י ש י ב ה : אלישע, דיין אייגען ווייב זאָגט: דוא ביזט מעהר איבערגעגעבען צו דיא טרפנע געמיינע רוימער, וויא צו דיינע ברידער דיא יודען...

ק װ ע ז י ט א ר : (אַפּאַרט) יודען, דאָס װעט אייך ניט גע־שענקט ווערען!

א ל י ש ע : (בעטראַכט זיין פרוי) מיין פרוי בעשולדיגט מיך? זיא איז מיין קינדס מוטער און איך דאַרף איהרע רייד ניט אָבליי־קענען.

ר א ש ה י ש י ב ה : ר׳ אלישע בן אבויה, ווילסט דוא דען געהן געגען דיין גאַנצען פאָלק ישראל?

א ל י ש ע : איך זאָל דאַרפען געהן געגען דער גאַנצער װעלט, װאָלט איך דאָך ניט אַראָבגעקעהרט פון מיין וועג!

ר א ש ה י ש י ב ה : אָי, צו פערליערען א יודען איז א גרויי־סער ווייטאָג, ווער רעדט נאָך צו פערליערען אזא תלמיד חכם וויא אלישע בן אבויה... אין דער צייט ווען דאָס יודישע פאָלק איז אזוי צובראָכען און אונטערדריקט, דאַרף ביי אונז אַלע זיין איין געפיהל, איין געדאַנק, איין הארץ... בעדענק זיך, וואוהין וועט דיך דאָס אַלעס פיהרען? דוא האָסט א פרוי, דוא האָסט א קינד, דוא האָסט ברי־דער... דוא דאַרפסט געהערען צו זיי...

א ל י ש ע : יא, איך דאַרף געהערען צו זיי... קיינער אבער דאַרף ניט געהערען צו מיר... אַלע האָבען צו מיר טענות, איך האָב צו קיינעם קיין טענות ניט... פיעלע בעשולדיגען מיך, איך מאַך קיי־נעם ניט שולדיג . . .

ר א ש ה י ש י ב ה : אלישע בן אבויה, מיר זיינען דיך געקוי־מען פרעגען: ווילסט דוא זיין א יוד, וויא אַלע יודען? וואָס פאַר אַן ענטפער גיסט דוא אונז? (פויזע, קיין ענטפער. פלוצלונג א גע־טוממעל, א פרוויען שטיממע, פיעלע מעננער הוקען און שרייען און פייי־

פען. בעאַטא אַ טויט ערשראָקענע, לויפט אריין. טראָגט זעהר שעהנע רוי־
מעשע קליידער, וועלכע זיינען אין אַ אונאָרדנונג. נאָך איהר לויפען אריין;
פיעלע יודישע יונגע ליינט און רוימישע סאָלדאַטען). (נעמי און אבנימוס
ערשיינען). (מרימי לויפט אַרויס פון הויז אַן ערשראָקענע).

ב ע א ט א : (קוים וואס זיא אַטהעמט) גוטע מענשען, רעטעט
מיך... דיעזע ווילדע אונמענשען ווילען מיר שלעכטעס טהון... זיי
געהן אהער ! זיי געהן אהער !...

א ל י ש ע : ווער וועט וואגען דיר שלעכטעס טהון דאָ, ביי
מיר ? זעץ דיך, קינד, און בערוהיג דיך.

ב ע א ט א : גוטער מענש. דוא קענסט מיך ניט... דוא ווייסט
ניט, ווער איך בין.

א ל י ש ע : ווער עס איז דאָ, איז מיין פריינד און מיין גאַסט.
(ער ברענגט איהר אַ ביסעל וויין אין אַ בעכער)

ב ת ב ו ר י ת : נו, יאָ, אַזאַ פרוי איז ביי איהם אויך אַ גאַסט
און אַ פריינד...

ט ו ב י ה : שוועסטעריל, מע דארף ניט רייצען דיא הינד אויף
אַ פערבלאָנזעטע שאָף.

נ ע מ י : איאָ, עס איז אַ שאנדע צו קוקען אויף איהר !...

ש מ ע ו ן : געפאַלענע פרוי, ווארום קעהרסט דוא זיך ניט אום
צו דיין גוטען פאָטער אין הימעל ? ער פערגיעבט יערען מענשען
זיינע זינד.

א י י ן ג א ס ט : זיא האָט אַ שעהנעם קערפּער... חע ! חע !

ר א ש ה י ש י ב ה : אַ מאָל פלעגט מען אַזעלכע זינדיגע
פרויען פערברענען אויפ'ן פייער און היינט איז מען זיי מכנים אורח!
אי, גאָטעניו פאָטער !

א ל י ש ע : קינד, פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ. דיא נאַטור האָט
בעשאַפען דיא פרוי צו זיין מוטער, שוועסטער, און געליעבטע. קיין
געפאַלענע פרוי דאָס דיא מוטער נאַטור ניט בעשאַפען... מענשען
ווענדען פריהער אַן אַלע מיטלען, דו זאָלסט פאַלען און רופט דיך
נאָכדעם מיט פעראַכטונג געפאַלענע... ביי מיר ביזט דוא גלייך מיט
זיי אַלע דאָ !

נ ע מ י : דוא הערסט, מוטער, ער פערגלייכט זיא צו מיר !

ב ת ב ו ר י ת : ער ווייסט דען, וואס ער רעדט ?....

ב ע א ט א : (בעטראַכט איהם מיט אַ געפיהל פון פערגעטערונג) דו ביסט עס, דער גרויסער אלישע בן אבויה? דוא ביסט ניט אזא מענש וויא אלע. דוא ביזט אַן אנדערער...

ר א ש ה י ש י ב ה : אָה, אלישע, איך בין דיך געקומען פרע־גען, נאָך וואס זאָלסט דוא זיין, וויא זיא זאָגט, איין אנדערער, אַן איש אחר, ווען דוא קענסט זיין איין אב ושופט בישראל! און צוליעב וואס? צוליעב נארישקייטען, צוליעב ספרים חצונים, צוליעב אונ־זיניגע גוישע ביכלעך, צוליעב נידריגע תאוות!

א ל י ש ע : (גיט אויף איהם אַ קוק. צוקט מיט דיא אַקסלען. רייסט אויס אַ בלום, גיט בעאטא'ן.) ארעמעס, אונגליקליכעס קינד! אידום קיין ענטפער קען איך ניט געבען. דיר אַם וויינינגסטען, קען איך געבען אַ בלום...

ב ע א ט א : אָה, גרויסער מענש! (זיא טראגט צו דיא בלום צו איהרע ליפען.)

(דער ראש הישיבה און תלמידי חכמים געהן בייז פאָרט. בתבורית פערברעכט איהרע הענד אין פערצווייפלונג. נעמי ווייזט מרימי'ן וויא שעהן בעאטא'ס קלייד איז. שמעון בעט גאָטט. טוביה, אַ גליקליכער, צייגט אבנימוס'ן, וואס פאר א גוטער מענש אלישע איז.)

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

צווייטער אקט.

(אַ גרויסער פּלאַץ לעבען אַ געדיכטען וואַלד. עס ליעגען פיעל אָבגעהאַקטע בוימער, און געזעגטע קלעצער. דער ראש הישיבה, דיא אַלע תלמידי חכמים און פיעלע יודען ארבייטען. אייניגע זעגען האָלץ, אַנדערע טראָ־גען דיא אָבגעזעגטע שטיקער. ביי יעדע זעג האַלטען זיך 4 מענשען, אַ לייכטען שטיק האָלץ טראָגען 5—6 יודען. פון דער ווייטען שטעהען רוימעשע סאָלדאַטען מיט שפּיעזען און שווערטען. דיא יודען זינגען „על נהרות בבל“, פיעלע פון זיי וויינען.)

ר א ש ה י ש י ב ה : אי! זכור ד׳ לבני אדום (ציינט אויף דיא רוימער) את יום ירושלים... פערגעס ניט, נאַטעניו, וואָס זיי האָבען געטהאָן צו דיין הייליגע שטאָדט! אנשטאַט צו זינגען משירי ציון, זינגען מיר שבת על נהרות בבל! שבת קודש איז היינט, פאָטער, און דיינע קינדער זיינען געצוואונגען היינט צו ארבייטען. דיין תורה איז פערשטערט, דיין בית המקדש איז חרוב, דיין שטאָדט ירושלים איז אין גוישע הענד. דאס אונשולדיג בלוט פון דיין פאָלק ווערט פערגאָסען וויא וואסער, און קיין הילפע, קיין טרויסט, קיין האָפנונג איז ניטאָ. עד מתי, אבי? ביז וואנען נאָך, טאַטעניו פאַ־טער אין הימעל? וויא לאַנג נאָך? (וויינט. זיי הויבען אָן וויעדער זינגען על נהרות בבל.) (קוועזיטאר קומט מיט צוויי סאָלדאַטען.)

א י י ן י ו ד : אי, דער בלוטדורשטיגער געהט, וויא איהר זעהט מיך אַ מענשען אויף דער וועלט!

ק ו ו ע ז י ט א ר : (צו דיא רוימער) ערלויבט זיי ניט רעדען, ערלויבט זיי ניט זינגען. דער יוד דאַרף ניט זינגען! פון ליעדער ערוועקט זיך דער רעוואָלוציאָנערער גייסט... שווייגען דאַרפען זיי און ארבייטען געצוואונגענע ארבייט!

ר א ש ה י ש י ב ה : ארבייט, קינדער. גאָטט זעהט אז מיר מוזען מחלל שבת זיין און וועט אונז חלילה ניט שטראָפען דערפאַר. (אַלע ארבייטען.)

ק ו ו ע ז י ט א ר : אהא, אַלטער יהודי, דיר איז שווער צו אר בייטען? איך האָב אייך געהייסען צווינגען ארבייטען דעם שבת

ווייל איהר פערפאָלגט יעדען, וואס איז אַ פריינד צו דיא רוימער... אונזער פריינד אלישע בן אבויה זאָגט, אז שבת ארבייטען איז ניט קיין פערברעכען... איהם צוליעב ארבייטעט איהר היינט.

ר א ש ה י ש י ב ה: אלישע בן אבויה? אָה, גאָטט, ניט אומזיסט האָט איינער פון דיינע נביאים געזאָגט: מהרסיך ומחריביך ממך יצאו... דיא צושטערער און פערדערבער פון יודישען פאָלק זיינען יודען...

ק ו ו ע ז י ט א ר: איהר מיינט, איך ווייס ניט, ווארום אַ גאַנצער קהל יודען טראָגט איין שטיקעל האָלץ? דאס איז אַ יודי־שער שפיצעל אבצונארען דיא רוימער. איהר ווילט אייך מאכען דיא ארבייט אזוי גרינג, אַז אייער גאָטט זאָל זעהען אַז אירר ארבייט דאָך ניט אום שבת... אייערע ראַבאַים לערנען אייך דאס צו טהון. מיר ווייסען אַלעס.

ר א ש ה י ש י ב ה: (שטיל) רבונו דעלמא, וויא אזוי קען אַ גוי וויסען פון דעם סוד?

ק ו ו ע ז י ט א ר: ווען דיא רוימער האָבען אזעלכע איבער־געגעבענע פריינדע, וויא אלישע בן אבויה, איז זיי ניט שווער צו וויסען, וויא אַזוי איהר ווילט ארומגיין דיא געזעצע און דיא בעפעה־לע פון אונזער אימפעראַטאָר האַדריאַן... פון יודען ערפאַהרען מיר דיא יודישע געהיימניסע!

ר א ש ה י ש י ב ה: גאָטט אין הימעל, אלישע איז ניט נאָר אַ כופר בעיקר, ער איז אַ מסור אויך!...

ק ו ו ע ז י ט א ר: עי! נאָר צוויי יודען זאָלען שטיין ביי אַ זעג און נור איין יודע זאָל טראָגען יעדען שטיק האָלץ!

א י י ן י ו ד: האר אוים, ווען משיח וועט קומען, וועלען די גוים ארבייטען מיט דיא זייטען. וויא איהר זעהט מיר אַ מענשען אויף דער וועלט.

ק ו ו ע ז י ט אָ ר: איהר ווילט אונז אבנארען? מיר וועלען זיך ניט בערוהיגען, ביז מיר וועלען ניט אויסמעקען דעם הארטנע־קיגען יודען פון דער וועלט!

ר א ש ה י ש י ב ה: רוימער, פיעלע האָבען געוואָלט דיא יודען אויסמעקען און וואו זיינען זיי? וואו זיינען דיא מצריים, וועלכע האָבען דיא יודען פערקנעכט? וואו זיינען דיא פלישתים,

וועלכע האָבען דיא יודען פערפּאָלגט ? וואו איז בבל, וואס האט דיא יודען אונטערדריקט ? דיא מעכטיגע פעלקער, וואס האָבען פער־פאָלגט דיא שוואכע יודען זיינען פערשוואונדען פון דער ערד און ישראל לעבט. אויך רוים וועט פאלען, אבער ציון וועט ניע חרוב ווערען !...

קוועזיטאר : אַלטער נארר, דיין ציון ליעגט אין רואינען.

ראש הישיבה : רוימער, מע קען ציון ניט חרוב מאכען! וויא קענסט דו חרוב מאכען א שטאָדט, וועלכע איז ניט געבויט אין דרויסען, נאָר וועלכע שטעהט פעסט און וועט עוויג שטעהן אין דיא הערצער און אין דיא געדאַנקען פונ׳ם גאַנצען יודישען פאָלק ?

קוועזיטאר : (צו א סאָלדאַט) צייג דעם פרעכען יהודי, ווי מע דארף ארבייטען און שווייגען !

(אַ סאָלדאַט שלאָגט איהם. אַלע יודען : אי, טאַטע פאָטער אין הי־מעל !) (קוועזיטאָר זעצט זיך אויף אַ שטיק האָלץ. שמעון הנזיר און טוביה האביוני קומען, מיעד פון אַ וויטען וועג.)

עי, וואס איז דאס פאר שפּאציער־געהער—ווער זייט איהר ?

טוביה : ווער? איך? איך בין קיינער ניט, דערפאר הער איך קיינעם ניט. איך צאָהל קיינעם אין דער וועלט קיין צינזען ניט, דערפאר צאָהלט דיא גאַנצע וועלט צינזען מיר...

קוועזיטאר : מיט וועמען רעדסט דוא דאס ? איך פרעג, ווער זייט איהר און וואוהין געהט אירר ?

שמעון : מיר זיינען גאָטטעס קינדער.

קוועזיטאר : גאָטט האט געמעגט האָבען אַ ביסעל מעהר אנשטענדיגע קינדער...

שמעון : און מיר טראָגען איבער דער וועלט גאָטטעס וואָרט.

קוועזיטאר :נאָך וואס זאָלט איהר אייך אומשלעפען אי־בער דער וועלט מיט אזא נארישקייט ? שטעלט אייך בעסער אר־בייטען. יודען דארפען ארבייטען אום שבת... עי, נעהמט זיי צו דער ארבייט ! (דיא סאָלדאַטען שטויסען זיי).

שמעון : מיר געהערען ניט צו זיי, מיר געהערען צו אונזער פאָטער אין הימעל.

ק ו ו ע ז י ט א ר : צום פאַטער אין הימעל? זאָל ער צוויי מאָל אזוי פיעל אויסאַרבייטען!

ט ו ב י ה : דוא ווילסט, איך זאָל שבת ארבייטען, וועל איך ארבייטען. ניט דער מענש איז געשאַפען געוואָרען צוליעב דעם שבת, דער שבת איז געשאַפען פיר'ן מענשען. דוא ווילסט ניט, היינט זאָל מיין שבת זיין, ווען זיין מיין שבת, ווען איך וועל פון דיר פטור ווערען. (ארבייטעט לוסטיג) ווען מיין זעעלע איז צופריעדען, קען קיינער מיין שבת ניט צושטערען...

ש מ ע ו ן : רוימער, וויא שטארק און שטאָלץ דוא זאָלסט ניט זיין, איך וועל דיך בעזיעגען מיט גאָטטעס וואָרט...

ק ו ו ע ז י ט א ר : עזעל! בעזיעגען בעזיעגט מען נאָר מיט דעם! (שלאָגט איהם מיט זיין פויסט. שמעון פאַלט.)

ש מ ע ו ן : מענסט שלאָגען מיין גוף, מיין זעעלע קענסט דוא ניט ערהייכען... דיין רוימישע קעניגרייך איז גרויס—אלעס אבער וועט בעלאַנגען צום נאַזאַריער... ביסלעכווייז און שטילערהייד נעהמען מיר איין דיא וועלט... מיר האָבען אונזערע צווישען אייערע (סאָלדאַט שלאָגט איהם.)

ש מ ע ו ן : שלאָג, ברודער, דאס הארט מיך זעהר ווייניג. מיר האָבעןביידע איין פאַטער אין הימעל...

ט ו ב י ה : ווען עס וואָלט אבער ניט געווען קיין אונזערע, זייערע, אייערע, מיינע דיינע,—וואָלט דאָך ניט געדאַרפט זיין קיין אויבערשלאָגער און קיין אונטערשלאָגער (ציינט פריהער אויפ'ן קוועזיטאָר, נאכדעם אויפ'ן סאָלדאַט.)

ק ו ו ע ז י ט א ר : ביז זון־אונטערגאַנג זאָלען זיי אלע דאָ שווער און פלייסיג ארבייטען.

א י י ן י ו ד : ארבייטען זאָל מיט דיר דער מלאך המות, רב"ע.

ק ו ו ע ז י ט א ר : איך געה! (דיא סאָלדאַטען טרייבען אונטער אלעמען פלייסיגער צו ארבייטען. קוועזיטאר געהט, אנקעגען קומט אבנימוס.)

א ב נ י מ ו ס : דאָ איז דאס... אנטאָניוס סערוויוס, דיך זוך איך...

קוועזיטאר: מיך פרייט זעהר צו זעהען איינעם פון מיינע געאכטעטע פריינדע...

אבנימוס: הער, מיין יונגער פריינד און גרויסער געלערטער—ר׳ מאיר איז געקומען צולויפען צו מיר זעהר א בעטריעבטער. מע האָט זאָגט ער, אליין דעם אלטען ראש הישיבה און פיעלע געאכטעטע זקנים געטריעבען ארבייטען אים הייליגען יודישען טאָג שבת.

קוועזיטאָר: מיר מוזען טהון וואָס מע הייסט אונז.

אבנימוס: אה, לאָזט זיי, אם ווענינגסטען, אכטען דיא געזעצע פון זייער רעליגיאָן.

קוועזיטאר: קיין רעליגיאָן אין דער וועלט איז ניט אזוי שעדליך פיר רוים, וויא דיא יודישע. זאָגט דען ניט דאָס זעלבע, זאָגאר אזא יודישער געלערנטער וויא אלישע בן אבויה ?

ראש הישיבה: אה, אלישע, וויא שווער דוא זינדיגסט געגען דיין פאָלק.

אבנימוס: איך האָב איהם פערשפּראָכען, באלד דיך געפינען און בעטען דוא זאָלסט זיי בעפרייען. זייט דאָך ניט אזוי אונגערעכט צו זיי...

קוועזיטאָר: מיין פריינד, שטאאטס אינטערעסען שטעהען העכער פון דעם, וואָס מיר רעכענען גערעכט און אונגערעכט.

אבנימוס: וואָרום זאָלט איהר צו דיא יודען זיין גרויזאמער, וויא צו אנדערע פעלקער ?

קוועזיטאָר: דיא יודען זיינען דיא געפעהרליכסטע געגנער פון רעגיערונג — ניט נאָר זיינען זיי אליין שטענדיג אונצופריעדען, זיי פערגיפטען אויך אנדערע מיט׳ן גיפט פון אונצופריעדענהייט און פראָטעסט ! דיא העכערע פאָליטיק פאָרדערט, מען זאָל דיעזע רעבעלישע נאציאָנאַליטעט פערניכטען, אָדער, אם ווענינגסטען, אזוי אונטערדריקען, אז פון זייער פרייען גייסט זאָל גאָר נישט בלייבען.

אבנימוס: רוימער, דיעזע שוואכע נאציאנאליטעט האָט א גרויסע מאכט, וועלכע איהר וועט ניע בעזיעגען. לכו וחזרו על בתי כנסיות ובתי מדרשות שלהם, געה אונטערזוך זייערע צאהלרייכע

שוהלען, הייזער פון פערזאמלונגען און פארשונג, אין דעם ליעגט זעהר גרויסע מאכט (דער ראש הישיבה הויבט אויף א שווערען קלאָץ און פאַלט) זעה, דער עהרענסווירדיגער אלטער מאן פאַלט אונטער זיין לאַסט. אין׳ם נאָמען פון אונזער פריינדשאפט בעט איך דיך, בעפריי זיי פון דער ארבייט.

ט ו ב י ה : (העלפט דעם ראש הישיבה אויפשטעהן) אלטער, דוא האָסט א שטארקען קאָפּ און שוואכע פיס... עס איז דערפאר, ווייל דוא דרשנ׳סט א סך אין בית המדרש, און געהסט אום וועניג אין פרייען פעלד. דאָס גאַנצע יודישע פאָלק האָט אַ שטארקען קאָפּ און שוואכע פיס..

ק ו ו ע ז י ט אָ ר : אה! וואָס טהוט מען ניט צוליעב פריינדשאפט? יודען, איהר זייט פריי פון דער ארבייט. (שטיל צו דיא רוימער) דעם צווייטען שבת זאָלען זיי צוויי מאָהל אזוי פיעל אויסארבייטען. געהט! (סאָלדאטען פאָרט). קום, אבנימוס הגרדי, דוא געהסט? (ראש הישיבה גיט אַ צייכען אבנימוס׳ען, ער זאָל בלייבען).

א ב נ י מ ו ס : ענשולדיג, דער גרייזע וויל מיר וואָס מיט־טהיילען, איך מוז איהם אויסהערען...

ק ו ו ע ז י ט אָ ר : עס איז פּראקטישער צו האלטען זיך פון דיא יודען וואָס ווייטער.

א ב נ י מ ו ס : ביזט דוא דען ניט א פריינד צו אלישע בן אבויה?

ק ו ו ע ז י ט אָ ר : א יוד וואָס איז געגען יודען, איז דעם רוימערס פריינד.

א ב נ י מ ו ס : יאָ, מען זאָגט, אלישע וועט באלד זאָגאר דיין שוויגער־פאטער ווערען.

ר א ש ה י ש י ב ה : וועה איז מיר! ער געהט זיך מתחתן זיין מיט דעם בן ארום, מיט דעם צורר היהודים....

ק ו ו ע ז י ט אָ ר : א יוד מיין שוויגער־פאטער? אבנימוס, איך בין רוימער און פאטריציער! אויפס־וויעדערזעהען! (אב).

ר א ש ה י ש י ב ה : אבנימוס הגרדי, דוא איבערצייגסט אונז אז אויך צווישען דיא אומות העולם גיבט עס צדיקים.

א ב נ י מ ו ס: אלטער ראבאי, יעדעס פאָלק האָט גוטע און שלעכטע מענשען. (דער ראש הישיבה פיהרט איהם, זיי רעדען שטיל, נאָך זיי דיא זקנים און עטליכע יודען. זיי פערשווינדען אין וואלד).

ש מ ע ו ן: און מיר וועלען געהן אין איינזאַמקייט, דאַנקען גאָטט פיר דעם, וואָס ער טהוט אונז נור גוטעס, און נור גוטעס, ווארום ווען גאָטט הייסט אונז שלאָגען און טהון געצוואונגענע ארבייט, איז דאָס אויך נור ווייל ער וויל אונז גוטעס טהון. אַי, מיר האָבען אַ גוטען פאטער אין הימעל. (פערשווינדעט אויך אין וואַלד. שפּעטער גנב'ען זיך עטליכע מענשען אַוועק אַהין צו איהם).

ט ו ב י ה: (אללע זעצען זיך ארום איהם) ווייסט איהר, וואָס מיר וועלען טהון? ברידערלאַך, מיר וועלען שפּיעלען אַ שיר צו דעם, ווער עס האָט בעשאַפען דיא גרויסע שעהנע וועלט. (נעמט ארויס זיין פייפעלע).

א י י ן י ו ד: אום שבת שפּיעלען!

ט ו ב י ה: ווען איך שפּיעל ווערט ביי מיר שבת און ווען עס איז ביי מיר שבת — שפּיעל איך. יא חברים'לאך מיינע ווען איך שפּיעל, זעה איך מיין זיסע יוגענד און פיהל דיא גליקליכע צוקונפט... איך זעה גרינע פעלדער מיט ווייסע לעמעלאך, הער דעם גערויש פון'ם גרינעם וואלד, און דאָס געזאַנג פון דיא פויגעלאך. (שפּיעלט, אלע הערען אויפמערקזאם). הערט, קינדער, איך האָב... דאָס הייסט, איך האָב גאָרנישט, אָבער מיין זאַק האָט פיינע נים, וועלכע איך האָב אָבגעריסען געהענדיג דור'ךן וואלד. ווער עס האָט ציין, דעם לאָדעט מיין זאק איין צו אַ גרויסען מאָהלצייט דאָרטען, אונטען, לעבען קליינעם טייכעלע... (שטעהט אויף) ברידערלאַך, האָט איהר געזעהען אויף דער וועלט נאָך אַזאַ גביר אדיר, ווי'א איך, טוביה אביוני? (גהעט שפּיעלענדיג, אללע נאָך איהם. אב... מע הערט אין וואַלד טוביה'ס שפּיעלען. פּויזע, אַ גערויש—אלישע'ס שטיממע).

א ל י ש ע: עס שפּרייזט דער פערד מיט מונטערע טריט, דאָס ווינטעל שטופּט אין'ם פרייען פעלד (אלישע קומט רייטענדיג אויף אַ פערד, ר' מאיר געהט לעבען איהם צופוס, שפּעטער זעהט מען בעאַטען, זי איז פערהילט אין אַ מאַנטעל. זיא האַלט זיך פון דערווייטען).

שטעה ! מאיר, דוא דארפסט זיך אומקעהרען. מיר זיינען פונקט א תחום שבת פון שטאָדט.

מ א י ר : שוין א תחום ? רבי, הערענדיג דיך, האָב איך גאָר ניט בעמערקט דעם מהלך. וויא אזוי ווייסט דוא, רבי, אז עס איז שוין א תחום ?

א ל י ש ע : איך בין משער נאָך דיא טריט פון מיין פערד. (שטייגט העראב) קער זיך אום, מאיר.

מ א י ר : אה, רבי, קער זיך אויך אום. קער זיך אויך אום... איך מיין, רבי'נו, קעהר זיך אום צוריק צו דיין פאָלק און צו דיין גאָטט...

א ל י ש ע : חע ! חע ! קינד, איך האָב געהערט א בת קול : שובו בנים חוץ מאלישע. קערט זיך אום מיינע קינדער אויסער אלישע... (לאַכט) מיך דארף מען ניט. מיך דארף קיינער ניט, איך בין א'ן איבריגער... ווארט איין אויגענבליק, איך וועל צובינד'ען מיין פערד. (פיהרט דעם פערד צו א בוים).

מ א י ר : רבי, וואָס מיינסט דוא מיט'ן בת קול ?...

א ל י ש ע : מאיר, געווים גלויב איך ניט, אז א בת קול קומט פון הימעל — עס איז פשוט דיא שטימע פון פאָלק, איך זאָל זיך אומקערען, מוז איך ווערען אויס אלישע. וועל איך זיך אָבער אומקערען אלס אלישע, דאן וועל איך זייער ליעבע און זייערע סימפּאטיען זאָ וויא זאָ ניט געווינען, איך וועל זיך נור מאכען צום נאררען. מאיר, מע קען זיך ניט אומקערען און זיך אליין ניט ברעננגען מיט זיך. חע ! חע ! איך קען ניט געהן צוריק אָהן אלישע'ן !

מ א י ר : אה, רבי, מיט וועמען ביזט דוא אויף דער גרויסער וועלט ?

א ל י ש ע : קינד, איך בין אליין מיט זיך. נאָר א קליינער מענשעלע האָט מורא פיר זיך אליין, און ער לויפט צום המון - עם...

מ א י ר : איז דען ניט א גרויסע זאך צו געהן צוזאמען מיט'ן פאָלק פיר זייער אלגעמיינעם גליק ?

א ל י ש ע : יא, קינד, עס איז א גרויסע העלדענטהאט צו געהן מיט'ן פאָלק פיר'ן פאָלק. עס איז אָבער נאָך א גרעסערע

העלדישקייט צו געהן געגען דאָס גאַנצע פאָלק, שטערבענדיג דער־
מיט דאָס פאָלק גליקלאך צו מאַכען.

מ א י ר: פאַר וואָס, רבי, איז דאָס אַ גרעסערע העלדישקייט?

א ל י ש ע: דיא וואָס געהען מיט'ן פאָלק זיינען געליעבט
און געאַכטעט ווען זיי טהוען זאָגאַר פראַקטיש גאָר ניט אויף. דיא
אָבער וואָס געהען געגען פאָלק, ווען זיי טהוען זאָגאַר פיעלעס
אויף, זיינען זיי דאָך געהאַסט און פעראַכטעט!... דוא מיינסט,
מיר איז גרינג צו געהן געגען אַלע? איך וויל אָבער דערמיט
עפּפּענען זייערע בלינדע אויגען. דוא מיינסט, מיר טהוט ניט
וועה דאָס הארץ צו פערשפּאָטען דאָס, וואָס ביי זיי איז הייליג?
איך וויל אָבער דערמיט וועקען זייער פערשלאָפענעם געדאַנק.
דוא מיינסט, עס וואָלט מיר ניט געשאַפט מעהר פערגניגען צו
פאַהרען שפּאַציערען ניט דוקא אום שבת? איך וויל אבער
דערמיט אָבלאַכען זייערע בעגריפע וועגען דעם וואָס מע טאָר
און מע טאָר ניט! עס איז לייכט צו מאַכען זיך פריינדע מיט דעם,
וואָס דוא זוכסט זכיות פיר זיי, עהרליך איז אָבער דער, וואָס זאָגט
דעם אמת, אָבוואָהל, ער קויפט זיך פיינדע דערמיט. מאיר, קער
זיך אום!

מ א י ר: בעפאָר מיר וועלען זיך שיידען, רבי, וויל איך
דיך פרעגען, וויא־זשע קומט עס וואָס, וויא דיא חכמים זאָגען,
מטטרון זוכט זכיות אויף יודען?

א ל י ש ע: מטטרון זאָל יעצט דאָ זיין, וואָלט איך איהם
געזאָגט, אז ער ווייסט ניט פון זיין חיות...

מ א י ר: אה, רבי, מטטרון איז אַ טהייל פון דער גאָטטהייט!

א ל י ש ע: אַ טהייל? ! קינד, טהיילען קען מען נאָר
אַ קערפּער, דאָס וואָס עס איז ניט קערפּערליך, טהיילט זיך ניט.
איז גאָטט ניט קיין קערפּער — טהיילט ער זיך ניט. און עס איז
ניטאָ קיין מטטרון'ס. איז ער יאָ אַ קערפּער, דאַן איז ער גאָר
קיין גאָטט ניט! (אבנימוס קומט).

מ א י ר: רבי, ווייטער געהן האָב איך מורא. לעבע וואָהל.
(וויל געהן).

א ל י ש ע: לעבע וואָהל, מאיר.

א ב נ י מ ו ס : עי, יונגער פריינד, דיך דארף איך. (קוקט נים אויף אלישע'ן).

א ל י ש ע : און דיין אלטען פריינד דארפסט דוא גאר ניט ? עי, אבנימוס־, וואס זעהסט דוא עפעס אוים אזוי, וויא ביי דיר זאלען זיין האיליג דיא ציין... חע ! חע !

א ב נ י מ ו ס : (קערט זיך אום פון איהם מיט פעראכטונג) מאיר נהראי, דער אלטער און דיינע איבריגע פריינדע זיינען בעפרייט פון דער ארבייט. זיי האלטען יעצט דארט אין וואלד א וויכטיגען ראטה און, איך גלויב, דיין געגענווארט דארט איז נאטהווענדיג...

מ א י ר : אה, מיינע ארעמע אונגליקליכע ברידער. רבי, וויא קען יעצט א יוד געהן זיך בעזונדער מיט זיין וועג, ווען זיי זיינען אללע אזוי נידערגעשלאגען, ערניעדריגט און פערפאלגט ?... דארטען זיינען זיי ? איך געה שוין. לעבע וואהל, אבנימוס. רבי, ווילסט אפשר שטייגען צוריק אויף דיין פערד ? וועל איך מיך איינבויגען און דוא וועסט שטעלען דיין פוס אויף מיין רוקען...

א ל י ש ע : ניין, קינד, איך דארף ניט קיין פרעמדען רוקען... ווער עס קען אליין ניט אויף'ן פערד הערויפשטייגען, דער דארף ניט רייטען.

מ א י ר : דאן לעבט וואהל ! (שטיל) פאהרט בעסער אוועק בעפאר זיי ועלען אייך דא טרעפען...

א ל י ש ע : אנטלויפען ? קינד, איך בין אין מיין לעבען נאך קיינמאהל פון קיינעם ניט אנטלאפען. (מאיר ראש אב אין וואלד).

א ב נ י מ ו ס : לעבע וואדל, פריינד מאיר ! (געהט)

א ל י ש ע : איז אלישע בן אבויה דיין פריינד ניט מעהר ?

א ב נ י מ ו ס : א מענש, וואס פערקויפט זיינע ברידער, יא פעררעטהער און מסור קען מיין פריינד ניט זיין !

א ל י ש ע : שוטה, קענסט דוא דעם, ועמען דוא בעשול־דיגסט ? אדער פילייכט האט דיא יודישע זין ניט גוט געווירקט אויף דיין גוי'שען קאפ ?

א ב נ י מ ו ס : וואס טויג א גוטער יודישער קאפ, ווען דאס הארץ איז ניט יודיש ? איך שעהם זיך דערמיט, וואס איך

האָב דיך אמאָהל פיר אַ פריינד גערעכענט. איך קען דיך ניט מעהר ! (ראש אב).

א ל י ש ע : דו ? ! (וויל איהם רופען צוריק) ניין ! פערענטפערן דאַרף זיך נאָר דער, ווער עס שטייט ניט העכער פון דער בעשול־דיגונג. הם, זאָגאר דער גוי מיינט, אז איך בין ניט יודיש גענוג... (פערטראכט זיך. ווערט טרויעריג. זעצט זיך.) הייסט עס, נאָך אַ פריינד פערלאָרען. וויפיעל איז מיר געבליבען און וויפיעל האָב איך גאָר אין גאַנצען געהאַט ? (בלייבט זיצען פערטראכט. ב ע א ט א קומט שטיל און לאנגזאַם).

ב ע א ט א : איך ציטער געראַדע וויא איך זאָל דאַרפען יעצט רעדען מיט אַ גאָטט. ער איז יעצט ווייט פון מיר. זיינע געדאַנקען זיינען יעצט אין דיא הימלען ביי דיא געטטער. ווער ווייסט, פילייכט האָט ער מיך שוין לאַנג פערגעסען. איהם אָבער.. אזעלכע וויא ער פערגעסט מען ניט. (לויט) גרויסער מענש, דערקענסט דוא מיך ?

א ל י ש ע : הא ? יא, קינד, איך האָב דיך דערקענט. וויא וואונדערבאַר ! איך האָב געמיינט, איך בין דאָ אַליין צווישען ערמאָרדעטע בוימער און טויטע שטיקער האָלץ, און דאָ לעבען מיר איז אַ לעבעדיגער מענש... איך בין ניט אַליין ?

ב ע א ט א : ניין, דוא ביזט ניט אַליין, איך בין דאָ לעבען דיר. און ווען איך בין ניט געוועזען לעבען דיר, זיינען מיינע געדאַנקען און מיין הארץ געוועזען מיט דיר. זינד איך האָב דיך געזעהען, טראָגט דיין הערליכער געשטאַלט ניט אָב פון מיר. אזא מענש וויא דוא קען מיט איין בליק צושמיערען צו זיך אויף עוויג...

א ל י ש ע : צושמיערען ? דיא וואָס זיינען געשמיערעט, זיינען שקלאַפען.

ב ע א ט א : עס איז פאראַנען קעטטען, וועלכע זיינען טהייערער פון דער פרייהייט. גרויסער מאַן, איך האָב יעדען טאָג געזוכט דיך צו זעהען.

א ל י ש ע : קינד, וואָרום ביזט דוא ניט געקומען ?

ב ע א ט א : קומען צו דיר האָב איך ניט געוואָגט. איך האָב דיך נאכגעפאָלגט פון דער ווייטען... אבוואָהל, איך האָב

זז רעכט צו דענקען, דוא דארפסט זיך יעצט ניט שעהמען מיט מיר...

א ל י ש ע : ווער עס שעהמט זיך מיט זיינע מיט־מענשען, דער איז אליין קיין מענש ניט.

ב ע א ט א : דוא האסט מיך געמאכט צו א מענשען. פיעלע מענער האבען מיר געזאגט זיסע רייד, זיי האבען אבער גערעדט צו דער פרוי. דוא ביזט דער ערשטער, וואס האט גערעדט צו מיר, וויא צו א מענש. אין געהיים זיינען זיי אללע בערייט פאלען צו מיינע פיס, עפענטליך אבער געפינען זיי פיר נויטיג מיך מיט דיא פיס טרעטען... דוא האסט אפען געצייגט מיר אכטונג און פריינדשאפט.

א ל י ש ע : א! ביי אונז איז א גאנצער חידוש צו זעהען, אז א מענש האנדעלט וויא א מענש.

ב ע א ט א : מיט דיין איין ווארט האסט דוא מיך אויפ־געהויבען פון'ם שטויב. מיט דיין בליום האסט דוא מיך רייך געמאכט. זעהסט איך טראג זיא אויף מיין הארץ. (נעמט ארויס דיא בליום) איך האב פיעלע טהייערע שטיינער און דיאמאנטען, דיעזע בליום אבער איז מיין רייכסטע און טהייערסטע צירהונג...

א ל י ש ע : חע! חע! קינד, ביזט אליין איינע פון דיא שעהנסטע בליומען, וואס דיא מוטער נאטור האט בעשאפען.

ב ע א ט א : (ליידענשאפטליך) גרויסער, שטארקער מאן, זיי מיין פריינד!

א ל י ש ע : פריינדשאפט רעדט ניט מיט אזא ליידענ־שאפטליכע שפראך. זיי פארזיכטיג, איך קען דיא שפראך! קינד, איך קען זיין דיין ראטהגעבער, דיין בעשיצער, אבער ניט דיין פריינד. א געזונטער, ליידענשאפטליכער מאן נעמט אן דיא פריינדשאפט פון א שעהנע פרוי, נאר דאן, ווען ער דענקט דערמיט פון אנפאנג פערמאסקירען זיינע אנדערע געפיהלע. איך האב פיינט פערמאסקירטע מיטלען! געה אין פריעדען, קינד, און ווען דוא וועסט דארפען ראטה, שוטץ און הילפע קום צו מיר. אלישע בן אבויה ענטזאגט זיך ניט צו טהון גוטעס זאגאר פיר דיא וועלכע צאהלען איהם מיט שווארצע אונדאנקבארקייט, און

דוא ביזט איין ערלע, גוטע זעעלע. געה אין פריעדען. (ראש הישיבה, מאיר, זקנים, און פיעלע יודען קומען. איין יוד.)

ב ע א ט א : ווען דוא בעפעהלסט מיר צו געהן, מוז איך געהן. ערלויב מיר פריהער א קוש טהאָן דיא נאָבעלע האנד, וועלכע האָט דערלאנגט א בלום דער בילליג־געשעצטער, פון אלעמען ערנידריג־טער און פעראכטעטער בעאטא'ן. (קושט זיין האַנד.)

ר א ש ה י ש ב ה : איהר זעהט, מיט ווענען אלישע בן אבויה פערברייננגט זיין שבת קודש? מיט געמיינע, אויסגעלאסענע פרויען.

ב ע א ט א : (בייז) ראבאי, ווען אלע וואָלטען מיט אונז אזוי פערבראכט דיא צייט, וויא אלישע בן אבויה, וואָלט קיין געמיינע אויסגעלאסענע פרויען ניט געווען אויף דער וועלט! (פערשווינדעט אין וואלד).

ר א ש ה י ש י ב ה : אלישע בן אבויה, מיר האָבען ערשט געהאט א ראטה וועגען דיר. און אז דוא ביזט שוין יא דאָ, דארפען מיר איין מאָל פיר אלע מאָל זיך ערקלעהרען — הלנו אתה אי לצרינו — בעלאנגסט דוא צו אונז, אָדער צו אונזערע בלוטיגע שונאים? געגען דעם פרעמדען פיינד זיינען מיר שוואך, אָבער געגען אייגענע פיינדע האָבען מיר נאָך גענוג מיטלען.

א ל י ש ע : יא, דער שוואכסטער מענש האָט גענוג מיטלען צו טהאָן אונרעכט...

ר א ש ה י ש י ב ה : אלישע בן אבויה, אלעס רעדט געגען דיר!

א ל י ש ע :דאָס קימערט מיך וועניג, זאָ לאנג איך אליין רעד פיר זיך!

ר א ש ה י ש י ב ה : יודישקייט טרעטסט דוא מיט דיא פיס!

א ל י ש ע : דיא יודישקייט פיהלט ניט קיין וועהטאָג, ווען איך טרעט זיא מיט דיא פיס, און פיהלט ניט קיין פרייד, ווען איהר ליובט זיא! איהר בעסער קימערט אייך וואס ווענינער פיר יודישקייט, און וואָס מעהר פיר'ן לעבעדיגען יודען, וועלכער ליידעט און פיהלט...

א י י ן י ו ד : דערפאר אליין איז ער דאָך שוין ווערטה,

מע זאָל מאַכען פון איהם אַ תל עולם, וויא איהר זעהט מיך אַ מענשען אויף דער וועלט!

ר א ש ה י ש י ב ה: גאָטטעס הויז איז חרוב און דוא טרויערסט נים.

א ל י ש ע: ביים גרויסען גאָטט, וועלכער האָט אַלע מלוכות, אַלע הימלען, וועלטען מיט עולמות, ביי איהם איז חרוב געוואָרען אַ שטוב, דאַרף איך, קליינער מענשעלע, טרויערען!

ר א ש ה י ש י ב ה: (בייז) בלינדער מענש! ווייסט דוא דען נים, אַז צוזאַמען מיט'ן בית המקדש איז געפאַלען גאָטטעס תורה און זיינע הייליגע געבאָטט?

א ל י ש ע: וואָרום דערלאָזט ער דאָס? אַ שטערבליכער קינד טהוט אַלעס, אום זיינע געזעצע זאָלען נים פאַלען, וואָרום האָט ער געשוויגען? דער אונגליקליכער בר כוכבא און הונדערט טויזענד יודען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען בעשיצענדיג זיינע הייליגע געבאָט, וואָרום האָט ער זיי ניט געהאָלפען? ר' עקיבא איז געווען אַ מאַרמאָרנע זייל פיר גאָט'ס תורה הקדושה, וואָרום האָט ער דערלאָזען, מע זאָל ר' עקיבא מיט אַלע זיינע תלמידים אויסשלאַכטען וויא שאָף? רבי חוצפית המתורגמן האָט זיין לעבען לאַנג מיט זיין צונג ערקלעהרט און געגעבען צו פערשטעהן דיא מיינונג און בעדייטונג, פון דער תורה, פון דעסטוועגען, ווען דיא רוימער האָבען זיין צונג הערויסגעריסען און געוואָרפען צו דיא הינט, האָט ער ניט געשיקט זיינע דוננערן און בליצען, צו בעשטראָפען דיעזע הענקער און מערדער!

מ א י ר: (צום ראש הישיבה) רבי, איהר זעהט, איהם טהוט וועה דאָס הארץ פיר דיא אונשולדיגע יודישע קרבנות!

ר א ש ה י ש י ב ה: ניין! איך זעה נאָר, אַז ער לייקענט אָב גאָטט, אונזער בורא יתברך! (אַלע מורמלען).

א ל י ש ע: איך לייקען גאָרנישט אָב. איך זאָג נאָר, אַז קיינער מישט זיך ניט אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער ערד, אין'ם מענשען'ס לעבען.

ר א ש ה י ש י ב ה: הייסט עס, דוא גלויבסט ניט אין שכר ועונש?

א ל י ש ע: ניין! איך גלויב ניט!

א י י ן י ו ד: אויף שטיקער דארף מען איהם צורייסען דערפאר! וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט! (אלע מורמלען).

א ל י ש ע: עס שטעהט אין דער תורה, ווען דיא געפינסט א נעסט, זאלסט דוא דיא מוטער אוועקשיקען און דיא קליינע פויגעלאך זיך נעמען — והארכת ימים, דערפאר וועסט דוא לעבען לאנג. איך האב געזעהען וויא איינער האט געטהאן פונקט פערקערט: ער האט דיא מוטער גענומען און דיא קליינע פויגעלאך אוועק־געווארפען, און דאך לעבט ער ביז יעצט. און איז געזונד וויא א פערד! א צווייטער אבער האט געטהאן וויא מע דארף: ער האט דיא מוטער געלאזט און דיא קליינע פויגעלאך גענומען, איז ער דוקא אויף'ן שטעל אראפגעפאלען פון בוים און דער'הרג'ט געווארען. וואו איז דער והארכת ימים?!

ר א ש ה י ש י ב ה: וועה! וועה! אוי לאזנים שכך שומעות! (אלע מורמלען).

מ א י ר: רבי, ער לערנט אפשר א פאלשען פשט אויף'ן פסוק. דאס, חלילה, איז דאך נאך ניט אזא אונגליק...

ר א ש ה י ש י ב ה: וואס? איצט לערנען אזעלכע פשטים, ווען מיר אלע דארפען זיין פעראייניגט וויא איין מענש, ווען מיר דארפען אונזער גאנצען שכל, אונזערע אלע קרעפטע אנווענדען וויא אויפצובויען צוריק גאטטעס הייליגע שטאדט ציון?!

א ל י ש ע: ניט אין ציון, ליעגט דעם יודענס רעטונג! ניין! ציון איז א קעניגרייך פון גאטט, דער יוד דארף א קעניגרייך פון'ם מענש. אייער אונגליק איז, וואס איהר זארגט נאר פיר גאטט, דערפאר קענט איהר ניט זארגען פיר זיך. ווען דאס יודישע פאלק איז געוועזען שטארק, האבען זיי געפאדערט גאטט זאל וואס מעהר טהאן פיר זיי און אליין האבען זיי וואס וועניגער געטהאן פיר איהם. איצט אבער האט איהר איין אויפגאבע: צו בעשיצען גאטט, צו רעטטען זיין תורה, צו טהאן זיינע געבאט. איהר וואגט ניט אליין, זאגאר א געדאנק צו האבען. יעדע קלוגע און נארישע זאך וואס איהר אליין טראכט אויס מיט אייערע געהירען איז גאר געגעבען געווארען פון גאטט אויף'ן בארג סיני! איהר אליין זאגאר געהערט ניט צו זיך. איהר זייט גאטטעס פאלק!

(אַ מורמעל) איהר נעמט זיך אָן צו פיעל פיר גאָטט, דערפאַר פער־פאָלגט איהר און אונטערדריקט דעם מענשען ! (אַלע מורמלען בייז. דער ראש הישיבה בעראַטהעט זיך מיט דיא זקנים)

א ל ע : רשע ! רשע !

מ א י ר : (שטיל צו אלישע׳ן) רבי, איך בעט אייך, רעדט ניט געגען זיי מיט אזא גרויסקייט. עס איז בעסער ווען מען איז א שפל רוח בפני כל אדם.

א ל י ש ע : וואָס ? א שפל רוח ? איך זאָל ערניעדריגען מיין גייסט געגען א מענשען, ווען איך רעכען, אז דער מענש דאַרף ניט ערניעדריגען זיין גייסט, זאָגאַר געגען גאָטט ? !

מ א י ר : רבינו, גלויבט איהר דען, אז דערמיט וואס מען פערקריעגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט, קען מען דיא וועלט קלוגער און בעסער מאַכען ? (אלישע ענטפערט ניט).

ש מ ע ו ן : (מע הערט זיין שטיממע פון וואַלד) טרעהרען אין געבעט איז אונזער איינציגע פרייד. אונזער איינציגע ציערונג איז פון תשובה א קלייד. ליעבע איז דער נאמען פון אינזער מעכ־טיגען גאָטט. (כאָר זינגט עס).

א ל י ש ע : איהר הערט ? דאָס טרויעריגעס געזאַנג דאַרף אייך שרעקען מעהר פון׳ם חורבן ירושלים. דאָס טרויער ליעד איז שאַרפער און געפעהרליכער וויא דער שווערד פון דיא רוימער. איהר האָט אזוי לאַנג זיך געלערענט צו ענטזאגען זיך פון זיך אליין, ביז עס האָט געמוזט געבוירען ווערען א געדאַנק, אז גאָטט אליין ועט זיין א גאָטט, נור דאן ווען ער וועט זיך ענטזאגען פון זיך אליין. איהר ווילט, דער מענש זאָל זיין א שפל־רוח, אָט איהר שפלים, בעטלער און אביונים, וועלכע געהען איינגעהמען דיא וועלט !... איהר דולדעט ניט קיין מיינונגען פערשיעדענ־הייטען, און איהר פערפאָלגט זיי, דאָס מאַכט זיי שטאַרק און פעראייניגט. איהר ווילט זיי פערניכטען, און שאַפט פון זיי א מאַכט... איך האָב מורא, זיי וועלען נאָך א מאָל צונעהמען ביי אייך אייער גאָטט, אייער תורה, אייערע געדאַנקען, און אייך אליין וועלען זיי בעצאהלען מיט פעראכטונג און פערשפאָטונג ! (כאָר הערט אויף זינגען).

איך קוק אין דער צוקונפט און זעה, דיא נאַכוועלט וועט זיין

דאנקבאר דיא גריעכען, ווייל זיי האבען געשאפען גרויסע פאעטישע און פילאזאפישע ווערק. דיא יודען וועט מען ניט דארפען דאנק־באר זיין. פאר וואס קומט זיי? זיי האבען דאך אליין גאר־נישט געשאפען. גאט האט דאך אויפגעשריבען ישעיה'ס בוך, גאטט האט געזונגען שיר השירים, גאטט איז דער דיכטער פון דוד'ס פסאלמען, גאטט איז געווען דער אווטאר וואס האט פער־פאסט דיא מערקווירדיגע יודישע טראגעדי „איוב". נון, ווען זיי ביי איך צונעהמען גאט דעם מחבר מיט אלע זיינע חבורים און אייך וועט מען פיר אייער פאעזי, אייערע געדאנקען, אייערע הימנען, אייערע משלים בעצאהלען מיט שנאה, רציחה, פערפאלגונג און שפאט!...

ראש הישיבה: גענוג! איך קען ניט און וויל ניט פערשטעהן, וואס דוא דרשן'סט דארט. ניט דוא ווערסט דאס, דאס רעדען פון דיר דיא טרפה ספרים חצונים. ניט צו'ן אונז געהערסט דוא, דוא געהערסט צו דיא מינים! (אלע: יא, יא, צו דיא מינים!)

איין יוד: צו דיא מינים, וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט!

ראש הישיבה: עס איז בעוויזען געווארען אז גוים זיינען דיר ליעבער פון יודען, ספרי מינים שטעלטס דוא העכער פון דיא הייליגע שריפטען. אום צו ווייזען א נצחון געגען דיין גאטט און דיין פאלק געהסט דוא זאגאר זיך מתחתן זיין מיט א גוי, ערל טמא, וועלכער פערצאפט יעדען טאג יודיש בלוט און רויבט אונזער לעצטע ביסעל ארעמקייט. דיין טאכטער געהט זיין דאס ווייב אדער קעבס־ווייב פון דעם רוימישען קוועזיטאר, הא?

אלישע: וואס? מיין טאכטער! (פערטראכט) אביואהל איך ווייס שטענדיג דער לעצטער, וואס אין מיין אייגען הויז קומט פאר... אבער ניין! אונזין! אונזין! אונזין!

ראש הישיבה: גלויבסט ניט אין גאטט, וויא א יוד דארף גלויבען. לייקענסט אב שכר ועונש, לעסטערסט גאט'ס תורה, ביזט אפען מחרף ומגדף דאס יודישע פאלק, ביזט מחלל שבת בפרהסיא, דוא גיעבסט איבער דיינע ברידער צום שונא אין דיא הענד. (איין יוד: מומר להכעיס און משומד!) (אלע שרייען)

דאס זעלבע) מיר האָבען בעונותינו הרבים, פערלאָרען אונזער מאכט און מיר קענען דיך איצט ניט בעשטראָפען, וויא דיר קומט !

א ל י ש ע : יא, אמאָל וואָלט איהר מיך פערשטיינערט? פאַר וואָס? ועמען האָב איך שלעכטס געטהאָן?

ר א ש ה י ש י ב ה : אלע פיער מיתות משונות — סקילה, שריפה, הרג וחנק איז וויניג פאַר א יודען, וואָס פערשפּאָטעט זיין גאָטט און פערראַטהעט זיינע ברידער ! דארום...

מ א י ר : רבי, אפשר וואָלטען מיר זיך נאָך א מאָל בעטאַטען... מיט גוטען קען זיין...

ר א ש ה י ש י ב ה : ניין ! מע דארף וואָס גיכער אויסרוימען דאָס שלעכטע מעדת ישראל ! אלישע, אזוי וויא עכן דער עכר ישראל, האָסט דוא אריינגעבראַכט חרם אין דיין שטוב. און אזוי וויא עכן דאַרפסט דוא צוזאַמען מיט דיין חרם נחרם ווערען מקהל ישראל ! ניט אונזערער ביזט דוא, געהערסט צו אונזער שונא. ביזט ניט קיין יוד, ביזט פון דיא מינים ! דיא אויסגעלאָסענע פרוי האָט דיר געגעבען דיין פּאַססענדען נאָמען : אחר ביסט דוא און אחר וועט דיין פערפלוכטער נאָמען זיין ! פון דור צו דור וועט דיין נאָמען זיין לחרפה ולשמצה בישראל !...

מ א י ר : (פערברעכט דיא הענד) אָה ! אונגליקליכער גרויסער מענש !

ר א ש ה י ש י ב ה : יעדער יוד וועט לויפען פון דיר וויא פון א פעסט ! קיין מגע ומשא וועט קיינער פון אונז מיט דיר ניט האָבען ; פערנעמט וואָס איך זאָג ! פערשאָלטען זאָל זיין דער יוד, וועלכער וועט שטיין אין אחר'ס ד' אמות ! (אלע טרעטען אָב פון איהם). פרעמדער, געה צו דיא פרעמדע ! פון אונז ביזט דוא אָבגעשניטען אויף עוויג ! (אלע געהען ראש אָב).

א ל י ש ע : מאיר, מיין טרייער תלמיד און איינציגער פריינד, אויך דוא? (מאיר פארדעקט זיין געזיכט און צו־וויינט זיך שטארק. דער ראש הישיבה פיהרט איהם פארט. אלע אב) אלע ! אלע ! אלע ! (בלייבט זיצען אויף א אבגעהאקטען בוים. בעאטא, וועלכע האָט שוין פריהער עטליכע מאָל ערשינען צווישען דיא בוימער, געהט ראש צו איהם) דוא? (שטעהט אויף).

ב ע א ט א : גויסער מענש, איך האָב אלעם געהערט און מיין הארץ בלוטעט פאר דיר...

אלישע : (שטאָלץ) וואס? דומהייטען... מיין פערד ווארט שוין געוויס אויף מיר מיט אונגעדולד... איך מוז פאָהרען. (געהט) קען וואָס אלישע בן אבויה טהאָן פאר דיר? דארפסט דוא מיין הילפע? ווילסט דוא וואָס בעטען?..

ב ע א ט א : יא, איך וויל בעטען... אלישע בן אבויה, טרייב מיך ניט פון דיר... דאָס איז דיא הילפע וואס איך וויל פון דעם הילפסלאָזען מענשען... האָסט ניט קיין איין זעעלע ארום זיך... ביזט אליין... קיינער שעצט דיך ניט, קיינער פערשטעהט דיך ניט, קיינער האָט דיך ניט ליעב... ערלויב מיר צו זיצען ביי דיינע פיס און שווייגען שטיל... איך וועל ניט וואגען א וואָרט צו רעדען אין דיין געגענווארט... איך וועל נאָר אין דער שטיל גיסען טרעהרען, ווען דיין נאָבעלעם הארץ וועט וועה טהאָן און וועל ווייגען ווען דוא וועסט פיהלען שמערצען. אלישע, שענק מיר דאָס גליק און דאָס רעכט צו נעמען אויף זיך א טהייל פון דיינע ליידען!

א ל י ש ע : (גערירהט) קינד, עס איז גענוג, אז יעדער פון אונז זאָל ליידען פיר זיך אליין. עה! מיינע ליידען זיינען גאָרניט אזוי גרויס, איך זאָל נאָך דארפען א טהייל פון זיי ארויפווארפען אויף א'ן אנדערן. וואָס? זיי זיינע אלע געגען מיר? דערפאר בין איך דאָך געגען זיי אלע! דער וואָס געהט מיט אלע, איז געבונדען, געהינדערט פון צו טהאָן נוצליכעס פיר אלע... דער אָבער וואָס געהט אליין איז אונאבהענגיג און פריי צו טהאָן פיר אלע פיעלעס. איך געה אליין! מיך שרעקט מען ניט איבער מיט ווייבערישע קללות און מיין פרייען ווילען קען מען ניט צוברעכען מיט פערפאָלגונגען! זאָ לאנג דער געדאנק לעבט אין מיר, איז ניטאָ אויף דער וועלט אזא קראפט, וועלכע זאָל קענען מיך בעזיעגען און פערניכטען! זאָ לאנג אלישע בן אבויה זאָגט, אז איך בין גערעכט, איז ניטאָ אזא משפט און ניטאָ אזא בית דין, וועלכער זאָל מיך אונגערעכט מאכען! (געהט).

ב ע א ט א : אה, גוטער, שטארקער מענש, וויא גרויזאם און שוואך דוא ביזט! (פערברעכט איהרע הענד אין פערצווייפלונג. פלוצלונג ווייט טוביה'ס פייפעלע. ער שפיעלט דאס זעלבע וואָס פריהער).

אליש ע: (שטעלט זיך אָפּ און הערט זיך צו ענטציקט) דוא הערסט, קינד? ניט נאר פלוך און האס איז דאָ אויף דער וועלט, עס איז אויך דאָ ליעדער און פרייד! (דאס פייפעלע שפּיעלט,ביידע הערען זיך צו).

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

דריטער אקט.

(דערזעלבער גארטען לעבען אלישע בן אבויה'ס הויז וויא אין ערשטען אקט. טאָג).

א י ו ד: (ער קומט פאָרזיכטיג ביז'ן גארטען, קוקט זיך אום, מאַכט מיט'ן האַנד און רופט שטיל. נאָך עטליכע אידען קומען). ששׁ! אָט דאָ פון דער זייט וועט מען עס דארפען מאַכען. שש! איהר ווייסט ווען? פונקט פארנאכט, ווען דיא רוימישע לעגיאָנען וועלען אנהייבען מארשירען און עס וועט ווערען א געטומעל. שש! דעם רוימען האָן וועט מען דארפען שיקען פון דער זייט דיא געצקע צוברעכען, דיא גוי'אישע זאכען צושטערען, פון אלעם מאַכען א תל. וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט. פערשטאנען? (אלע: יא!) האר אוים, אחר הרשע! מיר וועלען לערנען מיט דיר דיא גאנצע פרשה בלק! אזא רשע! ער מסור'ט אלע אידען. וויא עס איז נאר א אידישע חתונה, א ברית, א שמחה, דערצעהלט ער באלד דיא רוימער! (אַלע מורמלען און דראָהען) תלמידים וואס געהען אין בית המדרש לערנען, הרג'עט ער און קוילעט מיט א מעסער. (אללע: יא?) וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט. איהר ווייסט, פון וואנען דער רוח הטומאה האט זיך אין איהם אריינגעכאפט? ווען זיין מאַמע איז געווען מעוברת מיט איהם, איז זיא געגאנגען פערביי א גוי'שע בית תפילה און האָט אריינגעקוקט אינווענינג אריין צו דיא געטושקעס — האט זיך דאס באלד אריינגעכאפט אין איהר. (אללע: יא?) וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט. איך בין כמעט וויא אליין געווען דערביי: איך האב דאס געהערט מיט מיינע אויערן פון א תלמיד חכם. (א גערויש) איך הער, מען געהט, חברה, שטעלט פים. (לויפען פאָרט אלע. באלד הערט מען זיין שטימע) אחר'ס מכשפה! טפו אויף דיר! אחר'ס מכשפה! (מען הערט שטימען: אחר'ס מכשפה: אחר'ס מכשפה! — מרימי לויפט אריין פון גאַס אין גארטען).

מ ר י מ י: אָט האסט דוא דיר! איך האב איצט קיין אנדער נאמען, וויא אחר'ס מכשפה. אז איך בין געווען יונג, איז מען נאָך

מיר אזוי ניט נאכגעלאָפּען, וויא איצט. נו, מסתמא וויל דאָך אזוי גאָט אונזער הארר. (שרייט אין הויז אריין) בעל הבית'טע, קום אקערשט אהער (בתוברית קומט, ארעמער געקליידעט) איך האב גאר ניט געבראכט: ניט בוימאייל, ניט איילבערטען, ניט מעהל.

בתבורית: וואס הייסט, דוא האסט ניט געבראכט?

מרימי: איהר ווייסט דאָך, אידישע קרעמער ווילען אונז ניט פערקויפען, מען זאָל אפילו געבען א רענדעל פאר א טראָפּען, פלעג איך שטענדיג נעהמען ביי'ם שמרוני אין קלייטעל. ער איז מיר א שטיקעל קרוב און א „ברודער" אויך דערצו, וויל ער אבער מעהר אויף באָרג ניט געבען.

בתבורית: נו, יא, ביי וועמען איז איצט אחר א בטוח? ער איז נאר ביי זיך א גרויסער בטוח. זיצט דאָרטען מיט דיא גוי'שע ביכלאך, פונקט ווי ניט איהם מיינט מען. עס הארט איהם עטוואס? אן אנדער איד לעגט זיך אין דר'ערד פיר זיין ווייב און קינד, אזא אבער וויא ער וועט זיך ניט לעגען. נו, וואס טהוט מען? מען וועט דארפען ווידער שיקען צו ר' מאיר'ן לייהען אביסעל געלד. ער איז דער איינציגער וואס צוליעב מיר האָט ער רחמנות אויף איהם אויך. ווערסט מוזען אריבערגעהן, מרימי.. (נעמי קומט פון שטוב).

מרימי: אי, דיא אידען טשעפּען זיך צו מיר!

נעמי: מרימי, האסט מיר געקויפט טייטלען?

בתבורית: אי! איין קינד, און אז זיא וויל נעבאך א טייטעל איז ניטאָ! (זיפצט).

מרימי: ניין, איך האב ניט געקויפט קיין טייטלען.

נעמי: ניט געקויפט? הערסט א חכמה! זיא בעריהמט זיך נאָך....

מרימי: דיא אידישע קרעמער ווילען אונז ניט פערקויפען קיין טייטלען.

נעמי: זיי ווילען אונז ניט פערקויפען קיין טייטלען אויך? אזא געמיינהייט! פאר וואס שווייגט זיי דער טאטע! איך וואָלט זיי פאר אזא זאך אנגעלערנט!

מרימי: און אויסער דעם, אז מען וויל עפּעס קויפען, דאַרף מען האבען געלד.

נ ע מ י: געלד? נו, פאר וואָס זאָגסט דוא ניט דעם פאטער? דיר איז שווער צו זאָגען?

ב ת ב ו ר י ת: עס וועגדעט זיך נאָר אין'ם זאָגען! נעמי, דער טאטע דיינער דער זיסער, האט דאָך אונז בענומען, בע'גזל'ט, בע־רויבט, מיר וועלען דאָך גיך אויסגעהן פון הונגער, אדער געהן איבער דיא הייזער בעטלען. ער האט אבגעגעבען אין גאנצען וואס ער האט געהאט.

נ ע מ י: ער האט אבגעגעבען אין גאנצען? איך האב פריהער געוואוסט, אז ער קען טהאָן אזא חכמה. א מענש, וואס וויל אלעס נאָר פאר זיך.

ב ת ב ו ר י ת: זיא איז ניט גערעכט? נעמי, אפשר וואלסט דוא געגאנגען צו ר' מאיר'ן בארגען אביסעל געלד? ער איז געווים אין בית המדרש... זאָג איהם, אז...

נ ע מ י: וואס? א שעהנער איינפאל! אלישע בן אבויה'ס טאָכטער זאָל געהן אין בית המדרש לייהען געלד... וואס קוקסטו אויף'ן טאטען? זאָג איהם, ער זאָל געבען געלד. נאָך וואס דען איז ער א טאטע? יא, מאמע, און דערמאָהן איהם, איך דארף א נייע פאָאר אוירינגלאך. (אב).

מ ר י מ י: אָי! זיא איז ביי אייך אויסגעוואקסען אזוי, אז זיא וויים ניט פון וואנען וואָס עס נעהמט זיך.

ב ת ב ו ר י ת: וויא אזוי דען דארף וואקסען א טאטענס א קינד? זיא איז דאָך ניט שולדיג, וואס זיא האט אזא טאטען..

מ ר י מ י: (געהט) יא, בעל הבית'טע, היינט איז דאָך דער צוואנציגסטער טאָג אין חודש, דארף מען זיך ריכטען אויף מענ־שען?

ב ת ב ו ר י ת: מענשען! ווער דארף איהם איצט און ווער וועט קומען צו איהם? און וואס וועט ער זיי געבען פאר כבוד? קדחת מים א מכה.

מ ר י מ י: מסתמא וויל אזוי גאָט אונזער הארר. (זיפצט. אב אין שטוב).

ב ת ב ו ר י ת: אָי! נאָר אזא שטארקער מענש וויא איך קען דאָס אלעס אויסשטעהן און אויסהאלטען. ער זאָל האבען איין אנדער

ווייב. וואָלט שוין פון איהם קיין שריד ופּליט ניט געבליעבען. איך האָב איהם דאָך ביז איצט אבגעהיט. מען קען פערהיטען אזא חסר דעה! אָט איז ער! (אלישע קומט מיט א גראָבען שטעקען) רוהיג! נעהט זיך שעפּען פרישע לופט! עס נעהמט איהם וויא דיא וואַנד. פערזאָרגער מיינער! אונזער ברויט־געבער, וואס וועט זיין דער תכלית פון אונז? מיר האבען פון דיר נאר חרפּות, ביזיונות און צרות. מען לויפט פון אונז וויא פון פערפּעסטעטע. מען וויל אונז ניט קענען, מען וויל אונז ניט וויסען, מען וויל אונז קיין זאך ניט פער־קויפען, ניט באָרגען, ניט לייהען, איבער דיר רעכענט מען מיך אויך פאר א משומדת׳טע! מיר לעבען דאָך איצט וויא אויף א בית עולם. מיר זיינען איבער דיר אלע וויא לעבעדיג בעגראָבענע.

א ל י ש ע: קינה, האָב געדולד, זיי זיינען דאָך מענשען און וועלען זיך גיך איבערצייגען, אז זיי פערפּאָלגען אונז אומזיסט.

ב ת ב ו ר י ת: האָסט געמאכט ווי א חכם, הא? דיין גאנצעס פערמעגען אבגעגעבען א פרעמדען, א גוי חזיר, און מיר וועלען דאַרפען באלד געשוואָלען ווערען פון הונגער.

א ל י ש ע: ער איז טאַקי א גוי, און אפשר א חזיר אויך, ער איז אבער א דענקענדער מענש און ער האט מיר געגעבען זיין עהרענוואָרט... וועסט זעהן, היינט וועט ער דאָך דאָ זיין, וועט ער געוויס דאס געלד אויף ברענגען.

ב ת ב ו ר י ת: ניט היינט מאָרגען נאָכ׳ן קאלטען קוגעל וועט ער עס דיר ברענגען, וואס הייסט דוא ווערסט משוגע און גיבסט איהם אָב מיין בלוט, מיין גוטס! מען דארף דאָך שכל האבען! וואס איז, ער צאָהלט דיר א גרויסען פּראָצענט דערפאר? אדער ער וועט טהאָן עפּעס פון דיינעט וועגען?

א ל י ש ע: ניין! דאס ניט... נאר ע... איך האב אפשר געהאט אנדערע אורזאכען.

ב ת ב ו ר י ת: איבער אנדערע אורזאכע האָסט דוא אונז בדיל הדל געשטעלט, אונגליקליך געמאכט! וועה איז מיר! וועה איז מיר! (וויינט. אלישע בעטראכט זיא מיט מיטלייד).

א ל י ש ע: וויין ניט, קינה, דוא ביזט ניט קיין פרעמדע, דיר מעג איך זאָגען דיא וואהרהייט. עס האט זיך מיר זעהר ניט געוואָלט איהם געבען דאס געלד...

ב ת ב ו ר י ת : אז מען וויל ניט, גיט מען ניט !

א ל י ש ע : יא, אבער ווען ניט איך, וואָלט ער דאס געלד גע־זאמעלט מיט געוואלד פון דיא פעראָרעמטע אידען. ווייסט דאָך, וויא דיא רוימער מאָהנען צינזען מיט געוואלד ! זיי מאַרטערען, זיי פול־טערען, ברענגען אויפ׳ן פייער, שניידען שטיקער פלייש, שלאָגען אריין דיא תפילין אין מארך אריין.

ב ת ב ו ר י ת : אזוי? האָסט דוא, הייסט עס, געוואָלט זיין א גוטער אויף אונזער חשבון? פארוואס ביזטו עפּעס מעהר מחויב פון אן אנדערען? עס איז דאָ קליגערע און בעסערע פון דיר, זאָלען זיי דאס טהאָן !

א ל י ש ע : קינד, דיא קליגערע פון מיר וואָלטען עס ניט געטהאָן, און דיא בעסערע? חע! חע! ער האט געדארפט דאס געלד באלד און וואָלט דיא בעסערע געמוזט זוכען צו לאַנג...

ב ת ב ו ר י ת : ביי מיר טריפט דאָס בלוט און דוא חכמ׳עסט זיך! וואס הארט דיך פאר אן אנדערן? פיהלסט דען וויא א מענש? דיין חכמה איז דאָך נאָר שמד־שטיק מיט נאררישקייטען. פער־שטעהסט דען עפּעס וויא מען דארף? לייענסט ביכלאך וואס זיינען גוט פאר שקצים מיט שיקסעס. דוא לערנסט דאָך דאס, וואס קיי־נער דארף ניט און טהוסט דאס וואס קיינער טהוט ניט, נאָך וואס לעבסטו? דוא לעבסט נאר, אום מיט אלעמען קריגען זיך, מאכען דיא גאַנצע וועלט פיר שונאים, טהאָן יעדען דוקא אויף צולהכעיס, פיהרען זיך פערקעהרט פון אלע מענשען און פעררייסען זיך מיט יעדען איינציגען! האר אוים, דוא ווערסט זיך דערשפּיעלען! (וויינט) אָי, ווען ניט איך, א שעהנעם פּנים וואָלסט דוא איצט געהאט. איך געה צו מאיר׳ן לייהען געלד... (ראש אב דורכ׳ן גארטען. אלישע בלייבט זיצען לאַנג מיט פערבראָכענע הענד. מרימי קומט).

מ ר י מ י : און אָט איז דער בעל הבית... זאָגט מיר, ווער־לען היינט זיין מענשען דאָ?

א ל י ש ע : (שטעהט אויף) יא, מרימי, געוויס. וואס מיינסטו, אלישע בן אבויה האט שוין מעהר קיין פריינד ניט? זיי וועלען קומען. מען דארף אָבער אזוי מאכען, זיי זאָלען אונזערע אומ־שטענדען ניט בעמערקען. עס איז ניט שעהן צו שפּיעלען דיא

ראָלע פון א נעבאכעל. רוים אויף אלעס וויא עס געהער צו זיין, איך וועל זיך דורכגעהן און קום באלד צוריק.

מ ר י מ י : בעל הבית, מיר האָבען אפילו ניט קיין טראפּען ווייז.

א ל י ש ע : ניטאָ קיין וויין? נו, דארף מען קויפען (וויל נעהמען געלד פון דער טאַשע.) אך, יא!... נו, וועלען מיר היינט לעזען מעהר פּאָעזיע. איך געה איך קען יעצט אָהן דעם פריינד ניט בע־וויזען זיך אויפ'ן גאס (ציינט אויפ'ן שטעקען) דער שטעקען איז גע־שאפען פיר הינט און איך דארף איהם געברויכען פאר מענשען. עס איז דאָ מענשען, ליידער, וועלכע פערשטעהען נאר דיא שטעקען שפּראך. (אב דורכ'ן גאָרטען).

מ ר י מ י : אזא גוטער מענש און וויל ניט גלויבען אין אונזער גלויבען. (נעמי קומט אין א מאַנטעל) נעמי, וואוהין?

נ ע מ י : שש! דער פאטער און דיא מוטער זיינען אוועקגע־גאַנגען? איך מוז זיין אויף אן אָרט, איך קום באַלד צוריק... זאָלכט גאר ניט זאָגען ניט דער מוטער, ניט דעם פאטער. זיי דארפען ניט וויסען.

מ ר י מ י : אי, נעמי, מען טאָר ניט נארען א טאַטען.

נ ע מ י : דער טאַטע מעג טהאָן וואס מען טאָר ניט? מעג איך אויך. ער האָט זיך ניט פיינט, איא? פארוואָס זאָל איך זיין א נארר? דוא זאָלסט הערען, וואס דיא מאַמא דערצעהלט פון איהם. (זינגט שטיל א מיליטערישען מאַרש און מאַרשירט אָב דורכ'ן גאָרטען. מרימי ברענגט קאַוויאָרען און קישענס וויא אין ערשטען אַקט).

מ ר י מ י : גוטער גאָט, וואס איז דאס פאר א וועלט? יונגע און אלטע — אלעמען ווילט זיך זינדיגען (פערשפרייט דיא קאוויאָרען איבער דיא בענק. בעאַטא קומט).

ב ע א ט א : מען רופט אייך, דאכט זיך, מרימי? זייט אזוי גוט און זאָגט מיר: קען איך איצט זעהן ר' אלישע בן אבויה? ער האָט מיר געזאָגט: ווען איך וועל איהם וועלען זעהן, זאָל איך קומען.

מ ר י מ י : (בעשעפטיגט) ר' אלישע איז ערשט פאָרטגעגאַנגען ער וועט אבער באַלד קומען. דוא קענסט דאָ ווארטען אויף איהם. אויב דוא האסט געגוג צייט.

ב ע א ט א : (מיט א שמייכעל) יא, איך האב גענוג צייט צ

ווארטען אויף איהם.. (שטיל) עוויג! (לויט) איך האב געהערט, זיי זיינען יעצט אין זעהר א שלעכטע לאגע. וויא פיהלט ער? איז ער ניט קראנק?

מ ר י מ י: וויא און וואס ע ר פיהלט, קען קיינער ניט וויסען, אי, לאז מיך עפעס טהאן. מיר ערווארטען דא היינט מענ־שען.

ב ע א ט א: (שטיל) זיא פערשטעהט, ער איז א מענש, וואס מען קען ניט וויסען וויא און וואס ער פיהלט. איז זיא ניט א טהייע־רע? מרימי, איהר ערווארטעט דא מענשען! גיט, איך וועל אייך העלפען (הויבט אן פלינק צו ארבייטען). מיינט איהר ניט, אז דא לעבען דיא בלומען וועט זיין בעסער א גרינער טעפיך. און דא א וואלענע דעקע... און דא צוויי טאבורעטען אהער... (איין אויגענבליק איז אלעס איבערגעשטעלט מיט גוסט) אט אזוי, און וואו זיצט ר' אלישע בן אבויה, דא? וועלען מיר דאס אונטערשפרייטען אונ־טער זיינע פיס (פערשפרייט א טעפיך אויף דער ערד) געזעגנעט זיינען דיא פיס, וואס טראגען איבער דער וועלט אזא גרויסען, קלוגען קאפ, (קושט דעם טעפיך לײדענשאפטליך. לויט) ער איז שטענדיג פערזארגט, שטארק פערזארגט, הא?

מ ר י מ י: ער זאגט ניט און דערקענען איז שווער. איך קען איהם לאנג און האב ניט געהערט, ער זאל זיך קלאגען. אפילו אז ער איז קראנק קרעכטשעט ער ניט און שווייגט...

ב ע א ט א: יא, ער זאגט ניט און ער קלאגט זיך ניט. דאס איז ער! (לויט) איצט, דאס רויטע קישעלע אהער... אט אזוי. זיין פרוי איז געווים יעצט זעהר גוט און צערטליך צו'ן איהם, הא?

מ ר י מ י: יא, זיא עסט איהם וויא א ווארעם.

ב ע א ט א: ארעמער גרויסער מענש! (לויט) דיא בלומען דארף מען אביסעל אויפפרישען (נעהמט א קרוג וואסער פון פאנטאן און בעשפריצט דיא בלומען) אט אזוי... נו, און דיא טאכטער?

מ ר י מ י: וואס ווייס זיא? שפרינגט וויא א ציעג און קייט טייטלען... זאל מיך גאט ניט שטראפען... ניט דיא מאמע, ניט דיא טאכטער, קיינער ניטא אין דער היים.

ב ע א ט א: קיינער ניטא? (קוקט אריין אין הויז) אי, וואלט

איך געוואָלט זעהן זיין צימער, וואו ער זיצט און לערנט און דענקט... זיינע ביכער מיט וועלכע ער פערברענגט אזוי פיעל צייט. זיין טיש... איך וואָלט געקושט דעם טיש, אויף וועלכען ער שפּאַרט זיך אָן מיט זיין נאָבעלע האַנד... (שמעון הנזיר קומט, מיעד, דיא שיך פערשטויבט. א לאַנגער שטעקען אין האַנד, א פּעקעל אויף דיא פּלייצעס. נאָך בלאַסער וויא פריהער. דיא אויגען ברענגען מעהרער).

מ ר י מ י : (מיט גרויס פרייד) אונזער ברודער! אונזער שמעון!

ש מ ע ו ן : פריעדען צו דיר, שוועסטער מרימי, פריעדען צו אַלע. וואס מאַכסטו? איך האב געהערט אַלעס וועגען אלישע'ן. עס איז גוט, וואס איהם איז אזוי שלעכט... דורך שמערצען וועט זיין האַרץ גערייניגט ווערען פאַר גאָטעס וואָרט. דאַרום בין איך גלייך פון וועג געקומען אַהער. יא, איך קום יעצט פון ווייט, איך און ברודער טוביה זיינען מיר געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָדט צו שטאָדט, ביז מיר זיינען געקומען צו א גרויסען כרך ביי'ם ים. מיר זיינען נעגאַנגען איבער גאָט'ס וועלט מיט גאָטעס וואָרט. אום און אום געפינען טרייע ברידער און שוועסטער, אום און אום פערזאַמלונגען און געבעט. דיא פיס זיינען מיר געשוואָלען, דיא אַקסלען אנגעריבען פון'ם קלומיק... אי, מיר האבען א גוטען פאַטער אין הימעל!

מ ר י מ י : (נעהמט אַראָפּ דעם פּעקעל פון זיינע פּלייצעס) ברודער שמעון, ווערסט דוא געהן רוהען און וואַשען דיינע מיעדע פיס?

ש מ ע ו ן : ניין, איך זעה דאָ א פערלאָרענע זעעלע, וועלכע איך וויל רעטען פיר אונזער פאַטער אין הימעל (צייגט אויף בעאַטאַ'ן).

ב ע א ט א : עס איז שוין געוועזן איינער, א גרעסערער, א שטאַרקערער פון דיר, וועלכער האָט מיין פערלאָרענע זעעלע גערעטעט....

ש מ ע ו ן : ניין! ער האָט גערעטעט נאָר דיין קערפּער פון שאַנדע און ערנידרונג, דיין זעעלע אָבער וואַנדעלט נאָך ארום אין דער פינסטערנים. אָה, שוועסטער, וואס איז אונזער לעבען? איין אויגענבליק. היינט ביסט דו יונג און שעהן און מאָרגען שטעהט שוין הינטער דיר דער מלאך המות. און אז דו וועסט קומען אויף יענער וועלט פאר דיין פאַטער אין הימעל, וועט ער דיך פרעגען: נאָך וואָס האָסט דו געלעבט? וויא פיעל גוטעס האָסטו געטהאָן? ווענען האָסטו געליעבט אויסער זיך. אויסער דיין אייגענעם זינדיגען

קערפּער? (בעאטא קוקט אויף איהם ערשטוינט) שוועסטער, דיינק פון דיין טויט.

בעאטא: שוין דיינקען פון טויט? ניין, איך האָב נאָך צייט. דו, יונגער קברות מאַן, בעגראַבסט מיך שוין? איך וויל לעבען. איך וויל נאָך ערשט ליעבען און זיין געליעבט.... איך וויל זיין גליקליך....

שמעון: ניטאָ קיין לעבען, קיין ליעבע, קיין גליק, אויסער דאָרט, ביי אונזער פאָטער אין הימעל. (ער וויינט, מרימי ווישט איהרע אויגען.)

בעאטא: זעהט נאָר.... ניין! ניין! דיא וועלט איז שעהן, דיא זונן איז ליכטיג, דאָס בלוט קאָכט. ווארום זאָל איך דיינקען פון טויט, ווען איך וויל ערשט אָנפאַנגען צו לעבען. (א גערויש).

שמעון: צוליעב דאָס אונזיניגע לעבען דאָ ווילסטו פערליערען דאס עוויגע לעבען דאָרט?

מרימי: אימיצער געהט אַהער. קומט אלע צו מיר אין אַל־קער... קום, שוועסטער, ווילסט דאָך ווארטען אויף ר׳ אלישע׳ן? קום, וועסט אזוי לאַנג הערען ברודער שמעון הנזיר, ביז דו וועסט מוזען זאָגען: יאָ, ער איז גערעכט.

שמעון: גערעכט איז נור אונזער פאטער אין הימעל. (געהט אָב אין הויז).

בעאטא: דער מוז אויך זיין א גרויסער מענש. אָבער וואס פאר אַן אונטערשיעד: דער איז יונג און שוין אלט און יענער איז בעיאָהרענט און איז יונג.... דער רופט אין קבר און יענער רופט אין דער גרויסער וועלט, אין פרייען פעלד, אין׳ם גרינעם טהאָל.... חא, הא! צוויי מלאכים! דער איז דער מלאך המות און יענער איז דער מלאך החיים. (זיא און מרימי אב. מען הערט שטימען: משומד! אחר! אחר! נאכדעם טוביה׳ס שטימע, נאכדעם אלישע׳ס שטימע, אלישע און טוביה קומען.)

אלישע: יאָ, יאָ, קום אריין. ביזט ביי מיר זעהר א גוטער גאַסט....

טוביה: מיר זיינעןביידע געגאַנגען צו דיר. ברודער שמעון איז שוין געווים דאָ. איך בין טאקע זעהר מיעד. דיא פים וויא

צוויי קלעצער. איך האָב אָבער פריהער גערארפט איבערגעבען א בריעף צו אן אלטער מאמע פון איהר געפאנגענעם זוהן, האָב איך א שפאן געטהאָן א דריי מייל. מיינע צוויי אלטע שפרייזער זיינען אביסעל אויסגעהארעוועט. איך הער זיי וויא דעם פאר־א־יאָהריגען שניי. (נעהמט אראָפּ פון זיך זיין פעקעל און זעצט זיך.)

אלישע (קוקט זיך ארום): וויא געמיהטליך דאָ איז. גליקליך איז דער מענש, וואָס האָט אן אייגען ווינקעלע, וואו ער קען בלייבען אליין מיט זיך, ווייט פון דיא גאסען־יונגען, ווייט פון גאסען־מיי־נונגען און גאסען גערעכטיגקייט.

טוביה: ברודער, דיין ווינקעל איז צו קליין. דיין ווינקעל, דאָס איז דוא אליין. דוא זיצט אין זיך. עס איז איינג, און אין דיזער איינגער וועלט, ביזט דוא גרויס,... מיין ווינקעל אבער איז דיא וועלט פון איין עק ביז'ן אנדערען. איך בין טאקע דאָרט קליין וויא א מילבעלע, עס איז אָבער אזוי גערוימיג ארום מיר.... און ווען איך בין צום ערשטען מאָל צוגעגאנגען מיט שמעון'ען צו מיין גרויסען ים, האָב איך דערזעהען דיעזען גרויסען וואסער־שטח און דערהערט זיין רוישען, איז מיר געוואָרען אזוי ברייט און פרעהלאך אויפ'ן הארצען, אז איך האָב א געשריי געטהאָן: אָי, טאטע פאטער, וואס פאר א גרויסע היים איך האָב! און איך האָב ארויסגעכאפט מיין פייפעלע און האָב פּלוצלונג אנגעהויבען צו שפּיעלען א נייעם אונ־בעקאנטעם ליעד.... איך וויים ניט, פון וואנען עס האָט זיך גענומען. דאָס האָבען הפנים דיא וועללען און דער ווינד געבראכט צו מיר דאָס ליעד פון יענער זייט ים, פון דיא מענשען, וואָס לעבען דאָרט..... ווארום מיין זעעלע איז דאָך א טהייל פון זייער זעעלע און זייער ליעד איז מיין ליעד.... אי, ברודעריל, איז דיא וועלט שעהן און גרויס, און גוט! פאר וואָס ווילסטו זיך ניט ארויסקלייבען פון דיין איינגע דירה אין מיין גרויסען פאלאסט אריין, הא?

אלישע: ארימער אביוני, דעם פאלאסט דיינעם, וואו דוא בלאָנדזשעסט ארום מיט דיין בעטלער־זאק, בין איך דיר מוחל.... אָבער דו האָסט א רייכע זעעלע. איך האָב פיעל מאָל געדיינקט פון דיר. און עס איז זעהר גלייך פון דיר, וואָס דוא ביסט איצט געקומען. נאר, אויב מיין פרוי....

טוביה: ניט איין מאָל האָט מען שוין מיר געשפּיעלט א קבלת

פנים מיט א שטעקען, און ווען איך האָב געבעטען ברויט, האָבען מיר מענשען געגעבען א שטיין.. דאריבער דארף איך האָבען יסורים? (שטיל) אלישע בן אבויה, איך האָב געוואוסט אז אלע האָבען זיך אָפּגעקעהרט פון דיר, בין איך צו דיר געקומען... ברודער, ערלויב דעם אלטען בעטלער בלייבען לעבען דיר. דער רייכסטער פריינד אין דער וועלט איז אן אביון.... (אבנימוס קומט צום גארטען).

אלישע: (אויסער זיך פון פרייד) הידד! וועמען זעה איך? מיינע פריינדע פאנגען אן צו קומען! איך האָב געפיהלט, אז דיין הארץ וועט דיך ערקלערען דיא ווארהייט. קום אריין, אבנימוס.

אבנימוס (געהט ניט אין גארטען): ניין, איך בין ניט געקומען צו גאסט. איך דארף דיר אליין וואס מיטטהיילען. (קוקט אויף טוביה'ן).

טוביה: זיי ווילען דער גביר אדיר זאָל זיך אפּטראָגען פון דאנען... נו'ם איך געהן זעהן, וואס מאכט מיין שוועסטער מרימי. עי! עפענט טהיר און טהויערן. טוביה האביוני געהט! (נעהמט זיין פעקעל. אב.)

אבנימוס: היינט מארשירען ארויס פון דאנען דיא אלטע רוימישע לעגיאָנען און נייע לעגיאָנען מארשירען אריין....

אלישע: איז וואָס? לעגיאָנען, מארשען, סאָלדאטען! דוא ווייסט, א מענש אינטערעסירט זיך ניט דערמיט.

אבנימוס: ווייסט דוא אָבער, אז צוזאמען מיט דיא לעגיאָנען געהט צוריק קיין רוים אנטאָניוס סערוויוס, דער קוועזיטאָר? האָט ער דיר בעצאָהלט זיין חוב?

אלישע: איך האָף, ער וועט קומען מיך זעהען. זאָגען מיר „לעב וואָהל" און בעצאָהלען....

אבנימוס: איך וואָלט דיר געראטהען ניט האָפען און זעהן וואָס טהאָן....

אלישע: איך האָף, אז ניט אַלע מיינע פריינדע זיינען מענשען, אין וועלכע איך האָב זיך גענארט....

אבנימוס: און אויסער דאס געלד... זיי פאַרזיכטיג.... מען זאָגט, דיין טאָכטער....

אליש ע: דאס האָב איך שוין לאַנג געהערט און לאַנג אויסגעפונען, אז עס איז רכילות... ערלויבט מיר אליין זאָרגען פאר מיין טאָכטער!

אבנימוס: מיין פליכט איז געוועזן דיך צו ווארנען. איצט, אונגליקליכער אחר, נאָך איין וואָרט....

אלישע: ניט אחר, אלישע בן אבויה איז מיין נאָמען!

אבנימוס: דער נאָמען פון א מענשען איז ניט וויא ער רופט זיך, נאָר וויא ער ווערט פון דער וועלט גערופען...

אלישע: דיא וועלט? דיא וועלט האָט סאקראטעס'ן גערופען פערדעטהער און פערברעכער!... .

אבנימוס: (נעהמט געלד פון זיין טאש). איך האָב דיר געבראכט, וואָס איך בין דיר שולדיג....

אלישע: איך האָב דיר קיין מאָל ניט געבאָרגט און דוא קענסט מיר ניט שולדיג זיין.

אבנימוס: וואס הייסט? דוא האָסט מיר געגעבען... ע...

אלישע: דאס וואָס איך שיינק, נעהם איך ניט צוריק!

אבנימוס: איך האָב דיך געווארענט און דוא טהו וויא דו פערשטעהסט, (געהט). דאס געלד וועט מען דארפען געבען זיין פרוי, זיא איז גאָר ניט שטגליך. ווען עס האנדעלט זיך וועגען געלד. (אב).

אלישע: אָי, קיינער קען אונז ניט אזוי ווערה טהאָן וויא דיא, וועלכע מיר רעכענען פאר אונזערע פריינדע... קיינער איז אונז ניט אזוי פרעמד וויא דיא, ועמען מען רופט אייגענע... קיינער איז פון אונז ניט אזוי ווייט, וויא דיא וואס זיינען אונזערע נאָהענטע. פריינדע ליעבען אונז נאָר דאַן, ווען מיר זיינען געליעבט.... (פערדעקט זיין געזיכט. נעמי לויפט אריין, דערזעהט דעם פאָטער, וויל זיך אריינ־גנב'ענען אין שטוב, געהט אויף דיא שפיץ פינגער, גיט א קלאפּ. אלישע בעמערקט זיא.) נעמי, דו? וואו ביסט דוא געוועזן?

נעמי: איך בין ערגיץ ניט געוועזן... אזוי ארויסגעגאנגען אויף איין ווײַלע... איך האָב געוואָלט — איך האָב געוואָלט קויפען טויטלען, פערקויפט קיינער ניט. שלעכטע מענשען!

אלישע: האָר אויס, נאַשערין, עס וועלען קומען צייטען, ווען

דיא שלעכטע מענשען וועלען דיר פערקויפען טויטלען און פייגען און ראָזינקעס און דיא אַלע גוטע זאַכען, וואָס דוא האָסט ליעב.

נעמי: פאָטער, איך מוז געהען זאָגען עטוואָס מרימי׳ן. (וויל געהן), דער מאמע׳ן קען מען ניט אזוי לייכט אָבנארען. ער אָבער — ער גלויבט, האלט זיך פאר א קלוגען און עס איז גאָר קיין קונץ ניט איהם אָבצונארען....

אלישע: האר אויס, נעמי, איך וויל דיך עטוואס פרעגען.

נעמי: דאָס וועט זיך שוין אנהויבען... אָי! (זיפצט).

אלישע: דוא ווייסט, נעמי, אז איך בין ניט זעהר א גליק־ליכער מענש... וואָס פאר א פרייד האָב איך אין לעבען און וועמען האָב איך אויסער דיך אויף דער גרויכער וועלט? איין קינד — דאָס איז אַלעס... נעמי, עס קען זיין, איך וועל גיך שטארבען, אָדער מען וועט מיך ערמאָרדען, טרויסט איך מיך דער׳מיט: — מיין קינד וועט בלייבען נאָך מיר. זיא וועט האָבען זעהגע און טעכטער, קלוגע, גוטע מענשען, דענקער און לערנער. דורך זיי וועט מיין זעעלע לעבען. דאָס איז דיא איינציגע אונשטערבליכקייט אין וועלכע איך גלויב.

נעמי (אונגעדולדיג): פאטער, וואָס ווייס איך פון אונ־שטערבליכקייט!

אלישע: ביסט גערעכט, קינד. הער, איך האָב שוין אמאָל נאכגעפרעגט און עס האָט זיך אויסגעציינט א געמיינער ליגען... און דאָך היינט האָב איך ווידער געהערט ועגען דעם רוימער...

נעמי: ווענען וואס פאר א רוימער? ווייס איך! אז מען רעדט פון דיר דער רוח ווייסט וואָס? מען קען לייטישע מיילער ניט פערשטאָפען.... איין זאַך פערשטעה איך ניט: דוא זאָגסט שטענ־דיג, ביי דיר איז גלייך וואָס יוד און וואס רוימער....

אלישע: יא, קינד. איך זאָג עס, אָבער דער רוימער זאָגט ניט, אז ער איז גלייך צום יודען, און זאָלאנג דער שטאָלצער רוימער האלט זיך העכער פון׳ם יודען, דארף יעדער יוד, וואָס רעספעקטירט זיך אַליין ניט שטעלען זיך נידריגער פון׳ם רוימער, ניט נידריגער פון קיין מענש אין דער וועלט! פערשטאנען?

נעמי: יא, איצט פערשטעה איך. (שטיל) געה פערשטעה א מענשען וואָס זאָגט אהין און אהער...

אלישע: זיא איז צו אונשולדיג און צו נארריש. מען זאל ווענגען איהר קענען וואס גלויבען. אה, ווענגען איהר קען איך גאנץ רוהיג זיין.

נעמי (געהט אין הויז. בעאטא קומט אנטקעגען.): אה! דאס איז אפנים דיא דאזיגע, פון וועלכע דיא מאמע האט מיר דערציילט. (לויט, מיט א גרימאסע) פאטער, דוא האסט א גאסט (געהט) נאר ער מעג אלעס, אן אנדערער טאר גאר נישט (אב).

בעאטא (טרויעריג): ער האט מיר צו־וויי טאגט מיין הארץ און פערשראקען מיינע פרעהליכע געדאנקען. מען דארף זיך ניט צוהערען מעהר צו זיינע רייד. (פיהרט מיט'ן האנד איבער'ן קאפ.)

אלישע: בעאטא, ענדליך ביסט דוא געקומען צו מיר?

בעאטא: האסט דוא מיך ערווארטעט?

אלישע: ניין! דאס הייסט, איך האב ניט געוואלט דוא זאלסט קומען און בין געוועזן בייז, פאר וואס דוא קומסט ניט.

בעאטא (ווערט פרעהלאך): פאר וואס זיצט דוא ניט דא? דאס האב איך דעם טעפיך פארבערייטעט פאר דיינע פיס. (קוקט אויף איהם) אה, גרויסער מענש, קיינער זעהט ניט, אבער מיין הארץ פיהלט וויא טיעף דיינע שמערצען זיינען איצט.... דוא ליידעסט שטארק, הא?

אלישע (קוקט זיך אום): איך זעה, דאס דוא האסט אלעס דא אויפגערוימט. עס איז גאר אנדערש. אה, בעאטא, וויא גליקליך איז דער מענש, וואס האט א ליעבענדע האנד, וועלכע זארגט פאר איהם. א האנד, וועלכע מען קען צודריקען צום הארצען, ווען עס איז פערוואונדעט. קינד, קענסט דוא בעגרייפען, וויא שרעקליך עס איז א גאנצעס לעבען פערבלייבען אליין, אן אבגעזונדערטער, א פרעמדער? (זיין שטימע האט זיא גערוהרט. זיא גיט א וויין און בעהערשט זיך באלד).

בעאטא: יא, איך בעגרייף עס און וואס איך בעגרייף ניט, פיהל איך. ביסט וויא א גרויסער פעלז אין א וויסטע... ארום דיר געפינען זיך קליינינקע זעמדילאך... גרויסע געדאנקען טראגסט דוא אין דיין געטליכען קאפ, ווער קען זיי אפשעצען? טיעפע גע־היימניסע פערבארגסט דוא אין דיין מעכטיגע ברוסט, ווער קען זיי

ערקלערען? אה! ערלויב מיר מיט מיין שוואכע האנד ווען עס איז שטיצען דיין שווער בעלאסטיגטען קאפ... ערלויב מיר מיט מיין אונווירדיגע אויג צו זעהען דיך וויא דוא ביסט אין דער ווירקליכקייט, ניט וויא דוא שיינסט צו זיין פיר דיא אלע פרעמדע.... איך ווייס, אז אונטער דעם געשטאלט פון דיעזען אבגעזונדערטען, שטאלצען, צארניגען, אלעס קריטיזירענדען און אבשטויסענדען מענשען איז פערבארגען איין אנדער מענש, א גוטער מענש, א ליעבענדער, א צארטער, א גוטהערציגער, א גרויסמוטהיגער, א לייי־דענשאפטליכער... דוא ביסט פערשלאסען אין זיך אליין — עפען מיר אויף דיין הארץ, ליעב מיך! איך וויל דיר אפפערען מיין לע־בען, מיין זעעלע, מיין הארץ... קענסט דוא מיך ניט ליעבען?

אלישע: אה, קינד, זאגאר נאר דערפאר אליין וואס דוא ליעבסט מיך אזוי און פערשטעהסט מיך, דערפאר אליין קען מען און מען דארף דיך ליעבען. (גיט זיא פלוצלונג א שלעפ צו זיך לייי־דענשאפטליך), אונגליקליכע, איך וועל דיך פארברענען, וויא דיא זונן פארברענט א צארטע בלום! איך וועל דיך צוברעכען, וויא א שטורם־ווינד צוברעכט א יונגען בוים!

בעאטא: יא! יא! פערברענען מיך! צוברעך מיך! אה, וויא גליקליך איך בין! (זיא פארדעקט איהרע אויגען. א פויזע.)

אלישע (לאזט זיא אב): ניין, בעאטא, איך האב קיין רעכט. מיין לעבען איז יעצט צו פערפלאכטען און איך דארף ניט וואגען אריינצופלעכטען אין דיעזער אונזיכעריגער טראגעדיע נאך איין יונגעס לעבען. דאס וואלט געוועזן צו אייגענזיכטיג, צו גרויזאם, צו אייגעננוציג. ניין! ניין! אין קיין פאל אין דער וועלט ניט! (זעצט זיך פון דער ווייט און זיפצט שווער.)

שמעון (מען הערט זיין שטימע פון הויז): דיא וועלט איז א חרוב'ע ארימע שטוב, דאס לעבען ניט מעהר וויא א פינסטערע גרוב... קיין פרייד און קיין גליק איז ניטא אויף דער ערד.

בעאטא: אה, אונגליק! אונגליק! דער וואס פרעדיגט לע־בען, שטויסט מיך אב פון זיך, און דער וואס פרעדיגט טויט ציהט מיך צו זיך צו. (פערדעקט איהר געזיכט. בתבורית קומט אן.)

בתבורית (קאיט וואס): נעמי, איך האב דיר געקויפט טויטלען. (כאפט אריין נאך א טויטעל אין מויל, דערזעהט אלישע'ן) הער,

וואס זאגסט דוא צו אבנימוס'ן? ער האט מיך בעגעגענט און האט מיר געגעבען געלד. הא? אאו! זיא דא?

אלישע: שששש! איך בעט דיך, מאך ניט קיין ליארעם און בעליידיג ניט א מענשען אומזיסט.

בתבורית: א מענשען! אי, אזא חוצפה וועל איך ניט איבערטראגען! צו מיר אין הויז! צו מיר אהיים!....

בעאטא (מאכט זיך פארטיג צו געהן): פערגעסט ניט, עס איז ניט נאר אייער הויז און אייער היים. עס איז אויך זיין הויז.... ליידער, פערגעסט איהר דאס צו אפט!

בתבורית: אונפערשעהמטע פרוי! איך טרעף דיך דא ביי מיר מיט מיין מאן און דוא האסט נאך א העזה צו ריידען? (אלישע וויל זיא פערהינדערן צו מאכען א סקאנדאל).

בעאטא: ער איז אייערער? פאר וואס? קענט איהר איהם? ליעבט איהר איהם? פערשטעהט איהר איהם? אינטערעסירט אייך זיין חכמה, זיין גרויסקייט? טהוט איך וועה דיא הארץ, ווען ער ליידעט? קימערט עס אייך, ווען ער ווערט ערנידריגט? זיינע ערהאבענע געדאנקען, זיין גרויסער מוטה, זיין אייזערנער ווילען, זיין ענערגיע, זיין קוראזש, — אלעס איז דאך ביי אייך ניט ווערטה קיין פרוטה! ווען פון זיין מויל גיסט זיך א גאלדענע דרשה — געניצט איהר, און ווען ער איז מיט דיא געמטער אין דיא הימלען, זיצט איהר ביי דער שיסעל מיט יויך: איהר זייט צוואנציג יאהר געוועזען לעבען איהם און איהר זייט ווייט פון איהם, וויא דיא ערד איז ווייט פון'ם הימעל. אויב ער איז אייערער, ווארום זייט איהר איהם א פרעמדע?

בתבורית: אזוי? ער האט דיר דערציילט אויף מיר, גע-קלאגט זיך פאר דיר, הא? זעהט, צו וועמען ער האט מיך פער-קלאגט דא! ארויס פון דאנען! שוין ארויס!

בעאטא: ער האט זיך געקלאגט? איהר האט געדארפט צוואנציג יאהר דיענען ביי אייער דיענסט, וואלט איהר אם ווענינגס-טענס פערשטאנען איהם אזוי פיעל, וויא פיעל זיא פערשטעהט.

בתבורית (וויינט): וועניג צרות האב איך פון דיר, האסט דוא מיר געבראכט אין שטוב ארייין א נייע פרעניות!...

בעאטא: אונגליקליכע, נעבאך... ערשט געקאיט זיסע טויטלען און איצט גיסט זיא ביטערע טרעהרען!... שש! איך געה, אָבער נאָר ווייל ער וויל איך זאָל געהן. (אב.)

בתבורית: איך וועל לאנג פון דיר ניט דולדען. מען איז ניט מעהר וויא א לעבעדיגער מענש און דיא גאל קען פּלאצען ביי יעדען! (אב אין הויז אריין).

אלישע: יא, וויא שעהן און געטליך דיא ליעבע זאָל ניט זיין, זיא ברענגט אונז גליק נאָר ביי גינסטיגע אומשטענדען.... ווען אָבער דיא אומשטענדע זיינען אונגינסטיג, ברייננט זיא נאָר איב־ ריגע, אומזיסטע ליידען און שמערצען. (טוביה און שמעון קומען פון הויז.)

טוביה: נייער כמעט אביוני, זיצסט דאָ גאָר אליין?

שמעון: קיינער פון אונז זיצט ניט אליין. מיט יעדען פון אונז זיצט אונזער פאטער אין הימעל. (בתבורית קומט ראָש צוריק).

בתבורית: יא, בעל תכלית מיינער, מען זאָגט דאָך, דער גוי, דער פריינד דיינער, פאָהרט היינט אוועק..... ווער וועט בע־ צאָהלען דאָס געלד?

אלישע: איך מיין, ער וועט קומען און וועט בעצאָהלען....

בתבורית: און טאָמער ניין, איז גאָר ניט?

אלישע: נו, יא, פון גאָר נישט, קען מען גאָר נישט מאכען....

בתבורית: נו, און וואו זיינען דיינע געסט? וואו זיינען דיינע פריינדע? יא, נאָר בעטלער און עבודה־זרה'ניקעס ווע־לען איצט דיינע געסט זיין. אויס! ניטאָ קיין וויין, ניטאָ קיינע מאכלים! וועסט פלעפּלען מיט זיי דיא עבודה זרה!

שמעון: אלעס איז פאַרבערייטעט דאָרט ביי אונזער פאַ־ טער אין הימעל.

טוביה: ניטאָ קיין וויין גאָר? זאָלען נאָר דיא געסט קו־ מען. מיר האָבען א טהייערע, א געזונדע, א קלאָרע משקה, וויא זילבער! (נעהמט א קרוג וואסער פון פאנטאן און שטעלט אויפ'ן טישעל) ניטאָ קיין מאכלים? ווער האָט געזאָגט? גיב א קוק אהער, דוא אונצופריעדענער מענש! (נעהמט ארויס פון זיין זאק דריי עפּעל) זעהסט? דריי רויטהע, שעהנע עפּעל, וויא גאָלד. פּונקט וויא דריי

געשטאָפּטע קעלבער! וועלען קומען זעקס געסט, וועלען מיר צו־שניידען יעדען עפּעל אויף צוויי. צוועלף? שוועסטעריל, קען מען דאָך יעדען עפּעל צושניידען אויף פיער טהייל. (לעגט דיא עפּעל אוים) און טאָמער ווילען דיא געסט מוזיק זאָל זיי שפּיעלען? נו, איז ניטאָ? נעהם איך מיין קליינינקע פּייפעלע און שפּיעל זיי א זמר צו גאָט. וועלען זיי פאָדערען עטוואָס בעסערעס, געטליכעס? וועלען מיר זיי בעטען, זיי זאָלען צוזאַמען מיט אונז קוקען אויף דיא בלויע הימלען, וואָס דער גוטער גאָט האָט פערשפּרייט איבער דיא קעפּ פון אלע געסט, און מיר וועלען אלע זיצען, דיינקען און שווייגען — און טאָמער.... (א גערויש).

בתבורית: ששש! בעטלער, שווייג שוין בעסער, איך הער אימיצער קומט. (קוועזיטאר קומט מיט א בוקעט בלומען) אלישע, זעה נאָר, דיינער געהט דאָך טאקע....

אלישע: זעהסט? ניין, מען דארף ניט דיינקען נאָר שלעכטעס פון יעדען מענשען (קוועזיטער ראש אריין אין גארטען.)

קוועזיטער: וואָס מאַכען מיינע פריינדע? וויא געדט עס? וואו איז אייער ליעבענסווירדיגע טאָכטער? איך רייזע היינט אָב און וויל אויך פון איהר אבשיעד נעהמען... דיעזע בלומען זיינען פיר איהר....

בתבורית (שרייט): נעמי! קום אהער, טאָכטער! (נעמי קומט, קוועזיטאר געהט איהר אנטקעגען).

קוועזיטאר: הויכווירדיגעס מערכען... (נייגט זיך העפליך, גיט איהר דיא בלומען).

נעמי (שטיל): איך בין געוועזן ביי דיר און האָב דיך ניט געטראָפען.

קוועזיטאר (שטיל): זיי פאָרבערייטעט. דיא לעגיאָנען טרעטען באלד ארוים. ווען דוא וועסט דערהערען אידישע מוזיק.... דיר צוליעב און דיא יודען אויף צו להכעים האָב איך געהייסען שפּיעלען א יודישען מארש... זאָלסט זיין לעבען דיא דריי בוימער...

אלישע: אלזאָ, הייסט עס, איהר פערלאָזט אונז?

קוועזיטאר: יא, היינט, באלד... איך בין אייך נאָר געקומען זאָגען מיין לעבע וואָהל....

נעמי: איך וועל אוועק טראָגען דיא בלומען אין מיין צי־

מער, (שטיל) איך בין אזוי ערשראָקען — זיי וועלען נאָך דער־
קענען.... (אב צוריק).

בתבורית: נו, און ווען וועט איהר אונז בעצאָהלען אונ־
זער געלד? (אלישע מאכט א צייכען זיא זאָל שווייגען).

שמעון: אונזער פאטער אין הימעל וועט בעצאָהלען יעדען,
וואָס איהם קומט.

קוועזיטאר: ווי? איהר רעכענט דאס פאר א חוב! זעהט
איהר, אייער מאַן פערשטעהט שוין בעסער.... ער זאָגט מיר גאָר
נישט וועגען צאָהלען...

אלישע: וואס דארף איך זאָגען? איך האָב ניט געצוויי־
פעלט, אז אן עהרליכער מאַן וועט האלטען זיין עהרענוואָרט....

קוועזיטאר: אזוי? און איך האָב געמיינט, איהר וועט
האָבען טאקט גענוג זאָגאר ניט דערמאָנען דאס מיזעראַבלע געלד...
איך האָב געקוקט איהם אליין שיקען קיין רוים אָדער פערקויפען
דאָ און זיין גאנצעס פערמעגען קאָנפיסקירען. מיר דארפען דאָ גאָר
ניט בעטען און ניט באָרגען — אלעס וואס געפינט זיך דאָ בע־
לאנגט צו אונז רוימער.... דאָך, איך האָב איהם גערעכענט פאר אן
אנשטענדיגען מענשען, האָב איך ביי איהם גענומען אין אן אנשטענ־
דיגען וועג....

בתבורית: אַי, א שלאג האָט מיך געטראָפען!

אלישע (סארקאַסטיש): ער האָט מיך גערעכענט פאר איין
אנשטענדיגען מענשען! דאָס איז זעהר פיין פון איהם!

קוועזיטאָר: יא, איך האָב זיך אזוי פיעל יאָהר געפלאגט
אין דער פערפלוכטער יודעא, דארף איך קומען צוריק אין רוים מיט
גאָלד, שקלאַפען און אלעס גוטעס... און איך דארף לעבען וויא עס
פאסט פיר א רוימער און פאטריציער...

אלישע: סטאיקער, און וואו איז דיא פילאָזאָפי?

קוועזיטאר: פילאָזאָפיע איז גוט, ווען מען האָט לוקסוס
דערצו... הערסט? איך האָב געקוקט יעדען טאָג זיי ברענען, שינ־
דען פון זיי לעבעדיגערהייט דיא הויט, מאַכען זיי פאר שקלאַפען
און זיי מאַהנען גאָר דאָס געלד! פוי! וויא אונדאנקבאר און געלד־
גייציג דיא יודען זיינען.... (געהט ראש) עס פרעהט מיך זעהר,
מעהר ניט האָבען מיט זיי וואָס צו טהאָן....

בתבורית: געוואלד! הערט אונזער אונגליק!...

קוועזיטאר: רייד נאך איין וואָרט!... דיא סאָלדאטען ווילט זיך זעהר פאר׳ן אוועק געהן א שטיקעל טהאָן! (אב. אלישע בלייבט זעהר נידערשלאָגען.)

בתבורית: גזלן! רוצח! פרא אדם! פאר וואָס שווייגסט דוא?

אלישע: נאָר שוואכע און דומע מענשען שרייען דאן, ווען מען קען מיט׳ן שרייען גאָר ניט העלפען.

טוביה: שוועסטעריל, זיי גוט צו איהם.... דיא וואס שרייען, פילדערען אריין זייער שמערץ צו׳ן אן אנדערן... דער וואָס שווייגט... טראָגט אליין אין זיך אלע שמערצען און וויטאָגען.. ער שווייגט. איהם איז זעהר שווער....

שמעון: פון אלעם וואס עס איז שווער, קען מאכען גרינג אונזער פאטער אין הימעל....

בתבורית: דיין נייער קרוב בעט איך זאָל דיך צו רוה לאָזען. הער זשע, גביר מיינער, בעליעבטע פערזאָן, געאכטעטער יוד! דוא הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען. איך בלייב דאָ ניט מעהר! איך געה לעבען מיט מיין ברודער, וועלכער איז א יוד, וויא אלע יודען.... איך האָב געזאָגט נעמי׳ן וויל זיא פלוצלונג בעסער בלייבען מיט איהר ליעבען טאטען.

אלישע: ליעבעס קינד... עטוואָס בלייבט מיר דאָך....

בתבורית: איך געה, איך דארף ניט און איך וויל ניט זיין אין חרם! איך האָב דאָס לאנג געדארפט טהאָן. נאָר איך האָב גע־וואָלט דוא זאָלסט זעהען מיין גוטסקייט און בעסער ווערען. איך זעה, דיר וועט שוין קיין זאך ניט העלפען... אלע יודען זאגען, עס איז א חטא און א שאנדע צו בלייבען מיט א מענשען, פון וועלכען גאָט און לייט האָבען זיך אבגעקעהרט... צוליעב וואָס און צוליעב ועמען זאָל איך ליידען צרות? (וויינט) ווען נעמי וועט דארפען מיך זעהן, וועט זי קומען צו מיר, אחר! מיין פוס וועט דיין שוועל מעהר ניט אריבער טרעטען! (ראש אב).

(אלע בלייבען זיצען שטיל, דיא זון פאנגט אן זיך זעצען, איין יוד געהט פערביי, קוקט אריין אין גאָרטען און פערשווינדעט).

טוביה: ברודער, עס טרייסעלט? האלט זיך שטארק. מע פאלט ניט, ביז מע פאלט ביי זיך אליין ניט אראָפּ...

אלישע: נאַרר, ווען דיא גאַנצע וועלט וועט מיר שרייען אחר, בין איך און וועל האָך בלייבען אלישע בן אבויה! ווען דיא גאַנצע וועלט זאָל מיך פערלאָזען, וועל איך דאָך זיך ניט ענטזאָגען פון דעם וואָס איך האַלט פיר רעכט... חע! צולאָפּען זיך פון מיר!... נו, צו מיין פרוי קען איך קיין טענות האָבען, זיא איז דאָך מיר ניט געווען קיין פריינד, — זיא איז נאָר געווען מיין פרוי... אָבער מיינע פריינדע?

שמעון: אָה, מענש, פאַר וואָס ווילסטו ניט קומען צו דיין איינציגען פריינד אין הימעל?

אלישע: האָסט דוא שוין דעם פריינד דיינעם ווען עס איז געליהען געלד? אויב מיר קענען זיך אָבנאַרען אין א פריינד, וואָס מיר זעהען, הערען, בעאָבאַכטען... ווילסט דוא מיר איינרעדען, אז דוא נאַררסט זיך ניט אָב אין דיין פריינד וועלכען דוא זעהסט ניט, קענסט ניט, בעאָבאַכטעסט ניט, בעגרייפסט ניט... (בייז) דוא אויסגעדאַרטע נשמה! דוא האָסט אפשר א גוטע שטיממע צו זינגען תחינות מיט ווייבער.. דוא האָסט אָבער וועניג געהירען צו ערקלעהרען מיר, ווער איז דער פאָטער אין הימעל!..

טוביה: זיי ניט בייז, ברודער... איך ווייס, דוא ביזט ניט קיין שלעכטער, דוא ווילסט נאָר זיין א שלעכטער, ווייל דיר, נעבאָך איז שלעכט... ער אָבער איז נעבאָך א שוואַכער, לאָז אויס דיין כעס צו מיר...

אלישע: ניין, איך וויל זיין גוט צו אייך... צו דיר, געוויס, אביוני, איך זעה, האָמער'ן איז ניטאָ היינט פאַר וועמען צו לעזען... און אונזערע משקאות און מאכלים, ווי איך זעה, וועט אויך קיינער ניט בעריהרען. (פלוצלונג ווייט א אידישער מארש) דיא לעגיאָנען! הם! אביוני! דו ווייסט, — זא לאַנג דיא לעגיאָנען מאַרשירען, געהט דער מענש ניט. (נעמי קומט אין א מאנטעל).

נעמי: (אונשולדיג) פאַטער, קען איך געהן זעהען, וויא דיא סאָלדאַטען מאַרשירען? איך וועל שטעהן פון דער ווייט... אָט דאָ לעבען אונזער הויז...

אלישע: גוטעס, נאַרישעס קינד, וואָס איז דאָרט דאָ, וואָס צו זעהען?

נ ע מ י : אַלע לויפען זעהען, וויל איך אויך זעהען...

א ל י ש ע : אַלע! אָט דאָס אַליין איז דאָך דיא בעסטע איבערצייגונג, אַז דאָס איז געווים איין אונזינן... אויף אַ קורצע צייט קענסט דוא געהן... און, זעה קינד, זיי פאַרזיכטיג...

נ ע מ י : יא, פאטער, איך וועל זיין פארזיכטיג... (געהט, בלייבט שטעהן אַ מינוט) ווילסט אפשר ניט איך זאָל געהן?

א ל י ש ע : פאַר וואָס ניט? געהסט דאָך אויף אַ ווײלע...

נ ע מ י : (קוים וואָס זיא בעהערשט זיך) יא, פאטער, אויף אַ ווײלע... (שטיל) אוי, וועה איז מיר! (לאוט) אָבער וויל דוא ביזט היינט אַזוי טרויעריג... זאָל איך געהן פאטער? האָסט היינט געהאַט צו פיעל יסורים... אויב דוא ווילסט, גיעב מיך אַ קוש...

א ל י ש ע : קינד, האָסט רחמנות אויף'ן טאַטען? ביזט דוא דאָך טאַקע אַ גוטעטשקע... (אומאַרמט זיא און קושט, זיא קושט זיין האַנד, וויינט, געהט אָב וויינענדיג, אָבער אַזוי עס בעמערקט קיינער ניט. דער פאטער איז ענטציקט). אביוני, דו ביסט גערעכט, דער מענש דאַרף ניט פערצווייפלען. עס בלייבט נאָך שטענדיג גענוג פרייד אין לעבען! (מאַרש נעהענטער. עס ווערט דונקעלער)

ט ו ב י ה : איך זעה פון דיינע רייד, דוא הויבסט שוין אָן ווערען רייך... איצט ערשט וועסט דוא האָבען פריינדע. פריהער ביזט דוא געווען גרוים, איז קיינער דיר ניט געווען גלייך, איצט אָבער ווערסט דוא קלענער, וועלען פיעלע דיך גלייך זיין. און ברודעריל מיינער ווען אמאָל אז אַלע, אַלע וועלען זיין גלייך וועלען אַלע זיין גליקליך. און ווען אַלע וועלען זיין גליקליך, וועלען אַלע זיין גוט, און ווען אַלע וועלען זיין גוט, וועט ניט זיין קיין שלעכטעס אויף דער וועלט.

א ל י ש ע : שוטה, ווען דיא צייט וועט קומען וועט קיין מענשען ניט זיין אויף דער וועלט. עס וועט זיין נאַר, אָדער מלאכים, אָהן בהמות, קיין מענשען ניט!

ש מ ע ו ן : נאָר דורך תפילה תשובה וצדקה קענען אַלע ווערען גלייך ביי אונזער פאטער אין הימעל. (מאַרש ווייטער און ווייטער. שפּיעלט פּיאנא ביז ענדע אַקט.) (עס ווערט דונקעל. מאָנד שיין). (אלישע פערדעקט זיין געזיכט. עס ווערט שטיל. פאוזע).

ט ו ב י ה: נייער גביר, וואָס איז דיר? דאָס האַרץ האַ? איך פערשטעה און פיהל עס... דוא דענק יעצט בעסער וואָס ווענינער... הער, וואָס זאָל איך דיר זאָגען א גוטע זאַך? ווילסט הערען? איך וועל דיר שפּיעלען אויף מיין פייפעלע (נעהמט זיין פייפעלע).

א ל י ש ע: אביוני, איך בין דיר מקנא! עס דאַרף זיין א גרויס גליק קענען אויסדריקען דיא געדאַנקען פונ'ם קאָפּ און דיא וועהטאָגען פון האַרצען דורך שעהנע, זיסע טענער... (וויא טוביה וויל נאָר אָנפאַנגען שפּיעלען, הערט מען בעאטא'ס שטיממע, לויפט אריין)

ב ע א ט א: וואו זייט איהר דאָרט? ר' אלישע בן אבויה!... אום גאָטטעס ווילען, פערליערט קיין אויגענבליק! איך האָב ערשט ערפאהרען, אז פיעלע יודישע מיידלאך און אויך אייער נעמי זיינען אוועק מיט דיא רוימישע לעגיאנען... גיכער, אפשר איז נאָך מעגליך זיי צו רעטען! (מוזיק הערט זיך גאַנץ ווייט)

א ל י ש ע: האַ? נעמי? ! דאָס קינד אויך? רופט זיא צוריק! קערט זיא אום צוריק! (לויפט פאָרט שרייענדיג: נעמי! נעמי! נאך איהם בעאטא, טוביה, שמעון, אויך מרימי לויפט פון הויז און נאָך זיי. פאוזע, מע הערט פון ווייט נאָך אלישע'ס שטיממע: נעמי!

(איין יוד מיט פיעלע אַנדערע קומען וויא אַ שטורם־ווינד, צוברעכען דעם פאַנטאַן, צו־ווארפען דאָס מעבעל, —רייסען אוים דיא בלומען און צינדען אונטער דאס הויז).

א י י ן י ו ד: אחר הרשע! מיר געהערט דיא מצוה! וויא איהר זעהט מיך אַ מענשען אויף דער וועלט! (לויפען אַללע פאָרט).
(דאָס פייער ווערט גרעסער... ווייט הערט זיך דער מאַרש).

א ל י ש ע: (מע הערט זיין שטיממע לאוט) נעמי! (פאוזע, מע הערט נאָך ווייטער). נעמי! (צום לעצטען מאָהל הערט מען זיין שטיממע מיט פערצווייפלונג און געוויין) נעמי! נעמי!...
(מוזיק גאַנץ ווייט, קוים וואָס מע הערט. דאָס פייער ברענט שטאַרקער).

פ אָ ר ה א נ ג.

פיערטער אקט.

(דער זעלבער גאָרטען. איין בוים איבערגעבראָכען, דאָס צווייטע שטעהט מיט אָבגעברענטע צווייגען. דער פאַנטאַן צובראָכען. איין צובראָכענער דיוואן און א פּאָאר צוגעברענטע טאבורעטען. דאָס הויז האַלב חרוב און פערברענט. דיא גראטיעס צוגעברענט. קיינע בלומען. חאָר זינגט אין הויז גאַנץ פּיאנא :)

טרעהרען און געבעט איז אונזער איינציגער פרייד
אונזער איינציגע ציהרונג איז פון תשובה א קלייד.

א. ז. וו.

(מרימי קומט פון גאס מיט צוויי קרוגען וואסער, שטעלט זיי ביידען אַנידער: כאָר הערט אויף צו זינגען.)

מ ר י מ י : פו ! אמאָל האָבען מיר געהאַט וואסער אונטער דער נאָז און איצט, שוין העכער פיער חדשים אז איך דארף טראָגען... א שעהן שטיקעל ארבייט פאר מיר אויף דער עלטער. (אַ גערויש) הא ? ווער איז דאָרט ? (מאיר קומט, נאָך איהם איין יוד טראגט א גרויסען קאָרב פול מיט פּראוויזיע, נאָך זיי עטליכע נייגעריגע).

א י י ן י ו ד : קוים דערשלעפּט, וויא איהר זערט מיך א מענשען אויף דער וועלט ! (שטעלט אַוועק דעם קאָרב, געהט אַוועק און זעצט זיך).

מ א י ר : מרימי, מיר האָבען דיר געבראַכט אַללעס נויטיגעס. דא האָסט דוא עטוואָס געלד (גיט איהר געלד) עס דארף אין הויז קיין זאך ניט פעהלען... וואָס טהוט ער? וויא פיהלט ער?

מ ר י מ י : ער זיצט גאַנצע טעג איבער זיינע גריעכישע ביכער און לערנט תורה...

מ א י ר : קלאגט ער זיך פאר דיר אפשר?

מ ר י מ י : ער קלאגט זיך ניט, חלילה, נאר ביי נאכט שלאָפט ער ניט. ווען איך זאָל זיך ניט אויפכאפּען, הער איך זיינע שווערע טריט. ער געהט אום איבער זיין צימער אהין און צוריק אזוי וויא א געפאַנגענער לייב.

מ א י ר: (שמיל) וויא ריכטיג און איינפאכער מענש בעד־מערקט. ער איז א געפאנגענער לייב. מרימי, פרעגט ער דיך וועגען וועמען עס איז?

מ ר י מ י: ניין! ער זארגט נאר, וואס וועט ווערען פון זיין קינד, פון זיין נעמי. ער פרעגט אפט וועגען דעם אלטען אביוני, ער האט איהם זעהר ליעב געהאט דעם אלטען. אין יענער שרעקליכער נאכט, ווען ער איז ארויסגעלאפען נאך דיא לעגיאנען, איז ער אוועק און אוועק און נימא.

מ א י ר: קיין גרעסערער שאדען זאל זיך ניט טרעפען. וועט זיין ווענינגער מיט און אביוני.

מ ר י מ י: יא, ער פרעגט מיך אפט, פון וואנען נעהמט זיך דאס אלעס אין הויז.

מ א י ר: בעהיטע גאט, זאלסט איהם ניט זאגען. ער דארף ניט וויסען. מרימי, זאג איהם ניט, אז איך בין דא געוועזן. איך וועל איהם קומען שפעטער זעהן. (געהט).

א י י ן א י ד: (שטעהט אויף) מען דארף אויפשטעהן פאר א תלמיד חכם.

מ א י ר: הייסער עזריה, זאלסט דא ניט האלטען קיין מלחמה מיט דער אלטער שמרונית! (אב).

א י י ן א י ד: ניין, רבי! איך וואלט שוין לאנג געמאכט א תל פון'ם גאנצען נעסט משומדים, וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט! נאר אז ר' מאיר זאגט, מען דארף נאך ניט, ווייסט ער דאך דעם דין מין התורה. ר' מאיר איז איצט דער גרעסטער בקי אין לערנען, ער וועט זיצען אויף ר' עקיבא'ס שטוהל. איך ווייס אלעס, ווארום איך רייב זיך ארום דיא תלמידי חכמים און בין כמעט אליין א תלמיד חכם געווארען, וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט. למשל, דוא ווייסט, וואס איז פרדס? איא ניין? דאס איז דיא זעלבע זאך וואס מעשה המרכבה, דוא ווייסט וואס דאס איז? איא ניין? דאס איז דאס, וואס איז שוין אריבער דער וועלט, פון יענער זייט וועלט... א מענש טאר אהין ניט קוקען, חלילה וחס! בן עזאי, בן זומי, ר' עקיבא און אחר הרשע האבען דאך אהין אריינגעקוקט. נו! נו! איז טאקי נאר ר' עקיבא ארויס א גאנצער פון הארטען. איינער איז געשטארבען, דער צווייטער איז משוגע

געוואָרען און אחר האט א קוק געטהאָן און האט אנגעהויבען צובראַ־כען דיא צווייגען פון דער מעשה המרכבה. דוא פערשטעהסט, דיא מעשה המרכבה האט צווייגען, וויא דוא זעהסט מיך א מענשען אויף דער וועלט. איך בין כמעט וויא אליין געוואָן דערביי. דאס אלעס האב איך אליין געהערט מיט מיינע אויערן פון א תלמיד חכם. אזא משומד וויא אחר און האט אויך אריינגעקוקט. דוא שפּיעלסט זיך מיט איהם? ווען ער זאָל ניט אריבער אין שמד, וואָלט ער געווען דער גרעסטער מרבנן „ודרמננו“. אי! אז איך דערמאָן מיך, וואָס ער האט געטהאָן געגען גאָט ב“ה, וואָלט איך דאכט זיך!... נומיר בעסער אוועקגעהן, וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט! (אללע אב. מרימי קומט און שלעפּט מיט גרויס מיה דעם קאָרב).

מ ר י מ י: ר׳ מאיר איז דאס א בעלן אנצוברענגען... עס איז גוט וואס אונזערע שוועסטער און ברידער העלפען אונז צו פערצעהרען... א גוטער מענש, דער ר׳ מאיר, אז ניט ער. אה, אָט קומט שוועסטער בעאטא (בעאטא קומט געקליידעט אין א שוואַרצע דאמינא, קיין ציערונג. זיא טראָגט אין האַנד א הילצערנע שאַכטעלע). שוועסטער, ברודער שמעון האט שוין צוויי מאָל געפרעגט אויף דיר.

ב ע א ט א: פריערען צו דיר, מרימי, איז שמעון יעצט דאָ? (זיא רעדט שטיל און געלאַסען).

מ ר י מ י: יא, אלע ברידער און שוועסטער זיינען פערזאמעלט ביי מיר אין אלקער און שמעון רעדט. אי, א פערגניגען, וואס פאר א פערזאמלונג. אלע האבען געוויינט מיט צובראָכענע הערצער און איין שוועסטער האט מען אזש געדארפט אבגיסען מיט וואסער.

ב ע א ט א: מרימי, רוף מיר ארויס אהער דעם ברודער שמעון.

מ ר י מ י: שוין, שוועסטעריל, מסתמא וויל דאָך אזוי גאָט אונזער הארר (אב צוריק אין הויז).

ב ע א ט א: (קוקט אויפ׳ן הויז) ווענגען איהם האב איך מורא געהאט צו פרעגען... וויא איך דערמאָן זיין נאמען, ערוועקען זיך אין מיר דיא אלטע זינדיגע געפיהלע. און דאס הארץ הויבט אָן נאָגען און שמערצען. וואס טהוט ער יעצט דאָרטען איינער אליין? אי, מיין ארעמעס, שוואכעס הארץ, ווארום קען איך דיך ניט אין גאנצען בעזיעגען! (א גערויש. זיא לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. שמעון קומט.) פריע־דען צו דיר, ברודער שמעון.

שמעון: מיט פריערען עמפפאנג איך דיך. שוועסטער, אין'ם נאמען פון אונזער פאטער אין הימעל.

בעאטא: דא אין שאכטעל זיינען אלע מיינע רינגען, מיין גאנצע ציערונג. איך דארף עס ניט מעהר. איך גיעב עס אב פאר אונזערע ארעמע פערפאלגטע ברידער און שוועסטער אין סאלאניקי.

שמעון: (נעהמט דיא שאכטעל גלייכגילטיג) האסט שוין לאנג געדארפט אוועקגעבען דיא אלע נארישקייטען. דעם שטן'ס קלאפּער־געצייג... קום אריין, מיר האבען א פערזאמלונג.

בעאטא: ניין, איך קען ניט. איך דארף ניט געהן אין זיין הויז. איך מוז דיר דיא װאהרהייט זאגען, איך האב מורא איהם צו בעגעגענען. אין זיין געגענווארט איז מיר שווער צו בעהערשען זיך.

שמעון: ערשטענס, זיצט ער איבען דארט און אינטערעסירט זיך, לײדער, זעהר װעניג מיט אונזערע פערזאמלונגען. דער אונגליקליכער מיינט, אז שכל איז א וויכטיגע זאך. צווייטענס, ענטלויפען פון דעם בעל הנסיון איז א שוואכהייט און א זינד. מיר דארפען דעם יוצר הרע קוקען גלייך אין דיא אויגען אריין און צייגען איהם, דאס ער האט איבער אונז מעהר קיין מאכט ניט. דאס איז דער הייליגער ווילען פון אונזער פאטער אין הימעל. (א גערויש).

בעאטא: (ערשראקען) ברודער, איך הער זײנע טריט. ער געהט אהער!

שמעון: עס מאכט ניט! בלייב און זיי פעסט וויא אונזער ערלעזער, ווען דער שטן האט איהם געטראגען איבער דער וויסטע! (אלישע קומט מיט א בוך, ארעם געקליידעט, פערעלטערט און בלאס, האלט זיך דאך מאיעסטעטיש. בעאטא גיט אויף איהם א קוק און פערברעכט דיא הענד).

אלישע: דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז דוא ביזט דא. איך האב ניט געהערט, נאר איך האב געפיהלט דיין שטימע. בעאטא, איך האב דיך ערווארטעט יערען טאג און דוא ביזט ניט געקומען. (ער זעצט זיך).

שמעון: זיא האט ניט געקענט קומען — זיא איז געוועזען מיט איהר פאטער אין הימעל...

אלישע: (בייז) איך וויל, דוא זאלסט געהן אויף א צייט צו דיין פאטער אין הימעל! איך דארף דא בלייבען מיט בעאטא'ן אליין.

ש מ ע ו ן: שוועסטער בעאטא, איך געה און קום באלד צוריק. וויא דוא וועסט נאר אנפאנגען צו פיהלען זיך שוואך. רוף דיא הילפע פון אונזער פאטער אין הימעל. (אב, אין הויז אריין. פויזע. ביידע שווייגען).

א ל י ש ע: בעאטא, ווארום שוויגסטו? (זיא שווייגט) ווארום שוויגסטו, בעאטא?

ב ע א ט א: איך קען ניט רעדען, טרעהרען שטיקען מיך. (קוים וואס זיא בעהערשט זיך ניט צו וויינען).

א ל י ש ע: ווען אלע זיינען אוועק פון מיר, האסטו מיך אויך פערלאזען. האסטו מיך פערגעסען, בעאטא?

ב ע א ט א: ווען איך וועל דיך פערגעסען, זאל מיין נאמען פערגעסען ווערען פון דער וועלט... ניין, פערגעסען דיך — דאס איז איבער מיינע קרעפטען.

א ל י ש ע: בעאטא, איך וויל מיט דיר רעדען גאנץ אפען, איך האב דיא לעצטע צייט זעהר פיעל געדענקט פון דיר, אבוואהל זאגאר דאן, ווען דוא האסט געמיינט, אז איך דענק ניט פון דיר, ביזט דוא אויך ביי מיר אין דיא אנדענקען געווען... איך האב זיך יעצט אליין דיא פראגע געשטעלט: צוליעב וואס און צוליעב וועמען זאל איך מיך ענטזאגען פון מיין אייגענעם גליק? ווען מיין קינד זאל אם וועניגסטען זיין מיט מיר... איך האב קיינעם ניט... פאר וואס זאל איך ניט דענקען פון זיך אליין? אלע מיינען, איך בין א מענש וואס לעבט נאר פאר זיך, דעם אמת געזאגט, איך האב נאך פאר זיך אליין גאר ניט געלעבט — איך האב קיין פערזענליכעס גליק נאך ניט געגאסען... איך בין ערשט פינף און פערציג יאהר אלט... און ווען איך זאל האבען לעבען זיך א מענשען, צוליעב וועמען עס וועט זיין כדאי צו לעבען, האב איך נאך גענוג קראפט און ענערגיע צו קעמפפען פיר מיין גליק און פיר מיינע מענשען־רעכטע.

ב ע א ט א: יעצט איז צו שפעט... זינד דוא האסט מיך צום לעצטען מאל אבגעשטויסען פון זיך, האבען מיינע געדאנקען גענומען אן אנדער ווענדונג. אלישע, איך בין שוין פערהייראטה! יא, איך בעלאנג שוין אן אנדערען... מיין אויסערוועהלטער חתן איז גאטט

אונזער ערלעזער. צו איהם און נאר צו איהם בעלאנג איך יעצט!

א ל י ש ע: וואס רעדסטו דאס, בעאטא? איך גלויב ניט! דוא ביזט צו קלוג, צו פערנינפטיג, דוא זאלסט דיך לאזען פערבלענדען פון דיעזע בית עולם דרשות. זיי האבען דיך איינגעוויעגט אין א לעטארגישען שלאף, ביזט איצט אין הימעלפלעט... ערוואך פון דיזען שרעקליכען הימעל־שלאף און קום אראב צוריק אויף דער ווירקליכער ערד. בעאטא! מיט דער מאכט פון דער פאעטישער פאנטאזיע וועל איך דיר אויפבויען א טעמפעל פון קריסטאל און סאפיר־שטיין. אין דעם טעמפעל וועסטו זיין מיין געטטין ערלעזערין. אנשטאט מתים־ליעדער וועל איך דיר זינגען דיא זיסע ראפסאדיען פון האמער'ן און אנשטאט טוידטען־געזאנג וועל איך צו דיר רעדען פון פרייד, פון ליעבע און פון זעליגקייט.

ב ע א ט א: (מיט אייפער) אה, ניין! עס איז דא נאר איין טעמפעל און דאס איז אונזער הארץ און אין דעם טעמפעל דארף זיין נאר איין געליעבטער — אונזער פאטער אין הימעל. ניטא קיין אנדער פאעזיע אויסער דיא לעהרע פון אונזער ערלעזער. ניטא קיין אנדער געזאנג אויסער דיא הימנען פון דיא שאארען פון ענגלען, וועלכע זינגען ארום גאטעס טראהן!

א ל י ש ע: איך זעה, דאס גיפט איז אריין צו טיעף אין דיין ערדלע זעעלע. דוא האסט געזוכט טרייסט און האסט געפונען טוידט. דוא לעבסט ניט מעהר און דוא ליעבסט ניט מעהר!

ב ע א ט א: דיא אירדישע ליעבע און דאס אירדישע לעבען איז גאר ניט, א חלום, איין אויגענבליק. עס איז דא דארט אן עוויגע ליעבע און אן עוויגעס לעבען.

א ל י ש ע: עוויגעס לעבען און עוויגע ליעבע דארט? דאס האט ביי מיר קיין ווערטה און קיין בעדייטונג. דאס אינטערעסירט מיך ניט. איך זעה נאר איינס: מיר זיינען איצט פרעמדע.

ב ע א ט א: פרעמדע? אה, אלישע, ווען איך זאל מעגען, וואלט איך איצט געפאלען אין דיינע ארעמס. איך וואלט בעדעקט דיינע אויגען מיט ליידענשאפטליכע קושען, איך וואלט אנגעפילט דיא וועלט מיט געשרייען פון יובעל און פרייד! מיינע טרעהרען פון

גליק וואָלטען אבגעוואשען אלע דיינע ליידען און שמערצען... איך דארף יעצט אנווענדען אלע מיינע קרעפטען, איך זאָל ניט פאלען באלד דאָ צו דיינע פיס... אבער, איך וויים, דאס אלעס זיינען געדאנקען פון׳ם סאטאן, זינד, אייטעלקייט, הבל, ניכטיגקייט! איך וועל זיך מיט דיר פעראייניגען מיט אן עוויגע ליעבע... איך וויל זיך ניט פעראייניגען מיט דיר אויף איין אויגענבליק און פערליערען דיך אין דער עוויגקייט. איך האָף, איך בעט, איך בין זיכער, אויב איך וועל דאָ בעהערשען מיינע זינדיגע געפיהלע, וועלען מיר אונז דאָרט פעראייניגען אויף אימער און עוויג. (טרוימעריש) אונזערע זעעלען, ריין פון יעדער לוסט, וועלען פעראייניגט ווערען לעבען דעם אלמעכטיגענס טראָהן מיט דער האנד פון דעם אלמעכטיגען אליין. און מיר וועלען דאָרט עוויג בלייבען צוזאמען. עוויג, עוויג, עוויג!... (שמעון קומט, זיי בעמערקען איהם ניט) אלישע! ארעמער, גוטער מענש, דוא קענסט ניט זיין דאָ מיין געליעבטער, ביזט אבער מיין ברודער... דיין שוועסטער בין איך... זיי ניט בייז אויף מיר און פערגעס מיך דאָ. מיין זעעלע וועט קומען צו דיר דאָרט (וויינט) בלייב אין פריעדען און לעבע וואָהל. (געהט אב וויינענדיג אין הויז אריין. בעמערקט ניט שמעון. אלישע בלייבט זיצען פערטראַכט).

ש מ ע ו ן: ווייא גוט און שטארק דוא ביזט, אלמעכטיגער פאטער אין הימעל! (לויט) ר׳ אלישע, דוא דארפסט זיך פיהלען שטאָלץ און גליקליך — דיין געליעבטע האט ביי דיר צוגענומען אליין אונזער פאטער אין הימעל.

א ל י ש ע: עס איז א גרויסע עהרע צו האָבען אזא נעבענבוהלער... אָבער גליקליך פיהל איך מיך דאָ ניט. איהר האָט געטויטעט א יונגעס לעבען, ווייל איהר האט אייך איינגערעדט, אז אימיצער דארף דאָרט האבען געליעבטע, פיעל געליעבטע, א סך, אלע! אח, וועלכע שרעקליכע קרבנות מען ברענגט איצט אין׳ם נאמען דער הימלישער ליעבע! אמאָל האט מען אנשטאט זיך מקריב געווען אָקסען מיט בהמות, איצט איז מען מקריב דעם מענש אליין. מען קוילעט איהם ניט מיט א חלף, מען פערברענט איהם ניט אויף׳ן מזבח. ניין! איהר נאזארעיער, איהר טויטעט אייערע קרבנות דורך חניקה. איהר דערווארגט זיי, איהר דערשטיקט אין זיי דעם מענשענס גייסט און דאס לעבענס־לוסט... אה! וואס פיר א טרויעריגע

וועלט עם וועט ווערען, ווען פון אייער לעהרע וועלען אלע אומגעוואנדעלט ווערען אין דערשטיקטע, דערוואָרגענע מתים... אנשטאט מענשען, וועלען אומבלאָנדזען דונקעלע שאטענס, שוועכלינגע, וועלכע וועלען אָפּפערן זייער ווירקליכעס אמת'עס לעבען דאָ אויף דער ערד, צוליעב איין אויסגעטראַכטעס, איינגעבילדעטעס לעבען דאָרט אין דיא הימלען. שר המות, פאָרט פון מיר! איך וויל בלייבען אליין מיט מיינע געדאנקען...

ש מ ע ו ן: ברודער, איך געה בעטען אונזער גוטען פאטער אין הימעל פאר דיין ארעמע זעעלע (געהט) א בלינדער וואָלט שוין דערזעהן און ער זעהט ניט... אונגליקליכער! (אב. אין הויז אריין).

א ל י ש ע: געהט! קלעטערט ארויף צו אייער פאטער אין הימעל, אדער קריכט אראָפּ צו אייער פאטער'ס געגנער, צום סאטאן אין דער פינסטערער העלע! אין אייער זיסע פרעדיג פון הימעלס ליעבע און ענטזאגונג געפינט זיך ניט גענוג גיפט מיך צו טויטען. איך וועל שטארבען אָהן אייך... איך האב א ריכטיגערען און א זיכערערען מיטעל. איהר שטארבט אום צו לעבען, איך וועל שטארבען אום צו זיין טוידט, אויפלעזען זיך, ניט זיין מעדר. פערשווינדען אין דער עוויגקייט... (פויזע).

נעמי, מיין אונגליקליכעס קינד! זינד דו ביזט אוועק פון מיר, ביזט דו מיר ליעבער און טהייערער געוואָרען. וואו וואנדעלסט דו איצט אום, דוא פערבלאָנזעטע שעפעלע? אין וועלכער וויסטע ביזט דוא פערוואָרפען איצט? וועלכע געפיהלע און וועלכע עראינערונגען פלאגען איצט דיין יונגעם הארץ? אי, נעמי, צוזאמען מיט דיר האָב איך פערלאָרען דאָס לעצטע, וואָס איך האָב געראט אין לעבען, (נעהמט ארויס א פלעשעלע מיט גיפט), ווען מיין קינד וואָלט געוועזען לעבען מיר, וואָלט נאָך מיין לעבען געהאט א זינען. איצט אָבער, צוליעב וואָס און צוליעב וועמען זאָל איך לעבען? זיין א קעמפפער אָהן א קאמפף? לעבען אָהן א צוועק? ליידען און ניט וויסען פאר וואָס און צוליעב וואָס? ניין, אזא לעבען איז ערגער פון טוידט. איך וועל שטארבען, וויא סאָקראטעס, דורך גיפט. . . ער איז געשטאָרבען אומגעבען פון זיינע טרייע פריינדע און שילער, איך וועל שטארבען אליין, אזוי וויא איך האָב גע־

לעבט אליין. . . ער האָט געגלויבט, אז זיין זעעלע וועט לעבען נאָך איהם, איך האָב זאָגאר דיעזען טרויסט ניט. אָבער דאָך ניט אַללעס שטאַרבט אָב צוזאמען מיט מיר. דיא ווירקונג וואָס מיין זעעלע האָט געהאט אויף אנדערע וועט ניט שטארבען. דעם איינפלוס וואס איך האָב געמאכט אויף מיינע מיטמענשען וועט ניט פערניכטעט ווערן. עס וועלען לעבען עוויג דיא געדאנקען פון אויפקלערונג און פריי־הייט, וועלכע איך האָב געזייט צווישען מיינע ברידער! נו! ניט געוואנקט! בעשלאָסען און געטאָהן! (טרינקט אויס, וואַרפט אריין דאָס פלעשעלע אין צובראָכענעם פאַנטאַן און זעצט זיך רוהיג צו־ריק). קיין מענש אין דער וועלט דארף וויסען דיא ווירקליכע אור־זאכע פון מיין טוידט. דאָס גיפט ווירקט לאנגזאם און אלע וועלען גלויבען, איך שטאַרב מיט אַ נאַטירליכען טוידט. אָדער, חע! חע! דער פאָטער אין הימעל האָט מיך דער׳הרג׳עט פאר מיינע חטאים. איצט וועל איך נאָך אמאָל, צום לעצטען מאָל, לעזען מיין געליעב־טען האָמער. (נעהמט זיין בוך און לעזט גאַנץ רוהיג. מאיר קומט).

מ א י ר: ער לעזט זיין געליעבטען האָמער׳ס ווערקע און בע־מערקט מיך ניט. שלום עליכם, רבי ומורי. (בלייבט שטעהן פון דער ווייטען).

א ל י ש ע: מאיר? אַ גאַסט! וויא קומט עס, רוא זאָלסט רופען אַ ח ר׳ן רבי ומורי?

מ א י ר: איך האַלט פון׳ם כלל: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו: קוק ניט אויפ׳ן קרוג, נאָר אויף דאָס, וואָס איז אין קרוג.

א ל י ש ע: האָסט גאָר קיין מורא ניט צו קומען אויף אזא פער׳חרם׳טען פּלאַץ?

מ א י ר: רבי, איך זאָג שטענדיג: הוי גולה למקום תורה ואל תאמר שהיא תבוא אחריך. — ווער פערוואָגעלט און פער־טריעבען אהין, וואו דיא תורה איז, און וואַרט ניט זיא זאָל קומען צו דיר. . .

א ל י ש ע: דיינע כללים זיינען געזונד און פּראַקטיש. ביזט זעהר אַ פראַקטישער מענש, מאיר.

מ א י ר: דערפאַר אָבער זייט איהר שוין צופיעל ניט פּראַק־טיש. קאַרג האָט מען טענות צו אייך? ערלויבט איהר נאָך דיא

מינים צו מאכען פון אייער שטוב א גאנצען בית הכנסת. דאָס גיט אייערע פיינדע נאָך מעהר בעווייזע, אז איהר זייט איינער פון ז י י ע ר ע.

א ל י ש ע : דער איינציגער מענש וואָס איז נאָך פון מיר ניט ענטלאָפען איז מרימי. זאָל איך איהר ניט טהון דיא טובה און ניט ערלויבען איהר דאָ צוזאמען מיט איהרע שוועסטער און ברי־דער קלעטערען צו איהר פאָטער אין הימעל ? אָדער דוא מיינסט, איך דארף טרייבען מענשען, ווייל איך שטים ניט איין מיט זייערע מיינונגען ? אָדער אפשר איך זאָל זיך דערשרעקען, וואָס מען וועט פון מיר זאָגען און צו ווּעמען מען וועט מיך צו רעכענען ? איך פערפאָלג מיינונגען, וועלכע איך רעכען פיר פאלשע, איך פער־פאָלג אָבער ניט, וויא איהר טהוט, דיא מענשען וואָס האָבען דיא מיינונגען. אָי !.. (גיט זיך פלוצים א חאָפּ ביים האַרצען).

מ א י ר : וואָס איז אייך, רבי ? איהר זייט עפּעס בלאס... זאָל איך אייך ברענגען וואסער ?

א ל י ש ע : ניין ! ניין ! עס איז גאָר נישט... איך פיהל שוין וויעדער גוט.

מ א י ר : פון דעסטוועגען זייט אידר אריינגעגאנגען אין א ישיבה און איהר האָט מיט אייער שטעקען צוטריבען אלע תלמידים. זיי, דיא תלמידים זיינען דאָך מענשען און ניט קיין מיינונגען ?

א ל י ש ע : קיין מענשען זיינען זיי ניט און קיין מיינונגען האָבען זיי ניט... יעדער איינציגער איד וויל זיין א תלמיד חכם, א חבר, א צורבא מדרבנן, א למדן, א תנאי ! זיי זיצען און ברע־כען זיך דיא קעפּ איבער דינים, הלכות, סיגים, פּשטים, דרשות, רמזים, גמטריאות. וואס ווערט געשאפען נוצליכעס דערפון ? זאָ־לען זיי בעסער לערנען א מלאכה, זיין שניידערס, שוסטערס, שמיעדען. אויף ווּעמענס קאָפּ וועלען זיצען דיא אלע פּאראזיטען ? איך וויל, מיין פאָלק זאָל האָבען וואָס מעהר געזונטע ארבייטער און וואָס ווענינער בענק־קוועטשער און פּלפּול זאָגער !....

מ א י ר : רבי האָט קיין פאראיבעל ניט, אלע זיינען דען נאָר פּלפּול זאגער ?

א ל י ש ע : אָט ביזט דוא א חריף... דוא קענסט לערנען אזוי

קונציג דעם פּשט, אַז דיר איז גרינג פופציג מאָל בעוויזען, אַז דאָס וואָס איז טריף איז כשר און דאָס וואָס איז מותר איז אסור... עס איז טאַקי איין אַקראָבאַטישער קונץ, אָבער וואָס געווינט דער־פון דאָס יודישע פאָלק ? אַי ! (ער גיט זיך וויעדער א כאַפּ ביים האַרצען).

מ א י ר : רבי, דיא וויכטיגקייט איז ניט אין דעם צו דיא זאַך איז כשר אָדער טריף. דיא הויפּט זאַכע איז אין דעם לערנען אליין. דער יוד דאַרף לערנען, אַז ניט ווערט ער אויס יוד ! דיא גערענקען פון'ם גאַנצען יודישען פאָלק דאַרפען זיין פעראייניגט אין איין היילִיגער אידעע. זייערע האָפנונגען און זייער טרויסט און זייערע בעגריפע וועגען לעבען דאַרפען זיי שעפּען פון זייער איי־גענעם נאַציאָנאַלען קוואַל. נאָר דאָס וועט זיי צוזאַמענבינדען און האַלטען שטאַרק אין איינעם אין זייער גלות צווישען פיינדליכע פעלקער. עס איז ניט א ציעל, עס איז נאָר א מיטעל צו פערהיטען דאָס יודישע פאָלק פון פערניכטונג.

א ל י ש ע : איהר ווילט טהון א גוטע זאַך מיט פאַלשע, שלעכטע און שעדליכע מיטלען. (גיט זיך אַ חאַפּ ביים האַרצען). אוי ! מאיר, איך דאַרף דיר זאָגען דיא וואַרהייט : איך פיהל שלעכט.... איך וויים, איך וועל באַלד מוזען שטאַרבען....

מ א י ר : (ערשראָקען) וואָס רעדט איהר דאָס ? גאָטט איז מיט אייך ! אייך וויזט זיך אויס...

א ל י ש ע : איך רעד קיין מאָל ניט מיט זיכערהייט פון דעם, וואס מיר ווייזט זיך נאָר אויס.... מאיר, מיר איז ניט פיעל געבליבען צו לעבען.... איך שטאַרב...

מ א י ר : מרימי ! ווער איז דאָרט ? (שרייט אין הויז אריין) אהער גיכער ! דער רבי פיהלט שלעכט ! (לויפט צוריק) רביניו, זאָגט מיר, וואָס איז אייך. זאָל איך שיקען נאָך א רופא ? (בעאַטא, מרימי און שמעון לויפען אַרויס זעהר ערשראָקענע).

א ל ל ע : וואָס איז ? וואָס איז געשעהען ?

ב ע א ט א . (לויפט צו איהם) וואָס איז מיט דיר ? מרימי, ברענג א קישעלע, וועה איז מיר ! זעהט, דיא קרעפטע פערלאָזען איהם ! (איין יוד מיט נאָך אַ פּאָאָר יודען קומען פון גאָס. מרימי ברענגט אַ קישעלע. מען לעגט אלישען אויפ'ן דיוואַן).

א ל י ש ע : קינדער, שרעקט איך ניט און בלײבט רוהיג.... זיי אללע האבען מיך געוואלט מאכען טוידט. בעפאר איך בין גע־שמארבען. דאס איז זיי ניט געלונגען. איצט, אז איך וועל שטארבען, וועל איך זיין טויט (בעאטא וויינט) קינד, וויין ניט, טרעהרען וואס קענען ניט העלפען, זיינען איבריגע טרעהרען.

מ א י ר : (צו דיא יודען) עזריה, באלד זאל קומען אהער דער ראש הישבה מיט דיא זקנים. אויף אונז וועט פאלען דיא שאנדע, אויב ער וועט שטארבען אין חרם... און זיין פרוי זאל מען רופען. שנעל!

א י י ן א י ד : אין איין הרף עין בין איך שוין דא, וויא איהר זעהט מיך א מענשען אויף דער וועלט. (אלע אידען אב).

ב ע א ט א : אה! ער זאגט קיין מאל ניט, וואס איהם פעהלט....

א ל י ש ע : מיר פעהלט יעצט קיין זאך ניט, נאר מיין קינד.... איך וואלט געוואלט נאך איין מאל זעהען מיין קינד.... (שליסט צו זיינע אויגען).

מ א י ר : רבי'ניו, ווארום זאגסט דו ניט, וואס דיר איז?

א ל י ש ע : וואס זאל מיר זיין, קינד? איך געה איבער פון'ם זיין צום ניט זיין. האָ? איהר הערט ניט? (ווייט הערט זיך טוביה'ס פייפעלע) אביוני! יא, ער! עס איז גוט, וואס ער קומט. איך האב איהם ליעב. אין א קלוגען מענשען זעהט מען דיא רייכקייט פון דער נאטור אויך דאן, ווען ער אליין מאכט זיך צום נארר און צום בעטלער (דיא פייפעלע הערט זיך נעהענטער) וועד ווייס, אפשר האט ער א גערום פון מיין נעמי?....

מ ר י מ י : יא, ער איז נעלם געווארען יענע נאכט צוזאמען מיט דיא לעגיאנען.

ב ע א ט א : (שטיל) קיינער קען ניט וויסען, וויא שטארק אזא פאטער האט ליעב, וועלכער ציינט ניט דער וועלט זיינע גע־פיהלע...

מ א י ר : (וועלכער האט עפעס געטראכט)רבי'ניו, איך קום באלד! (געהט) זיי מוזען קומען! זיי מוזען אם ווענינסטען ביי זיין טוידט אבגעבען איהם דעם כבוד, וועלכען זיי האבען ביי איהם גע־רויבט אין זיין לעבען! (ראש אב).

ב ע א ט א : איך זעה, דו פיהלסט בעסער. עס וועט נאָך אפשר פאָראיבער געהן.... דו וועסט זעהן.

א ל י ש ע : יא. עס וועט פאריבער געהן מיט מיר צוזאמען. ווען דאָס פייפעלע וואָס שפּיעלט ווערט צובראָכען, וואו בלייבט דאס ליעד?... עס געהט פאָראיבער און גיסט זיך צוזאמען מיט דאָס גרויסע עוויגע, וועלכע מיר קענען ניט בעגרייפען.... (דאס פייפעלע הערט אויף צו שפּיעלען. אביוני ערשיינט זעהר אבגעריסען, בלאס און פערשטויבט).

א ב י ו נ י : פריעדען צו איך ברידערלעך. הא? וואָס איז דאָס? דער רויטער האָן האָט דאָ געקרעהעט?... נישקשה, נאָך א שרפה ווערט מען נאָך א רייכערער... אביוני? רבי אלישע בן אבויה, וואָס איז מיט דיר? זיי מונטער! עפפען דיינע גרויסע שאַרפע אויגען און הער: איך האָב פאר דיר אין מיין לעדיגען בעטלער זאק זעהר א גוטע זאך....

א ל י ש ע : מיין פריינד, רעד ניט קיין סך. דיא צייט איז קורץ און דער וועג איז וויט... וואו איז מיין נעמי?

א ב י ו נ י : דיא לעגיאָנען זיינען געגאנגען — איך נאָך זיי. געהן זיי א טאָג — געה איך אויך. געהן זיי א וואָך. — אביוני געהט מיט. געווים, פון דערוויטען. אי, דאָס אונגליק פון יעדען אביון איז: נאָך איהם שלעפּט זיך שטענדיג נאָך אן אביון מיט נאָך א בעטלער־זאק. דעם אביון רופט מען הונגער און זיין בעטעל־זאק איז דער מאָגען. אי, ברידערלאך, איז דער בעטלער אן עזות מחוצף פנים!

א ל י ש ע : אביוני, וואו איז מיין קינד?

א ב י ו נ י: אי, ברודערל! דיין ביטער געשריי יענעם אבענד: נעמי! נעמי! האָט מיך געטריעבען... גאָטט איז מיין עדות, איך האָב דיר געוואָלט ברענגען דיין קינד צוריק. זיינען מיר געקומען צו דער גרויסער שטאָדט ביי'ם ים. דער פּריץ מיט אללע פּריצים זיינען אוועק מיט דער ערשטער שיף און אללע געפאנגענע זיינען געבליבען ווארטען אויף דער צווייטער שיף. איך האָב אלע נאכט געשפּיעלט פאר דיא ראָלדאטען אויף מיין פייפעלע, בין געווארען א גוטער ברודער מיט פיעלע. האָב געפונען צווישען זיי א סך פון

אונזערע. איך האָב ערפאהרען, אַז נעמי האָט חרטה, זיא וויינט. זיא בענקט אהיים. נאַרריש קינד, וואָס האָט זיא פערשטאַנען? ברידערלאַך טהייערע וואָס דאַרף איך אייך דערצעהלען פון אללע צרות, סבות, שרעק, אונגליקען. פון דיא אלע אגודות־גנבים און רויבער, וואָס זיינען איצט פול אויף אַלע וועגען? אבער וועד איז נאָך אַזוי בעשיצט און אַזוי זיכער וויא א בעטלער? קיינער האָט מיך, חלילה, ניט בערויבט, ניט בע'גזל'ט, ניט בע'גנב'עט... ר' אלישע בן אבויה, האַלט זיך שטאַרק, ברודער'ל! מיר זיינען געקומען! נעמי איז דאָ מיט מיר! זיא האָט מיך געשיקט דיך בעטען, דו זאָלסט איהר ערלויבען פאַללען צו דיינע פיס און אויסבעטען פער־געבנים.... אי, אָרעמע שעפעלע, וואָס זיא איז נעבאַך אויסגעשטאַ־נען! (לויפט פון גארטען) נעמי, קום אהער קינד! דער טאַטע וויל דיך זעהען. (אלישע בלייבט רוהיג, אביוני פיהרט אריין נעמי, בלאַס, קראַנק, אָבגעריסען, פערשטויבט. זיא בלייבט שטעהען ערשטוינט בעטראַכט אללעס, מרימי, וויא זיא דערזעהט נעמין, פאַנגט אָן שטיל צו וויינען).

ב ע א ט א: (גערירהרט) ארעמע נעמי, וועמענס האַרץ וועט ניט צובראָכען ווערען, קוקענדיג אויף דיר?

נ ע מ י: פאָטער, דו ביזט בייז אויף מיר? איך בין געקו־מען צוריק. מיינע אויגען האָבען זיך באַלד געעפענט.... איך האָב זעהר גיך חרטה געהאַט... נאָך אין וועג ביי נאַכט, ווען אַללעס פלעגט ווערען שטיל, פלעגט זיך מיר אויסווייזען, איך הער וויא דו רופסט מיך מיט א בעטענדע שטימע: נעמי! נעמי! און איך פלעג וויינען מיט ביטערע טרעהרען.... און איך האָב געבענקט נאָך דיר און נאָך דער מוטער... (וויינט), אָבער וואָס מעהר איך האָב זיך ערווייטערט פון דאַנען, איז דיא מוטער אַלץ געוואָרען קלענער און קלענער ביז זיא איז פערשוואונדען געוואָרען. דו אָבער, פערקערט, ביזט אַלץ געוואָרן גרעסער און גרעסער, ביז נאָר דיין געשטאַלט איז גע־שטאַנען פאַר מיינע אויגען. און אַז איך בין געוועזן פון דאַנען גאַנץ ווייט, ביזט דו געוואָרען אַזוי גרויס און אַזוי טהייער. טאַטעניו, פון דער ווייטען, ערשט האָב איך דיך דערזעהן. (וויינט).

פלוצלונג אמאָל ביי־נאַכט הער איך א פייפעלע שפיעלט... איך האָב דערקענט ווער עס שפיעלט און מיין האַרץ האָט דערפיהלט, אַז

דאָס איז א געדוס פון דיר. (וויינט), נאָכדעם א לאַנגער וועג צוריק, צו פוס איבער שטיינער, בערג און הייסען זאַמד. ביי־נאַכט אין וואלד... רעגען און הונגער... אָי, טאַטעניו, וואָס פאר א גוטער מענש דער אביוני איז.

א ב י ו נ י : עס קאָסט מיך טהייער ? וויפיעל מאָל פלגעט זיא, דיא בריה מיינע, פאלען און בלייבען אָהן כחות ? מיין ליע־דעלע פון מיין פייפעלע האָט אונז פיעל געהאָלפען צו געהן... יא, ברידערלאַך, אז עס פייפט זיך, געהט זיך.

נ ע מ י : מיר זיינען געגאַנגען און געבעטעלט. פון גזלנים בע־האַלטען זיך אין וואלד, פון שלעכטע מענשען אָבגעבעטען זיך מיט טרעהרען. פאָטער, דוא זאָגסט מיר גאָר ניט... איך וויים, ביזט ביין אויף מיר.

א ל י ש ע : קינד, איך? ביין אויף דיר ? קום אהער צו מיר. (זיא פאלט צו זיין האַנד און באדעקט זיא מיט קושען) יא, איך האָב דיך גערופען. איך האָב דיך ניט אויפגעהערט צו רופען און דוא ביזט ענדליך געקומען צו מיר. געקומען צוריק צו דיין עלענדען טאַטען... אביסעלע צו שפּעט געקומען... אָבער דאָך גענוג פריה נאָך... נעמי, קינד, ביזט געקומען פונקט אין דער צייט, ווען איך געה אוועק פון דאנען פיר אימער און עוויג...

נ ע מ י : וואוהין ? איך וויל ניט ! איך געה מיט דיר....

א ל י ש ע : ניין ! קינד, דיר איז נאָך צו פריה צו געהן.

נ ע מ י : זעהט, וויא ער איז פערענדערט געוואָרען !

א ל י ש ע : פריהער ווערט מען פערענדערט, נאָכדעם ווערט מען פערקלענערט און פערקלענערט, ביז מען גיסט זיך צונויף מיט דער מוטער נאַטור. (ער שליסט צו זיינע אויגען און בלייבט ליעגען רוהיג. אללע וויינען).

נ ע מ י : (מיט פערצווייפלונג) טאַטעניו, ד אָ ס האָב איך ער־וואַרטעט צו טרעפען אין דער היים !

ש מ ע ו ן : ווען אונזער פאָטער אין הימעל רופט, מוז מען געהן. מען דאַרף בעטען פיר זיין זינדיגע זעעלע (אב. אין חויז אריין). (ר׳ מאיר, ראש הישיבה, זקנים איין יוד און יודען קומען).

אלישע: (עפפענט דיא אויגען) ווער איז דאָס? מאיר, דו? קום אהער צו מיר.

מאיר: דאָ בין איך, רבי'ניו...

אלישע: מאיר, ביזט דוא מיר אויף וויפיעל עס איז א פריינד?

מאיר: רבי ומורי! איך זאָג בפני עם ועדה, און בין שטאָלץ דערמיט, איך האָב מיין אייגענעם פאָטער קיין מאָל ניט גע־ליעבט, וויא איך האָב דיך געליעבט און וויא איך ליעב דיך יעצט. דער וואָס האָט דיך פערשטאַנען, האָט דיך געמוזט ליעב האָבען...

אלישע: מאיר, איך שטארב און מיין קינד בלייבט אליין אויף דער גרויסער וועלט... (וויינט) פערלאָז זיא ניט, מאיר.

מאיר: (וויינט שטאַרק) רביניו, אזוי וויא פיר א שוועסטער אזוי וויא פיר א אייגענע קינד וועל איך זאָרגען פיר איהר... פיר דיין קינד!....

ראש הישיבה: אונגליקליכער מענש, פיהלסט דוא אז דיין לעצטע שטונדע האָט געשלאָגען?

אלישע: ניט נאָר פיהל איך עס... איך פערשטעה עס.... איך ווייס עס...

ראש הישיבה: אה! אויב דוא פיהלסט עס יא, שטארב ניט וויא א פרעמדער, וויא אחר. שטארב וויא א יוד.

אלישע: דער יוד לעבט ניט וויא אלע, שטארבען אבער שטארבט ער וויא אללע....

ראש הישיבה: רעד ניט, זינדיג ניט יעצט... קענסט זיך נאָך אומקערען צו דיין גאָטט און וויעדער אנערקענען זיין תורה הקדושה.

אלישע: גאָטט און דיא תורה איז פונקט וויא א קעניג, וואָס האָט געכאַפּט א פויגעל און זאָגט צו זיין דיענער: האַלט עס און היט עס אָב דיין לעבען לאַנג. אויב ניט בעצאָהלסט דו מיט דיין לעבען. דער דיענער ווייסט ניט, וואָס איז דאָס פאַר א פויי־געל. נאָך וואָס האָט מען זיא געכאַפּט און וואָרום דאַרף מען זיא האַלטען. און האַלט זיא דאָך און היט זיא יאָהרען לאַנג. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל ער איז א שקלאַף, ווייל ער לעבט ניט און

האָט דאָך מורא צו שטאַרבען... איך האָב דיא פויגעל אוועקגעלאָזט אין דער פרייהייט....

ר א ש ה י ש י ב ה : און דערפאַר בעצאָהלסט דוא יעצט מיט דיין לעבען... דוא שטאַרבסט...

א ל י ש ע : האָסט א טעות, ברודער, זאָגאַר שטאַרבען שטאַרב איך וויא א פרייער מענש...

ר א ש ה י ש י ב ה : אחר! טהו תשובה כל זמן עס איז נאָך דאָ צייט. דערמאָן זיך, וואָס דיך ערוואַרטעט דאָרטען....

א ל י ש ע : זאָלאַנג איך לעב, בין איך דאָ, שטאַרב איך — בין איך ניטאָ. וויא? איך זאָל מיך שרעקען דערפאַר, וואָס וועט זיין מיט מיר, ווען איך וועל ניט זיין? פריינדע, איך האָב ניט געוואָלט לעבען וויא א נאַרר און וויל ניט שטאַרבען וויא א נאַרר! (דיא יודען מורמלען).

ב ע א ט א : (שטיל צו איהם) אה, אלישע, אין וועלכע געגענדע, אין וועלכע רעגיאָנען וועט דאָרט דיין ארימע זעעלע וואַנדלען, און ווי וועט מיין זעעלע דיך קענען געפינען, אז דו ווילסט ניט מיט דיין שעפּפער פרידען שליעסען? אה, אלישע, ווילסט דוא דען ניט זיין דאָרט פעראייניגט מיט מיר?

א ל י ש ע : (מיט געשלאָסענע אויגען, זעהר שוואך) ניין, דאָרט ניט!

א ב י ו נ י : אָי! ער געהט איצט אויפגעבען זיין לעצט ביי־סעל בעל הבית'ישקייט, דעם אָריכען גוף אראָפּ און דאָן דאַרף מען שוין אפילו קיין בעטלער זאַק ניט.... (בתבורית קומט ראש).

ב ת ב ו ר י ת : וואָס איז דאָ געשעהן? זעהסט, אלישע, האָסט עס געדאַרפט, הא? (דערזעהט נעמין) נעמי דאָ! טאָכטער מיינע! (קושט זיא און וויינט) וועה איז מיר, וואָס פון דיר איז געוואָרען! יא, וואָס ביזט דוא, נעבאך שולדיג? ביי אַן אנדער טאַטען וואָלט פון דיר אַן אנדער קינד אויסגעוואַקסען....

א ל י ש ע : אָבער ביי אזא מוטער וויא דוא, וואָלט פון איהר קיין אנדערע ניט געקענט אויסוואַקסען.

ב ת ב ו ר י ת : ווייס איך, נו! חלילה, איך בין איצט ניט גע־קומען קריעגען זיך מיט דיר.

א ל י ש ע : ניין, יעצט קריעג זיך יא. אז איך האָב געלעבט, האָסטו מיר געקענט פער'סם'ען דאס לעבען מיט קריגערייי.... חע, חע! דעם טוידט קענסט דוא מיר ניט פער'סם'ען... אַי! עס ווערט דונקעל אין דיא אויגען... אפנים עס קומט... (שליסט צו זיינע אויגען).

ש מ ע ו ן : (מען הערט זיין שטימע פון הויז) טרעהרען און געבעט איז אונזער איינציגע פרייד. אונזער איינציגע ציהרונג פון תשובה א קלייד, דיא ערלעזונג ווערט געקויפט נאָר דורך שמער־צען... (כאָר זינגט פיאַנאָ ביז דער פאָרהאַנג פאַלט).

א ל י ש ע : (ערוואכט) איהר הערט? מעהר פרויען שטימען זינגען.... דיא פרויען ווען זיי פיהרען צום זיעג... מיר אליין זיינען שולדיג. מיר האָבען דיא פרויען בעהאנדעלט וויא שקלאפען, מיר האָבען זיי בעטראכט וויא קנעכט און בלערדזינניגע.. דיא תורה, דיא מצוות, דיא רבנות, דיא גבאות—אלעס פיר דיא מענער. דער פרוי האָ־בען מיר ניט געגעבען קיינע פליכטע און קיינע רעכטע... ביי די נאזא־רעיער געפינט זיא טהעטיגקייט, שוועסטער־ליעבע און מענשען־רעכ־טע.... זיי געפינען דאָרט א בעפרידיגונג פיר דיא שטרעבונגען פון זייער ערלע, פיהלענדע זעעלע. און בעמרקען ניט, וויא אין זיי ווערט געטויטעט דיא מוטער און דיא געליעבטע.... שוואכע און פערקריפעלטע מענשען, ווערען זיין די קינדער פון אזעלכע פרויען... דורות ווערען פון זיי קומען, וועלכע ווערען פערלעשען דאָס ליכט פון'ם געדאנק און וויסענשאפט. און דיא פינסטערניש וועט בעדע־קען דיא וועלט. (שוואך) און דאן וועט פארגאָסען ווערען פיעל בלוט... יודישעס בלוט וועט פארגאָסען ווערען טייכענווייז. (שליסט צו דיא אויגען).

ר א ש ה י ש י ב ה : אונגליקליכער. דיין לעצטע מינוט קומט, זאָג! נעהמסט דוא צוריק דיינע ווערטער...

א ל י ש ע : מיר איז געבליעבען איין אויגענבליק צו לעבען, ווילט איהר מיך פיר דעם אויגענבליק מאַכען פאר א ליגנער? אלישע בן אבויה האָט קיין מאָל ניט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט ניט נערעכענט פאר קיין אמת!... נעמי, קום אהער! איך פיהל עס קומט. לעבע וואהל, קינד! זאָלסט קיין סך ניט וויינען נאָך מיר... נאָר אביסעלע... א סך טרעהרען האָב איך ניט פערדיענט. מאיר, איך האָף, דוא וועסט ניט פערלאָזען מיין ארימע יתומה.. בעאטא, איך

בעדויער דיך: איך שטאַרב אַ לעבעדיגער און דוא ווערסט לעבען אַ טויטע... איך שטאַרב אָהן שנאה, אָהן האַס, אָהן פלוך... זייט אַללע גליקליך... אַללע... (שטאַרבט, אַללע פרויען וויינען).

אביוני: ברודער אלישע, דוא ביזט יעצט דער רייכסטער אביוני אויף דער וועלט (ווישט אָפּ אַ טרעהר פון געזיכט)

נעמי: פאַטער! פאַטער! אה, איך פערליר דיך, ווען איך האָב דיך ערשט געפונען!

בעאטא (שטיל): גוטער גאָט, איך האָף, איך וועל איהם דאָך געפונען דאָרט, לעבען דיין הערר‌ליכען טהראָן.

בתבורית: (וויינט) בעסער פאַר איהם... וועט זיך אויפ־הערען פלאַגען... ער האָט זיך דאָך נאָר געמוטשעט אויף דער וועלט.

ראש הישיבה (וועלכער האָט דערווייל געהאַלטען אַ ראַטה מיט דיא איבריגע): וויא אחר האָט ער געלעבט און וויא אחר איז ער געשטאָרבען. צו קיין קבורת ישראל קען ער ניט קומען. ער איז פערלאָרען! איהם וועט דער בית דין של מעלה ניט משפט'ן!

איין יוד: מע דאַרף דיא נבלה אַרויסוואַרפען. קבורת חמור פערדיענט ער, וויא איהר זעהט מיך אַ מענשען אויף דער וועלט! (ער וויל געהן צום קערפער. דער ראש הישיבה מיט דיא זקנים ווילען פאָרטגעהן).

מאיר: שטעהט! איהר האָט אַ טעות! אַ גרויסער יוד איז געשטאָרבען, און וויא אַ נשיא בישראל וועט ער מקבר ווערען! (וואַרפט אַראָפּ פון זיך זיין מאַנטעל און דעקט צו אלישע'ס קערפער) רבי ומורי, איך דעק דיך צו מיט מיין מאַנטעל און זאָל פון זייערע אויגען פערדעקט ווערן דאָס, וואָס האָט ערוועקט זייער קנאה, האַס און צאָרן! רבי ומורי, איך שריי צו דיא הימלען און פרעג, אויב זיי ווע‌לען וואַגען דיך דאָרט שולדיג צו מאַכען אָהן אַ משפט!? יא, משפט'ן דאַרף מען דיך, אָבער ווער? דיא וואָס זיינען ווערטה דיינע ריכטער צו זיין. מיר ניט! מיר ניט! (פאַלט צום קערפער, אַללע וויינען מיט אַ יאָמער־געוויין. פון גאָס הערט זיך דיא טרויעריגע מעלאָדי פון טובית'ס פייפעלע. חאָר זינגט גאַנץ פּיאַנאָ.)

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם,

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פרייז.
פיליפּ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באַנד..................	75 ס.
" "	דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באַנד, שיין געבונדען..	" 75
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים..................................	" 15
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע......	" 10
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?......................	" 10
י. גארדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראַמע אין 4 אַקטען....................	" 25
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע............	" 10
דר. קאספּע,	מעכאַניקע, נאך סיר אייזאַק ניוטאָן	" 10
" "	אַסטראָנאָמיע " " "	" 15
" "	אָנפאַנג פון כעמיע......................	" 15

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און דיא נאטור.........10 "

ל. טאלסטאי, פאַטריאָטיזמוס און רעגירונג, 05 "

" " דער איינציגער מיטעל............05 "

ביידע בראָשורען איבערזעצט פון מ. ק א ט ץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון ח. אלעקסאנדראָוו........................15 "

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאָגראפיע 10 "

ב. פייגענבוים, רמב"ם, זיין ביאָגראפיע..............10 "

מ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע...10 "

מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב, זיין ביאָגראפיע..............................10 "

מאררים ראזענפעלד, געזאַמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד, 337 זייטען, אילוס-טרירט, שעהן געבונדען, פרייז. $1.00

פיליפ קראַנץ, אמעריקא פאַר קאָלומבוס. א קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, שיין געבונדען, פרייז.................50 ס.

פ. וויערניק, דער ווילנער גאון, זיין ביאָגראפיע 10 "

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן, זיין ביאָגראפיע.. .... 15 "

פרייז

פיליפ קראַנץ, ברוך ספינאָזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע.......................15ס.

" " שבתי צבי, זיין ביאָגראפיע......15 "

" " יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראפיע 15 "

" " בר־כוכבא, זיין ביאָגראפיע......15 "

" " לעססינג און מענדעלססאָהן, זייער לעבען, שריפטען און טהעטיג־קייט. 185 זייטען..................25 "

מאררים ראזענפעלד, היינריך היינע, זיין ביאָגראפיע, 85 זייטען..........15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענדער, 546 זייטען, פרייז יעדער באנד....50 "

" " זרבבל, ערצעהלונג............05 "

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצ־ליכקייט פיר דיא ארבייטער..05 "

צו אדרעססירען:

The International Library Pub. Co.,
23 Duane St., New York, U. S. A.

די אינטערנאַציאָנאלע ביבליאָטהעק.

דער אונבעקאנטער

דראַמאַ אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג

פון

יעקב גאָרדין

ארויסגעגעבען פון

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק פערלאַג קאָ.

23 דואיין סט., ניו יארק.

Copyright, 1907, by
JACOB GORDIN.

פראָלאָג.

(אַ'ן אָפענער פלאַץ לעבען אַ וועלדיל, אַלעס איז פערגאָסען מיט רויטע שטראַהלען פון דער זון, וועלכע האַלט ביים אונטערגעהן, לאַנגזאַם ווערט גראָער און גראָער ביז עס ווערט דונקעל. פון אָנפאַנג לעבהאַפטע און פאַרביגע מוזיק, נאכדעם טרויעריג און פיאנא. דאַן, ווען עס ווערט דונ־קעל, הערט מען דאָס לאַנגזאַמע און טרויעריגע קלינגען פון אַ קירכען גלאָקע, אונגעזעהענע גייסטער זינגען אין דעם חאַראַקטער פון אַ רעקוויום.)

(דער אונבעקאַנטער ערשיינט פון צווישען דיא בוימער, פערוויקעלט אין אַ שוואַרצען מאַנטעל. אויף זיינע הענד זעהט מען ווייסע האַנדשוה. ער געהט לאַנגזאַם. דאָס געזאַנג הערט אויף, דיא קירכען־גלאָקע הערט ניט אויף צו שאַללען, טרויריג און לאַנגזאַם.)

דער אונבעקאַנטער: דיא נאכט איז געקומען און אַללעס איז פערוויקעלט אין דונקעלהייט. שווארצע געדאַנקען און טרויריגע געפיהלען קומען צוזאמען מיט דער פינסטערנים. דיא נאכט איז א פארבערייטונג צום שטארבען, דער שלאָף איז אַ פאָר־בילד פון'ם טויט. אין'ם מענשענס געזעלשאַפט, אין דער וועלט פון חיות און פלאַנצונגען, אומעדום פראָגרעסירט דער טויט און פערכאַפט אַלץ מעהר און מעהר פלאַץ. דאָס לעבען ווערט בעזיעגט, אונטערדריקט, פערקירצט און געיאָגט. מיר געהען מיט יעדען אויגענבליק זיכערער און נעהענטער צו אונזער ענדליכען ציעל — צום פערניכטונג און טויט. דיא צייט וועט קומען, ווען אַללעס דאָ אויף דער ערד וועט פערזונקען ווערען אין אַן עוויגע שטילהייט, אין אַן עוויגע קעלטענים, אין אַן עוויגע פינסטערנים. מיט'ן לעצ־טען שטראהל פון דער זון וועט אויסגעלאָשען ווערען דער לעצטער פונק פון'ם לעבען און דאַן וועט קומען דער עוויגער טויט... דיא בלומען פון גאָרטען, דיא בוימער פון וואלד, דיא חיות פון פעלד, דיא אַללע פישען פון דיא וואסערן צוזאמען מיט'ן מארך פון'ם דענקער,

מיט'ן הארץ פון'ם דיכטער און מיט דער בויענדער האנד פון'ם אר־
חיטעקט, — אללעס צוזאמען וועט ווערען איין קאלטע, דונקעלע,
שטילע, לעבענסלאזע מאסע. (ער בלייבט שטעהן שטיל, פערזונקען אין
זיינע געדאנקען. פלוצלינג ווערט ער אונרוהיג און קוקט אויפ'ן הימעל. עס
הויבט אן ווערען ליכטיגער. דיא קירכען־גלאקע הערט אויף קלינגען.
מען הערט פון צווישען דיא בוימער דאס פרייליכע געזאנג פון א נאכ־
טיגאל. דיא לבנה שווימט ארויס און בעגיסט אללעס מיט זילבערנע
שטראהלען. דיא האפנונגען און טרוימעריישען זינגען לוסטיג:)

כאר:

וויא שעהן און וויא פרעכטיג איז דיא רוהיגע נאכט!...
דער מענש רוהט פון זיין ארבייט. דיא בוימער שטעהן פערטראכט.
דער ליכטיגער מאנד בלייבט דא ביז'ן מארגען,
פערשוויגען איז דער טומעל, פערגעסען אללע זארגען.
דיא נאכט איז געשאפען ניט פיר מערדער און דיעבע,
זיא ברענגט זיסע טרוימען פון רוהע און ליעבע.
זיא איז אונזער אבבילד פון רוהע און פריעדען
פיר אללעס וואס לעבט דא, גאנץ אונפערשיעדען.
פערטיעפט זיצט דער דענקער אין געדאנקען און ביכער
און זוכט וויא צו ברענגען דאס גליק גור וויא גיכער.
דער דיכטער איז פערליעבט אין דעם מאנד און דיא שטערן
און זינגט פון א צוקונפט אהן ליידען, אהן טרערען.
דער נאכטיגאל זינגט זיס פון פרייד און פון לעבען.
אללעס פיהרט דא דעם מענשען צום פיהלען און שטרעבען...

(דיא פרוי ערשיינט אין ווייסע קליידער. זיא האלט אין האנד א „הארץ
פון איבערפלוס" געמאכט פון בלומען. אין איהרע בלאנדע האר און
אויף איהרע קליידער פיעלע בלומען. זיא קומט בעגלייטעט מיט פיעלע
בלאנדע און שווארצע יונגע מיידלאך, אללע אין ווייסען.)

ד י א פ ר ו י: דיא נאכט איז געקומען און האט אללעס
פערוויקעלט אין א הייליגע שטילהייט. דער וואס ליידעט און
מיהט זיך רוהט יעצט, עס וואכט נאר דער וואס ליעבט און שאפט.

דער שלאָף איז א פּאַרבערייטונג צו טהעטיגקייט און לעבען, דיא נאַכט איז אַן אַבבילד פון רוהע און פריעדען. שלאָף אין פריעדען מוטער ערד, אונטער דעם געהיימניספּאָללען שירם פון דונקעלהייט! מאָרגען קומט ווידער דיא זון מיט איהר ליכט און לעבענסקראַפט. (זיא בעמערקט דעם אונבעקאַנטען.) אָה, דו ביזט דאָ; דו אונפּער־מיידליכער און דונקעלער אונבעקאַנטער?

אונבעקאַנטער: (נייגט זיך איראָניש־העפליך) יא, ליעבע בעקאַנטע, דאָ בין איך אויף מיין „עוויגעס פעלד". און וויא געהט'ס דיר? וואַנדערסט נאָך אימער ארום אויף דער שמו־ציגער ערד, בעגלייטעט פון שעהנע טרוימערייען (צייגט אויף דיא ברונעטטע דאַמען) און זיסע האָפנונגען? (צייגט אויף דיא בלאָנדע) איך וואַנדער ארום אליין. (ער עפענט זיין מאַנטעל. מע זעהט, ער איז געקליידעט אין פראַק.) פערצווייפלונג און מעלאַנכאָלי, ענט־ריסטונג און וואהנזין זיינגען אין מיר, און מיט מיר!...

דיא פרוי: (בעטראַכט איהם) וויא געענדערט דיין ערשיינונג איז! א מאָל פלעגסט דו זיך ווייזען אלס איין אבשייל־בער סקעלעט מיט א גרויסען שניידמעסער, אָדער דו פלעגסט קומען אלס איין עקעלהאַפטע בעשעפענים פול מיט אויגען און יעצט שפּאַ־צירסט דו אום וויא א גאַלאַנטער הערר.

אונבעקאַנטער: יא, פראַנט און דזשענטעלמאַן בין איך יעצט. איך פּאַטראָנאַזיר דיא מאָדע, וויל דיא מאָדע איז איינע פון אונזערע טהעטיגסטע אגענטען. דיא מאָדע פיהרט מענ־שען צום אייפערזוכט און בענײדונג, צום געלדגייץ און פאַלשהייט — דאָס פערקירצט זייערע יאָהרען. דורך דער מאָדע ווערען פיעלע פערקריפּעלט און ערקעלטערט — דאָס ברענגט מיר א שעהנעם פּראָפיט. און אויסער דעם, דיא מאָדע פאָרדערט מע זאָל טויטען פערשיעדענע חיות און אונשולדיגע פויגלען, מע זאָל רייסען לע־בעדיגע בלומען און פערניכטען שעהנע פּלאַנצונגען. מיט איין וואָרט, מיר מאַכען מיט דער מאָדע דיא גלענצענדסטע געשעפטען. בענוצסט דו זיך מיט דער מאָדע פיר דיינע ליעבעס צויבערייען?

ד י א פ ר ו י: ניין! דיא אמת'ע ליעבע קוקט ניט אויף דער מאָדע. וויא איך זעה, אונזער פּראַקטישע צייט האָט דיך אויך געמאַכט פיר א פּראַקטישען געשעפּטס פיהרער.

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: יא, מאדאם. זיין פּראַקטיש הייסט: ניט זיין סענטימענטאַל, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס הייסט זיין געפיהל־לאָז; וואָס פּראַקטישער זיי ווערען דאָרט, בלייבט וועניגער פּלאַץ פיר אייך, זיסע האָפנונגען, (צו די בלאָנדע) און פיר אייך, שעהנע טרוימערייען, (צו די ברונעטע) און מע פערגעסט אויך אָן דיר, דו געטליכע ליעבע, און דאָס פערגרעסערט אונזערע בילאַנצען. חע! חע! א מאָל, ווען זיי האָבען טייער געשעצט און זיך שטאַרק געהאַלטען פיר דאָס לעבען, האָב איך זיי געדאַרפט שרעקען מיט א שניידמעסער און מיט אויגען... איצט פיהר איך מיין טהעטיגקייט געשעפטסמעסיג. מע שרעקט זיך פאַר מיר אלס וועניגער און וועניגער. דיא פילאָזאָפען שרייבען גאַנצע פעססעמיסטישע ביכער פאַר'ן טויט און געגען דאָס לעבען. דיא דיכטער זינגען הימנען דעם טויט און פערמיאוס'ן דאָס לעבען. דיא וויסענשאַפטליכע מענשען לערנען, אז דער טויט איז ניט מעהר, וויא א געוועהנליכע נאַטירליכע רעאַקציאָן, דיא קויפּלייטע און פערזיכערונגס געזעלשאַפטען בעטראַכטען דעם טויט אלס א וויכטיגע אינדוסטריע און פּראָפיטאַבלעס געשעפט. אמאָל ווען א מענש פלעגט בעגעהן זעלבסטמאָרד, אָדער אימיצער פלעגט דורך איין אונגליק געטויטעט ווערען, פלעגט דיא גאַנצע געמיינדע א לאַנגע צייט זיין ערשראָקען, ערביטערט, נידערגעשלאָגען. יעצט בעגעהט מען זעלבסטמאָרד, געראַדע וויא מע רויכערט א סיגאַר. קאַטאַסטראָפען און מאַססען־מאָרדען מאַכען קיין איינדרוק מעהר. עס איז נאָר א געלעגענהייט פיר צייטונגען צו שרייבען סענסאַציאָנעלע קעפּלאַך. מענשען ווערען ערמאָרדעט וויא פליעגען, צוריסען פון פּולווער, צובראָכען פון מאַשינען, דערטרונקען מיט שיפען, פערשאָטען אין מינען — קיינעם הארט עס ניט. דיא גלייכגילטיגקייט וואָס א מענש פיהלט צו זיינע מיטמענשען טויטעט מעהר וויא מענשענהאַס, גרוזאמקייט און שלעכטהייט... יא, דער טויט איז יעצט א געוועהנליכע ערשיינונג.

איך בין אומעדום איצט א היימישער מענש און מיין קעניגרייך ווערט מיט יעדען טאָג גרעסער און ברייטער...

ד י א פ ר ו י: און דיא ליעבע, דיא טרייע, ריינע, איבער־געבענע ליעבע? איז זיא ניט מעהר דיא בעשיצערין פון'ם לעבען, דיא בעקעמפפערין פונ'ם טויט?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: דיא ליעבע אליין איז יעצט א מיט־העלפערין און מיטארבייטערין פון'ם טויט... אין אללעס און אין אללעמען זעהט מען יעצט דעם טריאומפף פון'ם טויט. ביזט צו שוואך, מיין שעהנע קאָנקורענטין!

ד י א פ ר ו י: עס איז ניט וואהר! ליעבע — דאָס איז דיא איניציאטיווע פון לעבען, דיא פעראייניגונגס־קראפט פון דער נאטור. ליעבע, דאָס איז דער נאטורס מאכט צו שאפען, איהר מיטעל צו רעפּראָדוצירען. דורך ליעבע ווערט דאָס לעבען גע־שטיצט, דורך ליעבע לעבט אללעס ניט נאָר אין דער מענשליכער וועלט, נאָר זאָגאר אין דעם גאנצען אוניווערזום. דיא שטערן און דיא פלאנעטען זיינען פעראייניגט דורך דעם וואָס זיי האָבען איינע צו דיא אנדערע א צוציהונגס קראפט. קאָלאסאל גרויסע און מי־קראָסקאָפּיש קליינע געגענשטענדע ווערען געשאפען נור דורך דעם, וואָס פערשיעדענע עלעמענטען גרופּפירען זיך צוזאמען דורך איינ־שטימונג. וואָס איז דיא געשיכטע דער מענשהייט, אויב ניט דיא בעשרייבונג פון דעם קאמפף, וואָס דיא ליעבע פיהרט געגען דעם, וואָס מאכט שווער דאָס לעבען? אויב ניט דיא ערצעהלונג וועגען דעם, וויא דיא צוטיילטע און צושייעדענע האָבען זיך פעראייניגט אין געזעלשאפטען, נאציאָנען און קעניגרייכע דורך איינזיננינגקייט? דיא שעהנע פארבען פון א בלום קאנבינירען זיך נאָר דורך סימ־פּאטי, פערשיעדענע טעננער הארמאָנירען זיך אין איין אקקאָרד דורך סימפּאטי, דיא שטראהלען דער זון שאפען דיא צויבערישע קאָלירען פון'ם רעגענבויגען דורך סימפּאטי. יא, סימפּאטי איז דיא ערשטע בעוועגונג פון ליעבע און ליעבע — איז לעבען!

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: מאדאם, דאָס וואָס דו רופסט סימ־פּאטי און ליעבע איז נאָר א פערניכטונגס קראפט. דיא געשיכטע

פון אוניווערזום איז איין ערצעהלונג פון קאטאקליזמען, צוזאמענ־שטויסונגען, פערפלייצונגען און עקספלאָזיאָנען! דיא געשיכטע דער מענשהייט איז א בעשרייבונג פון בלוטיגע מלחמות און שרעק־ליכע געוואלד־טהאטען... דיא וועלט־געשיכטע איז איין אלטער בית עולם און דיא לעבעדיגע מענשען זיינען נאָר מצבות אויף דיא קברים פון דער פערגאנגענהייט. ווילדע פלאנצונגען האָבען סימ־פאטי צו א שעהנעם בוים, וואקסען זיי אריין אין זיינע וואָרצלען און טויטען איהם. א וואָרים האָט סימפאטי צו א רויטען עפעל און עסט איהם דורך וויין הארץ, א וואָלף האָט סימפאטי צו א שאָף און פרעסט זיא אויף... א שטארקער מענש האָט סימפאטי צו א שוואכען, ווייל ער קען איהם לייכט ארײנשלינגען אין זיין „איך"... א מאן האָט ליעב א פרוי, ראָטעט ער אוים אין איהר דעם מענש, טויטעט איהר פערזענליכקייט און פערניכטעט איהר זעלבסטשטענ־דיגקייט. א פרוי האָט ליעב א מאן און פערניכטעט זיין שטרע־בונג צו פרייהייט, פאראליזירט זיין ענערגי און רויבט זיין מעננער קראפט.

ד י א פ ר ו י : נון, און ד י א ליעבע, וועלכע מאכט פריי, גליקליך און גרויסמוטהיג?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר : דיא ליעבע רופט ארוים געפיהלע פון ווילדע ליידענשאפטען, אייפערזוכט, האסס, צאָרן, וועלכע פיה־רען צו מאָרד און זעלבסטמאָרד, צו בעטרוג און פערברעכען, צו שוואכהייט און וואהנזין! (דיא טרוימעריעו פערשווינדעו, ער־שראָקענע.)

ד י א פ ר ו י : אה, דו דונקעלער אונבעקאנטער! און וואו איז ד י א ליעבע, וועלכע איז ביי דיא מענשען פערגעטטערט? און וואו איז דיא ליעבע, וועלכע זיי אללע רעכענען פיר דאָס היי־ליגסטע אין דער וועלט, דיא מענשענליעבע?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר : דעם גאָטט דער ליעבע מיינסט דו? אין'ם נאָמען פון דעם גאָטט איז מעהר געטויטעט און ערמאָר־דעט געוואָרען וויא אין דעם נאָמען פון דעם גאָטט פון קריעג און מענשענהאס. און דיא פיעל געפרייזטע הייליגע מענשענליעבע

איז נאַר אַ שפּיעלצייג מיט וועלכער אַמוזירען זיך פרעדינגער, מאַ־ראַליסטען, פילאַנטראָפּען און אַנדערע שווינדלער און נאַררען.

ד י א פ ר ו י: און וואו איז דיא ליעבע, וועלכע עקסע־סטירט אין דער פאַמיליע צווישען מאַן און ווייב, קינדער און על־טערן?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: אַ מאַן האָט ליעב זיין פרוי, אויף וויפיעל זיא דיענט איהם און שאַפט איהם פערגניגען, אַ פרוי האָט ליעב איהר מאַן אויף וויפיעל ער פערזיכערט זיא מיט לעבענס־מיט־לען און לוקסוס זאַכען. עלטערן האָבען אין דיא קינדער ליעב נאַר זיך, און קינדער האָבען ליעב עלטערן בעפאָר זיי פאַנגען אָן לעבען פאַר זיך.

ד י א פ ר ו י: און וואו איז דיא נאָבלע ליעבע, וועלכע רופט זיך פריינדשאַפט?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: פריינדשאַפט עקסעסטירט צווישען מענשען נאַר ווען זיי האָבען פערשיעדענע אינטערעסען. בעגעגע־נען זיך אָבער זייערע אינטרעססען, דאַן איז יעדער אַ פריינד נאַר זיך אליין. יא, עס איז דאָ אַווירקליכע, אַ שטאַרקע, אַ מעכטיגע ליעבע — דאָס איז זעלבסטליעבע, עגאָאיזם. דיזע ליעבע איז אַ וואהרע, אויפריכטיגע, שטענדיגע. זיא רופט ארויס אין דער גאַנצער וועלט דעם קאַמפּף פיר דאָס דא זיין, זיא איז אַ געפעהר־ליכע געגנערין פון׳ם טויט, ווייל זיא זוכט אללע מיטלען אין דעם איינציגען „איך" צו פערשטאַרקען און פערלענגערן דעם אינסטינקט פון לעבען... אָבער סוף כל סוף פיהרט אויך דיזע זעלבסטליעבע צום טויט. דיא שוואַכע ווערען געטויטעט פון דיא שטאַרקע. נאַכדעם קומט אַ צייט ווען דיא מעהר שטאַרקע קעמפּפען מיט דיא וועניגער שטאַרקע... דיזער עוויגער קאַמפּף איז דיא פאַבריק פון׳ם טויט, קיינער וועט ניט געשפּאָרט ווערען, קיינער ניט! (דיא האָפנונגען פערשווינדען.)

ד י א פ ר ו י: שוואַרצער גייסט, דיא נאַטור איז אַ פאַבריק פון לעבען, ניט פון טויט. זאָגאַר דער טויט אליין איז נאַר אַ פאַרבערייטונג צו אַ נייען לעבען. אין דער גאַנצער נאַטור

איז דאָ נאָר איין שטארקע מאכט און דאָס איז דיא שטרעבונג צום לעבען. דער קאמפף פיר דאָס דא זיין איז ניט דער ציעל פון'ם לעבען, עס איז נאָר א מיטעל צו פערזיכערען דאָס לעבען. דער קאמפף ווערט אָבגעשאפען זאָבאלד מע קען לעבען אָהן קאמפף... ווילדע חיות, שטומע פויגלען, קליינע אינסעקטען פעראייניגען זיך אין גרויסע געזעלשאפטען אום צו מאכען לייכטער דעם קאמפף פיר דאָס דאָ זיין, אום אלע זאָלען זאָרגען פיר איינעם און איינער פיר אלע. און ביי דיא העכסטע בעשעפעניסען, ביי דיא מענשען, מיינסט דו, עקסעסטירט און וועט עוויג עקסעסטירען נאָר איין פרינציפ: איי־נער געגען אללע און אללע געגען איינעם? בלינדער דונקעלער גייסט! אָפפערן דען ניט יעצט מענשען זייער לעבען פיר דאָס גליק פון אנדערע? פערליערען דען קינדער זייער חן און ליעבע בא על־טערן זאָגאר דאן, ווען זיי מאכען זיך בא פרעמדע אונבעליעבט דורך זייערע פעהלערן? ריזיקירט דען ניט א מענש זיין לעבען צו רעטטען דעם צווייטען פון געפאהר? און וואו איז דיא ליעבע, וועל־כע האָט א מאכט צו פערוואנדלען מיאוסע אין שעהנהייטען און פערקריפעלטע אין א אידעאל פון פאָלקאָמענהייט?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: נאאיווע פרוי, אזא ליעבע זעהט מען נאָר ווען מען טרוימט אין א שעהנע נאכט ביי דעם שיין פון דער לבנה!... דו קוק בעסער אריין אין דאָס לעבען פון דיא מענשען.

ד י א פ ר ו י: יא, אין'ם לעבען פון דיא מענשען! בליק הערונטער, זעהסט, דאָרט ליעגט אין טהאָל א קליינע שטאָדט. זעהסט דאָס הויכע הויז דאָרט?

א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר: דאָס הויז דאָרט לעבען דאמפף מיהל? איך וויים, דאָרט געפינט זיך א ליעבענדע שעהנהייט מיט א הויקער, א קריפעל, וואָס וויל זיין אן אידעאל פון פאָלקאָמענ־הייט. איך האָב אן אויג אויף דעם הויז.

ד י א פ ר ו י: איך וועטה, אז אין דעם איינעם הויז אליין איז דאָ גענוג בעווייזע, אז מיר געהען ניט צום טריאומפף פון טויט דורך זעלבסטפערניכטונג און עגאאיזם, נאָר, פערקערט, מיר

געהען צום טריאומפף פון לעבען דורך זעלבסטאויפאָפּפערונג און ליעבע.

אונבעקאַנטער: אויב דו מיינסט עס ערנסט, נעם איך אָן דיא וועטטע. מיר וועללען זיך בעגעגענען דאָרט און יעצט מוז איך געהן. באַ דער ליעבע שפּיעלט דיא צייט קיין ראָללע ניט, דער טויט אָבער טאָר ניט פּערליערען קיין אויגענבליק. גוטע נאַכט. חע! חע! אזוי לאַנג וואַנדערן אויף דיזער שמוציגער ערד, דורכגעהן אזוי פיעל הענד וויפיעל דיא ליעבע איז שוין דורכגעגאַנגען פון דעם סאָלדאַט מאַרס, דורך דעם פּריעסט קרעדאָ, ביז'ן מעדיקער עקסקולאַפּ און דאָך בלייבען אזוי ראָמאַנטיש און סענטימענטאַל! חא! חא! חא! דאָס קען נאָר א דאַמע! (מאַכט עטליכע שריט צוריק און קוקט זיך צו.)

דיא פרוי: עי, וואו זייט איהר, מיינע בעגלייטערינען? (דיא האָפנונג און טרוימערייען ערשיינען.) ער האָט איך פערשראָקען און פעריאָגט? קיין מאַכט קען אונז ניט פערטרייבען פון אונזערע פריינדע דיא מענשען, ווייל מיר זיינען א טייל פון זיין נאַטור. און ער — דער מענש, וויא ער איז, איז א טייל פון דער גרויסער מוטער נאַטור. זיא, דיא מעכטיגע, ווייסט ניט פון קיינע שטימונגען, פּעססעמיסטישע טעאָריען און שאַרפזיניגע ארגומענטען, — זיא געהט אונפערמיידליך מיט איהר עוויגען וועג פון לעבען און ענטוויקלונג און צוזאמען מיט איהר מוז געהן און ענטוויקלען זיך אללעס וואָס לעבט און עקסעסטירט. געהט, טראָגט דעם מענשען שעהנע טרוימען און זיסע האָפנונגען און נאַכדעם וועל איך קומען און וועל איהם ברענגען ליעבע און אַן עוויגע שטרעבונג צום לעבען!

דיא האָפנונגען און טרוימערייען זינגען:

(וויא שעהן און וויא פּרעכטיג איז דיא רוהיגע נאַכט! א. ז. וו.)

(אַללע געהען.)

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

פערזאָנען.

שמואל אשכנזי, אַ רייכער קויפמאַן, אַלט אַ יאָהר 60
בערטהא, זיין עלטערע טאָכטער, אַ שעהנער בלאַסער אינטעליגענטער
פּנים, האָט אַ קליינעם הויקער, שטענדיג געקליידעט אייגפאַך און
מיט גוסט 25 יאָהר אַלט
טאליע, זיין זוהן, אַ גימנאַזיסט, 18—19 יאָהר
אידא, זיין צווייטע טאָכטער, אַ גימנאַזיסטקע, אלט א יאָהר 17—16
מיליע, זיין יונגסטעס קינד, אלט א יאָהר 10—9
סאָפיע גרינשטיין, אַן אלמנה, אשכנזי'ס צווייטע פרוי, 35 יאָהר
נינא, איהר טאָכטער 17 "
בערנארד זילבערמאַן, אשכנזי'ס געשעפטספיהרער 35 "
לואים קארשונסקי, איין אינזשעניער טעכנאָלאָג, 27—28 יאהר
שליאָמע הויז (שלמה זילבערמאַן) בערנאַרד'ס פאָטער 60 יאָהר
שרה הינדע, זיין פרוי, דיזעלבע יאהרען. (זעהר אַ העסליכע און זעהר
אַ גוטע פרוי.)

א דיענער, א דיענסט.

פערזאָנעפיצירונגען:

דער אונבעקאנטער
דיא פרוי
האָפנונגען, טרוימערייען, אונגעזעהענע גייסטער

עס קומט פאָר אין א קליינע שטאָדט אין זיד רוסלאַנד. דיא צייט —
90ציגער יאָהרען פון פאָריגען יאהרהונדערט.

ערשטער אקט

(אַ גרויסעס ארבייט־צימער ביי אשכנזי'ן אין הויז. אַ גרויסער שפּיע־געל, אַ פּיאנאָ, אַ קושטעקע, ווינער שטולען. באַ אַ וואַנד אַ שעהנער שרייבטיש אויף וועלכען עס ברענט אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אבאזשור. איבער'ן טיש אַ בילד פון דער פערשטאָרבענער מאַדאַם אשכנזי. אַנקעגען אַ לאַנגער טיש אויף וועלכען עס ברענט פּונקט אַזאַ לאָמפּ מיט אַזאַ אבאזשור. אויפ'ן טיש ביכער, קארטען, העפטען, שרייבגעציינ, פּאַפּיע־רען. אין הינטערגרונד איז אָפען א גרויס פענסטער, דורך וועלכען דיא לבנה שיינט און מע זעהט בוימער פון א גארטען. עס הערט זיך אָפּט דאָס רוישען פון אַ דאַמפּף מיהל.)

ב ע ר ט ה א זיצט ביים שרייבטיש, עפענט אַ בריעף, לעזט, שרייבט, פער'חתמעט קאָנווערטען, פערטיעפּט.

א י ד א אין א קלייד פון א גימנאַזיסטין און ט א ל י ע אַלס גימנאַזיסט זיצען ביידע ביים לאַנגען טיש. ער לערנט עטוואָס פון אַ בוך אויסווענינ, זעהר שטיל. מע זעהט, ער וויל ניט שטערען ב ע ר ט ה א ן. א י ד א צייכענט אַ קאַרטע, זיא איז זעהר נערוועז, מעקט און צייכענט ווייטער. מ י ל י ע זיצט ביי דער פּיאַנאָ און עקזער־צירט. אַללע אַ לאַנגע צייט בעשעפטיגט.)

ב ע ר ט ה א : (געפינט איין אָפענעם בריעף, ווענדעט זיך אום, ערשטוינט.) קינדער, ווער האָט געעפענט דעם בריעף? (קיין ענט־פער.) עס איז א בריעף צו מיר פון'ם פּאַפּאַ, ווער האָט עס געקענט עפענען? (קיין ענטפער.) קינדער, איהר הערט ניט, וואָס איך פרעג?

ט א ל י ע : ווייסט ניט, ווער עס קען זיך ערלויבען אזא זאך? מסתמא דיא פרינצעסין אידא! פרינצעסין!

א י ד א : (שטיל, קרימט איהם) פרינץ האַמלעט פון דענע־מארק! (לויט) איך האָב דערקענט דעם פּאַפּאַ'ס האַנדשריפט... און ווייל מע זאָגט עפּיס אויפ'ן פּאַפּאַ, האָב איך ניט געהאַט קיין

גערולד... איך האָב נאָר געוואָלט זיך איבערצייגען, אויב עס איז אמת...

ט א ל י ע: זיא האָט זיך נאָר געוואָלט איבערצייגען, מעהר גאָר נישט...

א י ד א: מע זאָגט, דער פּאָפּאָ וועט אונז אַללעמען ברענגען א פּרעזענט... האָב איך געעפּענט דיין בריעף, בערטהאַ.

ב ע ר ט ה א: (ערנסט) קינדער, איך האָב קיינע סעקרע־טען. איך מיין, וויא אין זיינע פערזיעגעלטע בריעף אזוי אויך טיעף אין זיין הארצען דארף ניט זיין ביים מענשען אַזעלכעס, וואָס מען זאָל דאַרפען פערבאָרגען. אָבער דאָך עפּענען אַ פרעמד בריעף איז אַזאַ פערברעכען, גערארע וויא ארוים׳גנב׳ען עטוואָס פון אַ פרעמדע טאַשע. מע דארף זיך אזאַ זאַך קיין מאָל ניט ערלויבען!

מ י ל י ע: א יא, בערטהאַ, איך האָב זיך אזאַ זאַך קיין מאָל ניט ערלויבט?

ב ע ר ט ה א: ניין, טייערע, און איך האָף דו וועסט עס קיין מאָל ניט טהון.

א י ד א: זיי ניט בייז אויף מיר, בערטהאַ. איך האָב דער־זעהען דעם פּאָפּאָ׳ס האנדשריפט האָב איך זיך ניט געקענט בעהער־שען. איך טהו אָפט אזעלכע זאכען, וואָס נאכדעם פערדריסט מיך, אָבער איך קען זיך אליין ניט איינהאַלטען. ביזט ניט בייז, בערטהאַ?

ב ע ר ט ה א: (שוין ווידער בעשעפטיגט) איך בין ניט בייז, דו נארר. איך זאָג נאָר, מען דארף עס ניט טהון. (עפּענט אַ בריעף) א נייעס! — אונזער געוועזענע קעכין שרה שרייבט, אז איהר מאן איז שוין ווידער קראַנק. זיא האָט נויטיג געדאַרפט חתונה האָבען! מע וועט איהר דארפען שיקען צעהן רובעל. איך זאָל ניט פערגעסען. (פערשרייבט אין איהר מעמאראנדום.)

א י ד א: א נויטיגע זאַך! איך זאָל האָבען דאָס געלד, וואָלט איך בעסער געקויפט א קליינע בראסלעטקע מיט א קעסטעלע און מיט א שלעסעלע... פיעלע גימנאזיסטקעס האָבען אַזעלכע בראסלעטען...

ב ע ר ט ה א: מענשען זאָלען ניט געפינען פיר נויטיג צו העלפען איינע דיא אנדערע, וואָלט ניט נויטיג געוועז זיי זאָלען לע־בען אויף דער וועלט.

ט א ל י ע. דיא פרינצעסין זאָל פרובען זיין א קעכנע, וואָלט זיא געוואוסט...

א י ד א: איך זאָל זיין א קעכין, וואָלסט דו געוועזען א קוטשער...

ט א ל י ע: און וואָס מיינסט דו, א קוטשער איז ניט אזא מענש, וויא דו?

ב ע ר ט ה א: (שטעהט אויף) קינדער, קריגט זיך ניט און טהוט בעסער אייער אַרבייט. (געהט צו מיליען) נו, קינד, ביזט נאָך ניט מיעד? קום, איך וועל דיר א ביסעל העלפען. זיץ ניט אזוי איינגעבויגען, וועסט נאָך קריעגען אזא הויקער וויא איך האָב און מע וועט פון דיר לאַכען. (גלייכט זיא אוים) אָט אזוי זיץ, מיליטשקע!

מ י ל י ע: מען לאַכט פון דיר? ווער לאַכט פון דיר? (זיא שפיעלט.)

ט א ל י ע: עס איז דאָ אויף דער וועלט גענוג גראָבע יונגען און אידיאָטען. (ער לערנט.)

ב ע ר ט ה א: מיליע, דו נעמסט די נאָטע ניט מיט דעם פינגער. דו זינג אין טאַקט וואָס דו שפיעלסט, וועט דיר זיין גרינ־גער. (זינגט מיט איהר וואָס זיא שפיעלט) איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי, איינס.

א י ד א: בערטהאַ, פון מיין נייעם רעגענמאַנטעל האָבען זיך ווידער אָבגעריסען צוויי קנעפּלאַך.

ט א ל י ע: קענסט דו ניט נעמען אַליין און צונעהען? פרינ־צעסין מיינע!

ב ע ר ט ה א: פאַר וואָס האָסט דו ניט געזאָגט מאַשע'ן? וועסט מאָרגען דאַרפען פריה געהן אין גימנאַזיום, דו גיב בעסער, וועל איך דיר צונעהען דיא קנעפּלעך. (אידא ברענגט איהר מאַנטעל, טאליע קוקט אויף איהר בייז. בערטהא נעמט פון דער טאַשע נעה גע־

צייג, זיצט בא דער פיאנא און נעהט.) קינדער, וויא מע זעהט פון'ם טאטענס בריעף, דארף מען איהם ערוואַרטען יעדען טאָג... אזוי, אזוי, טייערע. (זינגט) איינס, צוויי, דריי, איינס...

א י ד א: מע זאָגט, דער פאפא איז ניט געפאָהרען קורירען זיך, נאָר עפּיס אנדערש.. הי! הי!

ט א ל י ע: וואָס קוועלט זיא אזוי, דיא פרינצעסין אונ־זערע?

א י ד א: איך קוועל פון'ם פאפא.

ב ע ר ט ה א: אידא! (אַלע בלייבען שטיל) זאָל זיין גענוג, קינד! (קושט מיליען) אידא, אָט האָסט דו דיין מאַנטעל. נאַשערין, האָסט נאָך עפּיס טאַשענגעלד? זעה, וואַרף ניט ארוים, איך לעג דיר אין טאַשע קליין געלד. (זיא טהוט עס.)

א י ד א: בערטהא, דו ווייסט, ע... ע... איך בין שוין ווידער שולדיג אין קאָנדיטאָרסקי א רובעל מיט צוואַנציג.

ט א ל י ע. קאָנפעקטען מיט לעקעך אויף באָרג? זיא האָט קרעדיט, דיא פרינצעסין!

ב ע ר ט ה א: עס איז ניט שעהן, אידא... איך האָב דיר עט־ליכע מאָל געבעטען, זאָלסט ניט נעמען קיינע נאַשערייען אויף באָרג... דו זאָגסט און טהוסט פערקערט...

א י ד א: בעסער וואָלט געווען, זאָלסט איהם אָנזאָגען, ער זאָל ניט געבען אויף באָרג... ווארום, איך וויים אליין ניט, פאר וואָס, איך קען ניט... בערטהא, דו ווערסט זעהען, איך וועל מעהר ניט נעהמען אויף באָרג... (צייכענט) אי, צום טייוועל! צום טייוועל! (וויינענדיג און קאַפּריזנע) איך וועל היינט ניט ארויס־קריכען.

ב ע ר ט ה א: (געהט צו איהר) נו, וואָס איז שוין דאָרט ווידער?

א י ד א: איך מוז מאָרגען ברענגען דעם לעהרער פון געאָגראַפיע א קארטע פון אויסטראַליע און איך קען ניט ענדיגען.

ב ע ר ט ה א: א געשיכטע מיט אויסטראַליע! טאַליע,

אפשר וואָלסט דו געווען א פײנער מענש און געהאָלפען איהר א ביסעל?

ט א ל י ע: איהר העלפען? א נויטיגע זאך! זיא פערדיענט עס טאקי. איך זאָג דיר, אזא דיאמאנט!

ב ע ר ט ה א: דו שלעכטער! דעם וואָס פערדיענט העלפען מען ניט, מע בעצאָהלט איהם אײנפאך פיר זײן פערדיענסט. הילפע הײסט, ווען מע העלפט דעם, וואָס האָט ניט פערדיענט. גיב מיר דיא קארטע, אידא, איך וועל זיך פאר׳ן שלאָף אנידערזעצען אויף א שעה און וועל עס ענדיגען. (נעמט דיא קאָרטע.)

ט א ל י א: קארג האָט בערטהאַ צו טהון א גאנצען טאָג, זיא דארף זיך נאָך זעצען פאר׳ן שלאָף צײכנען דער פרינצעסין א קארטע! (נעמט צו בײ בערטהא׳ן דאס פאפיער) איך וועל ענדיגען דיא קארטע. (קוקט אַרײן) א שעהנע אווסטראליע אָנגעשמירט! בערטהא, איך געדענק, וויא דו פלעגסט אָבזיצען שטונדען לאַנג מיט מיר, ווען איך בין געווען אין ערשטען און צווייטען קלאַסס.

ב ע ר ט ה א: יא? טאליע, איך האָב געמײנט, דו האָסט פערגעסען. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען פאר וואָס האלט איהר איך אין איין קריגען?

מ י ל י ע: הע! ער רופט זיא פרינצעסין, און זיא רופט איהם פרינץ פון יענעם מארק.

ב ע ר ט ה א: ניט פון יענעם מארק, פון דענעמארק, גנב. (דריקט מיליען צו זיך.) נאררישע קינדער, אפנים אין אײערע יאָהרען קריעגען זיך אַללע ברידער און שוועסטער.

ט א ל י ע: אז דו ביזט געווען אונזער יונגע שוועסטער, האָבען מיר זיך מיט דיר ניט געקריעגט.

ב ע ר ט ה א: איך? קינדער, איך בין זעהר ווענינ געווען א יונגע שוועסטער. איך בין נאָך אלײן געווען א קינד און האָב שוין געמוזט ווערען אײער מאמע. (קוקט אויף דער מוטער׳ס בילד.) עס פליהען דיא יאָהרען... ע! קינדער, איהר ווײסט וואָס? עס איז א שעהנע נאכט, קומט מיר וועלען זיך א ביסעל דורכגעהן. מיליע וועט זיך א ביסעל דורכלויפען, וועט זיא שלאָפען בעסער. און דו,

פרינצעסין, דארפסט אויך א ביסעל מעהר שפאצירען, דו זיצסט צופיעל... און דערווייל וועלען מיר טאקי צוגעהן צו דער מיהל, איך דארף נויטיג זעהען בערנארד'ן.

א י ד א : (לעבען שפיעגעל, ברענגט איהרע האר אין אָרדנונג) אָה! איך פערשטעה... דיא הויפטזאכע איז ניט שפאצירען, נאָר זעהען בערנארד'ן... איך פערשטעה שוין...

ב ע ר ט ה א (אונרוהיג) וואָס מיינסט דו? (רוהיג) נו, יא, איך דארף זעהען בערנארד'ן — איך האָב ערהאלטען א וויכטי־גען געשעפטס־בריעף. איך האָב מורא, עס איז קיהל, טהו אָן א מאנטעלע, מיליע. (טהוט איהר אָן א מאנטעלע.) דו, מאמזעל, נעם אויך עפּיס אויפ'ן האלז... יא, יא, פראנטיכע מיינע! (טהוט איהר אָן עטוואָס אויפ'ן האלז מיט געוואלד.) איהר, מסיו אנאטאל אשכנזי, געהט מיט?

ט א ל י ע : ווי קען איך? א רעדע פון ציצעראָן אין לעטיין קענען אויסוועניג. דער פרינצעסין דערשמירען דיא אווסטראליע... און...

בערטהא : אלזאָ, דער מאָן געהט ניט... קומט... טאליע, איך האָף, איהר וועט דאָ ניט רויכערן קיינע פאפּיראָסען, הא?

ט א ל י ע : (בעליידיגט) איך האָב געזאָגט, איך וועל ניט רויכערן, רויכער איך ניט. איך בין ניט אידא!

א י ד א : ניין! דו ביזט דאָן קיכאָט דע לא מאנטשא.

ט א ל י ע : און דו ביזט דאָננא דולצינעא דעל טאָבאָזאָ!...

ב ע ר ט ה א : שאַ! שוין ווידער א מלחמה... אי, איהר מערדער וואָס איהר זייט. טאליע, וועסט זיך דאָ הייסען געבען א גלאָז ווארעמע מילך. אויפ'ס וויעדערזעהן. (אידא'ן נעהמט זי גע־ארמט, מיליען פיהרט זיא ביי דער האַנד. אללע דריי אב.)

ט א ל י ע : (געהט צום פענסטער, לוסטיג) א שעהנע נאכט, א שעהנע לבנה און שעהנע שטערען... און דער לעבען וואלט גע־ווען אזוי שעהן, ווען ניט דיא לעטיינישע רעדע פון ציצעראָן... הא? מאכען איהר דיא קארטע פריהער (זעצט זיך צום טיש) זעה נאָר א'ן ארבייט! צו קיין זאך טויג זיא ניט און קיין זאך קען זיא ניט.

נאָר קוקען אין שפּיעגעל און פּוצען זיך. (צייכענט.) ניט וויא בערטהאַ, ניין, ניט גרעאָטהען אין בערטהאַ'ן. (אַ גערויש) ווער געהט עס? (שליאָמע הויז און שרה הינדע קומען.) אָה, שליאָמע הויז! אַי! איך האָב פערגעסען, בערטהאַ בייזוערט זיך, ווען מיר רופען אייך אזוי... אַן אַלטע געוואָנהייט... ענטשולדיגט...

ש ל י א מ ע: יונגער מאַן, אויב איך בין שליאמע הויז, מסתמא דארף איך זיין שליאמע הויז... אויב מע רופט אונטען „הויז", איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מע רופט אויבען „הויז"! אַלץ דאָרטען! (צייגט אויפ'ן הימעל.)

ט א ל י ע: (שטיל) אַי, פּונקט איצט, ווען איך האָב אַזוי פיעל ארבייט! (לויט) איהר דארפט עפּיס?

ש ר ה ה י נ ד ע: בערנאַרד איז ניטאָ אין קאַנטאָר, האָבען מיר געמיינט, ער מוז זיין בא בערטהאַ'ן. איהר ווייסט דאָך, היינט איז מיטוואָך... און אַללע מיטוואָך קומען מיר אין קאַנטאָר נעמען ביים זוהן דיא פּויטיקע... דאָס הייסט יאקבי אויף מאַכען שבת און אויף גאַנצע וואָך... 15 רובעל יעדע וואָך בוואָך. עס געהט דען ביי אונז אוועק אזאַ סוממע גאָלד? חלילה! נאָר גאָר ניט, ער איז אַ גוטער און ניט...

ש ל י א מ ע: ער איז ניט חולה צו געבען... ער איז אַ זון... צוליעב וואָס דען דארף מען קינדער? נעמט בערטהאַ'ן, וואָס טהוט זיא ניט צוליעב איהר טאַטען? אַזוי דארף זיין, קינדער וואָס דען!

ש ר ה ה י נ ד ע: וואָס גלייכסט דו זיך? איהר פאָטער איז שמואל אשכנזי... און זיא איז בערטהאַ...

ש ל י א מ ע: יאַ, אַ קאָפּ איז אויף איהר ניט קיין ווייבערשער. עס איז טאַקי נאָר דערפאַר, ווייל זיא האָט, וויא זאָגט מען, האָט קיין פאַראיבעל ניט, אַ זאָטעל...

ש ר ה ה י נ ד ע: (שטיל) אפשר וואָלסט דו צוגעמאַכט דיין שניידערשען פּיסק?...

ש ל י אָ מ ע: מיט אַזאַ געשיכטע קען מען זיך ניט בעהאַלטען. עס וואָלט ניט געווען, אויב עס וואָלט ניט געדאַרפט זיין. יאָהרען לאַנג האָב איך געטראַכט: פאַר וואָס איז דאָס? ווארום איז

יענעם? און בין מיט מיין שכל דערגאַנגען, אז אַללעם קומט נאָר וייל אויבען צייכענט מען: דו זיי א האַרבאַטע, און דו זיי א פאַנפעוואטע, און דו זיי א פאָרסליפאָוואטע... אלץ דאַרטען!

ט א ל י ע: (שטיל) נו, יא, הלואי וואָלסט דו געווען דאָר־טען, ניט דאָ. (לויט) איך וועל לויפען זוכען אייער בערנארד׳ן. (געהט) אז איך בין געווען א יונגעל פלעג איך סקלאַנאַיען: הוץ, הוצא, הוצו, הוצאָם... (אב.)

ש ר ה ה י נ ד ע: דיין זוהן איז טאַקי דאָ איין שטוב דער גאַנצער מענש און דו ביזט טאַקי צוליעב איהם אויך א גאַנצער ר׳ שמעלקע, פון דעסטוועגען דאַרפסט דו ניט פארגעסען, אז דו ביזט געוועזן שליאמע הוץ דער זשענסקער שניידער...

ש ל י אָ מ ע: בכן איז באשר איז וואָס? אז מע האָט אויבען אָנגעשריעבען: דו זיי אשכנזי און דו זיי שליאָמע הוץ, איז ער דער חכם און איך דאַרף שווייגען?

ש ר ה ה י נ ד ע: און בערטהא? הלואי האָט יעדער אַזא האָרב און אַזוי פיעל חן ביי גאָטט.

ש ל י אָ מ ע: דעם האָרב בין איך דיר מוחל און... (טיעפזיניג) דער חן וואָס אַזעלכע האָבען איז ניט פון גאָטט... איך וויים, פון וואַנען דיא דאָזיגע האָבען חן... דו פרעג שליאמע הוץ, וועט ער דיר זאָגען... איך האָב פיעל געהערט, פיעל געפרעגט און פיעל געטראַכט פון דיא דאָזיגע זאַכען...

ש ר ה ה י נ ד ע: בערנארד פערשטעהט א ביסעל מעהר פון שליאמע הוץ און פון דעסטוועגען לעקט ער דיא פינגער פון איהר... (בערנאַרד ערשיינט ביים פענסטער און הערט זיך איין מיט א פרעהליכען שמייכעלע.) הלואי שיקט דער אויבערשטער צו בער־נארד׳ן אזא ווייב. א קליינינגקייט אזא עשירות מיט אזא יחוס!...

ש ל י אָ מ ע: בכן איז באשר איז וואָס? וועט ער געהן שלאָפען מיט׳ן יחוס? גולם, ער איז דאָך א מאַנזביל, און אויב זיא געפעלט איהם איצט, וועט זיא איהם שפּעטער ניט געפעלען. דיא אויגען זיינען דאָך איהם ניט ארויסגעקראָכען, און וואו ער וועט

נאַר דערזעהען א ווייב, וואָס איז טאַקי ווייב, וועט איהם דער רוח נעמען. (בערנאַרד ווערט טרויריג.)

ש ר ה ה י נ ד ע: זאָלען מיינע שונאים אזוי וויסען פון זייער געזונד, וויא איך וויים, וואָס דו רעדסט!

ש ל י אָ מ ע: בכן איז באשר איז וואָס? דו פרעג שליאָמע הוצן. אָט האָב איך זיך אָבגעפּלאגט מיט אזא תאָלעריע וויא דו און האָב איבער דיר פון מיין גאַנץ לעבען קיין הנאה געהאַט. וויפיעל מאָל האָב איך זיך פערשאָלטען דיא יאָהרען און געביין? וויפיעל מאָל האָב איך געטראַכט דיך גט'ן, אָדער וויא אזוי עס איז פון דיר פּטור ווערען, אָדער גאָר דער'הרג'ענען דיך צום שווארץ יאהר? נאָר גאָר ניט, מע איז דאָך א מענש און א שטיקעל יוד אויך דערצו. מע האָפּט, אפשר וועט דער רבש"ע זיך מרחם זיין און וועט אליין מאַכען אַן ענדע. דערווייל האָב איך זיך מיין גאַנץ לעבען געשלאָגען מיט דיר קאָפּ אָן וואנד...

ש ר ה ה י נ ד ע: נו, שלאָג זיך מיט זיך אליין קאָפּ אָן וואנד...

ש ל י אָ מ ע: ניין, ברודער, אז מע האָט חתונה, דאַרף מען קודם כל קוקען אין תוך אריין. א ווייב דאַרף האָבען אויגען, וועלכע זאָלען קיצלען טיעף ביז דער נשמה, און זיא דאַרף האָבען א פּאָר באַקען וויא פּאמפּושקעס און זאָל טאַקי האָבען א...

ש ר ה ה י נ ד ע: הער אויף צו רעדען, פערשרפּעט זאָלסט דו ווערען! (בערנאַרד פערשווינדעט.)

ש ל י א מ ע: אלא וואָס דען, אויבען זאָגט מען יא? העלפּט דאָך ניט, קוק יא, קוק ניט... אלץ דאַרטען!... (צייגט אויפ'ן הימעל.)

ש ר ה ה י נ ד ע: עס איז נאָך גוט, וואָס בערנאַרד האָט ניט געהערט דיינע שניידערשע דרשות. ער ווייסט טאַקי, אז דו רעדסט, איז פּונקט וויא דער הונד להבדיל ביללט, אָבער ער וואָלט דאָך געהאַט יסורים. ביי שליאָמע הויז איז בערטהאַ אשכנזי'ס א קליינינקייט!

ש ל י א מ ע: אויב זיא איז ניט קיין קליינינקייט, בכן איז באשר איז וואָס? (אַ גערויש.)

ש ר ה ה י נ ד ע: ווער שוין פערשטומט, איך הער מענשען געהען. (בערטהאַ, מיליע און אידא קומען צוריק, שליאמע און זיין פרוי שטעהען אויף.)

ב ע ר ט ה א: אה, גוטען אבענד! היינט איז געווים מיט־וואָך, האָבען מיר געסט. זיצט... מע קען אייער בערנאַרד'ן גאָר ניט געפינען; ער וועט מסתמא באלד קומען. איהר וועט מיך ענט־שולדיגען אויף א מינוט, איך מוז מיין מיזינקעלע פיהרען שלאָפען. אָהן מיר וועט זיא ניט געהן. איך מוז זיא אנידערלעגען אין בע־טעלע און צודעקען...

ש ר ה ה י נ ד ע: איהר באלעוועט זיא, נעמט זיא זיך איבער.

ב ע ר ט ה א: קיין וואונדער ניט, אויסגעוואקסען אויף מיינע הענד.

א י ד א: (ביים טיש) דו זעהסט, דער דאָן קיכאָט האָט מיר דיא קארטע נאָך ניט געמאכט!

ב ע ר ט ה א: און זיא, דיא מאמזעל, איז געווען בעסער? שוין געווען א גרויסע מויד און איך פלעג מוזען זיצען לעבען איהר און דוקא גלעטען זיא איבער'ן קאָפּ, ביז זיא פלעגט איינשלאָפען. אידא, מעגסט זיין רוהיג, טאליע האָט צוגעזאָגט, וועט ער האלטען וואָרט. ער איז א מאַן! קום, מיליטשקע... ענטשולדיגט! אידא, דיר איז אויך צייט צו געהן שלאָפען.

א י ד א: יא, באלד. (ווינקט כיטרע.) איך דארף נאָך עפּיס טהון.

מ י ל י ע: א גוטע נאכט, אידא!... א גוטע נאכט, ר' שליאמע הו... (בערטהא לאָזט זיא ניט אויסרעדען „הויז".)

ש ל י א מ ע: א גוטע נאכט, קיצקעלע.

ש ר ה ה י נ ד ע: שלאָף געזונטערהייט. (בערטהא מיט מיליען אב.)

א י ד א: (לויפט צו שליאמען) ר' שליאמע הויז, נו מיה

שפּיעלען אין בּאַראַן בּוין! (שטויסט מיט איהר שטערן זיין שטערן. ער לאַכט.) איהר ווייסט, שרה הינדע, וואָס איך האָב נאָך צו טהון? שש! איך וואַש אַלע נאַכט פאַר׳ן שלאָף דעם פּנים מיט דעם טוי וואָס ליעגט אויפ׳ן גראָז. מע זאָגט, דערפון ווערט דאָס פּנים גלאַט וויא א סאַמעט.

שרה הינדע: הערסט? און איך האָב ניט געוואוסט.

אידא: (לויפט און זינגט „אזרא׳ס ליעד“) „דעם סולטאַ־אַנס שעהנע טאָכטער איז יעדען אבענד שפּאַצירען געגאַנגען“... (אב.)

שליאמע: זעהסט דו, דיא דאָזיגע איז שוין א שטיקעל סחורה... אז מע האָט אַזאַ ווייבעל, דאַרף מען שוין ניט קיין טובות פון׳ם רבש״ע!

שרה הינדע: אַן עזות פּנים מיט א שייגעץ! נו, יא, בּאַ דיר קומט דאָך אוים קאַפּויר מיט דיא פיס... ביזט שוין אזא מענש.

שליאמע: נו, יא, מסתמא איז אויבען אָנגעצייכענט: שליאמע הויז דאַרף זיין אזא מענש, בּאַ וועלכען אַללעם דאַרף אויס־קומען קאַפּוירעם מיט דיא פיס. אַלץ דאַרטען!

אידא: (אין פענסטער שטיפענדיג) בּערטהאַ וועט פון זיי ניט פּטור ווערען ביז טאָג. (לוימ) שש! אייער בּערנאַרד איז אין קאַנטאָר, ער רופט אייך. געהט גיכער! (שטיל) איך האָב געזעהען, ער איז גאָר אַוועק אין גאַרטען. (פערשווינדעט.)

שרה הינדע: וויא געהט מען אַוועק אָהן א זיי געזונד? (שטעהן ביידע אויף.)

שליאמע: מיר וועלען נאָך אַריינגעהן אהער שפּעטער. אַזעלכע וויא זיי שלאָפען ביי נאַכט זעהר וועניג. א מאָל פּלעגען אַזעלכע ביי נאַכט אומפאָהרען אויף א קאָטשערע, איצט זיצען זיי ביי נאַכט אין א קאַנטאָר און רעכענען... עס ווערט געטהון מיט׳ן זעלבען כח. דו פרעג שליאמע הוצן, וועט ער דיר דערציילען פון דיא דאָזיגע זאכען. (ביידע אב.)

(אַ פּויזע. מע הערט אידא יונגט אין גאָרטען „אזרא׳ס ליעד“. בּערטהאַ קומט.)

ב ע ר ט ה א: וואו זיינען דאָס מיינע געסט? אנטלאָפען?

א י ד א: (אין פענסטער) אַז זיי קומען, פערגעסען זיי אוועקגעהן, האָב איך זיי אונמיסטען אָבגענאַרט און געזאָגט, אַז בערנאַרד רופט זיי.

ב ע ר ט ה א: אָבגענאַרט עלטערע מענשען? פע! אידא, דאָס איז ניט שעהן!

א י ד א: וואָס זשע, מע טאָר קיין מאָל ניט א שטיף טהון?

ב ע ר ט ה א: שטיפען מעג מען און מע דאַרף, אָבער אין א'ן אונשולדיגען, אַנשטענדיגען און עהרליכען וועג. אָבנאַרען איי־נעם אָדער וועה טהון איהם הייסט ניט שטיפען, — דאָס הייסט זיין ווילד און אויסגעלאַסען. (זעצט זיך צום טיש) פאַר וואָס געהסטו ניט שלאָפען? (אידא גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד און לויפט פאָרט) אַי, דיא ערציהונג פון קינדער איז זעהר א שווערע און פעראַנטוואָרט־ליכע זאַך... מיר ווילט זיך זעהר מאַכען פון זיי עהרליכע, גוטע מענשען און וואָס עס וועט פון זיי ארויסקומען, וויים איך ניט. (פערטיעפט זיך אין איהרע פאַפּירען. ב ע ר נ א ר ד גיט אַ קלאַפּ אין טיר און קומט אריין.)

ב ע ר נ א ר ד: שטער איך אייך ניט, פרייליין בערטהאַ?

ב ע ר ט ה א: ניין! ניין! פערקערט, איך האָב אייך גע־זוכט, איך דאַרף אייך האָבען. זיצט! (ער זעצט זיך) איך האָב ערהאַלטען א בריעף וואָס פערשאַפט מיר פיעל שמערצען. דער פּאַפּאַ האָט צוגעזאָגט דעם ערשטען יוני ארויסשיקען דיא פּאַרטיי מעהל קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. עס איז שוין היינט דער 26טער מאַי. דיא צוויי טויזענד זעק מעהל ווען מיר ניט קענען האָבען פערטיג.

ב ע ר נ א ר ד: הערר אשכנזי האָט דאָך נאָר צוגעזאָגט, וועלען מיר זיך ענטשולדיגען...

ב ע ר ט ה א: ניט נאָר צוגעזאָגט, דער פּאַפּאַ האָט אונטער־געשריעבען א קאָנטראַקט און זיי פּאָדערען... אָט איז זייער בריעף (גיט איהם אַ בריעף) דער פּאַפּאַ איז ניטאָ און איך וויים ניט, וואָס מע טהוט. וואָס זאָגט איהר, בערנאַרד?

ב ע ר נ א ר ד: איך זאָג, עס איז א גרויסע עולה פון הערר אשכנזי. ער קיממערט זיך ניט פון קיין זאַך. עס איז ווענינ, וואָס ער האָט אויף איך ארויפגעוואָרפען אזא הויז, אזא בעלי־בתי׳שקייט, האָט אייך איבערגעגעבען אללע זאָרג און דיא ערציהונג פון אללע קינדער, האָט ער נאָך אין גאנצען פערלאָזט זיך אויף אייך מיט אללע זיינע געשעפטען!

ב ע ר ט ה א: נו, וואָס איז דאָרט? ערשטענס, קען מען דאָך אויף מיר מעהר לאסט ארויפוואַרפען, חע! חע! (לאַכט גוטמוטהיג) ווייל איך בין א בריאה מיט א האָרב, און צווייטענס, ערנסט גע־רעדט, ער איז דאָך א טאַטע און איין אלטער מענש...

ב ע ר נ א ר ד: איך אכטע זעהר הערר אשכנזי. גאַנץ אָפען גערעדט, איך פערגעס ניט, אז ביי איהם אין שטוב בין איך פון אן ארמען שניידערס א יונגעל געוואָרען איין אנגעזעהענער מענש און א פיהרער פון א גרויסען געשעפט... אָבער דאָך איך מוז זאָגען, אויב ער איז א טאַטע, דאַרף ער א ביסעל מעהר דענקען פון זיינע קינדער, און אויב ער איז יא איין אלטער מאַן, דאַרף ער ניט דענקען פון דעם, פון וואָס ער דענקט איצט. עס איז ניט שעהן! איהר ווייסט, וואוהין ער איז געפאָהרען?

ב ע ר ט ה א: וואָס מיינט איהר דאָס? דיא קינדער האָבען דאָ היינט אויך עפּיס ווענען איהם בעמערקט. איך וויים, ער איז שוואַך און איז געפאָהרען קיין אדעס צו א ספּעציאַליסט.

ב ע ר נ א ר ד: שוואַך איז ער אפשר, אָבער געפאָהרען איז ער ניט צו א דאָקטאָר א ספּעציאַליסט, — ער איז געפאָהרען צו א ספּעציאַליסט פון... פון שידוכים.

ב ע ר ט ה א: וואָס? צעהן יאָהר געווען אן אלמן און איצט, ווען ער איז שוין אזא אלטער מאַן, ווען אללע קינדער זיינען שוין געשטעלט אויף דיא פיס, — איצט וועט ער דענקען פון א שידוך?

ב ע ר נ א ר ד: ער שרייבט מיר, איך זאָל אייך פאַרבעריי־טען. מע רעדט איהם א היבשע אלמנה, וועלכע איז א מאָל געווען גאַניז רייך און וועלכע האָט א טאָכטער פון א יאָהר 17—16, זעהר א גוטע פּיאַניסטין.

ב ע ר ט ה א: (איראָניש) אַ היבשע אלמנה, וועלכע איז אַ מאָל געוועזן רייך און האָט אַ טאָכטער אַ פּיאַניסטין? נו, וואָס זייט איהר נאָך אונצופריעדען? עס איז דאָך זעהר אַ פיינער שידוך! ע! גלויבט עס ניט, איך האָב ערשט היינט פון פּאָפּאַ געקראָגען אַ בריעף און ער שרייבט מיר ניט אַ וואָרט. עס קען זיין מע רעדט איהם אַ שידוך. ווען מען לאָזען דען דיא שדכנים צורוה? אָבער חתונה האָבען וועט ער ניט, בעפאָר ער וועט זיך מיט אונז מישב זיין. אָם ווענינגסטען פערדיען איך דאָך, אז מע זאָל זיך מיט מיר אַן עצה האַלטען וויא מיט אַ פריינד.

ב ע ר נ אַ ר ד: פריילײן בערטהאַ, איך האָב מורא ער וועט יעצט חתונה האָבען.

ב ע ר ט ה א: יאַ? חאַ! חאַ! וואָס זשע האָט איהר מורא? אויב ער מיינט, אז ער דאַרף חתונה האָבען, מסתמא ווייס ער דאָך. און אויב זיא איז איין אנשטענדיגע פרוי, זאָל זיין מיט מזל.

ב ע ר נ אַ ר ד: איך האָב מורא, ווייל איך דענק וועגען אייער לאַגע דאָ אין הויז. עס קומען איצט פאַר אײַך נייע זאָרג מיט נייע אונאַנגענעהמהייטען. בערטהאַ, זאָגט אַליין, ביז וואַנען וועט איהר שלעפּען אויף זיך אַזאַ שווערען יאָך? איז נאָך ניט צייט, איהר זאָלט אייך אויך אָברוהען? איהר האָט נאָר געלעבט פיר אַנדערע, האָט איהר דען קיין רעכט ניט איצט פיר זיך אויך אַ ביסעל לעבען? (אידאַ עפענט דעם פענסטער און הערט זיך צו, זעהר נייגעריג.)

ב ע ר ט ה א: מיין אויפגאַבע און מיינע פליכטע זיינען נאָך ניט געענדיגט. פערגעסט ניט, מיליטשקע איז נאָך אַ קינד און אידאַ איז אויך נאָך צו יונג. זיא איז פּונקט אין דיא יאָהרען פון איהר ענטוויקלונג, ווען מע דאַרף אויף איהר זעהר גוט אַכטונג געבען.

ב ע ר נ אַ ר ד: איהר וועט דאָך ניט געהן צוליעב אידאַ'ן אָפּפערן אייער לעבען....

ב ע ר ט ה א: מיין פריינד, איך האָב יעצט קיין אַנדער

ציעל, וויא אָפּפערן זיך צו ליעב זיי. מיינט ניט, אז פּערזענליכער גליק איז אַללעס.

ב ע ר נ א ר ד: מע דענקט גאָר ניט צונעמען בא אייך דיא מעגליכקייט צו זאָרגען פאר מיליען מיט אידאן.

ב ע ר ט ה א: וואָס מיינט איהר דאָס? (אידא קוקט אויף זיי בייז. זיא איז זעהר פאָרזיכטיג און פערשווינדעט אָפּט.)

בערנארד: איך מיין גאנץ איינפאך, ווען אייך מאכט זיך אַ פּאססענדע פּארטיע און איהר זאָלט ניט דארפען פערלאָזען אייער היים און אייערע פליכטע?

בערטהא: (גוטמוטהיג) וויא? חא! חא! איהר מיינט, איך זאָל חתונה האָבען? דיא האָרבאַטע מויד זאָל זיך פּשוט פאר איהר געלד קויפען א חתן מיט'ן צושטעלען אהיים? איך בין ניט אזא נארר!

ב ע ר נ א ר ד: איך בעט אייך, מיינט ניט, עס איז א שפּאס. איך קען אייך שוין ניט פון היינט און ניט פון נעכטען. איהר ווייסט, מיך קען מען ניט קויפען פיר געלד.

ב ע ר ט ה א: (לאַכט) וואָס? איהר אליין ווילט זיין דער פּרעטענדענט? דאָס איז א סיורפּריז!

ב ע ר נ א ר ד: יא, איך אליין. איהר ווייסט, איך האָב א היבשען קאפּיטאל אין אייער פּאפּא'ס געשעפטען און מיך אינטערע־סירט זעהר וועניג א רייכע כלה. מיך אינטערעסירט דיא רייכקייט פון אייער אידעלען חאראקטער און פון אייער אידעלעם הארץ...

ב ע ר ט ה א: איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איהר האָט פון מיר אזא גוטע מיינונג, אָבער זאָגט מיר נאָר, וואָס איז מיט אייך פלוצלינג געוואָרען? זעהט נאָר, אין אזא שעהנע זומער נאכט וואנדערט אום דיא געטין פון ליעבע מיט איהרע טרוימען. מאָ־גען אבער וועלען דיא טרוימען אוועק און איהר וועט זיך אויפכאַ־פּען מיט א הארץ־קלעמעניש און מיט א קאָפּ ווייטאָג... (לאַכט און וויינט) מיך אָבער קען דיא שעהנע געטטין ניט ארייננכאַפּען אין איהרע נעצען, איך געהער צום מלאך המות. (פויזע. וווייט אַ טרוי־ריגע קירכען־גלאָקע.)

ב ע ר נ א ר ד: איך בעט אייך, רעדט ערנסט מיט מיר. איך בין ניט קיין יונגעלע, בין שוין 35 יאָהר אַלט. איך האָב שוין פיעל דורכגעלעבט און איבערגעליטען. עס איז בא מיר ניט א טרוים פון א זומער נאַכט — עס איז איין ערנסטער געדאנק, איין איבערלעגטעס געפיהל. איך ווייס אללע אייערע אייגענשאַפטען און פערשטיי, אז גליקלאַך קען זיין דער מאַן, וואָס קען האָבען אַזאַ קלוגען קאמראד וויא איהר, אזא בעגאַבטע פרוי, אזא ערציהערין און מוטער צו זיינע קינדער, אזא ווירטין און ראטהגעבערין אין שטוב. ניט פּלוצלינג בין איך געקומען צו דעם בעשלוס, איך האָב פיעל נאָכגעטראַכט און אללעס אָבגעוועגען... בערטהאַ, שטויסט מיך ניט אָב פון זיך! איהר קענט מיך... איך בין ניט זעהר אינטעללי־גענט. וויא קום איך דערצו? אָבער איהר ווייסט, איך בין ניט קיין לייכטזינניגער מענש (טרערען אין זיין שטיממע) אויב איך זאָל אייך ניט קענען אכטען און שעצען, ווער דען אין דער גרויסער וועלט וועט דאָס זיין אימשטאנדע צו טהון? (דיא גלאָק הערט אויף צו קלינגען.)

ב ע ר ט ה א: איך דאנק אייך, איהר זייט זעהר א גוטער מענש, אָבער...

ב ע ר נ א ר ד: מיין מוטער וועט זיך גליקלאַך שעצען צו האָבען אזא טאָכטער.

ב ע ר ט ה א: אזוי? נון, און אייער מוטער'ס זוהן?

ב ע ר נ א ר ד: איך? מיין גליק וועט זיין צו געבען אייך איין פריעדליכעס, רוהיגעס, זאָרגלאָזעס לעבען. איך מיין עס מיט מיין הארץ און זעעלע!

ב ע ר ט ה א: בערנארד: איך וועל אייך זאָגען דיא וואהר־הייט, איך וואָלט שוין געדארפט א ביסעל זיך אָברוהען און האָ־בען וועניגער זאָרג. איך האָב שטענדיג געזאָרגט נאָר פאר אנדע־רע... עס דארף זיין א גרויס גליק צו פיהלען, אז אויף דער גרויסער וועלט איז דאָ איין מענש, וואָס זאָרגט חאָטש א ביסעלע פאר דיר...

ב ע ר נ א ר ד: (נעמט איהר האַנד) בערטהאַ, ערלויבט מיר זאָרגען פיר אייך.

ב ע ר ט ה א: ווארט... איך וויל א קוק טהון אין אייערע אויגען. איך ווייס, איהר האט עהרליבע אויגען. (קוקט אין זיינע אויגען.)

ב ע ר נ א ר ד: בערטהא, זאל אויסגעלאשען ווערען דאס ליכט פון מיינע אויגען, אויב זיי קוקען ניט אויף איך מיט איין עהרליכער, אויפריכטיגער אבזיכט.

ב ע ר ט ה א: ניין! ניין! מע דארף ניט אזוי שווערען! איך פיהל, איהר רעדט יעצט אויפריכטיג... הייסט עס, עס קען זיין, פאר מיר איז נאך אויך דא א שטיקעלע גליק, און איך האב געמיינט. (פאלט צום טיש און וויינט.)

ב ע ר נ א ר ד: וואס וויינסט דו, בערטהא?

ב ע רט ה א: איך ויין... אבער דאס איז גוטע טרערען... פאר וואס ביזט דו פריער ניט געקומען? איצט מעג איך דיר זאגען דיא וואהרהייט, איך האב לאנג געווארט אויף דיר. איך האב געמיינט, דער איז א גוטער און א קלוגער... ער פיהלט דאך, איך בין ניט שולדיג, וואס דיא נאטור האט מיך גרויזאם בעהאנדעלט... ער קען מיך און ווייס, אז מיין הארץ און מיין זעעלע זיינען ניט ערגער, וויא בא אנדערע. איך האב געווארט און ער האט געשוויגען... דאן האב איך בעשלאסען: אויב דער ניט, קיינער ניט! און ער איז דאך געקומען! (אידא גיט אויף זיי א קוק מיט צארן און פערא׳בטונג און פערשווינדעט.)

ב ע ר נ א ר ד: יא, איך בין געגאנגען לאנגזאם, אבער בין געקומען צו דיר, מיין טייערע, מיין גוטע בערטהא. (אומארמט זיא. ווייזט דער כאר פון דיא האפנונגען און טרוימעריייען) עס איז שוין צייט איך זאל אויך האבען א היים. און ווער עס וויל האבען א גליקליכען, פריעדליכען, רוהיגען היים, דארף נעמען אזא פרוי וויא דו, מיין גוטע, מיין קלוגע, מיין נאבלע בערטהא. (פאלט צו מיט זיינע ליפען צו איהר האנד. דאס געזאנג שאלט העכער. פויזע, א גע־רויש. בערטהא רייסט ארויס איהר האנד) וואס האסט דו מורא, נארר? זאללען זיי וויסען...

ב ע ר ט ה א: איך שעהם זיך... מע דארף זיי פריער פאַר־בערייטען... (טאליע לויפט אַריין. דאָס געזאַנג הערט אויף.)

ט א ל י ע: בערטהא, מיר האָבען געסט! דער פּאַפּא איז געקומען צופאָהרען. מיט איהם עפּים א דאמע מיט א מאמזעל! (שליאמע און שרה הינדע קומען.)

ש ל י א מ ע: בכן איז באשר איז וואָס? דארפען מיר זי־צען דאָרטען?

ש ר ה ה י נ ד ע: האָסט אפּנים פערגעסען אויף אונז דאָר־טען אין קאַנטאָר...

ש ל י א מ ע: בא דער מאמען בא דיינער זיינען שוין דאָרט געוואָרען דיא אויגלאָך אזעלכע קליינע וויא בא א הון בין מנחה למעריב און איך אליין בין שוין אויך א פּאָאָר מאָל א פאָהר געטאָן מיט׳ן נאָז קיין צפון זייט און קיין דרום זייט.

ב ע ר נ א ר ד: דערפאר וועט איהר באלד הערען פון מיר א זאך, וואָס וועט אייך...

ב ע ר ט ה א: ניין! ניין! ניט יעצט, ניט היינט! שפּע־טער! (אידא לויפט אַריין זעהר אויפגערעגט.)

א י ד א: ווער איז גערעכט? איך האָב אייך געזאָגט, דער פּאפּא וועט אונז ברענגען א פּרעזענט... אזא אלטער זאָל דענקען פון אזעלכע זאכען! (אַללע ערשטוינט.)

ב ע ר ט ה א: שש! אידא! קום אהער צו מיר! פערגעס ניט, פון וועמען רעדסט דו דאָס!

א י ד א: (קוקט אויף איהר מיט פעראַכטונג) איהר זייט אַללע גוטע! איהר זייט אַללע גוטע! (עס הערען זיך שטיממען. אשכנזי עפענט דיא טהיר.)

א ש כ נ ז י: יא, קומט אריין אהער!... זיי זיינען אַללע מסתמא דאָ בא בערטהא׳ן, וויא געוועהנליך... הא? וואָס? דומ־הייטען! וויא באלד איך בין צופריעדען, דארפען מיינע קינדער געווים צופריעדען זיין. (ער אַריין, נאָך איהם סאָפיע און נינא אין רייזע־קליידער) גוט׳ן אבענד, קינדער, איך האָב אייך דיא עהרע פאָרצושטעלען... ע... מאדאם סאָפיע גרינ־

שטיין, וועלכע... וועלכע איז יעצט מיין פרוי און אייער צווייטע מוטער... און דאָס איז פריילין נינא (אללע ערשטוינט.)

שלימאַמע: (קוקט אויף סאָפיען און זיין שרה הינדע.)

טאליע: (ביים טיש, נעמט צונויף זיינע ביכער) איך וועל איהם באלד זאָגען, אז איך בלייב דאָ ניט אין שטוב. (געהט צום פאָטער, בעגעגענט דעם בליק פון נינא'ן. זיי לאָזען ביידע אראָב דיא אויגען פערשעהמט.)

אידא: (וויינט שטאַרק) ווידער צו זעהען און צו הערען, וואָס איך האָב היינט ביי נאכט געהערט און געזעהען, וויל איך בעסער שטאַרבען! (פאַלט מיט אַ געוויין אויף בערנאַרד'ס שולטערן. דיא קירכען־גלאָקע שאַלט ווידער און וויזט זונגט דער כאָר פון דיא טרויריגע גייסטער וויא אין פראָלאָג.)

בערנארד: (גלעט אידאַ'ן זעהר צאַרט) בערוהיגט אייך, אידא! בערוהיגט אייך, אידאטשקע!

אידא: (וואָהיספערט) איך וויל ניט, איהר זאָלט זיא ליעב האָבען, בערנאַרד! איך וויל ניט, איהר זאָלט זיא ליעב האָבען! (סאָפיע און נינא דיא גאַנצע צייט אין א גרויסע פערלעגענהייט.)

בערטהא: (בעטראַכט דיא געסט) איך האָף, דער פּאַפּאַ האָט געבראַכט אין זיין הויז אַ מענש, וואָס וועט זיין א טרייער פריינד צו איהם און צו זיינע קינדער. (גיט סאָפיען דיא האַנד. דיא גלאָקע און טרויריגער כאָר מעהר פאָרטאָ.)

(פאָרהאַנג.)

צווייטער אקט

(דאָס זעלבע צימער. נ י נ א זיצט בא דער פּיאנאָ און שפּיעלט עטוואָס זעהר טרויעריגעס גאַנץ פּיאנאָ. דורכ'ן פענסטער זעהט מען, אַללעס איז בעדעקט מיט שניי. נינא פערדעקט איהר געזיכט און בלייבט זיצען אונ־בעוועגליך. ס אָ פ י ע קומט זעהר אויסגעפּוצט.)

ס אָ פ י ע: אָט איז זיא! וואָס זיצסט דו עפּיס דאָ?

נ י נ א: וואָס איז מיר דער אונטערשייד? אבי איך ליעג ניט אין דרערד.

ס אָ פ י ע: נינא, איך פערשטיי ניט, מיט וואָס ביזט דו אונ־צופריעדען? דיר פעהלט דען דאָ עטוואָס?

נ י נ א: ניין! מיר פעהלט גאָר נישט.

ס אָ פ י ע: וואָס זשע געהסט דו אום דאָ וויא אין עולם התוהו? איך האָב געמיינט דאָ וועסט עקזערצירען יעדען טאָג 5—6 שעה...

נ י נ א: פינף, זעקס שעה באַראבאַנען אין א פרעמד הויז! וואָס רעדסט דו דאָס, מאַמאַ?

ס אָ פ י ע: אין א פרעמד הויז גאָר? דו ביזט אין דעם הויז פון דיין מוטער'ס מאַן!

נ י נ א: וואָס איז מיר מיין מוטער'ס מאַן?

ס אָ פ י ע: דיין מוטער'ס מאַן איז דיין צווייטער פאָטער.

נ י נ א: נו, יא, עס רעדט זיך נאָר אזוי... עס קען ניט זיין קיין צווייטע מוטער און עס קען ניט זיין קיין צווייטער פאָטער, עס קען נאָר זיין א צווייטער מאַן...

ס אָ פ י ע: (זיפצט) פערגינסט ניט דער מאַמאַ דאָס גליק? וועסט ווערען עלטער, וועסט דו פערשטיין.

נ י נ א: האָסט זיך אויסגעפּוצט, גרויסארטיג!

ס אָ פ י ע: עס איז ניט פיר מיין פערגניגען וועגען, מעגסט

מיר גלויבען. מיר פרויען לעבען נאָר צוליעב אן אנדערנס פערגני־
נען ווענען. מיר מוזען טהון, וואָס דעם מאַן געפעהלט...

נ י נ א: (פערצווייפעלט) אָי! איך האָב ניט קיין היים!
איך האָב ניט קיין היים!

ס אָ פ י ע: איך פיהל זיך אפשר אויך ניט אין גאנצען וויא
אין דער היים... נו, וואָס קען מען טהון? איך האָב דען איין אנדער
ברירה? נינא, א פרוי איז קיין מאָל ניט אין איהר היים, זיא איז
אין איהר מאַנ'ס היים... אויב זיי קענען אונז פערטראָגען, געבען
זיי אונז פלאַץ אין זייער היים, אויב ניט, נעמען זיי צו בא אונז
דיא היים...

נ י נ א: בעסער שטארבען, איידער צו לעבען אזוי...

ס אָ פ י ע: אזוי לעבען מיר אללע, כמעט אללע. מיר קענען
אליין ניט זאָרגען פיר זיך, מוזען מיר זיין אונטערטהעניג צו אונ־
זערע פערזאָרגער... אייניגע האָבען חאָטש א גליק און דיא פער־
זאָרגער זיינען זיי אם וועניגסטען ניט אנטיפאטיש... דאָס
גרעסטע צאָהל אָבער, אללע כמעט דארפען לעבען, ליעבען און מאַ־
כען זיך חנ'עוודיג צו זייערע פערזאָרגער, וועלכע זיינען זיי אונער־
טרעגליך עקעלהאפטיג!... אזוי וואָכען, מאָנאטען, יאָהרען, א גאנץ
לעבען...

נ י נ א: מאמא, שוויינ בעסער!...

ס אָ פ י ע: איך האָב דאָך ניט געקענט צולאָזען מיין טאָכ־
טער זאָל זיין, חלילה, א נעהטערין, א שניידערין — דאָס וואָלט
געווען א גרויסע שאנדע און א גרויסער אומכבוד פאר מיר. אָי,
דו זאָלסט אָבער ווערען א גרויסע און בעריהמטע פיאניסטין, וואָלט
עס געווען אַן עהרע און א פרייד פאר דער מאמען.

נ י נ א: נו, יא, איך לעב דאָך נאָר דערויף דו זאָלסט האָבען
פון מיר נחת, כבוד און פרייד!

ס אָ פ י ע: האָסט דיין טאטענ'ס שגעון, זאָל ער מיר מוחל
זיין. ניט איין מאָל האָב איך פון איהם געוויינט און בּיטער גע־
קלאָגט און ניט איין מאָל וועל איך קלאָגען און וויינען פון דיר....
דער טאטע מיט דיא ביינער!...

נ י נ א: נו, יא, ווען דער פאפא האט געלעבט, האסט דו גע־ליעבט דעם פאפא, יעצט לעבט דער העדר אשכנזי, האסט דו ליעב דעם הערר אשכנזי. און ווען דער אלטער הערר אשכנזי וועט שטארבען, וועסט דו...

ס א פ י ע: געווג! (ווישט דיא טרערען) נאך וואס דען גיט אונז גאטט קינדער, אויב ניט דערויף זיי זאלען אונז פערביטע־רען דיא יאהרען און פערגיפטען דאס לעבען? א פאטער נעמט זיך ניט צום הארצען און א מאמע ליעגט אין דרערד. (אב וויינענדיג.)

נ י נ א: איך זאל ניט מורא האבען פאר'ן טויט, וואלט איך בעסער געוואלט שטארבען... דער טויט אבער מוז זיין עקעלהאפט, שרעקליך, מיאוס. (לעגט דעם קאפ אויף דער פיאנא. טאליע קומט מיט ביכער.)

ט א ל י ע: (בעטראכט זיא מיט מיטלייד) עס איז א רחמנות אויף איהר. זיא פיהלט זיך אזוי עלענד דא. (לויט) פריילין נינא, מעג איך פרעגען, וואס וויינט איהר אזוי אפט?

נ י נ א: איך האב ניט קיין אנדער פערגניגען.

ט א ל י ע: אייך איז ניט גוט דא ביי אונז?

נ י נ א: ניין, מיר איז דא זעהר גוט.

ט א ל י ע: פאר וואס זשע וויינט איהר?

נ י נ א: איך וויין ניט מיט שטיף טרערען... דיא טרערען זיינען מיינע אייגענע...

ט א ל י ע: עס זאל מיך ניט פערדריסען, וואלט איך אויף אייך בייז געווארען.

נ י נ א: ווער בעט אייך, עס זאל אייך פערדריסען?

ט א ל י ע: איך פרעג נאר, אפשר האט אייך אימיצער דא ניט גוט בעהאנדעלט... איך וויים, אידרא קען זיך אזא זאך ער־לויבען... איהר זאגט נאר מיר!

נ י נ א: איך האב ניט וואס צו זאגען!

ט א ל י א: ענטשולדיגט, איך האב אייך ניט געמיינט צו ערגערן. (זוכט) איך האב צוגעזאגט אונזערע ארבייטער פון דאמפף־מיהל צו ברענגען נאך פערבאטענע ביכלאך. (נעמט פון א

שופלאַד ביכלאַך) איך האָב געדאַרפט אויף איהר בייז ווערען דער־פאַר, נאָר איך קען ניט. אידאַ זאָל מיר אזוי ענטפערן, וואָלט איך איהר געוואָרפען א טינטער אין קאָפּ... פאר וואָס איז דאָס? אידאַ איז דאָך אַן אייגענע און זיא איז א ניט מעהר וויא א פרעמדע. אפנים דיא נאַטור קוקט ניט, וואָס אייגענע, וואָס ניט אייגענע, זיא וויל ניט, א מענש זאָל בלייבען גלייכגילטיג צו א מענש. (אב.)

נ י נ א: (קוקט איהם נאָך) איך בין אזוי שלעכט צו יעדען און איך ווייס ניט פאר וואָס. ער זאָל מיר זיין אַן אמת'ער ברו־דער וואָלט איך איהם געמעגט ליעב האָבען. ער איז מיר אָבער א שטיפּברודער, א פרעמדער! און איך האָב קיינעם ניט! איך האָב קיינעם ניט! (לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער פּיאַנאָ. בערטהאַ קומט, שעהן און נעט געקליידעט. צוויי געמאַכטע בלומען אין איהר־קאָפּ. מיליע קומט מיט איהר, אויסגעפּוצט און אויך מיט איין בלום אין קאָפּ.)

ב ע ר ט ה א: (איז לוסטיג) יא, יא! דו קליינער גנב! חאַ! חאַ! ער וועט היינט קומען, וועל איך איהם אללעס דער־ציילען...

מ י ל י ע: דו מיינסט, איך האָב מורא פאר בערנאַרד'ן?

ב ע ר ט ה אַ: (בעמערקט נינאַ'ן) שש! דו, מויד, זעץ דיך דאָרט אין א ווינקעלע און שפּיעל זיך אין דער שטיל, און איך וועל אַ ביסעל אַרבייטען. (מיליע בויט פון ביכער אַ שטוב. בערטהאַ אַר־בייט באַ איהר טיש. פּויזע. נינאַ וויינט.) נינאַ, וואָס איז אייך? (קיין ענטפער) קומט אַהער צו מיר, איהר קליינע וועלפּין, און דער־ציילט מיר, וואָס איז אייך? (קיין ענטפער) איהר ווילט ניט געהן צו מיר? ניין? וועל איך געהן צו'ן אייך. (געהט צו איהר) איהר וויינט גאָר? פוי! איהר ווילט אייך איבערפיהרען אזאַ שעהנע פּאָר אויגען? (גלעט זיא איבער'ן קאָפּ. נינאַ וויל ניט ליידען) איהר ווילט אייך מאַכען פאר א שלעכטע, איך ווייס אָבער, אז קיין שלעכטע זייט איהר ניט.

נ י נ א: איך בין יא א שלעכטע. געגען מיין ווילען בין איך שלעכט...

ב ע ר ט ה א: זאָגט מיר, וואָס איז אייך, קינד. (זעצט זיך לעבען איהר) איהר ווייסט דאָך, א מאָל ווען מען רעדט אויס דאָס הארץ אפילו צו א פלאָקען, ווערט אויך גרינגער. וואָס איז אייך, נינאַ?

נ י נ א: איך ווייס אליין ניט, וואָס איז מיט מיר. א מאָל האָב איך ליעב געהאַט דיא מאַמאַ, איצט קען איך זיא ניט ליעבען און ניט אַכטען. און ווען איך זעה זיא מיט אייער פאַפאַ, פיהל איך אַזוי מיאוס. (טרערען) איך האָב קיינעם ניט!

ב ע ר ט ה א: איך פערשטעה אייערע געפיהלע. אָבער בע־רעכענט, וואָס האָט אייער מוטער געקענט טהון? א שוואַכע מי־טעל־לאָזע פרוי. איך גלויב ניט, זיא זאָל זיין שטארק פערליעבט אין מיין פאַפאַ, אָדער זיא זאָל זיך פיהלען גליקלאך מיט א מאַן פון עטליכע און זעכציג יאָהר. ניין, צו'ן איהר קען מען גאָר ניט האַ־בען. ניט זיא, איהר... איהר פערדיענט געטאַדעלט צו ווערען!

נ י נ א: (הויבט אויף דעם קאָפּ) איך גאָר?

ב ע ר ט ה א: יא, איהר! איהר זייט איין קלוגעס מערכען און דיא לאַגע פון אייער מוטער האָט אייך געדאַרפט לערנען צו דענקען פון זיך אליין. איהר האָט א מוזיקאַלישען טאַלענט, וואַ־רום אַרבייט איהר ניט און פאַרבערייטעט אייך ניט צו זיין א זעלבסט־שטענדיגער מענש אין'ם לעבען? מיין שוועסטער אידאַ איז רייך, אָבער אויך זיא וועט בערייהען וואָס זיא האָט אויפגעהערט צו לער־נען אין גימנאַזיע און וויל זיין א פרוי בעפאָר זיא איז געוואָרען א מענש. מע דאַרף לערנען, נינאַ, אום צו קענען זאָרגען פיר זיך. ערלויבט מיר, איך וועל אייך העלפען. איך ווייס, יונגע חברה זיי־נען מאַנכעס מאָל א ביסעלע פויל. איך וועל אייך ניט לאָזען צו פערגעסען אייער פליכט און אייער ציעל אין לעבען

נ י נ א: איהר?

ב ע ר ט ה א: יא, איך! איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט אייך רעדען, נאָר איך האָב געזעהען, איהר בלאָזט אייך אויף מיר. קינד, וואָס בין איך שולדיג, וואָס מיין פאַפאַ האָט גענומען אייער מאַמאַ? חע! חע! הערט, נינאַ, בא מיר איז היינט א גליקליכער

טאָג. עס קען זיין, היינט איז דער גליקליכסטער טאָג אין מיין לעבען. איהר וועט שפּעטער, היינט נאָך ערפאהרען, וואָס איך מיין...

מ י ל י ע : נאָר איך ווייס, איך בין דער איינציגער מענש, וואָס ווייס!...

ב ע ר ט ה א : איהר זעהט, זיא איז דער מענש וואָס ווייסט... יא, היינט איז בא מיר א גליקליכער טאָג און איך וואָלט אזוי געוואָלט אללע זאָלען זיין גליקלאך (נעמט פון איהרע האָר איין בליום) איך האָב זיך ערלויבט היינט א ביסעל נארריש מאכען און האָב זיך אליין געמאכט דיזע בליומען. איאָ, ניט שלעכט? איין בליום האָב איך געגעבען מיין בעסטער פריינד אין דער וועלט, וועל־כער איז ד ע ר מ ע נ ש ו ו אָ ס ו ו י י ס ט. איינע, נינא, גיב איך איך, זאָלען מיר זיין פריינדע. (פלעכט איהר אַריין דיא בליום אין איהרע האָר) קינד, א פריינד זאָגאָר מיט אַ הויקער איז בעסער וויא גאָר ניט און אז איהר וועט האָבען א בעסערען פריינד, וועט איהר מיך אוועקוואַרפען. (בייגט זיך צו צו׳ן איהר, שטיל) נינא, איך וויל דיר זיין א שוועסטער... (נינאַ פאַלט צו צו׳ן איהר ברוסט מיט אַ געוויין. בערטהא גלעט זיא איבער׳ן קאָפּ. פויזע. מע הערט אשכנזי׳ס שטיממע.) שש! נינא, דער פּאפּא קומט. מיליטשקע, נעם נינא׳ן צו מיר אין צימער.

מ י ל י ע : קום, נינא, אז בערטהא האָט דיך ליעב, האָב איך דיך אויך ליעב.

(ביי נינא׳ן רייסט זיך ארויס א היסטערישער געוויין. זיא אומאַרמט און דריקט מיליען צו זיך.) (אשכנזי׳ס שטימע.)

ב ע ר ט ה א : פאָרט פון דאנען, גנבים!... מיליע, מעגסט נינא׳ן אללעס דערציילען, זאָל זיא אויך זיין א מענש וואָס ווייסט... (זיא שטויסט זיי ביידע מיט צערטליכקייט אַרויס. הוסט.) מע וועט דאַרפען דעם פּאפּא דיפּלאָמאטיש רעפּאָרטירען. זעהר שטארק וועט ער זיך ניט ברעקלען, דאָך ניט מעהר וויא א הארבאטע טאָכ־טער. (אשכנזי אַריין.)

א ש כ נ ז י : בערנארד איז נאָך ניטאָ? נו, יא, ער האָט

צייט. אזוי פיעל רעכענונגען, מיט געשעפטען, מיט קאָנטראַק־טען, צום שווארצען יאָהר! און קיין מילנער האָבען מיר דערוויילע אויך ניט. וואָס זשע, איך דארף זיך ברעכען דעם קאָפּ מיט אלעמען?

ב ע ר ט ה א: פּאפּא, בערנארד וועט געוויס באלד קומען. פערגעס ניט, ער איז ערשט נעכטען געקומען פון דער רייזע, רוהט ער זיך א ביסעל אויס. דאָך דריי חדשים געוועזען אין וועג.

א ש כ נ ז י: נו, יא, אנדערש ביי זיין טאטען ניט געוואינט געוואָרען! שליאָמע הוץ׳ס זוהן מאכט א רייזע קיין אויסלאנד. וויא זיי קריכען ארויין גיך אין דיא פעדערן, דיא הוץ־אריסטאָקראטען!

ב ע ר ט ה א: שליאמע הוץ׳ס זוהן האָט זיך אליין מיט זיין מיהע און שווערע ארבייט געשאפען א מעגליכקייט צו רייזען. ער האָט געגוג געליטען, ער מעג זיך אָברוהען. און אויסער דעם, פּאפּא, דו ווייסט דאָך, עס איז ניט געוועזען נאָר א לוסט רייזע, — ער איז געפאָהרען לערנען דעם געשעפט פון דאמפף־מיהלען. און דערצו נאָך האָט ער געבראכט א מילנער עפּיס איין אנטיקעל, וויא מע זאָגט... נו, היינט וואָס ווילסט דו פון איהם?

א ש כ נ ז י: דערוויילע דארף מיין טאָכטער, אשכנזי׳ס טאָכטער, טהון זיין ארבייט!

ב ע ר ט ה א: פּאפּא, דאָס איז ניט געפעהרליך... ארבייט שפּיעלט ביי מיר קיין ראָללע ניט.

א ש כ נ ז י: מיר מעגען זיין גוט צו איהם, ער אָבער דארף ניט פערגעסען, אז ער איז ניט מעהר וויא שליאמע הוץ׳ס זוהן.

ב ע ר ט ה א: שליאמע הוץ׳ס זוהן האָט אָנגעפאנגען ביי אשכנזי׳ן אלס א יונגעל א הערומלויפער און איצט איז ער אשכנזי׳ס קאָמפּאניאָן.

א ש כ נ ז י: יא, צום געשעפט איז ער פעהיג, דער רוח נעמט איהם ניט.

ב ע ר ט ה א: און ער איז איין עהרליכער מענש, דאָס קענסט דו דאָך ניט לייקענען, פּאפּא!

א ש כ נ ז י: זאָל ער פּרובען גנב׳ען ביי אזא מענש וויא

איך! איין קוק — זעה איך אללעס... און דערצו העלפט מיר א ביסעל אזא רעוויזאָר א טייוועל, וויא דו.

בערטהא: און ער האָט א גוטען האראַקטער.

אשכנזי: וואָס דארף איך זיין גוטען האראַקטער? אויף כפּרות?

בערטהא: (לאַכט) דו, פּאפּא, דארפסט אפשר זיין גוטען האראַקטער אויף כפּרות, אָבער מיר וועט עס צונוץ קומען.

אשכנזי: וואָס פאר א געשעפטען קענסט דו מאכען מיט זיין גוטען האראַקטער? (ער בעטראַכט זיא. סאָפיע עפענט שטיל דיא טהיר און הערט זיך צו.)

סאָפיע: (גאַנץ שטיל) אפשר רעדט זיא דאָ אָן דעם פאָטער געגען אונז? אי, א לעבען! מע דארף ציטערן פיר יעדע שיין. צוויי איבריגע מענשען אין שטוב...

אשכנזי: בערטהא, ביזט מיר עפּיס היינט אזוי לוסטיג און אויפגעלעגט.

בערטהא: יא, פּאפּא, איך פיהל זיך היינט גליקלאך... איך פּראָיעקטיר א גרויס געשעפט...

אשכנזי: אזוי? זאָג נאָר מיר, וואָס פאר א געשעפט פּראָיעקטירסט דו דאָס?

בערטהא: גאַנץ איינפאך, פּאפּא, איך פּראָיעקטיר חתונה האָבען מיט בערנארד'ן.

אשכנזי: (אויסער זיך) וואָס?! -

בערטהא: איך מיין עס ערנסט, עס קען זיין, בא אונז וועט זיין שידוך מיט בערנארד'ן...

אשכנזי: דו? פע! און איך האָב געמיינט, ביזט שוין צו פיעל אריבערגעוואקסען און צופיעל קלוג געוואָרען, דו זאָלסט דענקען פון אזעלכע נאררישקייטען.

בערטהא: מעהר אריבערגעוואקסענע און קליגערע פון מיר דענקען אויך א מאָל פון אזעלכע נאררישקייטען... פּאפּא, איך וויל אויך האָטש א ביסעלע לעבען...

א ש כ נ ז י: נו, יא, נאטירליך... אָבער דו ביזט דאָך ניט בלינד... דו זעהסט זיך.

ב ע ר ט ה א: איך בין ניט בלינד און דיא הויפט־אורזאכע ער איז ניט בלינד...

א ש כ נ ז י: וואָס־זשע, עס איז שוין ביי אייך איין אָבגע־מאכטע זאך?

ב ע ר ט ה א: יא, שוין לאנג. מיר האָבען בעשלאָסען צו שווייגען ביז ער וועט קומען פון אויסלאנד... איך האָב דיך פאָרבע־רייטעט, ווייל איך מיין, ער וועט היינט מיט דיר רעדען דערפון...

א ש כ נ ז י: א גוטע, א גוטע, פון דעסטוועגען איז בא דיר ניט שווער אוועקוואַרפען אַלע געשעפען, דאָס הויז, דיא קינדער, דעם פאפא.

ב ע ר ט ה א: פאפא, איך פערלאָז קיינעם ניט און וואַרף קיין זאך ניט אוועק...

א ש כ נ ז י: הייסט עס, שליאָמע הוץ וועט זיין מיין מחותן, דערלעבט זיך א כבוד!...

ב ע ר ט ה א: (לוסטיג) עס איז טאַקי א ביטערע עבירה צו געבען שליאָמע הוץ'ן אזא מחותן וויא אשכנזי, אָבער דערפאַר קריעגט ער א האָרבאטע שנור... פאפא, ער פערליערט מעהר, וויא ער געווינט. חא! חא! שליאָמע הוץ קען אויך רעכנען... ער איז א פאָטער און יעדער פאָטער רעכנענט מעהר וויא ער ליעבט. א מוטער ליעבט מעהר וויא זיא רעכנענט. (ערנסט) אָה, ווען איך וואָלט יעצט געהאט א מוטער! אין דיזער מינוט וואָלט זיא געוועזען גע־ריהרט פון ליעבע, גליקלאך פון פרייד. זיא וואָלט מיך געבענטשט מיט ציטטערנדע ליפען און געוואונשען גליק מיט איהר פוללען הארץ... און מיר וואָלטען ביידע געוויינט מיט גוטע, הייליגע טרע־רען... א פאפא אָבער... א פאפא האָט ניט איצט פאר מיר אפילו איין גוט וואָרט. (פריילאך.) ע! עס מאכט ניט אויס. מע דאַרף לויפען אין קיך אריין. (סאָפיע פערשווינדעט) היינט וועלען דאָ געווים עטליכע פרעמדע מענשען מיטאָג עסען. (געהט) פאפא, מיט א זעקס מאָנאט צוריק האָסט דו מיך א ביסעל איבערראשט,

היינט האָב איך דיך אַ ביסעל איבערראשט. איצט זיינען מ׳ר קווית. (אב.)

אשכנזי: דער שניידער יונג של׳אָמע הוץ מיין מחותן! איך וואָלט בעסער שטארבען... אָבער דאָ אין דעם פאלל, דיא וועלט וועט דאָך פערשטיין, אַ טאָכטער אַ קאַליקע, אַ קריפּעל.. הם! וויא עס האָט זיך איהר געמאַכט דיא ערשטע געלעגענהייט, האָט זיא זיך אָנגעכאַפּט מיט דיא הענד... אי! איז דאָס אַ װעלטיל! דאכט זיך אַזאַ וויא זיא... און דאָך... ע! יעדער לעבט נאָר פאר זיך! (בלייבט זיצען פערזאָרגט. סאָפיע קומט, מאַכט זיך פריינדליך.)

סאָפיע: זעה נור וויא דו זיצסט... דיר איז דאָך אונבע־קוועם אזוי. (געהט צו דער סאָפע נאָך אַ קישעלע, שטיל) אָי, מאַנ־כעם מאָל איז מיר אזוי שווער צו מאַכען אַ פריינדליך געזיכט. (לעגט איהם דאָס קישעלע אונטערן רוקען) זעהסט היינט זעהר גוט אויס, אַזוי מונטער און דיא אויגען קלאָהר.

אשכנזי: טאַקי? סאָפיע, איך בין געגאַנגען צו פוס צו דער מיהל און צוריק.

סאָפיע: דו זאָלסט מיך פאָלגען, וואָלסט דו יעדען טאָג געמאַכט מאַציאָן. דו ווייסט וואָס? פון מאָרגען אָן וועל איך אליין מיט דיר יעדען טאָג שפּאַצירען. (שטיל) וועל איך אפשר דאָך ניט פיהלען, אז איך עסס מיין ברויט אומזיסט...

אשכנזי: איך קוק אויף דיר און טראַכט, וואָס פאר אַ נאַרר איך בין געווען, צוליעב דיא קינדער צעהן יאָהר געזעסען אָן אלמן... אלעם צוליעב דיא קינדער!

סאָפיע: יאָ, אָבער מיט צעהן יאָהר צוריק בין איך נאָך קיין אלמנה ניט געווען.

אשכנזי: אָט דאָס איז דאָך! אללעם פּאססירט ניט רען, ווען מען דאַרף. הם! סאָפיע, דו האָסט שוין לאַנג עפּעס ביי מיר ניט געבעטען קיין געלד. ווילסט דאָך ניט מע זאָל זאָגען, אשכנזי׳ס יונגע פרוי האָט ניט קיין פּאָאָר רובעל, ווען זיא דאַרף. (גיט איהר אַ קרעדיטנעם בילעט) זיי אזוי גוט, דאָרט בא בערטהא׳ן.

אויפ'ן טיש שטעהען שוועבעלאך. (נעמט ארויס א סיגאַר פון א גרויסען פאַרט סיגאַר).

ס אַ פ י ע: שוועבעלאך? באלד. (געהט ראַש צום טיש, שטיל) א פינף און צוואַנציגער! איך גיב ניט אויס א גראָשען פון'ם געלד וואָס ער גיט מיר! אָי! ביסלאך ווייז וועל איך אָנזאמלען נדן פיר מיין נינא'ן. (בעהאַלט דאָס געלד, רייבט אויס א שוועבעלע און גיט איהם פעררויכערן.) איך האָב פריער געוואָלט אריינגעהן, האָב איך געהערט, דו רעדסט מיט בערטהא'ן...

א ש כ נ ז י: נו, וואָס מיינסט דו איז בערטהא? אזא ענגאַ־איסט וויא אללע קינדער.

ס אַ פ י ע: שאדע, אונזער פּלאַן אפנים וועגען בערנארד'ן מיט מיין נינא איז געוואָרען צו נישט... איך זאָל זיין בערטהא און דערצו נאָך אשכנזי'ס טאָכטער, וואָלט איך עס ניט געטהון. וואָס וואָלט מיך געקענט נויטען?...

א ש כ נ ז י: דו האלסט זעהר שטארק פון אשכנזי און זיא ניט...

ס אַ פ י ע: אי! האָבען א פאָטער אשכנזי, וואָס דארף מען נאָך? און אויסער דעם, אפילו שעהנע און געזונדע פרויען ווערען באלד נמאס, היינט אזא וויא זיא. הפנים זיא ווייסט ניט, פאר וואָס דיא מעננער ליעבען אונז... (שטיל) מיר דאכט זיך, ער איז געוואָרען בייז... (לויט און קאָקעטיש) ניט אַללע זיינען דאך אזעל־כע גוטע וויא דו. (שטיל) אָי! וואָס זאָל מען טהון? מע מוז זיך מאַכען א זים פנים. (זיפצט.)

א ש כ נ ז י: (שטרעקט אויס דיא האַנד צו'ן איהר) סאָפיע! (א געררויש.)

ס אַ פ י ע: ניין! ניין! אימיצער קומט. (שליאָמע און שרה הינדע קומען,ביידע אין שבת'דיגע קליידער.)

ב י י ד ע: גאָטט העלף! גאָטט העלף אייך! (שליאמע נעמט אראָפּ זיין היטעל.)

ס אַ פ י ע: זיצט, זיצט! נעמט א שטול, העררר הויז. (אַלע זעצען זיך.)

ש ל י אָ מ ע: הוץ האָט מען מיך גערופען ווען איך בין געוועזן א זשענסקער... נאָר גאָר ניט, זאָל זיין הוץ, מסתמא דארף דאָך אזוי זיין. און דאָס וואָס דארף זיין, קענען מיר ניט מאַכען עס זאָל ניט זיין.

ס אָ פ י ע: (אין א פערלעגענהייט) ענטשולדיגט, איך האָב שטענדיג דיא קינדער... ע!

א ש כ נ ז י: נו, וואָס איז דאָרטען? שליאמע הוץ, דו דער־ צייל בעסער, וויא געהט עס דיר?

ש ל י א מ ע: מושיו אשכנזי, אללעס געהט וויא עס קומט פון אויבען. א מענש קען ניט א קראַץ טון דיא פּאה, אָדער א פּייף טהון מיט'ן נאָז, אויב עס איז ניט פון דאָרטען...

א ש כ נ ז י: הוץ מיט זיין פילאָזאָפיע! קום אהער, זעץ דיך דאָ לעבען מיר. (שליאמע זעצט זיך לעבען איהם. זיי ריידען שטיל.)

ס אָ פ י ע: (צו שרה הינדע'ן) און איהר האָט געסט, האַ?

ש ר ה ה י נ ד ע: יא, אונזער בערנאַרד איז געקומען און האָט מיט זיך געבראַכט זיין פריינד, האָט ער מיר אָנגעקויפט פּרע־ זענטען אין „קינצפּרעג", אז טאַקי געזונד זאָל ער זיין!

א ש כ נ ז י: ניט „קינצפּרעג"— קעניגסבערג.

ש ר ה ה י נ ד ע: יא, זיי זיינען איצט געגאַנגען בעקוקען דיא מיהל און אונז האָט בערנאַרד געשיקט אהער.

א ש כ נ ז י: איך וויים שוין נאָך וואָס ער דאַרף אייך. הוץ, דערלאַנגט מיר א שוועבעלע דאָרט! (הוץ געהט נאָך שוועבעלאַך.) עס וועט זיך אָנהויבען הוצלען בא אונז, האַ?

ש ר ה ה י נ ד ע: זאָל זיך הוצלען אין א גוטע, מזל'דיגע שעה!

ש ל י א מ ע: (גיט אשכנזי'ן פּעררויכערן) אויב עס הור־ צעלט זיך, איז דאָס נאָר פון אויבען. (זעצט זיך) אי, דער אינ־ זשענער וואָס איז געקומען מיט בערנאַרד'ן, האָט אויף זיך א ממזורישען קאָפּ! פּס! האָט א סך געלערנט אין דיא דאָזיגע זאַ־ כען פון השגחה מיט קבלה.

א ש כ נ ז י: יא, ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד השגחה מיט קבלה! חע! חע!

ש ל י א מ ע: ער איז דאָך אַן אונזעריגער — לואיס קאָר־שונסקי. זיין טאַטע איז בא מיר געווען א פועל, געווען א פאָר־טאַטש און א שכור, זאָל ער מיר מוחל זיין. איהר דאַרפט איהם גע־דענקען, מע האָט איהם גערופען פייוועל חניאָק...

א ש כ נ ז י: (איראָניש) הויז, דאַרפסט אויף מיר קיין פער־איבעל האָבען, איך האָב חניאָקען ניט געקענט...

ש ל י אָ מ ע: און דוקא ביי חניאָקען אזא זוהן! א קבצן געווען א׳ן אייזערנער. בכן באשר איז וואָס? איז דער יונגעל טאַקי געשוואָלען געוואָרען פון הונגער, האָט זיך געוואַלגערט אויף שמאַטעס און האָט דאָך געענדיגט דיא רעאַלנע שולע מיט א גאָלדענע מעדאַל. אז מע זאָגט אויבען „יא“, קען מען אונטען ניט מאַכען „ניין“.

א ש כ נ ז י: נו, יא, דוקא ביי דיא חניאָקעס זיינען גע־ראָטענע קינדער.

ש ל י אָ מ ע: מיינער איז פיעל עלטער און דאָך זיינען זיי שטענדיג געווען פריינדע, פינגער בעפינגער...

ש ר ה   ה י נ ד ע: איך געדענק, בערנאַרד איז שוין קיין עין הרע געווען א בויז און ער איז געווען וויא א שרייטעלע קליין, און איז דאָך געווען בערנאַרדס רבי.

ש ל י אָ מ ע: יא, שרייבען, לייענען און האַנדשריפט, יעדעס פיצעלע! און אז ער איז געפאָהרען שטודירען אין דייטשלאַנד... וויא אזוי רופט זיך דיא שטאָדט? ע... עפּיס אזוי וויא דער יודישער דאַווענען — יא, מנחה! געפאָהרען שטודירען קיין מנחה...

א ש כ נ ז י: ר׳ חיים, דו מיינסט ניט מנחה, נאָר מינכען, מסתמא.

ש ל י אָ מ ע: א דייטש פערגינט זיך, מנחה! זיי האָבען מסתמא א שטאָדט מעריב אויך, א קשיא אויף א דייטש? האָט איהם מיין בערנאַרד יעדען חודש געשיקט 25 קערבאַטשעס, מזומן! כסף וזהב! און וויא ער האָט געקראָגען דיא... דיא דילפּאָ... דיא... וויא רופט זיך דאָס פּאַפּיער...

אשכנזי: דיא דיפּלאָמע מסתמא?

שליאָמע: האָט ער באַלד געקראָגען א שטעלע אין דייטש־לאַנד גופא. איהר הערט? אין דייטשלאַנד! דאָס איז א קליי־ניקייט בא אייך? הערסט א מענש, בא איהם איז דאָס א קלייני־קייט!

אשכנזי: ווער זאָגט דיר דען, עס איז א קליינקייט?

שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס? דו הערסט, וויא עס דריידעלט זיך? זיין טאטע איז געווען בא מיר א פּועל און מיין זוהן איז ביי אשכנזי'ן דער הויפּטמאכער. יא! עס איז דאָ אויבען א פינגער וואָס פינגערט.

אשכנזי: געוויס, עס זאָל ניט זיין קיין פינגער, וואָלט ניט געוועזן קיין שניידערייי. הייסט עס, דיין בערנארד האָט אהער געבראכט זיין פריינד, וויא רופט מען איהם, דעם חניאָק, ער זאָל איהם אָבארבייטען זיין חוב?

שליאָמע: חוב? ער האָט לאַנג בעצאָהלט ביז א פּרוטה. ער האָט נאָך געוואָלט צאָהלען פּראָצענט אויך. א מערקווירדיגע נפשה! מיין כלל, זאָגט ער: איך דארף דיר, זאָגט ער, ניט זיין שולדיג און דו דארפסט מיר, זאָגט ער, ניט זיין שולדיג. דו לעב, זאָגט ער, פון דיינעטוועגען און איך, זאָגט ער, וועל לעבען נאָר פון מיינעטוועגען. איהר זאָלט הערען, אז ער עפענט א פּיסק פון פילאָזאָפיע מיט סאָמאָגראַפיע....

אשכנזי: סאַמאָגראַפיע? סאָפיע, דו האָסט געהערט אזא וויסענשאַפט. ניין? טאָ קום, גיב אונז צו גלעזער ווייז... דעם שטאַרקען סאַנטורין...

שליאָמע: שאַרע. ער גלויבט ניט אין השגחה... אויבען, זאָגט ער, צייכענט מען ניט, מע צייכענט נאָר אונטען...

סאָפיע: (צו אשכנזי'ן) אייך איז זעהר שעדליך צו טרינקען ווייז. (שטיל) אָי, אז ער טרינקט ווייז, געהט עס אוים צו מיין קאָפּ.

אשכנזי: איך מיט הוע'ן מוזען היינט נעהמען צו ביסלאַך. וויא זאָגט מען: קנייפּ זיך אין באַק, דיא פאַרב זאָל שטעהן.

ס אָ פ י ע: (זיפצט שטיל) נו, וואָס קען מען טהון? מע מוז דולדען, דערויף האָט מען חתונה. (אב)

א ש כ נ ז י: הויז, וועסט טרינקען וויין, וואָס איז בעסער פון סאמאָגראפּיע און שטארקער פון השגחה, קום! (זיי געהען.)

ש ל י אָ מ ע: מושיו אשכנזי, איהר לאכט ניט פון השגחה! אין דער צייט ווען איהר לאכט מיט א גלאטען לונג און לעבער קען זיין קוקט אויף אייך דער אונבעקאנטער...

א ש כ נ ז י: ווער איז ער, דער אונבעקאנטער דיינער, אויף עפּיס א שניידער? חאַ! חאַ! חאַ!

ש ל י אָ מ ע: יא, א שניידער וואָס מאכט „חיק", און שוין אָבגעשניטען א מענש פון דער וועלט...

ש ר ה ה י נ ד ע: שלמה זשענסקער, אין שניידערשען קלויז וועסט דו האלטען דיין דרשה!

ש ל י אָ מ ע: דאָס וואָס אונז איז אונבעקאנט, וואָס מיר ווייסען ניט, רופט דאָס השגחה. זיא קוקט אפשר איצט פון אויבען און זאָגט: דיר, שליאָמע הויז, זאָל פליהען א ציגעל פון בוידעם און זאָל דיר צופּלעטען דעם מח און אייך, ר' שמואל אשכנזי, זאָל א קלאַפּ טהון דיא אפּאָפּלעקציע... און ע...

א ש כ נ ז י: (בלייבט פּלוצלונג שטעהן, ערשראָקען) אפּאָפּלעקציע? ווארום מיינסט דו דאָס? וויא אזוי איז דיר איינגעפאלען געראדע דיא אפּאָפּלעקציע? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען דערמיט?

ש ר ה ה י נ ד ע: פרעגט איהם בחרם! א חיה מיט א צונג און עס רעדט!... בא איהם איז דאָך אלץ פון אויבען. (אשכנזי ווערט וויעדער פרעהליך.)

ש ל י אָ מ ע: בכן איז באשר איז וואָס? עס רעדט זיך נאָר צום „וויינשפּיעל"... חע! חע!

א ש כ נ ז י: גערעכט! ניט צום ביישפּיעל, נאָר צום וויינשפּיעל. (אב דורך אַן אינגערע טהיר. מע הערט זייער געלעכטער.)

ב ע ר ט ה א: (אין אַ פאַרטוך, די באַקען צופלאַמט, זעהר פרעהליך) דיא מחותנים האלטען זיך אונטער! (לויפט צום שפּיעגעל) אויף מיין וואָרט, איך בין היינט גאָר ניט אזוי מיאוס, ווי מע מיינט.

(לויפט צום טיש.) נו'ם איך אקארשט זעהען, וואס איז נויטיגער צו טהון אויף גיך? (זעצט זיך.) אי, איך מאך זיך רוהיג, אבער אין דער ווירקליכקייט? דאס הארץ שפרינגט און רייסט זיך און פערשטארבט. איך מיין, בערנארד איז אזוי רוהיג, ווייל ער פיהלט גאר ניט וויפיעל ליעבע און איבערגעבענהייט איז פאר איהם פאר־בערייטעט. איך זאל זיך ניט שעהמען, וואלט איך געלאכט און געוויינט פון פרייד. ווייל אזעלכע פרויען וויא איך שעהמען זיך פאר דעם ציניש̈ען שפאט פון אנדערע, בעהערשען מיר זיך און מיר צייגען און דריקען ניט אויס וויא שטארק און ליידענשאפטליך אונזער ליעבע איז. מיר דארפען בעהאלטען אונזערע געפיהלע! בערנארד, ניע אין דיין לעבען זאלסט דו בערייהען דאס, וואס דו פעראייניגסט דיך מיט מיר! ! איך וועל זעהען, דיין היים זאל זיין א בית המקדש, פול מיט הייליגע רוהע און צופרידענהייט. (בלייבט פערטראכט איין אויגענבליק.) געוואלד! געוואלד! איך קען היינט גאר נישט טהון! (זוכט צווישען דיא פאפיערען. אידא קומט פון איהר צימער, אויסגעפוצט. בערטהא ווענדעט זיך ניט אום און רעדט צו איהר.) אידא, דאס ביזט דו, טייערע? קום אהער צו מיר אידאטשקע. זיץ דא לעבען מיר. איך וועל ארבייטען און רעדען מיט דיר. היינט ענדליך איז געקומען דיא צייט, ווען איך דארף דיר עטוואס מיטטהיילען. (אידא געהט צו צו איהר.) אה, אידא, ווי דו האסט זיך שעהן אנגעטאן! הפנים דיין הארץ האט דיר געזאגט, אז בא דיין שוועסטער איז היינט א גרויסער יום טוב. (אידא קעהרט זיך אב און שווייגט.) וואס איז מיט דיר, אידא?

א י ד א: (זעהר טרויעריג) בערטהא, מיר טהוט זעהר וועה דאס הארץ פאר דיר...

ב ע ר ט ה א: וואס מיינסטו דערמיט?

א י ד א: אבער איך ווייס, דו ביזט א גוטע און וועסט טהון יעדע זאך צוליעב אונז. איך ווייס, ווען בערנארד האט דיר געזאגט א מאל: וועסט דאך ניט געהן צוליעב אידא'ן אפפערן דיין לעבען, האסט דו געענטפערט: איך האב קיין אנדער ציעל אין לעבען, וויא אפפערן זיך צוליעב זיי. איא, דו האסט עס געזאגט? געדענקסט,

דיא זעלבע זומער נאַכט, ווען דער פּאַפּאַ האָט געבראַכט דיא נייע מאַמאַשע?

בערטהא: פון וואַנען ווייסט דו דאָס? אידא, דו רעדסט עפּיס אזוי סעריאָזנע...

אידא: ערשטענס, ווייס איך דאָס, ווייל איך קען דיך, אז דו ביזט זעהר א גוטע. און, צווייטענס, בערנאַרד האָט עס מיר געזאָגט.

בערטהא: בערנאַרד? ער האָט מיט דיר גערעדט פון אַזעלכע זאַכען?

אידא: יא! ער ווייס ניט, אז איך אַליין האָב אַלעס געהערט, וואָס איהר האָט גערעדט. דו האָסט ניט געוואָלט און האָסט ניט געדענקט זיין כלה ווערען. ער האָט דיך איינגערערט און איינגעבעטען. אבער איאָ דיך וועט ניט הארען, אז ניין? איאָ בא דיר איז דאָס ניט קיין וויכטיגע זאַך?

בערטהא: נו, וואָס הארט עס דיך, אויב עס איז בא מיר וויכטיג אָדער ניין?

אידא: וואָס מיך הארט? ביזט א קלוגע און פערשטעהסט ניט. דו האָסט זיך אַפילו ניט אָנגעשטויסען, אז בערנאַרד איז געפאָהרען קיין אויסלאַנד איבער מיר! איך וועל דיר אַלעס דער־צעהלען: יענע נאַכט, ווען איך האָב געהערט, וויא בערנאַרד האָט מיט דיר גערעדט, האָט זיך אין מיר פּלוצלונג אָנגעצונדען א העלישער פייער, איך פערשטעה אַליין ניט וואָס דאָס איז. איך האָב געמיינט, איך וועל משוגע ווערען. פריהער האָב איך גאָר ניט געדענקט פון איהם און וויא איך האָב דערהערט, וואָס ער האָט דיר געזאָגט, האָב איך ניט געקענט ניט עסען, ניט שלאָפען, ניט געקענט לערנען מעהר... אויף דיר בין איך געוועזן בייז, איך וואָלט דיך צוריסען, איך ווייס ניט פאַר וואָס. און... ע... איך האָב גערעדט מיט איהם, געשריעבען איהם בריעף, געבעטען, געוויינט...

בערטהא: (ווידערהאָלט אויטאָמאַטיש) געשריעבען בריעף, געבעטען, געוויינט?

א י ד א: פריהער האָט ער געלאכט פון מיר, נאכדעם האָט ער זיך געבייזערט, נאָך דעם האָט ער זיך געבעטען רחמים, איך זאָל איהם ניט שטערען צו בלייבען אַן עהרליכער מאַן, נאכדעם האָט ער מיר געזאָגט, ער האָט מורא פאַר מיר, ווייל איך בין נאָך צו יונג... צולעצט איז ער אליין אויך משוגע געוואָרען. בערטהאַ, דו דארפסט פון איהם ניט דענקען מעהר — איך וועל מיט איהם חתונה האָבען.

ב ע ר ט ה א: (איראָניש—בייז) איך דאַרף ניט דענקען פון איהם, ווייל דו ווילסט חתונה האָבען? (גוטמוטהיג.) אידא, איך האָב מורא, דו פערשטעהסט אליין ניט וואָס דו רעדסט.

א י ד א: איך פערשטעה שוין זעהר גוט. מיין ניט, עס איז אַ שפּאַס... ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהון און איז אוועק קיין אויסלאַנד. אי, בערטהאַ, דו האָסט געדאַרפט זעהען, וויא אַזוי מיר האָבען זיך געזעגענט פאַר זיין אוועקפאָהרען! ער האָט מיר געקושט דיא אויגען, דיא הענד, דיא פיס, יאָ, יאָ, דיא פיס אויך, איך זאָל אַזוי געזונד זיין.

ב ע ר ט ה א: אַזוי? (נעהמט זיך שרייבען און רעכענען.) אלזאָ וויא קומט דאָ אוים דיא רעכנונג? דיא ערשטע פינף וועקסלען האָט מען דיסקאָנטירט דעם 17טען...

א י ד א: זעהסט וויא דאָס אינטערעסירט זיא? וועקסלען! דיסקאָנטירט! איך האָב געוואוסט, אַז דאָס שפּיעלט באַ דיר קיין ראָלע ניט. מיר האָבען יערע וואָך איינער דעם אנדערען געשריבען לאַנגע, לאַנגע בריעף און איצט איז באַ אונז געבליעבען, מיר זאָלען דיך בעטען, דו זאָלסט אונז ערלויבען חתונה האָבען.

ב ע ר ט ה א: איך? וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו ערלויבען, אָדער ניט צו ערלויבען? (רעכענט.) הייסט אַראָב צעהן פּראָצענט... האַ? איך האָב מורא, איך וועל היינט אַ טעות האָבען אין חשבון, עס איז איבער דיר, אידא, ווייל... ווייל דו דולסט מיר דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטען!

א י ד א: נאַרישקייטען? נו, יאָ, ביי דיר און ביי אַזעלכע וויא דו, איז דאָס ניט מעהר וויא נאַרישקייטען! און איך זאָג

דיר, אז מע וועט מיך ניט לאָזען חתונה האָבען מיט איהם, וועל איך שטאַרבען. איז ער דען ניט א גוטער מאַן פאַר מיר? (קיין ענטפער.) איך פרעג דיך, בערטהאַ, איז ער דען ניט א גוטער מאַן פאַר מיר?

בערטהאַ: יאָ, איך מיין, ער וואָלט געווען א גוטער מאַן פיר יעדע פרוי, פיר דיר געוויס... ער איז א סאָלידער מענש מיט א שטילען, עהרליכען כאַראַקטער. ביזט דו אבער א גוטע ווייב פאַר איהם?

אידאַ: פאַר וואָס ניט?

בערטהאַ: ביזט לייכטזיניג, צו יונג, ניט ענטוויקעלט, ווייסט נאָך אליין ניט וואָס דו ווילסט.

אידאַ: האָסט א טעות, איך וויים יאָ.

בערטהאַ: בא דיר איז דאָס נאָר א קאַפּריז פון א יונגעס, נאַרישעס מיידעל, אין וועלכער עס פאַנגט ערשט אָן צו ערוואַכען דיא פרוי, זעה, זאָלסט איהם שפּעטער ניט אונגליקליך מאַכען.

אידאַ: דאָס איז ניט קיין קאַפּריז בא מיר.

בערטהאַ: האָסט דו איהם ליעב, אידאַ?

אידאַ: איך האָב אזוי ליעב, ווען ער קושט מיך און דריקט מיך צו זיך! אָי, איז ער פערליעבט אין מיר! זעהסט, וואָס פאַר א פּרעזענט ער האָט מיר געבראַכט פון דייטשלאַנד? א מעדאַליאָן — א האַרץ, זיין בילד אין האַרץ. איאָ שעהן? עס איז א פער־גניגען! איך וועל האָבען א מענש, וועלכער וועט מיר שטענדיג קויפען פּרעזענטען.

בערטהאַ: דו האָסט איהם דען שוין געזעהען?

אידאַ: יאָ, נעכטען, באַלד וויא ער איז געקומען, דיך וועט ער היינט זעהען. ער האָט א ביסעל מורא פאַר דיר, דער נאַרר! ער ווייסט ניט, אז דיר ליעגט עס ניט אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. בערטהאַ, דו וועסט זיין א גוטע און וועסט זאָגען דעם פּאַפּאַ. עס מוז אזוי זיין! איאָ, בערטהאַ, דו וועסט שוין אללעם בעזאָרגען? וואו איז נינאַ? אָי, וועט זיא מיר מקנא זיין! איך וועל ווערען א כלה און זיא נאָך ניט. זיא איז עלטער פאַר מיר

מיט פיער מאַנאַטען. נינאַ! איך מוז איהר דערצעהלען. איך ווייס, עס וועט זיא קרענקען צום טויט! (לויפט אב.)

בערטהא: (רעכענט.) וויפיעל האָב איך געזאָגט? זעה, איך האָב היינט פערלאָרען דעם זכרון. דיא ערשטע פינף וועקסלען דעם 17טען... (לעגט אַנידער דעם פעדער. קוקט לאַנג אויף דער מוטער'ס בילד) מאמא, דו ווייסט, וואָס דיין אונגליקליכעס קינד פיהלט יעצט? אָי, איך זאָל האָטש האָבען צייט אויסוויינען זיך! איך האָב געליטען גענוג, אָבער דאָס? איך האָב מורא... מאמא, איז דאָס ניט צופיעל? (פאַלט פלוצלינג צום טיש מיט אַ פערצווייפעלטען געוויין. נינאַ עפענט דיא טהיר, זעהט בערטהאַ'ס געוויין, איילט צוריק. עס הערען זיך שטיממען.) האַ, זיי געהען! (בעהערשט זיך) יאַ, הייסט עס, דיא ערשטע פינף וועקסלען. (בערנאַרד קומט מיט אידאַ'ן.)

בערנאַרד: (שטיל) שטענדיג בא דער ארבייט! שטענדיג בא דער ארבייט! הייליגע, גוטע זעעלע. אידא, מוזט אונז יעצט לאָזען אליין.

אידא. איך האָב דיך מורא לאָזען אליין מיט דער הייליגער, גוטער זעעלע, וועסט זיך נאָך ווידער פערליעבען.

בערנאַרד: (ערנסט) זיי ניט קיין קינד, אידא!

אידא: איך וועל זיך בא דער טיער זאָ וויא זאָ צוהערען צו יעדען וואָרט. (ער מאַכט צו דיא טיער.)

בערנאַרד (הוסט) שטער איך אייך ניט, פריילין בערטהא? (ער איז אין א גרויסע פערלעגענהייט.)

בערטהא: פונקט מיט דיא זעלבע ווערטער האָט ער זיך צו מיר געווענדעט יענעם אבענד. אָבער מיט א גאַנץ אנדערע אבזיכט. (ער תוסט הויך. זיא שטעהט אויף גאַנץ פריינדליך.) אָה, בערנאַרד! (דריקט זיין האַנד) וואָס מאַכט איהר? וויא איז אייך געגאַנגען דיא רייזע? אָה! איהר זעהט אוים גרויסארטיג. איהר זייט אין דייטשלאַנד גאַנץ פערדייטשט געוואָרען. חאַ! חאַ! זיצט! זיצט! (גיט איהם א שטול.)

ב ע ר נ א ר ד: דאנקע. מיך פרעהט זעהר, וואס איהר זעהט אויס אזוי לוסטיג און מונטער.

ב ע ר ט ה א: וואס פעהלט מיר? איהר ווייסט דאך, איך פאדער ניט פון דער וועלט מעהר וויא מיר קומט, דערפאר בין איך שטענדיג צופריעדען. בערנארד, איהר ווייסט, מיר האבען דא גע־האט גרויסע צרות מיט'ן מילנער.

ב ע ר נ א ר ד: אה, מיר האבען יעצט איינעם פון דיא גרעסטע ספעציאליסטען, ער אינספעקטירט איצט דיא מיהל... אבער פון'ם מילנער שפעטער, איך האב געוואלט... ע...

ב ע ר ט ה א: בא אונז איז אללעס אין ארדנונג. איך האף איהר וועט בלייבען צופריעדען. נו, דערציילט, וויא האט איהר אויסגעפונען: פראדוצירען דיא דייטשען ווירקליך בעסערע מעהל?

ב ע ר נ א ר ד: בערטהא, מיר וועלען נאך צייט האבען צו רעדען פון געשעפטען. איך דארף מיט אייך יעצט רעדען פון זעהר א וויכטיגע זאך. (פויזע) מיט א קורצע צייט צוריק האט מיר מיין קאפ, מיין קאלטער פראקטישער זינן געזאגט, אז עס וואלט געווען א גליק פאר מיר צו האבען אזא פרוי וויא איהר זייט. נאכ־דעם... נאכדעם איז געקומען מיין הארץ און מיינע געפיהלע און הא־בען מיר אנגעהויבען דיקטירען עטוואס אנדערש. אי! איך פיהל מיך זעהר שולדיג געגען אייך!

ב ע ר ט ה א: וואס מיינט איהר? אה, וועגען דעם וואס מיר האבען א מאל גערעדט? אונזינן! מיר וועלען עס מאכען גאנץ קורץ. איהר ווייסט דאך, וואס פיר א בעדייטונג בא מיר האבען דיא אללע סענטימענטאלע געשיכטען מיט דיא ראמאנען! איך האב אייך דאמאלס געזאגט און איך ווידערהאל איצט: איך האב קיין נייגונג צו פאמיליען לעבען. וואו איז דאס געזאגט געווארען, אז יעדע פרוי מוז דוקא חתונה האבען? גאר נישט, איהר האט מיך דאמאלס געבעטען, איך זאל אייך א טובה טהון און זאגען יא, האב איך געזאגט יא. איך האב געוואוסט, איהר וועט אייך א ביסעל דורכלופטערן, וועט איהר קלוגער ווערען. עי! יא, איך זאל ניט פער־

געסען, דער ערעסער בעקער פיליפּאָוו האָט מיר אונטערגעשריעבען א קאָנטראַקט... נו׳ם איך אקערשט זעהען, וואו איז דער קאָנטראַקט. (זעצט זיך געשווינד אויף דרערד און שלעפּט ארוים דעם אונטערסטען שופלאָד. בא איהר רייסט זיך אַרוים אַ פערשטיקטער געוויין. זיא בעהערשט זיך באַלד.)

ב ע ר נ אַ ר ד: איהר דאַרפט וויסען, בערטהאַ, איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געליעבט. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט און קיין מעגליכקייט... און ווען אין דיא יאָהרען קומט פּלוצלינג אַזאַ געפיהל, מאַכט עס דעם מענשען וואהנזיננינ. בערטהאַ, איך האָב ליעב אייער שוועסטער מיט אַ ליעבע, וועלכע וועט זיך ענדיגען צוזאמען מיט מיין לעבען.

ב ע ר ט ה א: (שטעהט אויף) אך, יא, דער קאָנטראַקט איז גאָר דאָ! (נעמט פון טיש א פּאַפּיר און גיט איהם.)

ב ע ר נ אַ ר ד: איך בין איצט ווייט פון קאָנטראַקטען און געשעפטען און איהר זייט טאַקי אַפנים אַזאַ מענש, וואָס אייך אינטערעסירט קיין אַנדער זאַך ניט.

ב ע ר ט ה א: (קוקט אויף איהם לאַנג) א יאָ? און איהר האָט געמיינט, מיך קען אינטערעסירען ווייס איך וואָס... וואָס איז אייער מיינונג וועגען דעם קאָנטראַקט? (שטימען. ער נעמט מעכאַניש דעם קאָנטראַקט און קוקט אַריין. אידא קומט מיט אשכנזי׳ן. נאָך זיי שליאמע, שרה הינדע און סאָפיע. דיא מאַנזבילען מיט סיגאַרען,ביידע שכור׳לאַך.)

א י ד אַ: (ביים טהיר) יא, יא, פּאַפּאַטשקא, קום אריין, וועסט עפּיס הערען נייעס.

א ש כ נ ז י: בערטהא האָט מיר שוין אַללעס רעפּאָרטירט און איך מיט שליאמען האָבען אויף רעם חשבון שוין אויסגעזופּט א שעהנע פּאָאָר גלעזער סאַנטורין. זעהסט ניט, וויא זיין שניידערשע פּאַלקע איז צופלאָכטען?... עי, שליאמע הוץ! (צייגט אויף בערנאַרד׳ן מיט בערטהאַן.) זעהסט? שוין ביידע בא דער ארבייט... זיי פּאַססען זיך... זאָגאר בא דיר דאָרט אויבען האָט מען ניט געקענט בעסער צופּאסען, צושניידען און צושטריגעווען. (לאַכט.)

ש ל י א מ ע: זאָגט שליאמע: בכן איז באשר איז וואָס? בעסער האָט קיין שיעור ניט... נאָר אז עס דאַרף זיין, מוז זיין...

א ש כ נ ז י: ביזט דאָך א פילאָזאָף, הוץ, זאָג מיר, פאר וואָס איז אידא מיין מעהר געליעבטעסטע פון אללע קינדער?

ש ל י אָ מ ע: (רויכערט. שכור׳לאַך) הערסט א חכם? פאר וואָס זאָגט מען: דו שליאָמע הוץ מיט דער שניידערשע פאַלקע און דו שמואל אשכנזי מיט׳ן נגידישען לאמטידרייטום? אלץ דאַרטען! ווארום!....

ש ר ה ה י נ ד ע: שאַ! ער איז שוין שכור! בערטהאַ, וואָס איז, מיר דאכט זיך דו האָסט געוויינט?... ווען איך האָב נעכ־טען דערזעהען בערנארד׳ן האָב איך אויך געוויינט פון פרייד. (דראָהט מיט׳ן פינגער) גנב דו?

א ש כ נ ז י: אידא! וועסט עלטער ווערען, וועל איך דיר געפינען א חתן פון חתן־לאַנד... עס זאָל זיין פאר מיר א נחת א כבוד, א פערגניגען... סאַפיע, קום אהער! איא, איך בין א מבין אויסצוקלייבען?...

ס אָ פ י ע (געהט צו׳ן איהם) אי, דער ווייז! דער ווייז! (לויט) מיר דאכט זיך אייער סיגאַרע האָט זיך פערלאָשען (רייבט אוים אַ שוועבעלע און גיט איהם פעררויכערן.)

ב ע ר ט ה א: פאפא, איך וועל דיר פערשפּאָרען א טרחה. אז ר׳ שליאָמע הוץ איז א גוטער מחותן פיר א האַרבאַטע טאָכטער, וועט ער זיין גאַנץ נישקשה אויך פאר דער ניט האַרבאַטע. אידא, קום אקערשט אהער. (אידא געהט צו׳ן איהר.)

א ש כ נ ז י: וואָס ווילסט דו זאָגען? וואָס איז דאָ היינט פאר מאַסקאַראַדען מיט ספּעקטאַקלען. (טאליע אין טיער.)

ט א ל י ע: יא, יא, דאָ זיינען זיי אללע בא מיין שוועסטער אין צימער. (אַריין נאָך איהם לואים קארשונסקי, געקליידעט מעהר אַלס אַמעריקאַנער ספּאָרטסמאַן.) דאָס איז אונזער נייער מילנער הערר לואי קארשונסקי. בערטהאַ, איך וועל יעצט האָבען מיט ווע־מען דורכצולופטערן מיין דייטשע שפּראַכע. וויִה האָבען שאָן געשפּראָכען געוואָרדען געוועזען זיין האָבען...

א ש כ נ ז י: עי, דו! איך האָב געהערט, דו פּראָפּאַגאַנדירסט דיא ארבייטער ביי מיר אויפ׳ן מיהל? ווערסט ניט בלייבען א לעבע־דיגער, אויב עס איז אמת. הערר מילנער, איהר וועט אכט געבען.

ל ו א י ס: דאַנקע, איך בין ניט געקומען אהער צו טהון דיא ארבייט פון א רוסישען פּאָליציסט... (נעמט אראָפּ זיין מיצעל און נייגט זיך צו אַלע.) אין אייער דאמפּף מיהל איז אַללעס עכט רו־סיש: קיין אָרדנונג, דיא מאַשינעריי אלט און פעררָאסטעט, דיא וואלצענרעדער טויגען אבזאָליוט ניט. (זעצט זיך און נעמט אַ פּייפּ.) מיט אייער ערלויבניס, האָכווירדיגע דאמען. הערר אשכנזי, אין דער פאבריק־וועלט ערפינדעט מען יעדען טאָג נייע פערבעסערונגען, און איהר שטעהט 20 יאָהר אויף איין פּלאַץ. (פעררויכערט. נינא און מילע קומען, בלייבען שטעהן פערוואונדערט.)

ש ל י א מ ע: און דאָס איז פייוועל חניאָק׳ס זוהן! א מפּלה וואָלט איך זיך אויף איהם גלויבען... (שרה הינדע לאָזט איהם ניט רעדען.)

ס אָ פ י ע: (שטיל) ער איז אַן אינזשענער, דאָס וואָלט גע־ווען א גוטער שידוך פאר מיין נינא׳ן.

א ש כ נ ז י: איהר וועט אונז מוחל זיין, מיר רעדען דאָ פון א פאמיליענאַנגעלעגענהייט.

ל ו א י ס: (שטעהט אויף) אה! איך האָב גערעכענט, מען רעדט דאָ פון דער דאמפּף מיהל, אויב עס האַנדעלט זיך פון ד׳ער פּאַמיליענמיהל, בין איך קיין מילנער מעהר. (וויל געהן.)

ב ע ר ט ה א: הערר מילנער, עס מאַכט ניט אויס. עס האַנדעלט זיך וועגען אייער פריינד און איהר קענט בלייבען. (לואיס זעצט זיך צוריק און רויכערט דיא גאַנצע צייט מיט אַ ציניש־ען שמייכעלע) פאפּא, איך וויים, דו האָלסט ניט זעהר שטארק פון מיר, אַבער ווערסט דאָך מוזען צוגעבען, אז איך בין אידא׳ן ניט נאָר איין עלטערע שוועסטער, איך בין איהר א ביסעלע מוטער אויך. איך האָב אויך א שטיקעלע רעכט אריינצורעדען ווען עס האַנדעלט זיך פון איהר גליק. בערנאַרד איז איין עהרליכער מענש,

מיר קענען איהם גוט און איך מיין, אז קיין בעסערן שידוך פאר אי־דא׳ן דארף מען ניט זוכען.

א ש כ נ ז י: (אויסער זיך) וואס? אידא גאר? וואס קומט דא פאר? וואס קומט דא פאר בא מיר?

ס א פ י ע: דיא יונגערע פאר דער עלטערער? דאס קען איך שארען צום שידוך, בערטהא. (נינא און מיליע זעצען זיך אין א ווינקעלע צוזאמען אויף איין בייבקעל.)

ב ע ר ט ה א: מיך דארף מען ניט רעכענען. איך שטעה ניט אין וועג... מיך מעג מען רעכענען וויא געשטארבען (ווייט הערט זיך א טרויריגע קירכען גלאקע) דא האנדעלט זיך וועגען אידא׳ן.

ש ר ה ה י נ ד ע: (שטיל) אידא גאר? וואס הייסט דאס, שליאמע?

ש ל י א מ ע: (גאנץ שכור) וואס פרעגסט דו קשיות? גולם, דו ווילסט מיט א הארב און אויבען וויל מען מסתמא אהן א הארב...

א ש כ נ ז י: מע האט פערגעסען ווער שמואל אשכנזי איז! (וויטהענד) איך וועל אייך ווייזען דיא מאכט פון שמואל אשכנזי!

ב ע ר נ א ר ד: הערר אשכנזי, ערלויבט מיר זאגען...

א ש כ נ ז י: ניין! איך וועל זאגען...

ב ע ר ט ה א: פאפא, ער האט מיר ערשט געזאגט, ער האט ליעב מיין שוועסטער מיט א ליעבע, וועלכע וועט זיך ענדיגען מיט זיין לעבען, איך פיהל און פערשטעה, אז דאס וואס ער זאגט א י צ ט איז ריכטיג! אידא, מעגסט מיר גלויבען, איך ווינש דיר גליק פון גאנצען הארצען. (נעמט איהר לעצטע בלום און שטעקט אריין אידא׳ן אין דיא האר) איך בין דיר א מוטער, א שוועסטער און א פריינ־דין. (וויינט) בערנארד׳ס מוטער האט רעכט, מע קען וויינען פון פריידע און גליק... אי! זאלען מיינע טרערען קיינעם ניט שטערען צו פיהלען זיך גליקלאך. (פאלט אויף אידא׳ס שולטערן און וויינען ביידע זעהר שטארק. טאליע וויינט אויך, זיין טיכעל איבער דיא אויגען.)

א ש כ נ ז י: איך! (וויל עטוואס זאגען, פאלט צוריק.)

מ י ל י ע: (וויינט ביטער) נינא, זעה וואס זיי טהוען אונ־

זער בערטהא'ן! נינא! (אומארמען זיךביידע און וויינען. שרת הינדע וויינט, שליאמע לאזט אראפ דעם קאפ גאנץ שכור. סאפיע לויפט צו אשכנזי'ן און לואיס איז שוין לעבען איהם.)

ס א פ י ע : זעהט! וואס איז מיט איהם?

ל ו א י ס : אפאפלעקסיע!... (דער כאר פון דיא טרויריגע גייסטער, וויא אין פראלאג, גאנץ פיאנא.)

ס א פ י ע : נינא, וואס וועלען מיר ביידע איצט טהון?... וועה איז מיר! וועה איז מיר! (פארהאנג פאלט ראש און באלד צוריק. מע זעהט אללע, ערשראקענע, לעבען אשכנזי, איינע לויפען און שרייען: דאקטאר! דאקטאר! א גרויסער געטומעל.)

(פ א ר ה א נ ג)

דריטער אקט

(דאָס זעלבע צימער. לעבען בערטהאַ'ס טיש א גרויסער אָפענער קאַסטען און א גרויסער טשעמאָדאַן. אויף שטולען און אויף דר'ערד ליע־גען פיעלע מענער קליידער, וועש, ביכער און פערשיעדענע זאַכען. מ י ל י ע זיצט בא דער פּיאַנא און עקזערצירט. נ י נ א קלאַפּט טאַקט מיט א גרויסען בלייפעדער.)

מ י ל י ע (ענדיגט) איאַ, נינא, עס איז געוועזן ניט שלעכט? (זיא שטיפט.)

נ י נ א: יא! גאַנץ היבש.

מ י ל י ע (קרימט זיא) יא, גאַנץ היבש! חי! חי! (צייגט אויף דיא קליידער) דו וועסט בייגקען נאָך טאַליען, ווען ער וועט אוועקפאָהרען?

נ י נ א: (מאַכט זיך ניט הערענדיג) אַלזאָ פיר מאָרגען ווי־דער נאָך אַ מאָל פון טשערני. דיא זעלבע זאַך גוט אויסלערנען און... ע. שמאָהל'ס.

מ י ל י ע: שמאָהל אויך? אי, האָב איך פיינט דעם שמאָהל.

נ י נ א: (צייגט אין דיא נאָטען) מע מוז אַללעס אויסלער־נען, מיליע! יא, טשערני און שמאהל — דאָס איז אַללעס. איצט, מיליע, קום אהער, איך וועל נור איבערקוקען דיינע אריפמעטישע אויפגאַבען און דו וועסט זיין פריי. (געהט צום גרויסען טיש.)

מ י ל י ע (ברוגז)ע! אריפמעטיק אויך? איך וויל גאָר ניט!

נ י נ א: דו ווילסט זיין א שלעכטע און בערטהא זאָל זיך ערגערן איבער דיר?

מ י ל י ע: (געהט צום טיש) אריפמעטיק האָט געמעגט פערברענט ווערען, איידער מע האָט עס אויסגעטראַכט אויף אונזער קאָפּ! (מע הערט בערטהאַ'ס שטימע.)

ב ע ר ט ה א: (פון אַנדערן צימער) יא, מאַשע, אַללעס דאַרף מען איבערפּרעסען.

מ י ל י ע: (גיט נינאַ'ן איהרע העפטען) אַי, נינא, זאָלסט ניט זאָגען בערטהאַן, אז איך האָב געשאָלטען דיא אריפמעטיקע!

נ י נ א: מיליע, ביזט א זיסער גנב'ל! (קושט זיא און קוקט אין העפט) ע... „פראגע: וואָס איז מעהר, 5 צעהנטעל אָדער 4 אכטעל? ענטפער: אללעביידע גלייך". חע! חע! אללע ביידע גלייך, ריכטיג! (בערטהאַ קומט מיט וועש.)

מ י ל י ע: (קרימט זיא) חע! חע! אלע ביידע גלייך. ריכטיג! (ביידע לאַכען) חאַ! חאַ! חאַ!

ב ע ר ט ה א: קינדער, איהר ארבייט צו איהר שטיפט, האַ?

נ י נ א: מיר ארבייטען שטיפענדיג.

ב ע ר ט ה א: דאָס איז גוט. (זעצט זיך לעבען אָפענעם קאַסטען) איך גיב טאַליע'ן מיט אין וועג איינגעמכאַץ. ער וועט דאָרט אין פעטערבורג איינלאַדען זיינע נייע קאַמעראַדען און וועט זיי טראַקטירען מיט טיי און איינגעמאַכץ. מען דאַרף עס קענען איינפאַקען.

נ י נ א: בערטהאַ, ערלויבט מיר, איך וועל אייך העלפען.

ב ע ר ט ה א: ניין! ניין! מערדער, דו וועסט מיר נאָר צו־שטערען מיין גאַנצע סיסטעם (פאַקט) אַי, איך פערשטיי יעצט, וואָס א מוטער פיהלט, ווען זיא דאַרף זיך שיידען פון איהר קינד... דאָס לעבען קוקט אָבער ניט אויף אונזערע סענטימענטאַלע געפיהלע.

מ י ל י ע: בערטהאַ, אז טאַליע וועט אויסשטודירען אין פע־טערסבורג, וועט ער טאַקי זיין א דאָקטאָר?

ב ע ר ט ה א: יא, מיליטשקע. (זיפצט) עס וועט זיין אונמוטהיג אין שטוב אָהן איהם.

מ י ל י ע: איך האָב אָבגעמאַכט מיט טאַליען, אללע זונטאג זאָל איך איהם שרייבען בריעף. נינא, דו וועסט איהם שרייבען? זעה, וואָס מאַכסטו זיך ניט וויסענדיג? איך פרעג דיך דאָך? (נינאַ מאַכט זיך ניט הערענדיג, דערלאַנגט זאַכען בערטהאַ'ן.)

ב ע ר ט ה א: וואָס האָט עס צו דיר, דו פלאַפלערין?

מ י ל י ע: איך וויל אויף איהרע בריעף שרייבען א גערוס פון זיך.

ב ע ר ט ה א: אפשר וועט זיא גאָר טאָליען ניט שרייבען?...

מ י ל י ע: זיא וועט שוין שרייבען... זיא מאַכט זיך נאָר, עס פערדריסט זיא ניט, וואָס ער פאָהרט אוועק. זעהט, זיא איז רויט געוואָרען! ע! ע!

ב ע ר ט ה א: מיליע!... אפשר וועט נינא גאָר ניט וועלען דו זאָלסט שרייבען גריסען אויף איהרע בריעף?

מ י ל י ע: אזוי? וועל איך איהר ניט ערלויבען שרייבען גריסען אויף מיינע בריעף.

ב ע ר ט ה א: (פּאַקט) ניין? איז ניט געהאַנדעלט?

מ י ל י ע: (קרימט זיא) ניין! איז ניט געהעאַנדעלט. (אַלע לאַכען.) איך לויף זיך שפּיעלען אין גאָרטען. (לויפט אב.)

ב ע ר ט ה א: האר אויס, דו שטיפערין! נינא, זינד זיא איז מיט דיר, איז זיא געוואָרען א לעבהאַפטעס און זאָרגלאָזעס קינד, דאָס איז גוט. לעבען מיר וואָלט זיא געוואָרען צו אַלט און צו סאָליד... חע! חע! עס איז איין אונגליק, אז מע האָט א הויקער. מיינסט, מיר פלעגט זיך ניט וועלען א מאָל א שטיף טהון? איך פלעג אָבער באַלד א טראַכט טהון: איין אַנדרערער וואָלט עס געפּאַסט, פון מיר וועט מען לאַכען. איך האָב שטענדיג געמוזט דערשטיקען אין זיך יעדע לוסטיגקייט און צווינגען זיך זיין סאָליד...

נ י נ א: מענשען און זאָגאר דיא נאַטור האָבען אייך אזוי פיעל אונרעכט געטהון און איהר האָט אַללעמען ליעב... בערטהאַ, וואו נעהמט איהר אזוי פיעל ליעבע?

ב ע ר ט ה א: קינד, אין דער ליעבע געפין איך א טרויסט פון אַללע מיינע צרות. ליעבען הייסט לעבען. (בלייבט זיצען פערטראַכט. נינאַ כאַפּט איהר האַנד און דריקט זיך צום הארצען.) וואָס איז, נינא, ווילסט מיר עפּיס זאָגען?

נ י נ א: יא, בערטהאַ, ער אָבער דאַרף עס ניט וויסען. ווען איך זעה, אז מע פאַקט זיינע זאַכען, פיהל איך, אז ער פאָהרט טאַקי אוועק, און, איך וויים ניט פאר וואָס, מיר טהוט אזוי וועה דאָס הארץ... און מיר ווילט זיך וויינען... (גיט א מאַך מיט'ן האַנד און ראַש אב.)

ב ע ר ט ה א: (פאָלגט זיא מיט איהרע בליקען) אה, שעהנע, גליקליכע יוגענד, איך האָב דיך ניט געקענט! מיר איז געווען בעשידען נאָר צו קוקען אויף דיר פון דער ווייטען. (בלייבט פערטראַכט) דאָך זעהען און פערשטיין דעם זינן וואָס דו זעהסט, איז אויך א גליק. זעה נאָר איך זיץ! (פאקט פלייסיג) איך הויב אָן ווערען פויל אויף דער עלטער. (א י ד א קומט געקליידעט אין אַ דונקעלען דאַמען־קלייד, אין אַ קליין קערבכען איהר האַנד־אַרביים.)

א י ד א: (איז זעהר טרויריג) וויא זיא איז פערטיעפט אין איהר ארבייט. (ווערט פרייליאַך) איך וועל זיא אונמיסטען גוט איבערשרעקען. (גנב'עט זיך לאַנגזאַם אויף דיא שפיץ פינגער, שטעלט זיך אָב יעדען אויגענבליק. בערטהאַ קערט זיך ניט אום, מאַכט אַ כיטרע מיענע מיט'ן געזיכט און דיא אויגען און פאַקט. פויזע.)

ב ע ר ט ה א. נו, שוין! וויא לאַנג דאַרף עס נעמען ביי דיר איבערצושרעקען א מענשען?

א י ד א: שלעכטע! איך האָב געמיינט, ענדליך וועל איך האָבען פון וואָס צו לאַכען א ביסעל.

ב ע ר ט ה א: עס איז טאקי אן עולה פון מיר... נו, וועסט שוין לאַכען אַן אַנדערש מאָל.

א י ד א: (זעצט זיך, זיפצט שווער) איך געפין זעהר וועניג און זעהר זעלטען פון וואָס צו לאַכען.

ב ע ר ט ה א: (קוקט אויף איהר לאַנג) זעה נאָר, מאדאם, וועסט אַזוי לאַנג זוכען פון וואָס צו לאַכען, ביז דו וועסט געפינען פון וואָס צו וויינען, און אַנדערע וועלען נאָך אויך וויינען איבער דיר....

א י ד א: (ערשראָקען) וואָס מיינסט דו דאָס, בערטהאַ?

ב ע ר ט ה א: איך מיין, וואָס איך זאָג. א, נו, ווייז נאָר, אידא, וואָס נעהסט דו דאָס אוים?

א י ד א: איך נעה אוים א זעקעל פיר לוא... פיר קאָרשונסקי, ער זאָל האָבען אין וואָס צו האַלטען זיין טאַבאַק. א יאָ, עס וועט זיין שעהן? זעהסט, און דו זאָגסט, איך טהו גאָר נישט...

ב ע ר ט ה א : נו, יא, א נויטיגע ארבייט! פאר וואָס מאַכסט דו דאָס ניט פיר דיין מאַן?

אי ד א : מיין מאַן? דו ווייסט דאָך, ער רויכערט ניט און שמעקט ניט, און טאַנצט ניט, און זינגט ניט און טרינקט ניט, און לאַכט ניט און גאָר נישט ניט!

ב ע ר ט ה א : דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, דו ווילסט זיך בעריהמען מיט דעם, וואָס דיין מאַן איז א שטילער מענש, ניט קיין טרינקער, ניט קיין שפּרינגער און ניט קיין שאַרלאַ־טאַן? דאָס איז זעהר שעהן פון דיר, וואָס דו קענסט איהם שעצען. (געהט) מע דאַרף געהן זעהן, האָט מען ניט פערגעסען דעם פּאַפּאַ מאַכען א בוליאָן. (ביים טיער) אידא, מיין ניט, מע קען דורכטאַנ־צען און דורכלאַכען דאָס גאַנצע לעבען. מע דאַרף זיך צווינגען ערנסט דענקען און עהרליך פיהלען.

א י ד א : איך פערשטיי ניט, וואָס דו זאָגסט.

ב ע ר ט ה א : איך זאָג, מיר אַללע וואָלטען געוועזן רויבער, מערדער, ווילדע טהיערען, אויב מיר וואָלטען געלעבט נאָר פיר זיך און גאָר ניט געדענקט, אז אַן אַנדערער האָט אויך געפיהלע, א האַרץ, א זעעלע. אידא, מיר זיינען מענשען דערמיט, וואָס מיר קענען ניט האָבען אַללעס וואָס מיר ווילען און מעגען ניט טהון אַללעס, וואָס אונז געליסט זיך. געדענק, וואָס איך זאָג דיר! (גיט אויף איהר א שטרענגען קוק און אב.)

א י ד א : (טראַכט) האָט זיא געמיינט עטוואָס דערמיט? אָדער עס איז א ביסעל מאָראַל גלאַט אין דער וועלט אריין? נו, יא, ער איז דען ניט גערעכט, ווען ער זאָגט: מענשען לעבען נאָר צו רויבען איינער בא דעם אנדערן דיא פרייהייט. אַי! זיא מיינט, איך קען נאָר לאַכען און טאַנצען. זיא ווייסט ניט, אז איך האָב זיך דיא לעצטע צייט אויסגעלערנט וויינען אויך. איך זאָל קענען שטאַרבען, וואָלט איך בעסער געוואָלט שטאַרבען. (מע הערט אַ ליטען געשפּרעך) (ליפט נאך שפּיעגעל) שש! דיא מענער געהען! זעה נאָר, מאַדאַם, וואָס פאַר א זויערן פּנים דו האָסט היינט. (כאַפּט ארויס פון דער טאַשע א שאַכטעל מיט פּודער, פּודערט זיך

שנעלל און זעצט זיך אנידער. מע הערט שטיממען.) אָי, ווען איך הער זיין שטיממע, ווערט אין מיר פערקילט דאָס בלוט. (בערנאַרד און לואיס קומען, דער לעצטער געקליידעט אַלס יעווראָפּייאישער אַר־בייטער. זיין קאָסטיום איז אויסגעשמירט אין מעהל. ער טראָגט פּאַ־פּירען און פּלאַנען.)

בערנאַרד: אה! אָט איז אידא! איך האָב דיך היינט נאָך ניט געזעהען. בערטהאַ איז דאָ ניטאָ? וויא געפעלט דיר, אידא, לואיס האָט שוין א שפּאָגעל נייעם פּלאַן. (לואיס נויגט זיך צו איהר ריטטערליך) קאַרג האָט אונז געקאָסט דאָס איבערבויען.

לואיס: בערנאַרד, דאַרפסט פערגעסען דיא רוסישע סיסטעם: מאַכען קאַפּיטאַל אָהן קאַפּיטאַל, נאָר מיט פרעמדע אַר־בייט! ביזט דו א קאַפּיטאַליסט, ארבייט מיט דער קאַפּיטאַליסטי־שע מעטאָדע...

בערנאַרד: איך וויים ניט, מיר וועלען ווייזען דעם פּלאַן בערטהאַ'ן. פערשטייסט דו מיך, מיר קענסט דו צוטומלען דעם קאָפּ מיט ציפרען און מיט טענות, זיא אָבער וועט נאָר א קוק טהון, וועט זיא שוין פערשטיין, איז דאָס נויטיג אָדער ניין.

לואיס: (זעצט זיך) אַלזאָ, וועלען מיר א ביסעל זיצען און וואַרטען אויף פריילין בערטהאַ. (פּעררוּיבערט זיין פּייף) דיא וואהרהייט געזאָגט, זיא איז דער איינציגער מענש, וואָס פערשטייט עטוואָס.

אידא: דאָס איז א שעהנער קאָמפּלימענט פיר אונז אללע.

לואיס: איהר ווייסט דאָך, מאַדאַם, איך בין ניט דער מענש וואָס מאַכט קאָמפּלימענטען.

אידא: ניש־קשה, איהר זאָלט זיין פערליעבט אין א פּערזאָן, וואָלט איהר שוין יא געמאַכט קאָמפּלימענטען.

לואיס: (פרעך) איהר, מאַדאַם, ווייסט בעסער פון אנ־דערע, איך מאַך ניט קיין קאָמפּלימענטען, זאָגאר ווען איך בין יא פערליעבט אין א פּערזאָן. (אידא אין פערלעגענהייט.)

בערנאַרד: וואָרום מיינסט דו עפּיס, אז אידא איז דאָס מחויב צו וויסען בעסער פון אנדערע?

ל ו א י ס: (קוקט אויף איהם) ווארום איך מיין? (רוי־בערט) בערנארד, אויף דיזער פראגע בין איך בערייט צו יעדער צייט דיר ענטפער געבען.

ב ע ר נ א ר ד: וואס מיינסט דו דאס? קוק איהם נאר אן, איך מאך שפאס און ער רעדט אזוי ערנסט!

א י ד א: (ערשראקען) וואס פרעגסט דו איהם? ווייסט ניט, ער האט ליעב מיט יעדען ווארט ווענען עס איז בעליידיגען, א שטעך טהון, ברענגען אין א פערלעגענהייט? (שוין רוהיג) דיין טייערער פריינד האט געמענט זיין א ביסעל א בעסערער מענש.... קארשונסקי, איהר זעהט? איך נעה אוים פיר אייך א זעקעלע פיר אייער טאבאק. אזא שלעכטער פערדיענט ניט קיין פרעזענטען, נאר זיי האבען שוין אזא גליק, דיא שלעכטע!...

ל ו א י ס: (בעטראכט איהר ארבייט) אונגיצליכע ארבייט פיר איין אונגיצליכע זאך. איהר מיינט דאך ניט, מאדאם, איך וועל שלעפען אזא זאק מיט טאבאק אין מיין טאשע?

א י ד א: דו הערסט א דאנקבארקייט פון דיין פריינד? (בייז, שמייסט פארט איהר ארבייט.)

ב ע ר נ א ר ד: דו ווייסט דאך, אידא, דער דייטש איז א ביסעל חזירעוואטע... וויא אללע דייטשען! דו, דייטש! זאג מיר, ווען ווערסט דו זיך טאקי פערליעבען אין עפים א פערזאן און טאקי חתונה האבען?

ל ו א י ס: פערליעבען זיך בין איך בערייט צו יעדער צייט. דיא מאדאם קען בעשטעטיגען, אז איך זאג ניט קיין ליעגען.

ב ע ר נ א ר ד: ווידער דיא מאדאם? וויא געפעלט עס דיר, אידא, נאר עפים שטעלט ער דיך פאר אן עדות! (קוקט אויף איהר פארשענד, אידא אין א פערלעגענהיים.)

ל ו א י ס: פערליעבען זיך יא, אבער הייראטען? דאס ניט! דיא פארם פון אונזער פאמיליען־לעבען, פון אונזער עהע איז אלט און צופוילט. מע קען ניט צופאסען צו אונזער יעצטיגען לעבען דאס, וואס איז געווען גוט מיט טויזענדער יאהרען צוריק... אונזערע רעכטע, אונזערע עקאנאמישע פערהעלטניסע, אונזערע אידעען הא־

בען זיך ראדיקאל פערענדערט און דיא פאמיליע בלייבט נאך אימער, וויא תרח מיט מתושלח'ן האבען זיי געגרינדעט. אויסער דעם, איך וואלט אין יעדען פאלל ניט געהייראטעט, ווייל דאס וואלט מיך געצוואונגען צו ענטזאגען זיך פון מיין „איך" צוליעב אנדערע, צו לעבען ניט נאר צוליעב זיך, נאר צוליעב אנדערע... איך וויל ניט זיין געבונדען! איך וויל זיין גאנץ פריי און לעבען נאר צוליעב זיך אליין...

בערנארד: אי, ר' דייטש, ביזט א גוטער עגאאיסט!...

לואיס: מיין פריינד, עגאאיזם איז פיר דאס לעבען אזא קראפט וויא דער דאמפף פיר דיין דאמפף־מיהל. עגאאיזם איז דיא איינציגע ליעבע, דיא איינציגע ענערגי, וועלכע מאכט אונז טהעטיג און בענוצט אללע מיטלען צו פערשטארקערען און פערלענגערען אין אונז דעם אינסטינקט פון לעבען. (א דיענער ערשיינט אין טיער.)

דיענער: (צו בערנארד'ן) מיין העրר, א מאןווארט אויף אייך אין קאנטאר.

בערנארד: באלד. (דיענער אב) הערר אבער־מילנער, דו געהסט?

לואיס: איך? (רויכערט לאנג) ניין, איך געה ניט.

בערנארד: יא, דו בלייב דא א ביסעל פילאזאפירען מיט מיין אידא. וויא איך האב בעמערקט, ווערט זיא ענטציקט פון דיין פילאזאפי. נו, יא, מיר אללע זיינען זעהר שוואכע פילאזאפען און דיך נעמט דער רוח ניט. איך קום באלד. (ראש אב. א לאנגע פויזע. לואיס רויכערט לאנגזאם און קוקט אויף איהר.)

אידא: (אונטערוואַרפען) דיין בעמערקונג פריער וועגען מיין פרעזענט האט מיך זעהר בייז געמאכט און בעליידיגט.

לואיס: (רויכערט) גאנץ איינפאך, ווען דער פרעזענט האט ניט קיין פראקטישען זינן, איז דיא ארבייט אומזיסט. איהר ווייסט, איך בין ניט קיין זיסער, ניט קיין סענטימענטאלער מענש...

אידא: אה, ניין, ניין! ביזט א ביטערער, א גיפטיגער, א שלעכטער מענש. איך האב ניע אין מיין לעבען פאר א מענשען מורא געהאט און פאר דיר האב איך מורא. יא, איך האב מורא

פאר דיר! איך פערשעלט דעם טאָג וואָס איך האָב דיך בעגעגנט, איך בעוויין מיט ביטערע טרערען דאָס, וואָס איז געשעהן און העלפען קען איך ניט. דו ביזט אַ גראָבער מענש, אַ גרויזאַמער מענש, דו פערשאַפּסט מיר ווייטאַגען און שמערצען און איך האָב דיך מיט יעדען טאָג מעהר ליעב... דו ערנידריגסט מיך און איך פערגעטטער דיך. דו זאָלסט מיך שלאָגען און טרעטען מיט דיא פיס, וואָלט איך דיך נאָך שטארקער געליעבט. נו, דו ווייסט דאָך אַללעס, קענסט דו ערקלערען פאר וואָס איז דאָס?

ל ו א י ס: דאָס איז דיא מיסטישע געהיימנים פון אַ פרויען־זעעלע.

א י ד א: איך בין בערייט געהן צו מיין אונגליק אָהנע צו דענקען פון זיך און פון דיא פאָלגען. איך בין בערייט שטארבען פאר דיר און איך וויים ניט זאָגאר, אויב דו ליעבסט מיך.

ל ו א י ס: יא, איך האָב דיך ליעב. ווייסט דו פאר וואָס? פיר קיין זאך ניט, נאָר דערפאר, ווייל דו האָסט מיך אַזוי שטארק, אַזוי בלינד, אַזוי עלעמענטאריש, אַזוי זעלבסט אויפאָפּפערענד ליעב. נאָר דערפאר!

א י ד א: א, איך האָב דיך שטארק ליעב, ווייל דו ביזט אַ שטאַרקער. אָבער ער? קרענקסט עס דיך ניט, וואָס דו האַנדעלסט אַזוי געגען דיין פריינד?

ל ו א י ס: יא, איך בין איהם אַ פריינד. איך בין אָבער זיך נאָך אַ גרעסערער פריינד. קינד, פריינדשאַפט עקזיסטירט צווי־שען מענשען נאָר דאַן, ווען זיי האָבען פערשידענע אינטערעסען. ווען אָבער זייערע אינטערעסן בעגעגנען זיך, וויא צום ביישפּיעל, יעצט, ווארום זאָל איך אָפּפערן?

א י ד א: אָה, לואי, איז דאָס עהרליך?

ל ו א י ס: איך האָב מיינע אייגענע בעגריעפע וועגען דעם וואָס איז עהרליך אָדער אונעהרליך. איך פערשטיי ניט, צוליעב וועד־מען, אינ׳ם נאָמען פון וועלכע אויסגעטראַכטע מאָראַל זאָל זיך דער מענש ענטזאַגען פון דעם, וואָס גיט איהם גליק און פרייד? דער מענש דארף נעמען אַללעס, וואָס דאָס לעבען גיט איהם. געוויס,

איין בעדינגונג נאָר, ער דאַרף נעהמען אָפען, ניט וויא א גנב, ניט פערבאָרגענערהייד, נאָר וויא א מענש וואָס פיהלט, אז ער איז בערעכטיגט צו נעמען... און דערפאר, אידא, האָב איך דיר שוין געזאָגט און זאָג דיר יעצט: ער מוז דיא גאַנצע וואהרהייט וויסען! ער מוז!

א י ד א: (געהט צו איהם, ערשראָקען) ניין, ניין, לואיס! איך בעט דיך, ניין! דו האָסט מיך זעהר איבערגעשראָקען פריער, דו האָסט זיך געווענדעט צו מיר, וויא צו דיין עדות. איך זעה אָפט אין דיר א מין פרעכען נצחון, א מין צו להכעיס דוקא נעמען און ערציילען איהם.

ל ו א י ס: (סאַרקאַסטיש) הם! איך פערשטיי, דיך שרעקען דעם מאַנס רעכטע און דעם פּאַפּאַס נאָמען.

א י ד א: ווען דער פּאַפּאַ האָט זיך גענומען א יונג ווייב, האָט ער געדענקט פון זיך, ניט פון מיר... און ווען איך האָב דיך ליעב, דענק איך ווענינ פון איהם.

ל ו א י ס: פריער פון אַללעם לערנען זיך דיא קינדער פון זייערע אייגענע עלטערן.

א י ד א: דעם מאַנס רעכטע וואָלטען מיך ניט געשראָקען, אז דערפון וואָלט ארויס שלעכטס נאָר פאר מיר, אז נאָר איך וואָלט ליידען, אז בערנאַרד וועט מיך בעשטראָפען, ארויסטרייבען, ערמאָרדען, וואָלט איך ניט געוועזען דאגעגען צו ערציילען איהם דיא גאַנצע וואהרהייט. איך ווייס אָבער, ער איז צו א גוטער, ער האָט מיך זעהר שטאַרק ליעב, ער וועט מיר גאָר נישט טהון, ער אליין וועט ליידען! דאָס וועט איהם נאָר צוברעכען דאָס לעבען, אונגליקליך מאַכען, טויטען!... אָה, דו זאָלסט וויסען, וויא שטאַרק ער האָט מיך ליעב!

ל ו א י ס: (רויכערט, שמייכעלט ציניש) פאר וואָס זשע, מאַדאַם, האָט איהר איהם ניט ליעב?

א י ד א: וואָס ווייס איך? אפשר ווייל איך בין א שלעכטע, ווייל דו ביזט געקומען, ווייל ער איז אפשר שוין איין אָבגעלעבטער מענש און איך בין צו יונג, ווייל ער איז צו לאַנגווייליג און איך בין

צו לייכטזיניניג. ווען איך וויל אומלויפען, טאַנצען, שטיפען, פיהלט ער זיך מיעד און צו סאָליד. ווען איך בין פריילאך, ווערט ער אונמוטהיג. איך וויל לעבען, זיין לוסטיג, ער אָבער וויס נאָר: ווייץ, מעהל, מיהל, מאַהלען... עס איז נאָך גוט, וואָס בערטהא האָט אויסגעפיהרט און מיר זיינען געבליעבען לעבען צוזאמען, אז ניט, וואָלט איך פון לאַנגווייליגע און אונטהעטיגקייט שוין לאַנג פון זינן אַראָפּ!

לואים: וויא דו טענה'סט, ביזט דו גערעכט, ער האָט אָבער אויך וואָס צו זאָגען.

אידא: ווען ער געהט אין מיהל, שלאָף איך נאָך און ווען ער קומט פון מיהל, דאַרף מען געהן שלאָפען. נייען א זייגער גע־נעצט ער שוין און דרעמעלט אויף זיין שטול.

לואים: ער איז א שלעפעריגער בא דיר, הא? חא! חא!

אידא: דו לאַכסט און מיר ווילט זיך וויינען מיט ביט־טערע טרערען. אָבער וואָס איז ער שולדיג? ער איז א גוטער, ער איז זעהר א גוטער, פאַר וואָס זאָלען מיר איהם פערגיפטען דאָס לעבען מיט אונזער וואהרהייט? (קניעט לעבען איהם) איך בעט דיך, לואים, טהו עס ניט... אויב מע מוז מיט ליעגען פערמיידען איין אונגליק, — מוז מען! (וויינט, אומאַרמט איהם, קושט זיינע הענד) טהו עס ניט, טייערער, טהו עס ניט! איך וויס, וואָס מעהר איך וועל איהם נאַררען, דעסטאָ נידריגער וועל איך פאַללען. עס קען זיין זאָגאַר דו וועסט פערליערען דיין לעצטע אַכטונג צו מיר אוּן וועסט מיך בעהאַנדלען נאָך ערגער וויא איצט. אָבער איך האָב מורא פאַר דער וואהרהייט, איך האָב מורא! (א גערויש, זיא, ערשראָקען) ער געהט צוריק! (וותיספערט, פערצווייפעלט) לואי, אין גאָטעס נאָמען, איך בעשווער דיך, זאָג ניט, זאָג איהם ניט! (שפּרינגט אויף, ברענגט איהרע האָר אין אָרדנונג. בערנאַרד קומט.)

בערנאַרד: איך בין שוין דאָ. אידא, וואָס האָסט זיך ערשראָקען אַזוי? (זיא קען ניט ענטפערן פון אויפרעגונג.) זעה נאָר, וואָס איז מיט דיר? (קיין ענטפער) לואים, וואָס איז מיט איהר? (ער בעטראַכט זיא.)

ל ו א י ס: (רויכערט, רוהיג) וואָס מיט איהר איז, דאַרף זיא זאָגען. יעדער מענש דאַרף ענטפערן פיר זיך אליין.

ב ע ר נ אַ ר ד: זעה נאָר בעסער, אידא, וויא דו האָסט זיך אויסגעשמירט אין מעהל.

ל ו א י ס: (רוהיג) מאַדאַם, אז מע געהט אום צווישען מיהל־מענשען, איז זעהר אונפּראַקטיש צו טראָגען דונקעלע קליידער.

ב ע ר נ אַ ר ד: איאָ, עס איז אונפּראַקטיש? אידא, געה בעסער און רייניג זיך ארום, אָדער טהו אָן אַ'ן אנדער קלייד, אז ניט, וועט מען מיינען, אז דו ביזט דער מילנער, ניט ער. (אידא געהט געהאָרכזאַם. בא דער טיער ווענדעט זיא זיך אום צו לואיסען מיט אַ בעטענדען בליק. אב. פויזע. ב ע ר נ אַ ר ד געהט אום איבער'ן צימער. ל ו א י ס קוקט איהם אָן און רויכערט רוהיג.)

ב ע ר נ אַ ר ד: (שטעלט זיך אָב געגען איהם) לואיס, דו דאַרפסט מיר זאָגען, וואָס דאָ איז צווישען אייך פאָרגעקומען?

ל ו א י ס: גאַנץ איינפאַך, צווישען אונז איז פאָרגעקומען אַ געשפּרעך, וואָס האָט זיא אויפגערעגט.

ב ע ר נ אַ ר ד: אַ געשפּרעך? הם! איך פערשטעה! אַ געשפּרעך פון וועלכען מען ווערט אויסגעשמירט אין מעהל. האָסט ניט געקענט אויסטראַכטען עפּיס אַ מעהר פּאַסענדען ליעגען?

ל ו א י ס: (בייז) מיין הערר, פּאַסענדע ליגען, דאָס זיינען דיא קאָנווענציאָנעללע זיטטען אייערע אין וועלכע איהר אללע, דיא זאָגענאַנטע ציוויליזירטע וועלט, לעבט! יאַ, אללע אייערע זיטטען און אייערע מאָראַלישע רעגלאַמענטען זיינען נאָר פּאַססענדע ליעגען... איך האָס פּאַססענדע ליעגען גערADE וויא אונפּאַססענדע!

ב ע ר נ אַ ר ד: (ער האָט איהם ניט געהערט און ניט פערשטאַנען) וואָס טויג איצט דיין פילאָזאָפיע? דיא זעעלע וויינט בא אַ מענשען, דאָס הארץ בלוטעט און דו פילאָזאָפירסט.

ל ו א י ס: וויא איך פערשטיי, פאַנגסט דו אָן צו ווערען אייפערזיכטיג. אין אַזאַ פאַל פרעגט מען ניט דעם אנדערן און מען גלויבט ניט קיינעם. מען זוכט, מען קוקט און מען געפינט אליין די וואהרהייט.

ב ע ר נ אַ ר ד : לואיס, איך פערלאָז מיך אויף דיין פריינד־שאַפט און...

ל ו א י ס : דו, ברודער, פערלאָז דיך ניט זעהר שטאַרק אויף פריינדשאַפט. ווען אַ מענש געהט הייראַטען, טהוט ער דאָס ניט צוליעב יענעמס פריינדשאַפט, נאָר צוליעב זיך אליין און ער דאַרף זיך פערלאָזען נאָר אויף זיך אליין. ער דאַרף וויסען, אז אַ פרוי איז ניט אַ שטיקעל מעבעל, וועלכעס וועט בלייבען שטעהן דאָרט, וואו דער מאַן וועט עס אנידער שטעלען. עס איז אַ לעבעדיגער מענש מיט בלוט, נערוועז, געפיהלע, מיט אַ זעעלע, מיט קאַפּריזען, מיט ליידענשאַפטען, מיט משוגעת'ן, מיט פערלאַנגען, מיט, דער טייוועל וויים, וועלכע פאַנטאַזיען! ענטוועדער נעם זיך אַ ווייב, וועלכע זאָל אין דיר אליין קענען געפינען איהר גאַנצעס גליק און בע־פריעדיגונג, — דאַן ביזט דו גאַראַנטירט. אָדער טהו וויא דער טערק, פערשפּאַר זיא אין אַ האַרעם און שטעל באַ איהר טיער צעהן דוצען יעוונוכען, דאַן קענסט דו זיך אָבנאַררען און, אם וועניגסטען מיינען, אז דו ביזט גאַראַנטירט, אָדער פּשוט פרעג ניט קיין קשיות און קוק זיך ניט צו זעהר שטאַרק, דאָס הייסט, קוק יאַ, נאָר אַזוי.... צווישען דיא פינגער, וועסט דו קענען שטענדיג גלויבען — אפשר יאַ, אפשר ניט... פאַמיליען־עהרע, מאָראַל, טרייהייט זיינען זעהר שעהנע זאַכען און איהר מעגט זיך שפּיעלען מיט זיי, אָבער אין דער זעלבער צייט זייט ניט קיין נאַאיווע נאַררען און פערגעסט ניט, אז דאָ ארום אייך געהן אום ניט מלאכים, נאָר לעבעדיגע, זינדיגע מענשען...

ב ע ר נ אַ ר ד : יאַ, לעבעדיגע, זינדיגע מענשען! עס קען זיין אַן אַנדערער וואָלט זיך בערוהיגט מיט אַזאַ פילאָזאָפיע, איך אָבער וועל דאָס ניט איבערלעבען. לואיס, איך האָב זיא זעהר צו שטאַרק ליעב! מיין גאַנצעס לעבען איז אין איהר. ווען זיא שלאָפט, קען איך זיצען שטונדען לאַנג און צוהערען זיך צו איהר אָטהעם, ווען זיא רעדט, ווייזט זיך מיר אויס, דאָס גאַנצע הויז ווערט אָנגעפילט מיט קלינגענדע זילבערנע טעננער. איך האָב זיא ליעב מיט דער ליידענשאַפט פון אַ ליעבהאָבער, מיט דיא צערט־

ליכקייט פון א מוטער און מיט דער טרייהייט פון א ברודער. איך בין זעהר אייפערזיכטיג, אָבער איך האָב עס איהר ניט געציינט, ווייל איך וויים, אייפערזוכט בעליידיגט א פרוי און מאכט דעם מאַן לעכערליך. אָבער אין דער שטיל לייד איך זעהר שטארק און זעהר פיעל. ווען איהר רעדט ביידע, אָדער ווען איהר הויבט אָן פלוצלינג אין גאָרטען לויפען אין איבעריאָגענעס, אָדער ווען איך זעה, וויא דו נעמסט מיין אידא אין דיינע ארעמס און לערנסט זיא טאַנצען א דייטשען האָפּ־שאָ סאָ! — ווערט אין מיר פערקילט מיין בלוט, אָבער איך זעה זיך צו בעהערשען... היינט אָבער קען איך ניט שווייגען מעהר. איך וויל וויסען דיא וואהרהייט, וויא שרעקליך זיא זאָל ניט זיין. לואים, איך פערשטיי וואָס דו זאָגסט. מיר זיינען ניט מלאכים, מיר זיינען לעבעדיגע זינדיגע מענשען. וויל איך וויסען, האָבען דיא לעבעדיגע, זינדיגע מענשען שוין געזינ־דיגט? (לואים שווייגט) איך פרעג גאַנץ איינפאַך: האָבען דיא זינ־דיגע מענשען זיך אויסגעשמירט נאָר אין מעהל, אָדער זיי האָבען זיך שוין אויסגעשמירט אין בלאָטע אויך? (קיין ענטפער) דו מענסט זיין ווער דו ביזט, איך קען דיך גוט און וויים, דו ועסט ניט זאָגען קיין ליעגען, דארום פרעג איך דיך: זאָג מיר, האָבען דיא זינדיגע מענשען שוין געזינדיגט? יא, זאָג מיר דיא גאַנצע וואהר־הייט און ערמאָרדע מיך מיט איין מאָל!....

לואים: (קלאַפּט אוים מיט א כעס דעם טאַבאַק פון זיין פייף) נאַ! צום טייוועל! מיין פייף איז ווידער אויסגעגאַנגען!

בערנארד: לואים, דו הערסט, וואָס איך פרעג דיך?

לואים: (בעשעפטיגט מיט זיין פייף) הא? וואָס פרעגסט דו מיך איינענטליך?

בערנארד: לואים, איך פרעג דיך, האָבען דיא זינדיגע מענשען שוין געזינדיגט?

לואים: הא? אויב דיא זינדיגע מענשען האָבען שוין גע־זינדיגט? (שלאָגט אָן זיין פייף מיט טאַבאַק, פערראויכערט לאַנגזאַם, זיינע הענד ציטטערן. בערנאַרד זעהט עס ניט.) אויב זיי האָבען שוין געזינדיגט? ע... ניין!

ב ע ר נ אַ ר ד: דו גיסט מיר דיין עהרענוואָרט?

ל ו אַ י ס: דו ווייסט, אז עהרע, מאָראַל און דיא אלע אנ־דערע זאכען זיינען בא מיר נור ווערטע אָהן א בעדייטונג און אָהן א זינן!

ב ע ר נ אַ ר ד: דען גיעב מיר דיין עהרליכע האנד, דיין האנד איז עהרליכער פון דיין מויל. (דריקט זיין האַנד) ניין? דו זאָגסט ניין? אָה, דו ווייסט ניט, וואָס איך האָב אין דעם אויגענבליק איבערגעלעבט! דו קענסט עס ניט בעגרייפען (טרערען שטיקען איהם) מע קען וויסען א סך פילאָזאָפיע און ניט פערשטיין וואָס דיא זעעלע פון א מענשען קען ליידען...

ל ו אַ י ס: דערוויילע לאָז אָב מיין האנד! (רייסט אַרויס זיין האַנד) און הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען. וויא איך זעה, ווילט איהר פיהרען אייער מיהל מיט דער אַלטער סיסטעם. איך קען ניט בלייבען דאָ! איך וועל מוזען געהן צוריק נאָך דייטשלאַנד. גאָטס פערדאמטע, מיזעראבלע קרעמער! צום טייוועל! (אַ קלאַפּ מיט'ן טיער. אב.)

ב ע ר נ אַ ר ד: דער געדאַנק בערוהיגט זיך און דיא געפיהלע ווילען זיך ניט בערוהיגען. וואָס האָב איך געדאַרפט עפּיס טהון? דיא לעצטע צייט בין איך וויא א צודולטער. (פערדעקט זיין גע־זיכט און בלייבט זיצען. ב ע ר ט ה אַ קומט.)

ב ע ר ט ה אַ: (גיט אויף איהם אַ קוק און מאַכט זיך פרייולאך) עי, בערנארד, וואָס האָט איהר זיך אזוי פערקרימט? צעהנווייטאָג?

ב ע ר נ אַ ר ד: ניין, עפּיס אזוי... איך האָב זיך נאָר פער־טראַכט...

ב ע ר ט ה אַ: איהר פערטראַכט זיך צו אָפט, דאָס איז ניט גוט. אז מע זינגט איין מאָל יום כפור כל נדרי, איז דאָס א חכמה. אָבער סוכות כל נדרי, הושענא רבה כל נדרי, פורים כל נדרי? פע! ניט נאָר אידא'ן, נאָר זאָגאר איך וויים ניט וועמען, וואָלט עס נמאס געוואָרען...

ב ע ר נ אַ ר ד: (אונרוהיג) וואָס איז, בערטהא, אידא האָט זיך בעקלאָגט פיר אייך?

בערטהא: אידא? ניין! וואס ווייסט אידא? מע מעג זאגען, זיא איז נאך ניט מעהר וויא א קינד. אבער דאס איז ערגער, דיא אונצופריעדענהייט קען אויסוואקסען בא איהר אונבעוואוסטערהייד. מע דארף ווירקען אויף איהר צום גוטען, אז ניט, וועט מען ווירקען אויף איהר צום שלעכטען. וואס געהט איהר אום שטענדיג וויא מיט א פולען זאק מעהל אויף דיא פּלייצעס און ציהט ארויף אויף זיך דיא עלטער? איהר זייט נאך א יונגער מאן! איך פערשטעה, דיא צרות וואס איהר האט געליטען א מאל האבען אין אייך ערמארדעט יעדע לוסטיגקייט... פערגעסט אבער ניט, אידא איז אויסגעוואקסען וויא א פרייער ווילדער פויגעל אין וואלד. זייט א ביסעל לעבעדיגער, איהר פערשלאפענער יוד וואס איהר זייט! (קרימט איהם און זינגט) כל נדרי ,אי, אי, אי!

בערנארד (לאכט) אי, בערטהא, עס ווערט אזוי גרינג אויפ'ן הארצען, ווען איהר רעדט.

בערטהא: אך, יא! איך האב ערשט בעגעגענט דעם דייטש, ער איז זעהר בייז און זאגט: אויב מע וועט איהם ניט געבען קיין געלד אויף דער נייער פערבעסערונג, בלייבט ער ניט דא. איך ווייס ניט, אויב מע קען געפינען א צווייטען מילנער, וויא ער איז. ער מעג זיך איבערנעמען. און זיין נייער פּלאן איז אויך איין אויסגעצייכענטער.

בערנארד: הייסט עס, מע וועט איהם דארפען אססיגניערען דאס געלד?...

בערטהא: ניין! איך האב איהם געזאגט: מיר וועלען ניט אססיגנירען קיין געלד אויף דער פערבעסערונג און ער מעג פאהרען, אויב איהם געפעלט ניט.

בערנארד: פאר וואס? איהר זאגט דאך אליין, דאס געשעפט וועט ליידען... און...

בערטהא: גאנץ איינפאך, ער דארף דא ניט זיין מעהר.

בערנארד: ער דארף דא ניט זיין מעהר? (ערשראקען) בערטהא, איהר האט עטוואס בעמערקט?

בערטהא: (גאנץ רוהיג) עטוואס בעמערקט? וואס מיינט

איהר דאָס ? (זעצט זיך ביים קאַסטען און פּאַקט דיא איבריגע זאַכען) גאַנץ איינפאַך, ער איז אנטיפּאַטיש, ווייל איך בענוצען דיא געלעגענהייט און פּטור ווערען פון איהם. פּע! איך האָב פיינט דיא דייטשען, ווייל איך זיך אויך א מאָל ערלויבען א פערגניגען און חאַטש פון איין דייטש נקמה נעמען... יא, מע דארף איהם לאָזען לויפען.

בערנארד: ער איז דאָ דער איינציגער מענש וואָס געהט ניט אום מיט א שווערען זאַק אויף דיא פּלייצעס. אויב מיר וועלען איהם פאָרט שיקען, וועט אידא מיינען, מיר טהוען עס אונמיסטען אום זיא צו ערגערן. זיא וועט דענקען, איך האָב עס געטהון, ווייל... ווייל איך האָב עפּיס א פערבאָרגענעם צוועק. דאָס וועט זיא בייז מאַכען... דאָס וועט מיך מיאוס מאַכען אין איהרע אויגען. וואָס קוקט איהר אויף מיר אזוי?

בערטהא: איך קוק וויא נאררישׁ פערליעבטע מענער זיינען. גבורים, הא?!

בערנארד: אי, בערטהא, דיא ליעבע מאַכט אונז נאַרריש, רויבט אונזער פערשטאַנד, אונזער קראַפט. דער מלאך המות האָט זיא אויסגעטראַכט צו פערגיפטען אונז דאָס לעבען. (א גערויש.)

בערטהא: איך הער דער פּאַפּאַ קומט. געהט בעסער צו אידא'ן, דער פּאַפּאַ האָט אייך ניט ליעב.

בערנארד: און אידא האָט מיך ליעב? ווער אין דער וועלט האָט מיך ליעב? (סאָפיע פיהרט אַריין אשכנזי. זיין רעכטע האַנד און רעכטע פוס זיינען פּאַראַליזירט, ער שטעלט זיך אָב אין מיטען צימער און קוקט אויף בערנאַרד'ן.)

בערטהא: (שטיל) דער פּאַפּאַ האָט אייך ניט ליעב. געהט צו אידא'ן... זיא דארף ניט בלייבען אליין. פאָרט! פאָרט פון דאַנען! (שטויסט איהם ארויס; געהט צום פּאָטער.)

אשכנזי: (בייז) ההוץ!... ווערען געזונד — מוז ער פאָרט פון מיין הויז! פאָרט!

בערטהא: פּאַפּאַ, ווילסט עפּיס?

א ש כ נ ז י: זיצען דאָ... דאָ... ביים פענסטער. (בערטהא און סאָפיע זעצען איהם אויף אַ שטוהל ביים פענסטער.)

ב ע ר ט ה א: (נעמט זיין טאַשענטוך, ווישט אָב זיין שטערן און העלפט ער זאָל זיצען בעקוועם.) ווילסט עפּיס זאָגען, פאַפּאַ?

א ש כ נ ז י: יא! בערטהא, עסען! עסען דאָ! (שאמקעט מיט דיא ליפּען) בין הונגעריג, הונגעריג!

ב ע ר ט ה א: שוין פאַפּאַ, עס איז דאָ א בוליאָן פאר דיר. (ענדיגט אויף גיך דעם איינפּאַקען, מאַכט צו דעם קאַסטען און לויפט אב.)

א ש כ נ ז י: הויז! הויז! ער איז דאָ בעל הבית! (דיא זון הויבט אָן אונטערגעהן, רויטע שטראהלען אין פענסטער.)

ס אָ פ י ע: זאָל איך דיר לעזען א צייטונג?

א ש כ נ ז י: (נערוועז) ניין! דיא זון! מיינע אויגען! קען ניט... דיא זון! דיא זון!

ס אָ פ י ע: (לאָזט אראָפּ דיא סטארע פון פענסטער. זיא טהוט יעדע זאך מיט אַ טרויריגע אונטערטהעניגקייט) נו, אזוי איז גוט? לעג ארויף דיין קראַנקע האַנד אהער. (לעגט ארויף זיין האַנד אויפ'ן ארם פון שטול.) אַי, וועה איז מיר! (זעצט זיך אָן אַ זייט און זיפצט שווער.)

א ש כ נ ז י: וואו זייט איהר דאָרט? איך וויל ניט בלייבען אליין!

ס אָ פ י ע: ביזט ניט אליין. איך בין דאָ. (געהט צו איהם.)

א ש כ נ ז י: דו... איך וויל רויכערן, מאך מיר א פאַפּיראָס...

ס אָ פ י ע: (מאַכט אַ פאַפּיראָס, שטעקט עס אריין אין אַ פאַפּי־ראָסניק, גיט איהם אין מויל אריין.) דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, זאָלסט רויכערן וואָס וועניגער. (ער וויל אויפהויבען זיין האַנד, דיא האַנד פאַלט צוריק. זיא גיט איהם צו פעררויכערן.)

א ש כ נ ז י: יא, ניט רויכערן, ניט לעבען! אַללע ווילען איך זאָל שטאַרבען, וואָס גיכער. שעהן דאנקט איהר מיר אָב! א וועלטיל! יעדער... נאָר פאר זיך!

ס אָ פ י ע: שש! בערוהיג זיך. דיר איז שעדליך צו זיין

בייז. (פויזע. זיא געהט אום איבער'ן שטוב.) דאָס איז מיין לע־בען! מע קען זאָגען, דאָס איז דאָס לעבען פון א פרוי! צוגע־שמידעט צו דעם האַלב טויטען קערפּער מיט אַן אייזערנע קעטט. און דאָך וויל איך ניט דיא קעטט זאָל, חלילה, איבערגעבראָכען ווע־רען. וואוהין וועל איך זיך אהינטהון? איצט בין איך דאָך מאדאַם אשכנזי און מיין נינא האָט א היים. גאָטטעניו, זאָל זיך איהר טרעפען א שידוך. זיא פערשטייט ניט, וויא נויטיג עס איז פיר א פרוי חתונה האָבען און זיין געזיכערט אין לעבען.

א ש כ נ ז י: סאָפיע, סאָפיע! וואו ביזט דו דאָרט?

ס אָ פ י ע: דאָ בין איך, וואָס איז?

א ש כ נ ז י: מיר... דאָ... שטיקט אין האַלז. (וויל אויפהוי־בען זיין האַנד, זיא פאַלט צוריק.)

ס אָ פ י ע: באַלד. (מאַכט לויז זיין קאָלנער.) און דאָך, זינד ער איז קראַנק, זאָל מיך גאָטט ניט שטראָפען פאר דיא רייד, איז ער מיר ניט אזוי פרעמד און אזוי מיאוס וויא פריער.

א שכ נ ז י: סאָפיע, דיא זון ניטאָ שוין. (עס ווערט ביס־לאכווייז דונקעל.)

ס אָ פ י ע: (הערט ניט) פריער האָט ער געמיינט, ער האָט א רעכט צו פּייניגען מיין קערפּער, איצט דאַרף ער אַליין האָבען מיין הילפע און מיין רחמנות.

א ש כ נ ז י: סאָפיע, עפען פענסטער!

ס אָ פ י ע: (הערט ניט) איצט קען מיר קיינער ניט שטע־כען דיא אויגען מיט'ן שטיקעל ברויט וואָס איך עסס און מיט'ן פּלאַץ וואָס איך פערנעם דאָ.

א ש כ נ ז י: (וויל אַליין עפענען דאָס פענסטער און קען ניט, ווערט זעהר בייז) עפען... פענסטער! (וואַרפט זיין שטעקען.)

ס אָ פ י ע: (לויפט צו איהם) וואָס איז? דעם פענסטער? באַלד... שש! זיי ניט אויפגערעגט. גיעב א קוק וויא שעהן. (צייגט אין אָפענעם פענסטער) זעהסט, דיא זון פערגעהט ערשט און דיא לבנה איז שוין דאָ אויפ'ן הימעל.

א ש כ נ ז י: יא, איך בין נאָך ניט געשטאָרבען און מיינע יורשים זיינען שוין דאָ...

ס אָ פ י ע: אַ מענש קען ניט איבערמאַכען גאָטט'ס וועלט.

א ש כ נ ז י: יא, גאָטט'ס וועלט! עסען! הונגעריג! בערטהאַ, וואו איז זיא דאָרט? עס האָרט זיא רען? בערטהאַ!

ס אָ פ י ע: שוין, איך ברענג דיר באַלד דיין בוליאָן. (געהט)

דער דאָקטאָר זאָגט, ער דאַרף יעדע מינוט ערוואַרטען א צווייטען קלאַפּ און דעם טויט אויך און דאָך, וויא זאָגט מען, כל זמן שהנשמה בקרבו, ווילט זיך נאָך בוליאָן אויך. אַי! אַז מע איז נאָך א נגיד, קען מען נאָך אויספיהרען, אַז אָרעמאַן זאָל בעסער מיט אַזאַ אונגליק ניט געשטראָפט ווערען! (אב. עס ווערט דונקעל. פּויזע.)

א ש כ נ ז י: גאָטט, ווען וועל איך שוין געזונד ווערען? אַזוי לעבען איז ניט גוט און שטאַרבען וויל איך ניט... ניין! ניין! איך וויל לעבען! וויל לעבען! האַ? (ווייט הערט זיך דיא טרויריגע קירכען גלאָקע און דאָס טרויריגע געזאַנג פון פּראָלאָג. ער הערט זיך צו.) ווען איך בלייב אַליין אין דער פינסטער, ווייזט זיך מיר אויס, איך הער א טרויריגען געזאַנג און א גלאָקע... איך האָב עס אַזוי וויא געהערט שוין א מאָל לאַנג אין חלום... אפנים דאָס איז א סימן, אַז איך הויב אָן געזונד ווערען. (הערט זיך צו פריער אונרוהיג, נאָכדעם בלייבט ער זיצען שטיל. עס ווערט גאַנץ דונקעל. מיליע, נינא און טאַליע קומען. טאַליע אין זוממערדיגע קליידער.)

מ י ל י ע: זעה נאַר, קיין ליכט ברענט ניט און קיינער איז ניטאָ. איך האָב א שרעקליכען אפּעטיט... דאָס וועט בערטהאַ'ן פרייען. אָרעמער פּאַפּאַ, אַז ער האָט אַפּעטיט קרימט מען זיך און אַז איך האָב אַפּעטיט, איז דאָס א שמחה... קינדער, איהר האָט ניט מורא בלייבען דאָ אַליין? איך לויף זוכען בערטהאַ'ן. (לויפט אב. נינא זעצט זיך ביי דער פּיאַנאָ, טאַליע זעצט זיך פון דער ווייטען. ווען נינאַ זעצט זיך, פערטשעפּעט זיא אַ קלאַוויש. עס גיט אַ קלונג און הילכט לאַנג. פּויזע.)

נ י נ א: מיין האַרץ איז וויא צוזאַמענגעפּרעסט.

ט א ל י ע: מיין האַרץ אויך. פון וואַנען קומט עס?

נ י נ א: עס קומט פון איין הארץ צום אנדערן. (זיפצט) הייסט עס, מארגען פאהרט איהר טאקי אוועק פון אונז?

ט א ל י ע: יא, נינא, מארגען גאנץ פריה. מארגען וועט איהר מיך שוין ניט זעהען. איהר וועט נאך שלאפען, ווען איך וועל פאהרען צום האפבאן. אללע וועלען שלאפען, נאר בערטהא ניט, זיא געוויס ניט.

נ י נ א: איך וועל אויך ניט שלאפען. איך מיין, איך וועל זיך היינט גאר ניט לעגען שלאפען.

ט א ל י א: (שטיל) איך אויך ניט. (פויזע.) נינא, וואס וועט איהר טהון א גאנצע נאכט?

נ י נ א: איך וועל זיצען ביים פענסטער און קוקען ביז עס וועט ווערען טאג.

ט א ל י ע: אויב איהר ווילט, קומט שפעטער אין גארטען, וועלען מיר ביידע שפאצירען און רעדען ביז טאג. וועט איהר קומען, נינא? (אשכנזי הויבט אויף זיין קאפ און הערט זיך צו.)

נ י נ א: יא, איך וועל קומען. דיא לבנה וועט אויפגעהן און מיר ביידע וועלען רעדען ביז עס וועט ווערען טאג. ווען עס איז פינסטער, האב איך מורא אין גארטען פיר דיא שאטענס.

ט א ל י ע: אז איך וועל זיין מיט אייך, דארפט איהר ניט מורא האבען! נינא, פריער האבען מיר געשוויגען און איצט איז דא אזוי פיעל צו רעדען, אז עס איז אונמעגליך אללעס צו זאגען.

נ י נ א: דאס הארץ ערציילט, זאגאר ווען מע זאגט ניט.

ט א ל י ע: נינא, וועט איהר ניט פערגעסען אויף מיר, ווען איך וועל אוועקפאהרען?

נ י נ א: (טרערען אין דער שטימע) און איהר טאליע, וועט איהר חאטש א ביסעלע בענקען נאך מיר?

ט א ל י ע: אי! איך זאל זיך ניט שעהמען, וואלט איך איצט געוויינט.

נ י נ א: איא, עס ווילט זיך וויינען און עס איז גוט.

ט א ל י ע: יא, עס איז גוט און עס ווילט זיך וויינען. נינא, שפיעלט מיר עטוואס.

נ י נ א (בויגט זיך צו דער פיאנא, וויינט א ביסעלע, ווישט אָב דיא טרערען און שפּיעלט גריעג'ס סועטטע פון פּעער גינט. דיא לבנה געהט אויף.)

ט א ל י ע: ווען איך האָב איין דערזעהען צום ערשטען מאָל, האָב איך באַלד געוואוסט... נינא, איהר ווייסט, וואָס איך מיין...

נ י נ א: יא, איך ווייס. טאַליע, איך האָב אויך באַלד דער־פיהלט.

ט א ל י ע: פאר וואָס איז דאָס?

נ י נ א: איך ווייס ניט. דאָס הארץ האָט באַלד געגעבען א ציטטער.

ט א ל י ע: און דאָך זייט איהר אַזוי לאַנג געווען וויא ברוגז אויף מיר.

נ י נ א: אך! איך בין ניט געווען ברוגז. ווען איהר זאָלט דאַן קראַנק ווערען אָדער, חלילה, שטאַרבען, וואָלט איך אויך גע־שטאָרבען. אָבער זאָגען אייך האָב איך ניט געקענט. איך האָב פאר אייך מורא געהאַט.

ט א ל י ע: איך האָב פאר אייך אויך מורא געהאַט. נינא, איך האָב איצט אויך מורא פאר דיר.

נ י נ א: איצט האָב איך פאר דיר קיין מורא ניט, טאַליע. איך ווייס, איך בין דיינע. יא, איך בין דיינע! דו פיהלסט עס אויך און דו ווייסט עס. זאָגט דיר דיין הארץ דאָס ניט?

ט א ל י ע: ניט נאָר מיין הארץ, דיא שטראַהלענדע לבנה זאָגט עס מיר, דיא שעהנע נאַכט ערציילט עס מיר, דיא ליכטיגע שטערן זינגען עס מיר. דו הערסט? (אַ נאַכטיגאַל זינגט אין גאָר־טען) נינא, דו הערסט?

נ י נ א: אז איך הער וויא דו רעדסט צו מיר, הער איך אַלעס. וואָס איז דאָס, טאַליע, דו הערסט ניט? מיר ווייזט זיך אויס, איך הער פיעלע לוסטיגע שטיממען און א פריילִיכען געזאַנג. (כ אָ ר: דיא האָפנונגען און טרוימערייען, וויא אין פּראָלאָג, זינגט גאַנץ פּיאַנאָ.)

ט א ל י ע: אין אונז זינגען דאָס דיא פריילִיכע שטיממען, אין אונז זינגט דיא גאַנצע וועלט, אין אונז זינגען דיא זיסע האָפ־נונגען און דיא שעהנע טרוימערייען! נינא! איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך ליעב! איך מיין, אז מע האָט אזוי שטארק ליעב, קען מען שטארבען!

א ש כ נ ז י: (פאַלט צום פענסטער מיט א לויטען און ביטערן געוויין) אָה, דאָס לעבען! דאָס לעבען! (נינא גיט אַ קלאַפּ איבער דיא קלאַווישען און שפּיעלט פאַרטאָ דיא זעלבע סועטטע. אַ לאַנגע פּויזע. בערטהאַ ערשיינט אין טיער מיט א ברענענדע לאָמפּ, לעבען איהר מיליע מיט אַ'ן עפּעל, וועלכען זיא עסט מיט אַפּעטיט. עס ווערט ליכטיג. סאַפּיע קומט מיט בוליאָן, שטעלט עס לעבען אשכנזי'ן און בעטראַכט איהם ערשטוינט.)

ב ע ר ט ה א: (קוקט אויף טאַליען און נינאָן. גאַנץ שטיל) אָה, היילִיגע, מעכטיגע ליעבע!

ס אָ פּ י ע: (קיינער הערט זיא ניט) ער איז טויט! (אידא, בערנאַרד און לואיס ערשיינען אין פענסטער).

א י ד א: (שרייט אין פענסטער מיט פרייד און פערצווייפלונג) בערטהאַ, ער פאַרט ניט! בערנאַרד לאָזט איהם ניט! מיין בערנאַרד וועט איהם ניט לאָזען! (ביידע מעננער לאַכען גוטמוטהיג. נינאַ שפּיעלט נאָך מעהר פאַרטאָ.)

(פֿאָרהאַנג)

פיערטער אקט.

(דאָס זעלבע ציממער, אָבער גאַנץ אַנדערע מעבעל, וויא אין א רוסישער „גאָסטינגאיא“. שלאמע הוץ זיצט ברייטלאך אויף אַ קרעסלא. בערנאַרד געהט אום מיט אַ צייטונג אין האַנד. עס איז אַ זוממער־טאָג. דאָס פענסטער איז אָפען. אויף איינעם פון דיא טישען שטעהט אַ גראפין מיט וואסער און א גלאָז.)

בערנאַרד: יא! יעדען טאָג לעזט מען אין דיא צייטונגען: א מאן האָט זיך ערמאָרדעט, א מאן האָט ערמאָרדעט זיין פרוי, א מאן האָט ערמאָרדעט זיין קינד, זיין פרוי׳ס ליעבהאָבער...

שלאמע: נו, בכן איז באשר איז וואָס?

בערנאַרד: גאָר ניט... איך זאָג נאָר, דער טויט שרעקט היינטיגע צייטען קיינעם ניט.

שלאמע: שרעק זיך יא, שרעק זיך ניט, עס קען עפּיס העלפען? אַז אויבען זאָגט מען שטאַרב, וועסט דו שטאַרבען, זאָלסט אפילו איינגעמען א מיתה משונה, און אַז מע זאָגט דאָרט לעב, וועסט דו לעבען, זאָלסט איפלו קרעפּירען דאָ אויפ׳ן פּלאַץ. אַלץ דאָרטען!...

בערנאַרד: איך מיין, דו ביזט גערעכט, ניט דיא גע־לערענטע. עס מוז זיין אויבען א האַנד, וואָס פיהרט צום גליק אָדער אונגליק, א האַנד, וואָס בעשטראָפט אונז דערפאר, וואָס מיר האָבען וועמען געטהון אונרעכט... אי! (זיפצט.)

שלאמע: יא, עס איז דאָ א פינגער וואָס פינגערט. איז בכן איז באשר איז וואָס דארפסט דו זיך זאָרגען? דו האָסט, חלילה, קיינעם קיין אונרעכט ניט געטהון.

בערנאַרד: איך? ווער ווייסט... איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, וויא אזוי, למשל, קען בערנארד זילבערמאַן יא בעגעהן זעלבסטמאָרד, אויב דאָרטען איז פערשריעבען „ניין“?

ש ל י אָ מ ע: וואָס איז דאָס פאר א משל? ביזט משוגע צו חסר דעה?

ב ע ר נ א ר ד: שטעל זיך פאָר, איך האָב מיך בעשלאָסען?

ש ל י א מ ע: אי, הער אויף מיט דיא שניידערשע חכמות!

ב ע ר נ א ר ד: וואָס־זשע דו האָסט מורא, ווערסט ניט האָבען צו וועמען קומען מיטוואָך נאָך דיין וואָכען־געהאלט? איך וועל דיר און ז'ער מאַמען איבערלאָזען אין מיין צוואה האלב פון מיין פערמעגען.

ש ל י אָ מ ע: גולם, בערעכען נאָר, וואָס רעדסט דו דאָס? אז דו לעבסט און ביזט געזונד, ביזט דו ניט קראַנק צו געבען און איך בין ניט קראַנק צו נעמען. דערויף ביזט דו מיר א זוהן... וואָס דען? !... אָבער שטאַרבסט דו, חלילה, וואָס דאַרף איך דיין פערמע־גען, דיין מיטוואָך, דיין צואה, דיא גאַנצע וועלט? פערד, מיט דיר שטאַרבט דאָך בא אונז אָב אללעם אין'ם לעבען. איידער דו, ווע־לען מיר זיך ביידע מיט דיין אַלטע מאַמע בעסער לעגען אין קבר. וואָס וועט אונז טויגען דער מיטוואָך, אז מיר וועלען ניט האָבען קיין שבת אין אונזער לעבען?...

ב ע ר נ א ר ד: איך פרעג עס נאָר אזוי, ווייל איך וויל זאָלסט מיר ערקלערען... צום ביישפיעל, דו רעדסט אָפט פון דעם אונבעקאַנטען. ווער איז דער אונבעקאַנטער?

ש ל י אָ מ ע: חכם, מע זאָל וויסען ווער דער אונבעקאַנטער איז, וואָלט ער ניט געוועזן קיין אונבעקאַנטער... מיר ווייסען נאָר ניט, אַלץ דאָרטען! וויא איך בין דערגאַנגען מיט מיין שכל, איז דאָס אזוי: דער אונבעקאַנטער קומט פריער אין'ם בלוט, פון דאָרטען געהט ער אין מח, פון דאָרטען פאָהרט ער אריין אין דער־נשמה... און אז דיא נשמה וויל ניט בלייבען אין גוף, איז פערפאַ־לען — מע מוז זיך אָבפּעקלען. דו פרעג מיך, שליאמע הוץ ווייסט דיא אַלע דאָזיגע זאַכען. (אַ דיענער ערשיינט ביים פענסטער.)

ד י ע נ ע ר: הערר זילבערמאַן, מע דאַרף אייך אין קאָנ־טאָר. (אב.)

ב ע ר נ א ר ד: (זיפצט) איך דאַרף זעהר נויטיג דיא קאָנ־

טאָר מיט דיא אללע געשעפטען! (געהט) פאפא, איך קום באלד, איך וויל נאָך הערען פון דיר וועגען דיא דאָזיגע זאכען. (אב.)

ש ל י אָ מ ע: עהע! בערנארד הויבט אָן האלטען פון מיר מעהר וויא פון דיא געלערנטע. מיין שרה הינדע זאָל דאָ זיין, וואָלט איך שוין דערפאר אליין געמעגט איהר אָנשפייען א פוללען פנים. האָסט געשטונדירט בכן איז באשר איז וואָס? זאָל מיר דער געלערנטער ערקלערען, למשל, אזא קלייניגקייט: פאר וואָס האָט מיין שנור דוקא געבוירען א מיידעל און ניט א יונגעל? איך האָב געוואָלט א יונגעל, ווייל זינד דער מחותן ע"ה איז געשטאָרבען, בין איך דער גרעסטער מיוחס אין דער משפחה און וואָלט אודאי געווען סנדק אויפ'ן ברית-מילה. מיין בערנארד האָט געוואָלט א יונגע', ווייל, וויא זאָגט מען עס, א יונגעל איז דאָך ניט קיין מיידעל. אללע ווייבער פון דער משפחה האָבען געוואָלט א יונגעל, ווייל בא די ווייבער איז גלאָט א יונגעל א גרעסערע מציאה. דיא געשטודירטע מעקישמארקע האָט געשוואָירען, אז זיא זעהט שוין בעשיינפארלאָך א יונגעל, דער געלערנטער דאָקטאָר האָט געזאָגט, ער האָט שוין אָנ־געטאפט א יונגעל מיט אללע סמנים. צום סוף וואָס? א מיידעל! פאר וואָס א מיידעל? ווייל אויבען האָט מען אנגעצייכענט א מיי־דעל... חע! חע! וואָס דען? עס נעמט זיך פון זיך אליין? (סאָפּיע קוממט, זיא איז זעהר אויפגעלעגט. ער נעמט אראָפּ זיין הימעל, בייגט זיך) אָה, מאדאם, האבע דיא עהרע. מיין קאָמפלימענט, רעקאָ־מענדאציע, אססיגנאציע, וויא געהט עס?

ס אָ פ י ע: קאָמפלימענט, רעקאָמענדאציע, אססיגנאציע? חאָ! חאָ! מע זעהט, איהר זייט א מאָל געווען א זשענסקער... קאַ־וואליר... פאר וואָס זעהט מען אייך אזוי זעלטען?

ש ל י א מ ע: צו מיין אלטער דארף מען אויסבייטלען אללע חלומות. אז איך געה אהער נעמט זיא דער רוח. נו, אז איך געה בכן איז באשר איז וואָס? אפשר איז דאָס נאָר סינטאפּ... סימפּ־נאטיע...

ס אָ פ י ע: איהר מיינט געוויס סימפּאטיע.

ש ל י א מ ע: אימשטיינס געזאָגט, אין מיינע יאָהרען, וואָס

קען זיין דיא סכנה? ווער, דאכט זיך, דארף נאָך אזוי וויסען וויא זיא? נאָר געה טענה מיט איין אידענע. זיא זאָגט, אז ווען א מאַנז־ ביל ליגט שוין אפילו אויף דרערד מיט דיא פיס צום טיער אן אָב־ געהויבענער, טאָר מען איהם אויך ניט לאָזען אליין מיט א שעהנע אלמנה. אי, ניט אומזיסט זאָגט דער חכם אין סידור: ברוך אתה, זאָגט ער, שלא עשני אשה...

ס אָ פ י ע: דער חכם פון סידור לאכט פון אונז, שליאמע הויז לאכט, אללע לאכען און מיר וויינען...

ש ל י א מ ע: פון דעסטוועגען בין איך געוועזן א פּאָאר מאָל און האָב אייך ניט געטראָפען.

ס אָ פ י ע: זינד בערטהא האָט פערנומען דעם פּאָטער׳ס צימערן אויבען און אידא׳ס וואָהנונג איז דאָ, קום איך אהער זעל־ טען. (שרה הינדע עפענט שטיל דיא טהיר.)

ש ר ה ה י נ ד ע: זעהסט, פונקט וויא איך וואָלט געוועזן דערביי! (קוקט בייז אויףביידען) טאָמער וואָלסט דו נעגאַנגען א היים, תכשיט מיינער? (זיא רעדט דיא גאַנצע צייט האַלב לויט.)

ס אָ פ י ע: שרה הינדע, איהר ווילט גאָר ניט אריינגעהן זי־ צען א ווייל?

ש ר ה ה י נ ד ע: איך דאַנק אייך. איך בין איהם געקו־ מען נעמען אהיים. (שטיל) אלטער שטורמאַק, מיט דיר שפּיעלט זיך דער מלאך המות, און דו שפּילסט זיך נאָך מיט׳ן יצר הרע, הא!

ש ל י א מ ע: שש! פאָלג מיך, געה אהיים. איך וועל באלד קומען. בערנארד דארף מיך נויטיג.

ש ר ה ה י נ ד ע: (טרערען שטיקען זיא) ווילסט ירשנ׳ן אשכנזי׳ן? א מכה! דו לעג מיך פריער אריין אין דער ערד, בע־ גראָב מיך, נאָכדעם מעגסט דו זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואנד...

ש ל י א מ ע: דיא ווייבער! אַן אונגליקליכע נאַציע, הא? מאדאם, איהר וועט מוחל זיין, זאָגען בערנארד׳ן, איך קום באלד צוריק.

ש ר ה ה י נ ד ע: איך וועל דיך באלד לאָזען, וויא לאַנג פּרענקסט דו! עס ציהט דיך אהער וויא א מאַגנעט... הא?

ש ל י א מ ע: קום אהיים! אלטער נארר, האסט זיך שפעט געכאפט. א מאל האב איך געבעטען דעם רבש"ע רחמים ער זאל מיר העלפען פון דיר פטור ווערען. איצט איז שוין פער־פאלען. ווען א מענש טראגט פערציג יאהר א גוליע אויפ'ן האלז און אקען, וועט ער פאר דער מיתה ניט געהן דיא גוליע אבשניידען... איך וועל שוין מיט דער גוליע צוזאמען געהן אין דרערד אריין. אז אויבען זאגט מען: האלט זיך מיט דער גוליע, האלט מען זיך!... מיין קאמפלימענט, מאדאם, אדיו, צום ווידערזעהען.

ש ר ה ה י נ ד ע: וויא ער ווייס דאס דיא אללע שטוקעס, דער אלטער זשלאב! (ביידע אב.)

ס א פ י ע: עס איז צו לאכען און צו וויינען... דאנקען גאטט, איך וועל דא לאנג ניט פערבלייבען. האט א פרוי וועניג אמת'ע צרות מיט שלעק? ניין! זיא טראכט זיך נאך אויס נייע. אי! ווער קען בערעכענען דיא צרות פון א פרוי? איז זיא צו יונג, האט זיא צרות. צו אלט? — צרות. פון שענהייט צרות, פון העס־ליכקייט צרות. שמערצען און צרות פון טראגען, פון האבען, פון ערציהען קינדער. צרות פונ'ם מאן, פון פאמיליען־פערהעלטניסע פון קליינליכע שטוב זאכען, פון דיא קינדערס אויפפיהרונג, פון'ם מאן'ס שלעכטע געשעפטען, פון זיינע קראנקהייטען, פון דיא קינ־דערס קראנקהייטען. היינט דיא אללע צרות און סכנות נפשות פון דיא שרעקליכע פרויען־קראנקהייטען? און דאך, לעבען נאר פאר־זיך אליין וויל קיין פרוי ניט. טאקי וואס איז פאר א לעבען, אז מע האט ניט צוליעב וועמען צו לעבען און ליידען צרות? (זיא נעמט פון איהר טאשע א בריעף און לעזט. בערטהא קוממט.)

ב ע ר ט ה א: איהר זיצט דא אליין גאר? און וואו איז דאס אידא?

ס א פ י ע: איך האב געזעהען, זיא איז געאנגען מיט'ן קינד און מיט דער ניאניע שפאצירען.

ב ע ר ט ה א: איך בענק נאכ'ן קינד... אידא'ס קינד און מע רופט עס רעבעקא, נאך מיין גאטטזעליגע מוטער, האב איך דאס ליעב און דיא הויפטזאכע איך האב דאס ליעב, ווייל דאס קינד איז

א קינד. פון וועמען האָט איהר דאָס ערהאַלטען א בריעף, אויב איך מעג פרעגען? (זיא רוימט און ברענגט אַללעס אין א בעסערע אָרדנונג.)

ס אָ פ י ע: וועגען דעם בריעף האָב איך געוואָלט מיט אייך זיך מישב זיין... מיר, ווייבער, זיינען צוגעוואָוינט אַנדערע זאָלען פאַר אונז דענקען און זאָרגען, קען איך זיך אליין קיין עצה געבען בערטהאַ, איך וויל אוועקפאָהרען פון דאַנען.

ב ע ר ט ה א: זאָ לאַנג איהר לעבט, איז אונזער הויז דער היים פון שמואל אשכנזי'ס אלמנה. זייט איהר, חלילה, אונצופריע־דען מיט אונזער בעהאַנדלונג?

ס אָ פ י ע: חלילה, נאָר איך מוז פאָהרען...

ב ע ר ט ה א: אויב איהר מוזט, זאָג איך אייך, דער פאַפּאַ האָט טאַקי פערגעסען אויף אייך אין זיין צואה. איך וועל אָבער ניט פערגעסען. מוזט איהר ווירקליך פאָהרען?

ס אָ פ י ע: איך וועל הערען וואָס איהר וועט זאָ־גען. איהר האָט א קאָפּ כמעט וויא א מאַנסביל, איהר לערנט מיך און נינא'ן שטענדיג צו גוטען. נעמט, למשל, ווי איך פלעג א מאָל האַלטען פון דער מאָדע. און איצט גאָר ניט.

ב ע ר ט ה א: חע! חע! מע מיינט, איך האַלט ניט פון דער מאָדע, ווייל איך האָב א הויקער. פערקערט, א גוטע מאָדיסטין האָט געוואָלט מיט א מאָדנעם קלייד אראָפּגנב'ענען ביי מיר א האַלבען האָרב... א האַלבען האָרב? פיר א מילליאָן ניט! דיא מאָדע איז גע־שאַפען געוואָרען, מע זאָל קענען אראָפּגנב'ענען, וואָס עס איז איב־ריג און אריינ'גנב'ען וואָס עס פעהלט. מע וויל געפעלען אָהן ליעבע, מאַכט מען זיך שעהן אָהן דער הילפע פון דער נאַטור.... אמת'ע ליעבע דאַרף ניט קיין מאָדע! אבער וואָס איז אייך פּלוצ־לינג איינגעפאַלען?

ס אָ פ י ע: איך ווייס, איך בין דאָ קיינעם ניט איבריג אין שטוב, אָבער דאַרפען דאַרף מיך קיינער ניט. אפילו מיין נינא דאַרף מיך ניט. בערטהאַ, ע... (פערשעמט) צום דריטען מאָל חתונה האָבען, איז זעהר ניט שעהן? איך האָב א שוועסטער־קינד

אין ניקאלאיעוו. ער האָט מיך ליעב געהאַט, ווען איך בין געוועזן א מיידעל, ער שטארבט פשוט נאָך מיר, ער שרייבט מיר בריעף... איך בין נאָך ניט אלט און... אז דאָ דארף מען מיך ניט...

ב ע ר ט ה א : דיא וואהרהייט געזאָגט, איך מיין, א פרוי דארף ניט חתונה האָבען אזוי פיעל מאָל. דאָס ערניעדריגט אין דער פרוי דעם מענשען. און אויסער דעם, איהר וועט אייך מוזען שיידען מיט אייער קינד... נינא בלייבט אונזערע. טאליע וועט זיא ניט לאָזען פאָהרען.

ס אָ פ י ע : (ערפרייט) טאָקי ? אי, דאנקען גאָטט ! און איך וויים גאָר ניט. דאָס הייסט ?... אָי, געזונד זאָל זיא זיין ! הערסט א גנב ? און איך האָב געמיינט, זיא האָט קיין שכל ניט...

ב ע ר ט ה א : א יאָ דאָס פרייט אייך ? פאר וואָס זשע זאָלט איהר נאָך א מאָל בעליידיגען אין איהר דיא געפיהלע פון א קינד ? מאכען ביליג ביי א יונגע אונשולדיגע פרוי דעם ריינעם אידעאל פון ליעבע ? נאָך וואָס דארפט איהר דאָס ? איהר זאָרגט אייך, איהר האָט איצט קיין צרות ? ווארט א ביסעלע. באלד וועלען קומען קליינינקע זיסע ברואימלאך. דיא באבע וועט דארפען אכט געבען און העלפען דער יונגער מוטער. דיא באבע וועט דארפען זיצען גאנצע נעכט, דיא מאָזעלעך וועלען בייסען, דיא ציינדעלאך וועלען זיך שניידען. זייט רוהיג, איהר וועט האָבען צרות גענוג. (סאָפיע האָט דיא גאנצע צייט צופריעדען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פלוצלינג שטעהט זיא אויף און געהט.) וואוהין געהט איהר ?

ס אָ פ י ע : איך געה איהם שרייבען, ער זאָל מיר אויפהערע'ן דולען דעם קאָפּ מיט נארישקייטען ! (ראש אב.)

ב ע ר ט ה א : (עפענט אַ'ן אינערע טהיר און קוקט אריין.) דאָס איז זייער שלאָף צימער. דעם קינד'ס בעטעלע... אי ! וויא טייער ! שטיל דאָרט און אין דער שטילהייט איז פערבאָרגען א טיעפע דראמע, וועלכע וועט, חלילה, אויסברעכען אין א שרעקליכע קאטאסטראָפע... שש ! מע געהט ! (שפרינגט אָב פון טיער. בערנאַרד קומט.)

ב ע ר נ אַ ר ד : איהר זייט דאָ, בערטהא ? וואו איז מיין

פּאַטער? שאדע. מיר האָבען מיט איהם ניט נעענדיגט איין אינ־טערעסאַנטען געשפּרעך וועגען דעם אונבעקאַנטען, השגחה, דאָזיגע זאַכען און זעלבסטמאָרד.

בֶ ע ר ט ה א: זעלבסטמאָרד! פרעגט מיך וועגען זעלבסט־מאָרד וועל איך אייך זאָגען: א פיינלינג שרעקט זיך פיר שלעכטע אומשטענדע, א בראַוועד מענש קעמפּפט. א נארר מיינט, אז ער שטאַרבט, ענדיגט זיך דאָס לעבען. א קלוגער ווייסט, אז מען פער־לעשט א גראָשענע ליכטעל, ווערט דיא זון ניט פינסטער. א שלעכ־טער וויל זיך א טובה טהון מיט אזא חכמה וויא זעלבסטמאָרד. אַן עהרליכער מענש דענקט פון דער רעה, פון דיא טרערען און שמער־צען וואָס פיעלע אנדערע וועלען האָבען!

ב ע ר נ א ר ד: ווען איך הער אייערע רוהיגע קלוגע רייד, דענק איך, וויא גוט עס איז, וואָס איהר האָט ניט געליטען פון מיין לייכטזיננינגע האַנדלונג, וואָס אייך האָט עס ניט געהאַרט. אם ווע־נינגסטען וויים איך, איך האָב געהאַנדעלט שלעכט און לייד אַליין דערפאַר. (פערדעקט דעם געזיכט מיט זיינע הענד.) בערטהא, איך לייד זעהר שווער. (פויזע.)

ב ע ר ט ה א: (שטיל) אָה! ווען איך זעה, וויא ער ליידעט, דאַרף איך אָנווענדען אַללע מיינע קרעפטע, איך זאָל ניט צוגעהן צו'ן איהם, ניט צודריקען איהם צו מיין בלוטיגעם האַרץ און ניט בעגיסען זיין אָרימען קאָפּ מיט מיינע ביטערע טרערען. (זיא געהט שטיל צום טיער. מע זעהט וויא איהר גאַנצער קערפּער וואַרפט זיך פון א פערשטיקטען היסטערישען געוויין. ביי דער טהיר רייסט זיך ביי איהר אונוויליג ארויס) אָה, בערנאַרד!

ב ע ר נ א ר ד: (ערוואַכט וויא פון שלאָף) הא? איהר זאָגט מיר עפּיס?

ב ע ר ט ה א: (מיט'ן געזיכט צום טיער) איך זאָג: איך געה אין קאָנטאָר שרייבען איין ענטפער אין קאממערטשעסקי באַנק. (אב.)

ב ע ר נ א ר ד: (פאָלגט זיא מיט זיינע בליקען. נאכדעם געהט ער און עפענט דיא טהיר פון שלאָפצימער) לעבר דאָ וויא אין מיין

זעעלע... אידא איז אזוי לאנג שוין אוועקגעגאנגען שפאציערען א ביסעל אהין, אראפ צום מיהל... שפאצירען? הם! זיא איז בא איהם! נאך וואס נעמט זיא נאך דאס קינד מיט? דאס קינד זאל זיין א מאסקע, אדער אפשר איז דאס קינד...

מ י ל י ע (שרייט פון דרויסען) נינא! נינא! (לויפט אריין) ניטא דא נינא? וואו איז זיא דאס? (וויל לויפען צוריק.)

ב ע ר נ א ר ד: מיליטשקע, קום אהער, איך האב מיט דיך אזוי לאנג ניט גערעדט.

מ י ל י ע: וואס ווילט איהר מיר זאגען? גיכער, איך האב קיין צייט ניט. (געהט צו איהם.)

ב ע ר נ א ר ד: (נעמט זיא אויף דיא קניע) א מאל זיינען מיר געווען גוטע פריינד.

מ י ל י ע: (שפרינגט אראפ פון זיינע קניע) מאלע וואס עס איז א מאל געווען, שוין לאנג, לאנג, פערצייטען...

ב ע ר נ א ר ד: (כאפט איהר הענטעל) איצט זיינען מיר ניט קיין גוטע פריינד מעהר?

מ י ל י ע: ניין! איך האב אייך ניט ליעב.

ב ע ר נ א ר ד: דו אויך ניט? מיליטשקע, פאר וואס זאלסט דו נאך זיין שלעכט צו מיר?

מ י ל י ע: ווייל... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך זאגען אין גאנצען.

ב ע ר נ א ר ד: יא, יא, מיליטשקע, זאג מיר אין גאנצען.

מ י ל י ע: ווייל... איהר זייט א שלעכטער, ווייל בערטהא האט זעהר פיעל געוויינט איבער אייך. (ער בלייבט ערשטוינט.) איך געדענק, עס איז געווען דעם זומער ביי נאכט, ווען נינא איז צו אונז געקומען, איז בערטהא זעהר שפעט געקומען שלאפען, זיא האט מיך געפרעגט: מיליע, דו שלאפסט? און האט מיך געקושט און דער־ציילט אללעס און געוויינט פון פרייד און געלאכט. נאכדעם, ווען איהר זייט אוועקגעפאהרען אין דעם לאנד, וויא אזוי רופט מען דעם לאנד? אין'ם אויסען לאנד, פלעגט זיא אלע נאכט רעדען מיט מיר און פרעגען: וויא מיין איך, פאר וואס שרייבט איהר וועניג און

צו מאָרגען וועט זיין פון אייך א בריעף? און אז איהר זייט געקוי־מען, איז זיא געוועזן אזוי פריילאך און האָט אונז אלעמען געמאכט בלומען. (פויזע.) אָי! נאכדעם פלעגט זיא אלע נאכט קומען און פלעגט זאָגען: מיליע, דו שלאָפסט ניט? קום צו מיר, איך האָב ניט פאר וועמען אויסצו־וויינען מיין הארץ. (וויינט.) און זיא פלעגט מיך ארומנעמען שטארק און וויינען, און וויינען לאנג, לאנג, דיא קישען פלעגט נאס ווערען פון טרערען... אזוי אללע נאכט, אללע נאכט... און איך פלעג וויינען מיט איהר. (ער געהט צו דער טיער.) אָי, וואוהין געהט איהר? איהר ווילט דערציילען בערטהא'ן? זיא וועט זעהר בייז זיין אויף מיר.

ב ע ר נ א ר ד: ניין, קינד. איך וויל א ביסעל ארויסגעהן אויף דער פרישער לופט. (ראש אב.)

מ י ל י ע: מיר דאכט זיך, איך האָב זיך ארויסגעכאַפּט מיט א נאררישקייט. אויב בערטהא וועט זיך דערוויסען, בין איך פער־פאלען מיט דיא ביינער. (טאליע עפענט דיא טהיר.)

ט אָ ל י ע: נו, מיליע, האָסט זיא געפונען?

מ י ל י ע: ניין, טאליע, נינא איז ניטאָ.

ט א ל י ע: הערסט? היינט וואָס ביזט דו געבליעבען זי־צען דאָ?

מ י ל י ע: איך האָב זיך פעררעדט. דו ווייסט ניט, ווייבער האָבען לאנגע צונגען. (פלוצלינג מיט גרויס פרייד) אה! אָט געהט רעבעקא! (אידא קומט, אַ ניאַניע שעהן געקליידעט טראָגט אַ קינד אין אַ רייכען מאַנטעל. דיא ניאניע טראָגט דאָס קינד אין צווייטען צימער. מיליע טאַנצט און שרייט.) אידא, איך מעג זיך שפּיעלען מיט רע־בעקען? אי! האָו! זיא לאכט! זיא לאכט! (אב מיט דער ניאניע.)

א י ד א: (געוואָרען פיעל עלטער און סאָלידער, זיא נעמט אראָפּ איהר הוט געגען שפּיעגעל) נו, וואָס מאכסט דו, טאליע? אנשטאָט צו שטודירען אין אוניווערזיטעט, שפּאצירסט דו דאָ ארום, הא?

ט א ל י ע: (סארקאַסטיש) אויף וויפיעל איך געדענק, האָט זיך דיא פרינצעסין וועניג געזאָרגט פיר שטודירען.

א י ד א: טאליע, הלואי וואָלט איך מעהר געלערנט, וואָלט איך אפשר איצט געווען איין אנדער מענש. (זיפצט.)

ט א ל י ע: וויא קען איך שטודירען דאָרט, אז מע האָט מיר ארויסגעשיקט אהער?

א י ד א: א יונגער מאַן דאַרף לערנען און ניט מישען זיך אין פּאָליטישע זאכען.

ט א ל י ע: וואָס טויג דאָס לערנען, אז מע לאָזט דיך ניט לעבען וויא א מענש?

א י ד א: פאר וואָס האָבען לואיס קארשונסקי קיינע הינ־דערניסע ניט געשטערט צו לערנען און שטודירען?

ט א ל י ע: הערר קארשונסקי האָט שטודירט נאָר פון זיינ'ט וועגען. ער האָט פיעל געלערענט, ער זאָל ווערען דער העכערער מענש... איך וויל לערנען, אז קיין העכערע מענשען זאָל ניט זיין. אַללע דארפען גלייך זיין! עס איז אָהן אונז דאָ גענוג שטודירטע עגאָאיסטען, מיוחסים און אתה בחרתנו'ניקעס. (בייז אב.)

א י ד א: (נעמט פון טיש אַן אַלבום) זיי זיינען אַללע פיינד־ליך צו איהם, ווייל זיי קענען איהם ניט פערשטעהן. יא, ער איז העכער פון זיי... דאָס האָט מיר לואי אויסגעשריעבען פון א דייטשען בוך אין מיין אַלבום. (לעזט) „בעסער קיין זאך ניט וויסען, ווידער פיעלעס האלב וויסען. ליעבער א נארר זיין נאָכ'ן אייגענעם פערשטעהן, ווידער זיין א חכם מיט פרעמדען שכל. איך געה אויף א גרונד. וואָס הארט מיך, איז דאָס זומפּף אָדער הימעל?“ יא, עס איז עפּיס אזוי וויא א נביא רעדט צו דיר אין חלום. דער נביא רעדט איינפאך וויא א קינד און עס איז שווער צו פערשטיין. דו פיהלסט עס איז זיס און הייליג און ווייסט ניט וואָס דאָס איז. (דרויז קלעפּ אין טיער. זיא, ערשראָקען) ער! הערריין! (לואיס קומט, געקליידעט ניט אָלס מילנער, זיין געזיכט דריקט אויס ענטשלאָסענהייט) און איך בין געווען בא דיר מיט'ן קינד און האָב גע־וואָרט, געוואָרט... צו לאנג וואַרטען האָב איך מורא געהאָט. (שליאמע ערשיינט אין פענסטער.)

ל ו א י: איך מאך מיך פערטיג צום וועג. אידא, איך קען

ניט בייטען מיין בעשלוס. מאָרגען פאָהר איך צוריק נאָך דייטשלאַנד.

שליאמע: דו ווילסט פאָהרען בכן איז באשר איז וואָס? (ביידע דערשרעקען זיך) האר נאָר אוים, וואָס מע וועט זאָגען אוי־בען. ניטאָ בערנארד? (קוקט אַריין שטיל.) דיא מאדאם אויך ניטאָ. (פערשווינדעט.)

אידא: (קוקענדיג אין פענסטער) ער איז אוועק. וואָס זאָגסטו דאָס, לואים?

לואי: איך זאָג: איך קען דאָ ניט בלייבען מעהר! מאָר־גען פאָהר איך!

אידא: ווארום? ווארום זאָלסט דו דאָס טהון?

לואים: איך וואנדער דאָ ארום וויא א וואָלף צווישען שוואַכע שאָף. אַללע האססען און פעראַכטען מיך דאָ, שוואַכע האססען שטענדיג דעם שטאַרקערן. ע! דיא אַללע דאָזיגע אונ־טער־מענשען מיט זייער האַס און פעראַכטונג קיממערן מיך זעהר ווייניג. אידא, איך הויב אָן זיך אליין פעראַכטען. געגען זיך אליין האָב איך געלאָזט מע זאָל מיך ארומפלעכטען מיט א גאַנצע נעץ פון ליעגען און בעטרוג. דיא פרוי מאַכט אונז צום שוועכלינג און דיא ליעבע צווינגט אונז צו זיין ליגנער און פערברעכער. עס קען לענגער אזוי ניט דויערן. עס מוז נעמען אַן ענדע. איך פערלאָז דעם פלאַץ!

אידא: (מיט אַ ציטערנדע שטיממע) נו, און איך, לואי?

לואים: דו? ווילסט דו בלייבען דיא עהרענסווירדיגע מאדאם זילבערמאן, בלייב דאָ, בעשעפטיג זיך מיט פילאַנטראָפּי און הויזטוגענדען און וועסט נאָך ווערען אויף דער עלטער א גבאי'טע. ווילסט דו געהן מיט מיר? דאַרף מען איהם שוין אַללעס ערקלערען און מיר פאָהרען ביידע.

אידא: לואי, און וואָס וועל איך טהון דאָרט, אויב דו וועסט מיך אויפהערען ליעבען?

לואים: פאר וואָס פרעג איך דיך ניט: וואָס וועל איך טהון, אויב דו וועסט מיך אויפהערען צו ליעבען? ליעבע איז נאָר א שטיממונג. מע קען זיך ניט פערפליכטען מיט א קאָנטראַקט צו

ליעבען. מע ליעבט ביז עס ליעבט זיך. דו ווייסט, איך וועל דיך אין יעדען פאלל ניט פערשטויסען וויא א שורקע. נון, און ווע־גען דאס קינד וועל איך דאך געוויס זארגען מעהר וויא פיר זיך. יא! מע מוז צוגעבען, דיא אלטע פארמען פון לעבען זיינען אזוי שטארק, אז מע איז אפט געצוואונגען דעם אייגענעם „איך“ שטעלען אויפ'ן צווייטען פלאץ. דער איינציגער קען נאך ניט געהן מיט זיין איי־גענעם וועג.

א י ד א: לואי, איך פערשטיי ניט, וואס דו זאגסט! איך וויים נאר איין זאך, דו ווילסט אוועק! דו ווילסט מיך פערלאזען!

ל ו א י: ווילסט מיט מיר? קום מיט!

א י ד א: (פערצווייפעלט) ניין! דו ווילסט מיך פערלאזען! לואי, איך וועל דאס ניט איבערלעבען! (באפט זיינע ביידע הענד) זיי ניט בייז אויף מיר! זיי ניט שלעכט צו מיר! (בערנארד ער־שיינט אין פענסטער) בעסער טויטע מיך! (וויינט) בעסער ער־מארדע מיך! (לואי שטייט לאנג טיעף פערזונקען אין זיינע געדאנ־קען. ענדליך בעמערקט ער בערנארד'ן.)

ל ו א י ס: מאדאם, אייער הערר געמאהל זעהט וואס דא קומט פאר און וואונדערט זיך געוויס.

א י ד א: (ערשראקען) ער! אבער וואס קימערט ער מיך יעצט... לואי, איך וועל דא ניט בלייבען.

ב ע ר נ א ר ד: (סארקאסטיש) איהר האט א טעות, איך וואונדער זיך שוין לאנג ניט מעהר! און אויב איך זעה וואס דא קומט פאר, דארפט איהר מיך ענטשולדיגען, הערר אינזשענער. איהר האט מיר געראטהען, איך זאל נאר קוקען צווישען דיא פינגער... איהר זייט אבער אזוי וויים פערגאנגען, ווען איך זאל אפילו בלינד זיין, וואלט איך דאך געזעהען. ענטשולדיגט.

ל ו א י ס: (רוהיג) געפינסט דו ניט, עס וואלט געוועזען בע־קוועמער צו רעדען דערפון ניט פון יענער זייט פענסטער? (בער־נארד געהט ראש און קומט דורכ'ן טיער. לואיס פערמאכט דאס פענס־טער. וועהרענד דער צייט זאגט אידא מיט פערצווייפלונג.)

א י ד א: מיר איז איצט אַלץ איינס. איך געה מיט דיר, לואי. איך געה מיט דיר!

ב ע ר נ א ר ד: איך האָף, היינט ענדליך וועלען מיר עס מאַכען אין קורצען און אָהן פילאָזאָפיע!

ל ו א י ס: ערשטענס, מוזט דו זיך בערוהיגען. מיר האָבען צו רעדען פון א פראגע, וועלכע פאָרדערט איבערלעגענהייט און בע־זאָננענהייט. מיר זיינען אַללע דריי שוין ערוואקסענע מענשען און מיר דארפען זיך בעראַטהען אין א פריעדליכען וועג, וואָס מיר האָ־בען צו טהון.

ב ע ר נ א ר ד: איך האָף, היינט, ענדליך, וועלען מיר עס טהון. דיא ערשטע זאַך — דו בלייבסט דאָ ניט מעהר.

ל ו א י ס: זעהר קלוג, נאָר א ביסעל צו שפעט. מיינע זאַ־כען זיינען שוין געפּאַקט. דאָ האַנדעלט זיך אָבער ניט נאָר וועגען מיר און דיר, דאָ איז דאָ א דריטע פּערזאָן!

ב ע ר נ א ר ד: (בייז) עס איז ניט דיין זאַך צו זאָרגען פיר דער דריטע פּערזאָן!

ל ו א י ס: שש! נאָר ניט מיט כעס. עס איז ניט מיין און ניט דיין זאַך צו זאָרגען פיר דער דריטע פּערזאָן. זיא דארף זאָגען: געהט זיא מיט מיר, אָדער זיא בלייבט מיט דיר?

ב ע ר נ א ר ד: אזוי ווייט, הייסט עס, האַלט עס שוין?!..

א י ד א: (וויינענדיג) דו ביזט זעהר א גוטער, בערנארד. איך האָב קיין מאָל ניט פּערדיענט, זאָלסט מיך ליעב האָבען, וויא דו האָסט מיך געליעבט. גאָטט ווייסט, מיר טהוט זעהר וועה דאָס הארץ פאר דיר. איך קען זיך אבער ניט העלפען. געהט ער אוועק פון דאנען, מוז איך געהן מיט איהם.

ב ע ר נ א ר ד: מוזט? א מאָל האָסט דו געוויינט און גע־שוואָרען — מוזט זיין מיין פרוי!

א י ד א: וואָס האָב איך געוואוסט? איך האָב דיך ניט גע־נארט, בערנארד, איך האָב געמיינט ערנסט.

ב ע ר נ א ר ד: ביזט דו זיכער, אז דו מאַכסט איצט ניט א צווייטען, אָן ערגערן פעהלער?

א י ד א: ביזט זעהר א גוטער, בערנארד. איך ווייס עס. אָבער וואָס קען איך מיר העלפען?

ל ו א י ס: אידא, איהר בערעכענט גאַנץ גוט. איך פערשפּרעך אייך ניט קיין עווינע ליעבע, קיין פערגעבונג און זעלבסט־ענטזאגונג. זיס וועל איך געוויס ניט זיין צו אייך. וועט איהר פּערדיענען פון מיר געהאַסט צו ווערען, וועל איך אייך געוויס האַסען. איך וועל ניט מאַסקירען מיינע געפיהלע, וועל ניט שפּיעלען דיא ראָללע פון אַ גוטען און אויב איך וועל אויף אייך בייז ווערען, וועל איך אייך געוויס ברענען מיט מיין צאָרן.

א י ד א: (וויא אין שלאָף) יא, געראדע וויא דו ברענסט מיך מיט דיין ליידענשאַפט. בערנאַרד, איך קען ניט בלייבען דאָ אליין אָהן איהם, איך וועל מוזען געהן מיט איהם. (זיא וויינט.)

ב ע ר נ אַ ר ד: (וויל זיך מאַכען רוהיג) יא? טהו, וויא דו פערשטעהסט.

א י ד א: וועסט מיר אָבער מוזען געבען מיין קינד... איך וועל ניט קענען פאָהרען אָהן מיין קינד. (וויינט) אָה, מיין קינד, מיין ריבעניו!

ל ו א י ס: יעצט, אידא, וועט איהר זיין אזוי גוט און אונז פערלאָזען. מיר וועלען דאָ אַללעס בעשפּרעכען צווישען זיך. (פיהרט זיא אין איהר צימער, פערשפּאַרט דיא טיער. בערנאַרד לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול מיט אַ שווערען זיפץ.) אַלזאָ, פון וואָס וועלען מיר אָנפאַנגען?

ב ע ר נ אַ ר ד: העהר אינזשענער, פאַנגט אָן פון וואָס איהר ווילט. פאַנגט אָן פון זיך, וואָס איז דען אין דער וועלט אזוי וויכטיג וויא איהר אַליין? אָדער פאַנגט אָן פון אייער דאַנקבארקייט...

ל ו א י ס: (בייז) דאַנקבארקייט! האָסט א מאָל געהאַנדעלט אַלס אנשטענדיגער מענש, מיינסט דו אפשר, איך דאַרף דיר דערפאר זיין א קנעכט און פערשקלאַפען דיר מיין זעעלע?

ב ע ר נ א ר ד: (רוהיג) מיר האָבען אָבגעמאַכט, היינט זאָל עס געהן אָהן פילאָזאָפיע.

לואיס: דאָס איז ניט פילאָזאָפיע, דאָס זיינען מיינע הייליגע איבערציינונגען.

בערנארד: אַזוי? דיינע הייליגע איבערציינונגען זאָגען דו מעגסט גנב'ען פרעמדעס גליק, צוברעכען יענעמס פאַמיליע, אינירען מיין הויז, רויבען יענעמס פרוי און קינד, פערגיפטען צווייטענס לעבען, צונעמען אַללעס וואָס דיר געפעלט נור פאַר זיך, פיר דיין „איך", און מיינע איבערציינונגען, מיינסט דו, דאַרפען מיך צווינגען דאַנקען דיר דערפאַר און זאָגען: יישר כחם, הערר אינזשענער! פערנוצט עס געזונטערהייד און זאָל אייך וואויל בעקומען, האַ? שורקע, דיינע הייליגע איבערציינונגען האַלט פאַר זיך און מאַך דעם אַנדערן ניט אונגליקלאַך! מיינע איבערציינונגען זאָגען מיר, אַז איך מעג שפייען אויף דיינע איבערציינונגען! (גיט בלוצלינג אַ שפּיי לואיסען אין געזיכט. לואיס גיט איהם אַ שטאַרקען זעץ, פון וועלכען ער פאַלט. ער כאַפּט זיך אָבער באַלד אויף וויא אַ פערווירטער און גרייפט לואיסען אָן מיט ביידע הענד.) מיינע הייליגע איבערציינונגען זאָגען מיר, אַז איך מעג דיר צוקוועטשען וויא אַ וואָרעם, וויא אַ שפּיען! (זיי ראַנגלען זיך) דו וועסט ניט ארויס אַ לעבעדיגער פון מיינע הענד!

לואיס: נו, יא! אייער ליעבע פיהרט שטענדיג צום וואהנזין און מאָרד. (זיי פאַלען ביידע איבער אַ שטול.)

בערנארד: דו וועסט ניט ארויס אַ לעבעדיגער פון מיינע הענד! (כאַפּען זיך ביידע אויף און קעמפּפען ווידער.)

לואיס: שש! וועסט זיא דאָרט איבערשרעקען אויף טויט. (זעצט איהם מיט געוואַלט אַנידער) האָסט מיר שוין צוקראַצט דעם פנים. אַ יודישע מלחמה! הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען, אויב דו ביזט יא אַזוי בלוטדורשטיג, נאָך וואָס טויג דיר דער סקאַנדאַל?

בערנארד: איינער פון אונז מוז שטאַרבען!

לואיס: יא, דיא פרוי קען בלייבען נאָר מיט דעם איינעם, וואָס וועט בלייבען לעבען. איינער פון אונז מוז אָבגערוימט ווערען פון וועג. ביי קריסטען אין אַזאַ פאַל געהט מען ארויס אויף אַ דועל, ווער עס וועט וועמען דערשיסען.

ב ע ר נ א ר ד : איך בין צופריעדען צו טהון אללעס, איינער פון אונז מוז שטארבען.

ל ו א י ס : איך וויים, דו האסט קיין מאל ניט געהאלטען פון מיר, איך קען דיר דערשיסען וויא א פליעג. הער, עס איז אנדערע רועל, וועלכע רופט זיך אמעריקאנישע. מע ווארפט — ווען פון אונז דער גורל וועט זאגען „טויט", דער וועט זיך נעמען דאס לעבען מיט וועלכען טויט ער וועט וועלען. וויא געפעלט דיר אזא אידעע?

ב ע ר נ א ר ד : איך בין צופריעדען צו טהון אללעס! איינער פון אונז מוז שטארבען!

ל ו א י ס : גוט! מיר וועלען עס מאכען גאנץ שנעלל! (גאנץ פיאנא דער טרויריגער כאר פון פראלאג. לואיס נעמט א שטיק וויס פאפיר, רייסט עס אויף פיער גלייכע שטיקעלאך.) זעהסט? אויף איין צעטעל שרייב איך דאס ווארט „טויט", אויף דעם אנדערן וואס? זאל זיין דאס ווארט „ליעבע". פערשטיי: ווער עס נעמט ארויס צום ערשטען דאס ווארט „ליעבע", האט א רעכט אויף אידא'ן: ער האט אבער קיין רעכט צו פאדערן דער צווייטער זאל ציהען „טויט". ווער אבער עס ציהט ארויס צום ערשטען דאס ווארט „טויט", מוז זיך אליין ערמארדען. (וויקעלט צונויף אללע פיער צעטלאך, ווארפט זיי אין בערנארד'ס הוט און דעקט צו מיט א טאשענטוך.) בערנארד, עס איז קיין קינדער שפיעל. איינער פון אונז שטעלט זיין לעבען אויפ'ן קארט. מיר מוזען געבען איינער דעם צווייטען דיא האנד, אז מירביידע מיינען עס עהרליך און ערנסט. (דריקען זיך דיא הענד) מיר וועלען יעצט אנפאנגען דיא לאטטערעע... טויט אדער ליעבע!

ב ע ר נ א ר ד : (זעהר אויפגערעגט, זיינע הענד ציטערן) איין מינוט... איך וויל א ביסעל וואסער. (געהט צום טיש און גיסט זיך אן וואסער און טרינקט.)

ל ו א י ס : (טרייסעלט דיא הוט מיט דיא צעטלאך) אלזא, ווער פאנגט אן? דאס איז זעהר א וויכטיגע פראגע. (בערנארד וויל ציהען צום ערשטען, לואי לאזט נים.)

א י ד א: (פון איהר צימער, קלאפט אין טיער) וואס האט איהר פערשפארט דיא טיער? (קיין ענטפער) וועה איז מיר, וואס איז דארט אזוי שטיל?

ל ו א י ס: עס איז גאר ניט... מיר האלטען ביים צעטלען...

א י ד א: איך הער ניט בערנארד'ס שטימע.

ב ע ר נ א ר ד: האב געדולד נאך איין אויגענבליק און אללעס וועט זיין געענדיגט. (שטעקט פלוצלינג אריין זיין האנד אין הוט און ציהט ארויס א צעטעל.) א לאטטערעע, הא? (צו־וויקעלט מיט ציטערענדע הענד דאס צעטעל) לעדיג! גאר נישט!

ל ו א י ס: (ציהט) נון, וואס טראגט מיר מיין שיקזאל? (ביידע קוקען נייגעריג) בלאנק? דיא ליעבע מיט'ן טויט ליעגען יעצט אין פארטונא'ס קאסטען. (בערנארד זעצט זיך, פערדעקט זיין געזיכט און צו־וויינט זיך.)

ל ו א י ס: (שטעלט אויפ'ן טיש דיא הוט, דעקט זיא צו און זעצט זיך צוריק) וואס וויינסט דו, בערנארד?

ב ע ר נ א ר ד: איך וויין, צו וואס מענשען קענען קומען. (פויזע. מע הערט דיא קירכען־גלאקע און טרויעריגען כאר.)

ל ו א י ס: (ווייך) איצט קענסט דו נאך חרטה האבען, אויב דו ווילסט.

ב ע ר נ א ר ד: ניין! מיר איז זא וויא זא גאר ניט גע־בליעבען אין לעבען. נאר דו ריזיקירסט, ווייל דו האסט וואס צו פערליערען...

ל ו א י ס: (גרעיהרט) בערנארד, דו ליידעסט שטארק, הא?

ב ע ר נ א ר ד: יא! אבער איצט, ווען איינער פון אונז שטעהט אויפ'ן שוועל פון טויט, מוז איך דיר זאגען: דו ביזט ניט שולדיג. ווער עס איז שטארקער, איז גליקליכער.

ל ו א י ס: בערנארד, געדענק מייןווארט: איך וועל דיר איבערצייגען, אז דער שטארקערער איז ניט שטענדיג דער גליקלי־כער... דער שטארקער איז נאר פרייער אין זיינע האנדלונגען. אלזא, גענוג צו זיין סענטימענטאל. וועלען מיר פארטזעצען?

ב ע ר נ א ר ד: (שטעהט אויף) יא! יא! (זיינע חענד ציטערן.) איצט קומט דיא ענדע.

ל ו א י ס: פריער האסט דו געצויגען צום ערשטען, יעצט ציה איך (טרייסעלט דעם הוט) זייַ רוהיג, דו ביזט שוין ארוים פון געפאהר, ציה איך „ליעבע“, האב איך קיין רעכט צו פאדערן דיין טויט. ציה איך „טויט“, בלייבסט דו דאך געווים צופריעדען...

ב ע ר נ א ר ד: (הערט ניט) יא, א פנים דער אלטער האט רעכט. עס איז דא עטוואס, אימיצער, איין אונבעקאנטער, וואס שפיעלט זיך מיט אונזער לעבען...

ל ו א י ס: דומהייטען! מיט מיין לעבען קען זיך שפיעלען נאר דער וויללען וואס איז אין דער נאטור, אדער דער וויללען וואס איז אין מיר! קוק אהער, איך ציה. (ציהט א צעטעל און וויקעלט עס אויף לאנגזאם, בערנארד זאל ניט זעהען.) שש! איך האב „טויט“! (אידא קלאפט אין טיער) אידא, נאך איין אויגענבליק! אללעס איז שוין ביינאהע געענדיגט. (שטיל) עס וועט געשעהען... (דיא גלאקע און כאר הערען זיך ניט מעהר.)

ב ע ר נ א ר ד: ניין! האר אוים! וואס וועל איך געווינען דורך דיין בלוט? לואיס, אויף דער גאנצער וועלט איז דא נאר איין זאך, נאר איין פארעם, וואס קען מיך צובינדען צום לעבען. איך ווייס, אידא'ן האב איך זא וויא זא פערשפיעלט. איך וויל ניט, דו זאלסט שטארבען. אויב זיא וויל געהן מיט דיר, וועל איך זיא ניט האלטען מיט געוואלד. נאר איין זאך, איך בעט דיך, זאג מיר דיא וואהרהייט: (ווהיספערט) לואי, איז דאס מיין קינד? דאמאלס האסטו מיר געזאגט א ליעגען. יעצט זאג דעם אמת.... איך האב פאקטען, וועלכע צווינגען מיך צו צווייפלען. נעם אראב דעם צווייפעל פון מיין ארעמען קאפ און איך וועל לעבען צוליעב מיין קינד. איז דאס קינד מיינס?

ל ו א י ס: בערנארד, דאס קינד איז געווים דיינס!

ב ע ר נ א ר ד: דאס אללעס וואס איז געוועזן, איז גאר נישט. נאר איך האב א רעכט צו פאדערן דיין טויט, און איך פאר־

דער עס ניט און איך וויל עס ניט. דו הערסט? (אידא קלאפט ווידער.)

לואיס: דערפאר דאנק איך דיר זעהר. (דריקט זיין האנד.)

בערנארד: דאס קינד נעמסט דו ניט בא מיר?

לואיס: ניין, בערנארד, איך נעם גאר ניט, וואס בעלאנגט צו דיר. (געהט.) לעבע וואהל! (ווארפט א בליק אויף אידא'ס צימער. ראש אב.)

בערנארד: אה, מיינע שמערצען! מיינע שמערצען! (פערטראכט זיך. בערטהא קומט.) וויא! זיא וועט לאזען דאס קינד און געהן מיט איהם?

בערטהא: דיא מוטער וועט ניט פערלאזען איהר קינד.

בערנארד: מיין לעבען איז זא וויא זא פערשפיעלט. איך וועל קיין מאל ניט פערגעסען, וואס זיא האט מיר געטהון.

בערטהא: (געהט צו'ן איהם זעהר נאהענט) זיא האט געגעבען א ווארט צו זיין אייך טריי און האט ניט געהאלטען איהר ווארט! הערר זילבערמאן, האט איהר געהאלטען אייער ווארט, וואס איהר האט מיר געגעבען? זיא האט אייך פערשאפען שמערץ. ווייסט איהר וויפיעל שמערץ איהר האט מיר פערשאפען? איהר האט געוויינט? האט ווער געצעהלט מיינע טרערען? הערר זילבערמאן, איהר זייט אויך ניט מעהר וויא א זינדיגער מענש... מיר זיינען אלע ניט מעהר וויא מענשען. (עפענט דיא טהיר, בעפעהלענד) אריין! און האנדעלט וויא א מענש! (עפענט דיא טיער פון אידא'ס צימער, מאכט מיט'ן האנד האלב שפאסענד, האלב בעפעהלענד. ער געהט געהארכזאם. ביידע אב. דער כאר פון דיא טרויערייען און האפנונג זינגט פיאנא. טאליע און נינא קומען, האלטען זיך פאר דיא הענד. נינא איז פערוויינט.)

טאליע: דו ביזט א קלוגע און א גוטע און פערשטעהסט, עס מוז אזוי זיין. (זעצט זיך אנידער) בערוהיג זיך, נינאטשקא, און זאג אליין, געפינסט דו דען ניט, אז דער גובערנאטאר דארף פיר זיין שענדליכע, אונמענשליכע טהאט בעצאהלען מיט זיין לעבען?

(יא) נו, מוז דאָך דאָס אימיצער טהון. מיר זיינען אכט מענשען. מע וועט ווארפען גורל. ווער עס וועט דארפען אָפּפּערען זיין לע־בען, וועט מוזען געהן. יא, דער גורל, דאָס אונבעקאַנטע שפּיעלט א גרויסע ראָללע אין אונזער לעבען.

נ י נ א: טאָמער דו, וואָס וועל איך טהון? וויא וועל איך נאכדעם לעבען אָהן דיר?

ט א ל י ע: איך האָב דיך ליעב מעהר פון מיין לעבען. עס איז אפשר ניט שעהן פון מיר, אָבער איך האָב דיך ליעב מעהר פון בערטהא׳ן. עס איז מיר זעהר ביטער אייך ביידען צו פערלאָזען, אָבער, טייערע, עס איז דאָ עטוואָס, וואָס דאַרף מיר זיין טייערער פון מיין לעבען, פון מיין גליק, טייערער זאָגאר פון מיין נינא׳ן! וואָס זאָל מען טהון, נינא, אז מע קען ניט אָהן בלוט און אָהן קרבנות קויפען דיא פרייהייט פון דיא אונגליקליכע און אונטער־דריקטע?

נ י נ א: אזוי ליעבען און דאָך געהן ריזיקירען מיט׳ן לעבען?

ט א ל י ע: עס איז דאָ א גרעסערע ליעבע פון אונזערע, דאָס איז דיא הייליגע מענשענליעבע. איך וועל פיליכט שטארבען, אָבער דאָס וועט פיהרען צום טריאומפף פון לעבען.

נ י נ א: איך וועל זיצען דאָ און וויינען און ווארטען אויף דיר. און אויב דו, טאליע, וועסט ניט קומען, וועל איך זיין דאָרט, וויא דו.

ט א ל י ע: נינא, מע רופט מיך און איך קען דאָ בלייבען נאָר עטליכע טעג. מיר וועלען זאָגען בערטהא׳ן און מיר וועלען עס מאכען שטיל אין דער היים צווישען איינענע מענשען. הם! עס קען זיין, ניט נאָר דיא מאמא, דיא טאָכטער וועט אויך בלייבען אַן אלמנה פון אשכנזי.

נ י נ א: ניין! דאָס וועט גאָטט אליין ניט וואגען צו טהון!

ט א ל י ע: און ווייטער, ווער ווייסט? אפשר ווען זאָגאר אויף מיר וועט פאלען דער גורל, וועט מיר געלונגען זיך רעטטען, לויפען איבערן גרענעץ... דו וועסט קומען צו מיר אין שווייצאריע און מיר וועלען לעבען גליקלאך.

נ י נ א: ווייט און הויך ערגיץ אין דיא בערג פון דיא אלפּען.

ט א ל י ע (בויגט זיך צו איהר און זאָגט איהר עטוואָס אין אויער.)

נ י נ א: (אומאַרמט זיין קאָפּ) יא, טייערער... (זיי בלייבען אזוי .סאָפיע קומט שטיל. האָפּנונג־באָר.)

ס אָ פ י ע: (שטיל) קינדער איז טאַקי א נחת צו האָבען... מיר ווילט זיך ווייגען פון פרייד. (ווישט איהרע אויגען) אַי! ניטאָ אויף דער וועלט קיין גרעסער גליק, וויא צו זיין א מאַמע! (שרה הינדע קוקט אריין אין צימער דורכ'ן טהיר.)

ש ר ה ה י נ ד ע: מיינער איז דאָ גאָר ניטאָ? (נינא און טאליע ערשרעקען זיך.)

ט א ל י ע: אָה, דיא מאַמאַ און מאַדאַם הו... מאַדאַם שרה הינדע. (גיט איהר אַ שטול.)

ס אָ פ י ע: (אומאַרמט נינאַ'ן) און איך, נארר, האָב גע־מיינט, איך וועל שוין דאָס גאָר ניט דערלעבען. (שליאמע קומט.)

ש ל י א מ ע: בערנאַרד איז וויא אין וואַסער אריין. אָה, זיא איז דאָך דאָ, מיין גוליע! טאליע, איהר זייט א געלערענטער מענש, טרעפט אונמיסטען, אדרבה, אין וועלכע פון דיא עשרה מכות זיינען געמיינט געוואָרען דיא ווייבער? צפרדע איז ווענינ. חשך איז ניט גענונג שווארץ, מיט שחין קראַצט מען זיך ניט אזוי פיעל... ברודער. זיי זיינען אין מכות בכרות, ווארום מע זאָל מיינען א מאַנזביל, א בחור, וואָלט געשטאַנען מכות בחורים.

ט א ל י ע: אויף וויפיעל איך געדענק איז בחור מיט א „ח" און דאָס איז מיט א „כ".

ש ל י א מ ע: בכן איז באַשר איז וואָס, אז עס איז מיט א „כ", איז דאָס אפשר א קליינע מכה? (אַ דיענער לויפט אַריין מיט אַ בריעף, זעהר ערשראָקען.)

ד י ע נ ע ר: גיכער! וואו איז הערר זילבערמאַן? (זאָגט עפּיס טאַליען אויפ'ן אויער.)

ט א ל י ע: (ערשטוינט, שטיל) געשאָסען? אויף טויט? (לויפט)

בערנארד? וואו איז בערנארד? (אַלע ערשראָקען. אידא, בערטהאַ און בערנאַרד קומען. מאליע זאָגט איהם עפּיס אויפ'ן אויער און גיט דעם בריעף.)

ב ע ר נ א ר ד: עס קען ניט זיין! (עפּענט מיט ציטערנדע הענד דאָס בריעף) איך האָב עס ניט געפאָרדערט! איך האָב עס ניט געוואָלט.

א י ד א: וואָס איז געשעהען?

ב ע ר נ א ר ד: איך זעה ניט, איך קען ניט לעזען!

ט א ל י ע: (נעהמט דעם בריעף און לעזט) מיינע פריינדע! איך האָב שטענדיג געזאָגט: איך מוז זיין איך זעלבסט. איך האָב אָבער ניט געקענט בלייבען איך זעלבסט. דאָס וואָס איהר רופט ליעבע, האָט זיך צו טיעף איינגעוואָרצעלט אין אללע אבטיילונגען פון'ם מענשענס לעבען און זיא שטערט דעם איינציגען „איך“ צו בלייבען גאַנץ פריי. זיא איז שטאַרקער פון'ם עגאָאיזם, שטאַרקער פון דער פּראַקטישער לאָגיק. זיא, דיא ליעבע, טויטעט מיך. יא, בערנארד, דיא ליעבע, ווארום איך האָב געצווינגען דיא „ליעבע“, ניט דעם „טויט“... דאָ האָסטו מיין צעטעל... (גיט בערנאַרד'ן אַ שטיקעל פּאַפּיער.)

ב ע ר נ א ר ד. דאָס וואָרט „ליעבע“! (געפינט אין הוט דאָס צווייטע צעטעל) דאָס וואָרט „טויט“ איז געבליעבען!

ט א ל י ע: (לעזט) ווען איהר וועט לעזען מיינע ווערטער, וועל איך שוין ניט לעבען מעהר (אידא וויינט שטאַרק) איך געה אין דער עוויגקייט. „די נאַכט איז נאָהענט, עס זינקט שוין די זון, מיין גליק איז פאָרט.. דאָס גליק אָבער איז איין ווייב“. ניט דאָס שטאַרקערע זיעגט, נאָר דאָס בעסערע... דיא ליעבע טויטעט מיך אום אנדערע זאָלען קענען לעבען. (בערנאַרד וויינט ביטער. מיליע קומט, מיט איהר דיא ניאַניע מיט'ן קינד.)

א י ד א: וואו איז ער? לאָזט מיך צו איהם!... (זיא איז שרעקליך פערצווייפעלט.)

מ י ל י ע: אידא, דאָס קינד וויינט, עס וויל עסען...

ב ער ט ה א: (גיט אידא'ן דאָס קינד) איינער איז טויט און

דער צווייטער פאַנגט אָן צו לעבען. דער טויט פון איינעם רייסט ניט איבער דאָס לעבען פון אַללע... דער טויט איז אַן אָנפאַנג פון א נייען לעבען.... ליעבע איז שטארקער פון טויט...

א י ד א : (דריקט צו זיך דאָס קינד און וויינט ביטער) מיין קינד! מיין אָרעם קינד! (דיא טרוימערייען און האָפנונגען זינגען פאַרטאַ. מע זעהט זיי אַללע וויא דורך א נעבעל. בערנאַרד און טאליע ווייזען, אַז מען דאַרף געהן צום טויטען.)

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

קאַטאַלאָג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פּרייז.
פּיליפּ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 8 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באַנד........	75 ס.
" "	די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 8 טהיילען אין איין באַנד, שיין געבונדען..	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים............................	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע......	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?..................	10 "
י. גאָרדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראַמע אין 4 אקטען..................	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע..............	10 "
דר. קאַספּע,	מעכאַניקע, נאָך סיר אייזאַק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע..................	15 "

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און דיא נאטור........10 „

ל. טאלסטאי, פאטריאטיזמוס און רעגירונג, 05 „

„ „ דער איינציגער מיטעל..........05 „

ביידע בראשורען איבערזעצט פון מ. קאטץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון ח. אלעקסאנדראוו..........................15 „

ח. אלעקסאנדראוו, טאלסטאי, זיין ביאגראפיע 10 „

ב. פייגענבוים, רמב"ם, זיין ביאגראפיע............10 „

מ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאגראפיע...10 „

מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב, זיין ביאגראפיע..........................10 „

מאררים ראזענפעלד, געזאמעלטע לידער פון מאררים ראזענפעלד, 337 זייטען, אילוס- טרירט, שעהן געבונדען, פרייז..............$1.00

פיליפ קראנץ, אמעריקא פאר קאלומבוס, א קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג, 169 זייטען מיט 44 ציכנונגען, שיין געבונדען, פרייז.................50 ס.

פ. וויערניק, דער ווילנער גאון, זיין ביאגראפיע 10 „

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאהן, זיין ביאגראפיע.. .... 15 „

פרייז

פיליפ קראַנץ, ברוך ספינאָזא, זיין לעבען און
זיין פילאָזאפיע..........15ס.

" " שבתי צבי, זיין ביאָגראפיע......15 "

" " יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראפיע 15 "

" " בר־כוכבא, זיין ביאָגראפיע......15 "

" " לעססינג און מענדעלססאָהן,
זייער לעבען, שריפטען און טהעטיג־
קייט. 185 זייטען.................25 "

מאררים ראזענפעלד, היינריך היינע,
זיין ביאגראפיע, 85 זייטען..........15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענדער,
546 זייטען, פרייז יעדער באנד....50 "

" " זרבבל, ערצעהלונג...........05 "

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצ־
ליכקייט פיר דיא ארבייטער..05 "

צו אדרעססירען:

The International Library Pub. Co.,
23 Duane St., New York, U. S. A.

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the estate of
DAVID WARMAN

3 1761 04564100 8